פיער הונדערט יאהר. דערמיט ערקלערט זיך אויך, וואס די ערשטע אידישע מדפיסים האבען זיך נים אפגעשראקען און זיינען צוגעטרעטען צו דער ארבייט נאכדעם ווי זיי האבען געלערנט פון דער ערפאהרונג אז גוטענבערג'ס המצאה איז געווען א פאלשטענדיגער דורכפאל פון א געשעפטליכען שטאנדפונקט וואס האט איהם אריינגעשלעפט אין חובות פון וועלכע ער האט קיינמאל נים געקאנט ארויסקריכען, און נישט קוקענדיג אויף דעם וואס דער געשריבענער ספר איז נאך אלץ געווען בעליעבט און איפ'ן געדרוקטען ספר האבען מאנכע נאך געקוקט מיט א קרום אויג.

דער היסטארישער אמת פאדערט צו קאנסטאטירען דא, אז די קאטוילישע קירכע האט זיך זעהר פריינדליך פערהאלטען צו דער נייער ערפינדונג. די סבה דערפון ליגט ענטוועדער אין דעם פאקט, וואס די מייסטען פויפסטען פון יענער צייט זיינען געווען מענשען מיט א ליבע־ראלער ערציהונג און אנ'אינטעלעקטועלען געשמאק, ווי ניקאלאי דער פינפטער, יוליוס דער צווייטער און לעא דער צעהנטער, וואס האבען גענומען א גרויסען אינטערעס אין ליטעראטור און זיינען געווען קא־ליעקטארס פון ביכער, אדער אין דעם וואס די קירכע האט דערווייל נאך נים געהאט וואס מורא צו האבען פאר דער נייער המצאה, וועלכע האט מייסטענס געדיענט צו דער פארעפענטליכונג פון רעליגיעזע שריפטען און אפילו פון אזעלכע סקאנדאלעזע "דברים שבקדושה" ווי די באריהמטע אינדולגענציעס, אין וועלכע יעדע זינד, צו בין אדם למקום צו בין אדם לחברו. איז געווארען ערקלערט פון דער קירכע אלס אפגעווישט, צוליעב דאס געלד וואס דער קויפער פון דיעזע מחילה־בריעף האט געגעבען און וואס איז געגאנגען פאר אזא היילינע זאך ווי קעמפפען געגען די אונגלייביגע טערקען. וואלט די קירכע געהאט א חוש הנבואה צו פאראויסזעהן וואס פאר א שארף כלי זין דיעזע המצאה וועט ווערען בקרוב אין די הענט פון די הומאניסטען און רעפארמאטא־רען אויף צו ברעכען איהר אויטאריטעט, וואלט זי אוודאי נים אויפגע־נומען די נייע ערפינדונג מיט אזוינע אפענע ארעמס.

ביי אידען האבען דיעזע מאטיווען און חששות אין גאנצען גע־פעהלט. זיי האבען געהאט דאס בעסטע צו ערווארטען פון דער נייער ערפינדונג, אין א צייט וואס דער דעזארגאניזירטער צושטאנד פון דער טעריטאריאלער קאמוניקאציע האט געווירקט שטערענד אויף די ניים־טיגע פאראייניגונג פון די אידען פון איין לאנד מיט זייערע ברידער אין אנ'אנדער לאנד, און אין סאציאל־פאליטישע לעבענסבעדינגונגען, וואו זייער לעבען נערוו, זייער גייסטיגע טעטיגקייט, איז געווען אין שטענ־דיגער סכנה. עס איז דערפאר קיין וואונדער נים, וואס די נייע ערפינ־



דונג איז בעגריסט געווארען מיט גרויס שמחה און די רבנישע ליטע־ראטור קאן נים געפינען גענוג אויסדריקע צו דאנקען דעם "חונן לאדם דעת" פאר די טייערע מתנה וואס ער האט געגעבען דער מענשהיים. די ערשטע ספרים זיינען פול מיט לויב־געזאנגען אויף די דרוקעריי, אין פאעזיע און פראזא; ****), און דער באריהמטער היסטאריקער ר' דוד גאנז, דער פריינד פון קעפלער און טיחא דע בראהע, וואס האט גע־לעבט קרוב צו יענער צייט, שרייבט אין זיין "צמח דוד": "געלויבט זאל זיין דער וואס בענאדיגט דעם מענשען מיט ערקענטניש און דעם שטערבליכען מיט חכמה! געלויבט זאל זיין דער, וואס טהוט אונז קונד זיין חסד דורך קונסטען ווי דיעזע, צו דעם נוצען פון אלע מענשען, דורך א קונסט וואס האט נים קיין גלייכען צו זיך אונטער אלע וויסענ־

****) אלס ביישפיעלען מעגען די פאלגענדע צוויי עפיגראמען דיענען, פון וועלכע איינע איז אין פראזא און די אנדערע אין פערזען. די ערשטע געפינט זיך צום סוף פון דעם „טור אורח חיים" (דער דריטער ספר וואס איז געדרוקט געווארען), וועל־כער איז ארויס אין 1476 אין דער דרוקעריי פון ד"ר אברהם כונת, און לויטעט: „אמר אברהם קטון המשפיעים ותלמיד הרופאים הנסמך וזעירא מן חברייא בכמ"ר שלמה כונת זלה"ה הכותב בכמה קולמוסים בלא מעשה נסים אשר יגע ומצא להרביץ תורה בישראל והשיג זאת המלאכה לכתוב כהלכה מערכה ערוכה לקראת מערכה וכו'." און די צווייטע, אין די ד' טורים (דעם צווייטען געדרוקטען ספר) וואס זיינען ארויס אין 1475 אין פיעווע די סאקא (נעבען פאדואה) ביי משולם קוזי, און לויטעט:

| | |
|---|---|
| אני חכמה לכל הכמה עטרת | איך בין די קרוין פון אלע חכמות, |
| אני נסתר לכל סוד נסגרת | א סוד פון אלעמען פערבארגען, |
| בלי קולמוס ורישומי ניכרת | איך שרייב דייטליך אהן א פען, |
| באין סופר חוברתי במחברת | צוזאמענגעשטעלט אהן א שרייבער, |
| בבת אחת דיו עלי עוברת | נאר איינמאל טונק איך אין טינט איין, |
| בלי שירטוט כתיבתה מיושרת | אהן ליניעס, און איך שרייב גלייך. |
| תמיה על דבורה הגברת | א וואונדער אויף דבורה הנביאה |
| בשבט סופרים היא משוררת | וואס האט געדיכט מיט א גריפעל געשריבען |
| לו אותי ראתה במחתרת | אז זי וואלט מיך אין דער שטיל ענדעקט, |
| עלי ראשה הושמתי לכותרת. | וואלט זי מיך בעשעהנט און בעקרוינט. |

אינטערעסאנט איז דער אויסדרוק „הכותב בכמה קולמוסים בלא מעשה נסים" (וואס שרייבט מיט א סך פעדערען אהן נסים) וועלכער דריקט אזוי פלאסטיש אויס די גאנצע בעוואונדערונג און דעם חדוש וואס יענע צייט האט געפיהלט אין דער נייער ערפינדונג, און בעזונדערס די צווייטע שורה פון דעם שיר וואס איז בכלל פון גרויסער עפיגראמאטישער שעהנקייט, וואו מען קען קלאהר זעהן, ווי מיסטעריעז די ערשטע מדפיסים האבען די ערפינדונג געהאלטען, צו צוליעב מורא פאר קאנקורענץ, צו כדי איינצופליסען אין דעם עולם א געוויסע יראת הכבוד פאר דער געהיימניספולער „חכמה, די קרוין פון אלע חכמות".

שאַפֿטען און אלע קונסטען זייט די וועלט איז בעשאַפֿען געוואָרען". אין
זייער פֿארעהרונג פֿון דעם געדרוקטען ווארט זייגען מאַנכע פֿון די
רבנישע אויטאריטעטען געגאַנגען אזוי ווייט אַז זיי האבען געפּסקנט
אַז דעם געדרוקטען ספר דארף געגעבען ווערען די זעלבע קדושה, די
זעלבע אכטונג און דיזעלבע גילטיגקייט און פּריווילעגיעס וואס דער
געשריבענער ספר האָט על פּי דין. אזוי וואָרנט ר'שמואל די מודינא,
בעקאַנט אונטער דעם ראשי תיבות רשד"ם 'געשטארבען 1589), אין
זיינע שאלות ותשובות (חלק ב', קפ"ד) די בוכבינדער, אז זיי זאָלען זיך
היטען און נים צוזאַמענקלעפּען שמות און מאכען דערפֿון מאוליען. און
ר' בנימין אהרן סאלניק, דער מחבר פֿון "משאת בנימין" (גע. לערך 1620)
ערקלערט אין דער תשובה צ"ג, אַז געדרוקטע זאַכען זייגען אזוי הייליג
ווי געשריבענע, און ווער עס היט זיך נים מיט זיי איז ער עתיד ליתן את
הדין. דער מקובל ר' מנחם עזריה מפאנו (געשט. 1620) געהט זאגאר
אַזוי ווייט, אז ער איז מתיר אין זייגע שאלות ותשובות (ל"ח וצ"ג) צו
בענוצען זיך מיט א געדרוקטען גט און צו דרוקען דעם שין (ש) וואס
געפינט זיך אויף די תפילין של ראש( אבער נים די פּרשיות וואס ליגען
אינעווייניג). אם ווייטסטען געהט דער בעקאנטער תלמודישער אוי-
טאָריטעט, ר' יום טוב ליפּמאַן העליר (געשט. 1654), אלגעמיין בעקאַנט
אונטער דעם נאמען "תוספות יום טוב" וואס איז דער טיטעל פֿון איינע
פֿון זיינע ווערק, וועלכער פּסקנט אַז בנוגע צו ספר תורה, תפילין, מזוזות
און גם אא"ו זיינען געדרוקטע אזוי כשר ווי געשריבענע*****). אבער
די ביישפּילען זיינען צופֿיעל אז מען זאָל זיי דאָ אלע ברענגען. איך וויל
נאר נאך צולעצט דערמאהנען אז דער "ט"ז" (ר' דוד לוי, געשט. 1667)
איינער פֿון די אנערקענטעסטע אויטאריטעטען אין דער הלכה, נעהמט
איין א מיטעל שטעלונג און גיט דעם געדרוקטען ווארט דיזעלבע
קדושה און פריווילעגיעס בנוגע צו פּראָפֿאנאציע אא"ו אבער נים
דיזעלבע לעגאַלע גילטיגקייט וואס דאס געשריבענע ווארט האט
בנוגע צו מזוזות אא"ו און אז, ווי געוועהנליך אין לעבען, וואו די "גאָל-
דענע מיטע" האט שטענדיג די בעסטע אויסזיכטען אויף ערפֿאלג, דיזע
אנזיכט איז אלגעמיין אַקצעפּטירט געווארען און איז סאנקציאָנירט גע-
ווארען אין דעם אידישען קאָדעקס, און אזוי בלייבט דער דין.

די פֿריינדליכע אויפֿנאַהמע וואס די נייע ערפֿינדונג האָט געהאַט
מצד דער קירכע מיינט אבער נים צו זאגען אז דער אָנפֿאַנג פֿון איהר

*****) „ואני כתבתי בגיטין פ"ב סי' י"ח דנ"ל דדפוס כשר לכל דבר שצריך כתיבה ע"ש" (לחם חמודות צו הל' תפילין סי' כ"ג). ליידער איז דער לחם חמודות אויף גיטין נים ערהאלטען.



געשיכטע איז פֿארלאָפֿען גלאַט און האט נים ארויסגערופֿען קיין שום
געגנערשאַפֿט. יעדע נייע איינפֿיהרונג איז בטבע מחויב אנצוריהרען
עפּעס אלטעס און אלגעמיין אַקצעפּטירטעס און זיך שטויסען אויף אן
אפּאָזיציע מצד פֿון דאס וואָס איז מקובל און פֿון די וואס האבען אנ'אינ-
טערעס אז דאס אלטע זאל ווייטער בלייבען. דער גראַד פֿון אינ-
טענסיטעט פֿון דיעזער אפּאָזיציע העננט שטענדיג אפּ פֿון דעם, ווי ווייט
און ווי טיעף דיזע אינטערעסען ווערען בעריהרט. דאס וואס די קירכע
האָט זיך פֿריינדליך געשטעלט צו דעם געדרוקטען וואָרט האָט איהם
אסך געהאָלפֿען צו שאַפֿען זיך א פּאזיציע און געוויסע אנערקענונג און
צו פֿערלייכטערען דעם קאמפּף, דאס איז אבער נים געווען בכח צו
פֿערהינדערן די אפּאָזיציע אין גאנצען. די סבה דערפֿון איז געווען
וואָס די נייע ערפֿינדונג האט שטאַרק זאטשעפּעט אנ'אַלט איינגעוואָר-
צעלט און רעספּעקטירטע פּראָפֿעסיע וואס איז געווען ווייט פֿערצווייגט
און האט געגעבען פּרנסה צו אונצעהליגע ווייטע קרייזען. זייט קאַסיאָ-
דאָר און דער הייליגער בענעדיקט האבען איינגעפֿיהרט אין זעקסטען
יאָהרהונדערט אז די מאנאַכען זאָלען אנשטאַט אומגעהן לעדיג זיך
בעשעפֿטיגען מיט שרייבען און קאפּירען פֿון ביכער זיינען די קלויס-
טערס אין פֿארלויף פֿון דער צייט פֿערוואַנדעלט געווארען אין וואָהר-
האַפֿטיגע פֿאבריקען פֿון מאנוסקריפּטען. יעדער קלויסטער האט גע-
האַט אַ scriptorium ר"ה א זאאל מיט אלע איינריכטונגען וואס
זיינען געווען נויטיג דערצו, וואו די מאנאַכען זיינען געזעסען און האבען
קאפּירט אלטע און נייע ביכער פֿאר די ביבליאטעק פֿונ'ם קלויסטער
אדער פֿאר פּריוואַט מענשען וואס האבען דעם קלויסטער געגעבען
א בעשטעלונג אויף געוויסע ביכער. עס האט זיך דערביי ענטוויקעלט
אַ גאַנצע רייהע פֿון קונסטען, די קונסט פֿון קאליגראַפֿיע, פֿון אילוס-
טראַציע, פֿון צוזאַמענשטעלען די פֿארבען און טינט, פֿון פֿארבערייטען
פּארמעט און פּאפּיער אא"ו, און עס זיינען מיט דער צייט ענטשטאַנען
נעבען די קלויסטער שולען אין וועלכע דיעזע אלע זאַכען זיינען גע-
לערנט געווארען און פֿון וועלכער עס זיינען ארויסגעקומען הונדערטער
שרייבערס וואס זיינען געווען קינסטלער אין דעם פֿולסטען זינן פֿון
דעם וואָרט. אַז דער פֿערלאנג איז געווארען אזוי גרויס אַז די קלויס-
טערס האבען נים געקאָנט באזארגען דעם גאַנצען בעדארף איז די
שרייבקונסט אריבער געשטיגען די הויכע מויערן פֿון די קלויסטערס
און איז לאַאיזירט געווארען. עס זיינען ענטשטאנען אונצעהליגע פֿיר-
מעס פֿון פּריוואַט-אונטערנעהמערס וואס האבען אנגעשטעלט הונדער-
טער פֿון באריהמטע קאליגראַפֿען און קינסטלער-אילומינאטארען און
האבען געפֿיהרט דעם כתב יד עסק אין אַ העכסט געשעפֿטסמעסיגער

מאָדערנער פאָרמע, מיט קאטאלאגן אא"ו. דער הויפּט מארק איז גע־
ווען ווענעדיג, וואו זיי האבן געהאט די שענסטע געשעפטן אויפ'ן
סאַמע סאַן מארקאָפּלאַץ, און וואו מען פלעגט קומען פון דער גאַנצער
וועלט צו קויפן און פארקויפן ביכער. די פרייזן זיינען געווען זעהר
הויך. א בוך איז געווען א לוקסוס ארטיקעל וואס נאר א גאַנץ רייכער
מאן האט געקאנט צוקומען דערצו. וואס רייכער איינער איז געווען,
האט ער געזוכט אז וואס שענער זיין בוך זאל געשריבען ווערען און
וואס רייכער עס זאל אילומינירט ווערען, פאר וואס ער האט נאַ־
טירליך געהערליך באצאהלט******). עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט,
אַז דיעזע קרייזען—וועלכע זיינען געווען גרויס אין צאהל און שטארק
אין איינפלוס—וואס האבן געצויגען זייער חיונה פון דעם געשריבע־
נעם ווארט האבן גלייך דערזעהען די סכנה וואס האט זיי געסטראשעט
מצד דער נייער ערפינדונג און האבן אנגעפאנגען א גרויסען קאמפף
קעגען דעם געדרוקטען בוך און געזוכט מיט אלע מיטלען איהם צו דיס־
קרעדיטירען. די מלחמה האט אנגעהאלטען א לאנגע צייט און עס
האט גענומען יאהרהונדערטער ביז עס איז געלונגען דעם געדרוקטען
בוך געגצליך צו פארדרענגען זיין פארגענגער, דעם כתב יד. אין דעם

******) אידען זיינען אין איטאליע געווען אויסגעשלאָסען פון דיעזען לוקרא־
טיווען געשעפט. א איד האט ניט געטאָרט ניט קויפען און ניט פערקויפען א מאַנוסקריפט.
אַז ער האט געוואָלט א בוך האט ער דאָס נאר געקענט קויפען דורך דעם bidellus,
דעם דיענער פון דער אוניווערזיטעט, א פערגעניגען פאר וועלכען ער פלעגט בלי ספק
גוט בעצאָהלען. פונדעסטוועגען פלעגט ניט זעלטען פאָרקומען, אַז א קלויסטער, וואָס
איז געווען פאַרענגט אין געלד, פלעגט פאַרזעצען אלע זיינע מאַנוסקריפטען ביי אידישע
מלוים. עס זיינען אויך בעקאַנט איינצעלנע פעלע פון אידען, וואָס האָבען געהאַנדעלט
מיט מאַנוסקריפטען, סיי אַלס בוכהענדלער סיי אַלס פראָדוצענטען. אַלבערט קירכהאָף,
דער בעריהמטער געשיכטס-שרייבער פונ'ם בוכהאַנדעל, דערמאָנט עטליכע אידען וועלכע
זיינען געווען פראָמינענט אין דיעזען פאַך. מיר וויסען, צום ביישפיעל, פון א געוויסען
יעקב, וואָס האט געהאַט א גרויס געשעפט פון מאַנוסקריפטען אין פאדואה צווישען
1455 און 1460. זיין נאָמען קומט פאָר אויף מעהרערע כתבי יד, דאָרונטער אויף א
כתב יד פון האָראַץ פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, וואו דער בעזיצער בעצייכענט, אַז ער
האט איהם געקויפט אין 1458 פון יעקב, דעם אידישען librarius (מוכר ספרים). מיר
וויסען אויך פון א אידישען שרייבער מיט'ן נאָמען משה, וועלכער איז געווען טהעטיג
צום סוף פון פיערצעהנטען און אין אָנהויב פון פינפצעהנטען יאָהרהונדערט. צום סוף
פון א מאַנוסקריפט פון בארטאָלאָמעאוס בריקסיענזיס געפינט זיך דער פאָלגענדער לא־
טיינישער עפיגראַף: Emi hunc librum anno domini MCCCC die XXI. Mensis novembris a Moysi Judeo pro VIII. florenes
(איך האָב געקויפט דאָס דאָזיגע
בוך אין דעם יאָהר 1400, דעם 21-טען נאָוועמבער, פון דעם אידען משה פאָר אַכט
פלאָרין). די צוויי זיינען ניט קיין פאראיינצעלטע פעלע.



רעליגיעזען לעבען פון יודענטום און פון איסלאם איז דער כתב יד נאך
עד היום געבליבען אין זיין אַלטער פאזיציע, און הגם אין איסלאם זיי־
נען ניטאָ קיין פארשריפטען בנוגע צום ספר, ווי ביי אידען, פון דעסט־
וועגען ווערט נאך עד היום פארגעצויגען צו לייענען די פרשה פון
קוראן, וואס מען דארף לייענען יעדען פרייטאג אין דער מאָסקע, פון
א געשריבענעם קוראן איידער פון אַ געדרוקטען.

אחוץ דער עקאנאָמישער אפאזיציע הערט זיך פון צייט צו צייט
אויך אנ'עסטעטישע נעגנערשאַפט צו דעם געדרוקטען בוך. פון דיעזען
שטאַנדפונקט איז די אפאזיציע געווען פאלקאָם גערעכט. דער נייער
ספר, וואָס איז בעשאפען געווארען אין אַ צייט וואו די טעכניק בכלל
איז נאך געווען שוואַך ענטוויקעלט און וואס צוליעב זיין פרישקייט און
יונגקייט איז ער נאך געווען אביסעל רויה און אימפּערפעקט, האט זיך
נאטירליך ניט געקאנט פערגלייכען אין שעהנקייט מיט דעם מאנו־
סקריפט וואָס איז בעשאפען פון קינסטלער-קאליגראפען מיט אַ טראדי־
ציע און אַ טעכניק פון עטלייע יאהרהונדערטער און פון גאָט בעגנאַדיגטע
אילומינאטארען וואס שעפענדיג פון די אוצרות פון זייער קינסטלערי־
שער נשמה האבען זיי איהם באגאָסען מיט א ים פון שעהנקייט און קאָ־
ליר. מאַנכע צייטנגענאסען באקלאגען זיך אויך אויף דעם וואָס די קוואַ־
ליטעט פון דעם מאטעריאַל וואָס ווערט באַנוצט פאר'ן געדרוקטען ספר
איז פיעל נידעריגער ווי דער מאטעריאַל וואס ווערט פאַרווענדעט ביים
כתב יד *******). עס פעהלען אויך ניט די שטימען פון די וואָס האבען
מורא פאר צופיעל פאפולאריזאַציע—וואס איז ביי זיי אידענטיש מיט
וואולגאַריזאַציע—פון די גרויסע קלאסישע ווערק.

וואס פאר אנ'אפקלאנג דיזער קאמפף האט געהאט אויפ'ן געביעט
פון דעם אידישען ספר איז שווער צו וויסען, ווייל עס פעהלט אונז דער
מאטעריאל וואס זאל אונז געבען די מעגליכקייט ריכטיג אפצושעצען

*******) אין א בריעף, וואָס טריטעמיוס, דער פאָרשטעהער פון דעם קלויסטער
אין שפאַנהיים, שרייבט צו גערלאַך, דעם קלויסטער פאָרשטעהער פון דויץ, וואָס איז
געדרוקט געוואָרען אין מיינץ אין 1494, אונטער דעם טיטעל De Laude Scriptorum
Manualium (איבער דעם שבח פון געשריבענע שריפטען), שרייבט ער: „א ווערק
וואָס איז געשריבען אויף פאַרמעט קען זיך האַלטען א טויזענד יאָהר, אָבער ווער וויים
צו די ביכער, וואָס ווערען געדרוקט אויף פאַפּיער, וועלען לענגער עקזיסטירען ווי צוויי
הונדערט יאָהר. א סך וויכטיגע ווערק זיינען נאָך ניט געדרוקט געוואָרען און מען וועט
מוזען בעזאָרגען די עקזעמפלאַרען וואָס מען דאַרף האָבען פון זיי דורך שרייבערס. דער
שרייבער וואָס פערלאָזט זיין אַרבייט צוליעב דער נייער ערפינדונג פון דרוקען, קען ניט
זיין קיין ריכטיגער ליעבהאָבער פון ביכער. דער דרוקער זאָרגט ניט פאָר די שעהנקייט
און די קינסטלערישע פאָרמע פון די ביכער, וואָס ביי דעם שרייבער איז דאָס אַנ'אַר־
בייט פון ליעבשאַפט".

זיין גרויסקייט. אז אזא קאמפּף האט בכלל עקזיסטירט איז אהן שום ספק, חאטשע מיר האבען נאר קורצע רמזים דערויף. אזוי שרייבט צב"ש דער דרוקער פון דעם "פירוש הרמב"ן על התורה" וואס איז ארויס אין נעאפּעל אין ר"ן (1490), אין אנ'עפּיגראף: "ואשר ידברו תועה על המלאכה הזאת ישאו עונם, וכל המחזיק ידיהם, ידיהם על העלנה, וכל הספרים אשר נתיסדו בחקוק ראוים לשבחם ולפארם וכו'" (די וואס רעדען שלעכטס וועגען דיעזער מלאכה וועלען בעשטראפט ווערען, און די וואס אונטערשטיצען איהר וועלען באגליקט ווערען, און אלע ספרים וואס זיינען געדרוקט געווארען פארדיענען געלויבט און באשעהנט צו ווערען). מיר האבען פריהער בעהאנדעלט די פריינדליכע שטעלונג פון די רבנישע אויטאריטעטען צו דעם געדרוקטען ספר, אבער טראץ דיזער פריינדשאפט, וואס בעווייזט אויף א ברייטען ווייטען בליק אויף דער צוקונפט, איז דער קאמפּף דא געוועזען אזוי גוט עקאנאמיש באגרינדעט ווי אין דער נים אידישער וועלט, ווייל זייענדיג אנ'ם הספר, וואו דאס בוך איז געוועזען א נויטווענדיגקייט פון טעגליכען לעבען און נים קיין לוקסוס ארטיקעל (איינע פון די סבות טאקי פארוואס די אידישע כתבי יד שטעהען על פי רוב אין זייער קינסטלערישער אויסשטאטונג נידעריגער פאר די נים-אידישע מאנוסקריפטען), האט ביי אידען געמוזט זיין די צאהל פון די וואס זיינען געוועזען בעשעפטיגט מיט זיין פראדוקציע פראפארציאנעל פיעל גרעסער ווי ביי די קריסטען. זייענדיג בכלל נאך בעשרענקט אין דער אויסוואהל פון פראפעסיעס מצד דער קירכע און דער וועלטליכער מאכט וואס האבען שטרענג אכטונג געגעבען אז עס זאל דעם אידען קיינמאל חלילה קיין דאגת הפרנסה נים פעהלען, איז די נייע ערפינדונג אהן צווייפעל געוועזען א סכנה צו אונצעהליגע פאמיליעס וואס האבען זיך מעהר אדער וועניגער ערנעהרט פון א מלאכה וואס קיינעם פון זייערע שונאים וואלט נים איינגעפאלען אוועק צונעהמען פון זיי. דערצו קומט נאך א מאמענט אלס מאטיוו וועלכער האט ספעציעל צו טהון מיט דער אידישער רעליגיאן און פעהלט גאטיר-ליך אין דער נים-אידישער אפאזיציע... אין א רעליגיאן ווי די אידישע, וואס נעהמט ארום ווי א רייף דאס גאנצע לעבען און רעגולירט און שאפט פעסטע אייבינע פארמען פאר יעדע מינדעסטע טהאט פון טעג-ליכען לעבען, האבען נאטירליך אויך געמוזט בעשאפען ווערען פעסטע פארמען און פארשריפטען בנוגע צום ספר. אין דער טהאט עקזיסטירט א גרויסע צאהל פון אזוינע פארשריפטען, וואס אחוץ דעם וואס זיי זיינען צושפרייט איבערן גאנצען תלמוד זיינען זיי אויך דא אין עטליכע ספע-ציעלע מסכתות, וואס ווערען געוועהנליך גערופען "מסכתות קטנות", ווי מסכת סופרים, מסכת ספר תורה או"ו********), די נייע ערפינדונג איז געקומען אין דירעקטען קאנפליקט מיט גאנצע פון דיזע פארשריפטען



אלס ביישפיל וויל איך דא נעהמען די פארשריפט פון "שרטוט", ד"ה ליניר'ען, לויט וועלכער מען טאר נים שרייבען קיין רעליגיעזע זאכען אהן ליניעס און בנוגע צו פסוקים טאר מען אפילו קיין דריי ווערטער נים שרייבען אהן ליניעס ("ואמר ר' יצחק שתים כותבין שלש אין כותבין", גיטין ו' ע"ב), און דער רמ"א (ר' משה איסרלש) פסקנט אין יורה דעה סי' קפ"ד אז סיי ביי שרייבען סיי ביי גראווירען מוז דיעזער דין שטרענג בעאבאכט ווערען. די דרוקערייי האט ווילענדיג נים ווילענ-דיג גאנץ אוועקגעמאכט מיט דיעזען דין; און עס איז מערקווירדיג, ווי דאס איז גלאט אראפגענאנגען, אהן קיין שום פראטעסטען, און ווער שטועסט אסורים. אין דעם שיר וואס מיר האבען איבען אין דער באַ-מערקונג ציטירט בעריהמט זיך דער דרוקער אין א טאן וואס קלינגט אביסעל וואיל-יונגעריש "בלי שירטוט כתיבתה מיושרת", ד"ה אז דער דרוקער קאן שרייבען גלייך אפילו אהן ליניעס. דער גרויסער נוצען וואס די רבנישע אויטאריטעטען האבען געזעהן אין פערספעקטיוו אז די נייע ערפינדונג וועט ברענגען צו דער ענטוויקלונג און פערשטארקונג פון יודענטום האט זיי בלי ספק בעוועגט צו צודריקען אנ'אויג און מאכען א שווייג אפילו דא וואו עס האט זיך געהאנדעלט מכח א בפירושען דין. פון דער אנדערער זייט האבען זיך די מדפיסים גערעכענט, דארט וואו ס'איז נאר מעגליך געוועזען, מיט די רעליגיעזע בעדענקען אין פאר-שריפטען. איינער פון די רעזולטאטען פון דיעזע פארזיכטיגקייטען איז צב"ש דאס וואס אין די ערשטע דרוקען (און אין מאנכע דרוקען איז דער מנהג איבערגעגאנגען ביז צום סוף פון אכצעהנטען יאהרהונדערט) ווערט דער נאמען פון גאט קיינמאל נים ריכטיג געשריבען נאר שטענ-דיג אלדים אנשטאט אלף, למד, הא, יוד, שלאם מם, אדער יהוד אנשטאט יוד הא, ואו, הא, און אנדערע עהנליכע זאכען.

די קא-עקזיסטענץ פון דעם געדרוקטען און דעם געשריבענעם בוך וואס האט אנגעהאלטען א לאנגע צייט האט בעווירקט אז דער געדרוק-טער ספר איז פון אנפאנג געשטאנען א געוויסע צייט אונטער דעם איינ-פלוס פון דעם מאנוסקריפט. דאס קאן מען זעהן אין דער פארמע פון די אותיות וואו עס האט א געוויסע צייט געהערשט די טענדענץ צו זיין זיי ווייט נאר מעגליך עהנליך צו דער געשריבענער שריפט. אויך מיט וועלכע די "רייכע" מאנוסקריפטען פלעגען בעפוצט ווערען האבען די אילומינאציעס, די גאלד און פארשידענע פארביגע פארצירונגען זיינען נאך א לאנגע צייט אנגעהאלטען און אין פיעלע פון די אינקונאבלען די אנפאנגס ביכשטאבען פון די קאפיטלען און אלע אנדערע

********) אנ'אויסגעצייכנעטע ארבייט איבער דיעזע טהעמא האט פראפ. ל. בלוי געשריבען: „שטודיען צום אלט העברעאישען בוכוועזען אונד צור העברעאישען ליטע-ראטורגעשיכטע", בודאפעסט, 1903.




וויכטיגע שטעלן שטאַרק אילומינירט. אין די אידישע ערשט-דרוקן
שפּיגעלט זיך אָפּ דאָס גלייכע בילד. די שריפט האָט צוערשט א טענ-
דענץ צו קורסיוו. דיעזע טענדענץ הענגט דירעקט אָפּ פון דעם איינ-
פלוס וואָס די ניט אידישע דרוקער האָבן אויסגעאיבט אויף זייערע
אידישע קאָלעגן. אין איטאַליע למשל איז זי שוואַכער ווי אין שפּאַניע
וואו דער אַראַבישער איינפלוס איז זעהר שטאַרק און די נייגונג צו
"אַראַבעסקעס" זעהר גרויס. אַנ'אַנדער אינטערעסאַנטע ערשיינונג איז
דאָס וואָס אין מאַנכע אידישע אינקונאַבלען פעהלט דאָס ערשטע וואָרט
פון ספר אין גאַנצן און אין מאַנכע איז דאָס האַנדשריפטליך בעפּוצט
אָדער גאָר אין רייכע פאַרבן אילומינירט. געוועהנליך ווערט אָנגענו-
מען אַז דאָס איז א נאָכמאַכונג פון די מאַנוסקריפּטען, וואו דער שריי-
בער פלעגט געוועהנליך אויסלאָזען דעם אָנפאַנגס וואָרט אָדער אָנ-
פאַנגס בוכשטאַב פאַר'ן אילומינאַטאָר וואָס זאָל דאָס נאָכדעם בעפּוצן.
דאָס איז געווען דער מנהג פון די ערשטע ניט אידישע מדפיסים און די
אידען זיינען געגאַנגען אין דעמזעלבען וועג, און אַזוי ווי דער אידישער
"לעזער" פון יענער צייט האָט געהאַט אַנדערע דאגות ווי זאָרגען וועגן
א "שעהנעם" עקזעמפּלאַר, זיינען מאַנכע ספרים געבליבען אָהן
דעם אָנפאַנגס וואָרט. פּראָפעסאָר א. בערליגער ערקלערט דיעזע ער-
שיינונג אויף אַנ'אַנדער אופן, וואָס קלינגט אפשר אַביסעל היפּאָטעטיש,
אָבער עס פערדיענט דערמאָהנט צו ווערן צוליעב דער געניאַליטעט
פון איינפאַל. ווי עס איז בעקאַנט, איז ביי אידען דער מנהג אַז ביי דער
התחלה פון א ספר תורה אָדער ביי דעם סיום התורה ווערן אותיות
פערקויפט, און דער וואָס קויפט אַן אות, פילט אויס מיט טינט דעם
פוסטען אות וואָס דער סופר האָט מאַרקירט. דער מנהג באַזירט אויף
דעם דין אַז יעדער איד איז מחויב צו שרייבען א ספר תורה. דורך דאָס
געלד וואָס ער גיט און דעם אות וואָס ער שרייבט איז דער איד וואָס
קאָן ניט און פאַרמאָגט ניט אַליין צו שרייבען א ספר תורה קוואַזי
מקיים דיעזע מצוה. דיעזע "המצאות" זיינען אין דער אידישער געזעצ-
געבונג גוט בעקאַנט. וועלענדיג פאַרלייהען דעם געדרוקטען ספר די-
זעלבע קדושה וואָס דער געשריבענער האָט און בכלל וועלענדיג אַז דאָס
פאָלק זאָל איהם געבען דעמזעלבען רעספּעקט און קוקען אויף איהם
מיט דעם זעלבען אויג ווי אויף די תורה וואָס שטעהט אין ארון הקודש
האָבן די ערשטע מדפיסים בכוונה אויסגעלאָזען דאָס ערשטע וואָרט
כדי דער קויפער זאָל דאָס אַליין שרייבען און דערמיט אי מקיים זיין די
מצוה פון שרייבען א ספר תורה אי זיך פערהאַלטען צו דעם ספר מיט
דעמזעלבען יראת הכבוד ווי צו דער ספר תורה. עס האַנדעלט זיך
אַלזאָ דאָ גאָר ניט וועגען נאָכמאַכען דעם מנהג פון די ניט-אידישע
דרוקערס.




ישוע הנוצרי

וויכטיגע שטעלן שטאַרק אילומינירט. אין די אידישע ערשט-דרוקן
שפּיגעלט זיך אָפּ דאס גלייכע בילד. די שריפט האָט צוערשט א טעג-
דעניץ צו קורסיוו. דיעזע טענדענץ העננט דירעקט אָפּ פון דעם
פּלוס וואָס די נים אידישע דרוקער האבען אויסגעאיבט אויף זייערע
אידישע קאלעגען. אין איטאליע למשל איז זי שוואַכער ווי אין שפּאניע
וואו דער אראַבישער איינפלוס איז זעהר שטאַרק און די נייגונג צו
"אראבעסקעס" זעהר גרוים. אנ'אַנדער אינטערעסאנטע ערשיינונג איז
דאס ראס אין מאנכע אידישע אינקונאבלען פעהלט דאס ערשטע וואָרט
פון ספר אין גאַנצען און אין מאנכע איז דאס האנדשריפטליך בעפוצט
אדער גאָר אין רייכע פאַרבען אילומינירט. געוועהנליך ווערט אנגענו-
מען אז דאס איז א נאכמאכונג פון די מאנוסקריפטען, וואו דער שריי-
בער פלעגט געוועהנליך אויסלאזען דעם אנפאנגס וואָרט אדער אָנ-
פאנגס בוכשטאַב פאר'ן אילומינאַטאר וואס זאל דאס נאכדעם בעפוצען.
דאָס איז געווען דער מנהג פון די ערשטע נים אידישע מדפיסים און די
אידען זיינען נאָכגעגאנגען אין דעמזעלבען וועג, און אזוי ווי דער אידישער
"לעזער" פון יענער ציים האט געהאַט אנדערע דאגות ווי זאָרגען וועגן
נגן א "שעהנעם" עקזעמפּלאַר, זיינען מאנכע ספרים געבליבען אהן
דעם אנפאנגס וואָרט. פּראָפעסאר א. בערלינער ערקלערט דיעזע ער-
שיינונג אויף אַנ'אַנדער אופן, וואָס קלינגט אפשר אביסעל היפּאטעטיש,
אבער עס פאָדדיענט דערמאהנט צו ווערען צוליעב דער גענויאַליטעט
פון איינפאל. ווי עס איז בעקאנט, איז ביי אידען דער מנהג אז ביי דער
התחלה פון א ספר תורה אדער ביי דעם סיום התורה ווערען אותיות
פארקויפט. אין דער וואָס קויפט אן אות, פילט אוים מיט טינט דעם
פּוסטען אות וואס דער סופר האָט מאַרקירט. דער מנהג באַזירט אויף
דעם דין אז יעדער איד איז מחויב צו שרייבען א ספר תורה. דורך דאס
וואָס ער נים און דעם אות וואָס ער שרייבט איז דער איד וואס
קען נים אין פאַרמאגט נים אליין צו שרייבען א ספר תורה קוואזי
מקיים דיעזע מצוה. דיעזע "המצאות" זיינען אין דער אידישער געזעצ-
געבונג גום בעקאנט. וועלענדיג פאַרלייהען דעם געדרוקטען ספר די-
זעלבע קדושה וואס דער געשריבענער האט און בכלל וועלענדיג אז דאס
פאָלק זאל איהם געבען דעמזעלבען רעספעקט און קוקען אויף איהם
מיט דעם זעלבען אויג ווי אויף די תורה וואס שטעהט אין ארון הקודש
האבען די ערשטע מדפיסים בכונה אויסגעלאָזען דאס ערשטע וואָרט
כדי דער קויפער זאָל דאס אליין שרייבען און דערמיט אי מקיים זיין די
מצוה פון שרייבען א ספר תורה אי זיך פאַרהאַלטען צו דעם ספר מיט
דעמזעלבען יראת הכבוד ווי צו דער ספר תורה. עס האנדעלט זיך
אלזאָ דאָ נאָר נים וועגען נאָכמאַכען דעם מנהג פון די נים-אידישע
דרוקערס.

# [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]



## [illegible]ישער פּעריאָדישער ליטעראַטור.

### א.

[illegible] אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ פּערמאַנענט-יעהרליכער [illegible] ער איז געווען רעדאַקטאָר פֿון דעם בע- [illegible] אַלגעמיינער, און עס האָבן זיך באַטייליגט [illegible] שריפֿטשטעלער ווי וואָלף-ראַבינאָוויטש, אָרטהור סיי- [illegible] גאָלינ, קאַטהאַרין מייגאַן און וואָלטער דע לאַ [illegible] אַלגעמ, פֿון דער וועלט'ס האָבן פֿון ערשיינען, האָט [illegible] ווי דער גורל פֿון פֿאָלקער". אַ יעהר גע- [illegible] וועלטשפּראַך וואָס'טרנאַל. די „רושיפּסי" האָט אָבער [illegible] אַרויס צוויי נומערן, און ביידע מאָל האָט [illegible] ערשטן נומער האָט זיך געפֿונען אַ צייכנונג פֿון [illegible], און אין דעם צווייטן נומער איז געווען [illegible] אין וועלכן ער נעמט אויס זיין בייסענדען הומאָר [illegible] ראַסלאַנדער-פֿאַרטרעטונג. ער ערקלערט, אַז די [illegible] גאַליציע אַזוי גלייך ווי מען וועט געבן די אידען [illegible] גלייכע אַמטרעכט מיט די רוסען". „ראַסלאַנד פֿער- [illegible] און זי וועט בלייבן אַ פּראָבלעם".

[illegible] פֿאַר דער מלחמה, האָט אויך אָנגעהויבן אַרויס- [illegible] וועלכער וואָכנשל, מיטן נאָמען „פֿאָעטרי און דראַמאַ". [illegible] אין מערץ 1913, און סך-הכל זיינען אַרויס אַכט [illegible] האָט זיך אָבגעשטעלט אין דעצעמבער 1914. אין דעם [illegible] פֿון דעם יונגען אידישען דיכטער, דושאָן ראָדקער, [illegible]. ער רעדט דאָרט וועגן מאָשקאָוויטש און [illegible] דעם אידישען עולם וועלכער נעהמט כבוד וועהן אַזעלכע [illegible], פֿילאָסאָפֿיס „מאָכט פֿון פֿינסטערניש", [illegible] „אַנאַטהעמאַ", כעת אין ענגלישען טהעאַטער [illegible], עהרן איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין [illegible]; פֿאַר אַ פּריוואַטע פֿאָרשטעלונג פֿון אַ ביהנען- [illegible] איז פֿערגעסט אָבער ראָדקער ניט צו דערמאָנען די [illegible] אריבערזעצונגען. אין דעם דריטען נומער, סעפּ- [illegible] נאַטעליסט, דושאָן קורנאָס, אַ פֿאָרשטעהערינפֿולען [illegible] און דעם מהעאַטער פֿון דער צוקונפֿט". אין דעם [illegible] פֿון דעם ליטעראַטור פֿון די פֿוטוריסטען, [illegible], דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונג און ווערטער- [illegible] רעדט אין דער קונסט, ווען מען איז גע- [illegible] און מען האָט אַרויסגערופֿען די שטערן צום [illegible] אַרויסרוף צו די קינסטלער: „קומט חברה [illegible]!... פֿאַרברענט די ביבליאָטעקן! פֿאַרפֿלייצט [illegible] די פּראַכטפֿולע לייוזענטען שווימען הילפֿלאָז! [illegible]!"

אין דעם פינפטן נומער פון מערץ שרייבט דער בעריהמטער אידיש-אַמעריקאַנער דיכטער, לואיס אונטערמייער וועגן די איצטיגע אַמעריקאַנער דיכטער, און רעכנט אויס אַ צעטעל פון די בעסטע פון זיי. אין דעם זעקסטן נומער, פון יוני 1914, געפינען זיך צוויי „קוביסטישע ליעדער" פון דעם אידיש-אַמעריקאַנישן מאַהלער און דיכטער, מאַקס וועבער. דאָס צווייטער ליעד הויבט זיך אָן מיט די שורות

„די נאַכט-שטילקייט קומט,
די מידקייט רופט רוה".

אַ סך שפּעטער, אין מיטען פון דער מלחמה, אין יולי 1917, האָט אין לאָנדאָן אָנגעהויבן אַרויסגעהען אַ זעהר שעהנע פערטעל-יעהרליכע שריפט, מיט'ן נאָמען „קונסט און ליטעראַטור". צווישן די מיטאַרבייטער געפינען זיך וואָלטער סיקערט, איינער פון די סאַמע בעריהמטע ענגלישע קונסט-מאַהלער, און אַזעלכע בעוואוסטע קונסט-קריטיקער ווי פראַנק רוטער און טשאַרלס מאַריאָט. עס האָבן זיך דאָרט געפינען צוויי האָלץ-שניט צייכנונגען פון לוסיען פּיסאַראָ. אין דעם ערשטען נומער פון צווייטען באַנד, ווינטער 1918-1919, געפינט זיך אַ ליעד פון זיגפריעד סאַסון און אַ שטאַרקע צייכנונג פון יעקב קראַמער. דער נומער איבערהויפּט איז אַן אויסערגעוועהנליך רייכער, און צווישן די איבעריגע מיטאַרבייטער זיינען אָזבערט סיטוועל, ריטשאַרד אַלדינגטאָן, פאָרד מאַדאָקס העפער, אַלדאָס הוקסלי, פּאַבלאָ פּיקאַסאָ, גאָדיער-ברעזקאַ און ווינדהאַם לואיס. אין צווייטען נומער, זומער 1919, געפינען זיך פינף ליעדער פון דעם פערשטאָרבענעם אידישען דיכטער און מאַהלער יצחק ראָזענבערג, צוזאַמען מיט אַ נעקראָלאָג, געשריבען פון זיין שוועסטער, און אויך אַ רעפּראָדוקציע פון איינעם פון זיינע צייכנונגען. אויך איז דאָרט אַ נאָטיץ, אַז אין קורצען ערשיינט אַ באַנד פון ראָזענבערג'ס ליעדער, אונטער די רעדאַקציע פונ'ם בעריהמטען ענגלישען פּאָעט, גאָרדאָן באָטאָמלי.

גלייכצייטיג מיט'ן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט אין לאָנדאָן אָנגעהויבן אַרויסגעהען אַ חודש-שריפט מיט'ן נאָמען „קאָלאָר". דער זשורנאַל ערשיינט נאָך איצט. ער רעפּראָדוצירט אַ סך בילדער פון פערשיעדענע פּלאַסטיקער, און ס'זענען שוין דאָרט ערשינען ווערק פון דזשייקאָב עפּשטיין, אַלפרעד וואָלמאַרק, וויליאַם ראָטהענשטיין, לוסיען פּיסאַראָ, יעקב קראַמער, מאַרק גערטלער, מאָדיגליאַני, קיסלינג, אַבראַמאָוויטש, פרייערמאַן, בראָדסקי, מאַרק וויינער, מאָררים גאָלדשטיין, און אַנדערע אידען-קינסטלער. אין „קאָלאָר" ערשיינען אויך וויכטיגע אַבהאַנדלונגען וועגן פּלאַסטיקער, פון באַוואוסטע קונסט-קריטיקער, און ס'זיינען שוין געדרוקט געוואָרן אַבהאַנדלונגען וועגן די אַרבייט פון וויליאַם ראָטענשטיין, אַלפרעד וואָלמאַרק, און יעקב קראַמער. אין דער שריפט-שטעלערישער זייט פונ'ם זשורנאַל באַטייליגן זיך אויך זעהר אָפט, לואיס זאַנגוויל, לואיס גאָלדינג, יוסף לעפּטאָוויטש און ש. ווינסטען. עס פלעגט זיך דאָרט אויך באַטייליגן דער זעהר טאַלאַנטפולער יונגער דיכטער יצחק ראָזענבערג, וועלכער איז געפאַלן „ערגעץ אין פראַנקרייך". עס זיינען אויך געדרוקט געוואָרן אין „קאָלאָר" צוויי איבערזעצטע ליעדער פון א. וויעוויאָרקאַ. די אייגענטימער פון „קאָלאָר" האָבן אין אָנהויב פון יעצטיגען יאָהר אָנגעהויבן אַרויסגעבען אַ פערטעל-יעהרליכען זשורנאַל, דער „אַפּעל", און אין דעם ערשטען נומער, וועלכער איז ערשט ערשינען, באַטייליגן זיך די אידען אַלפרעד וואָלמאַרק, לואיס גאָלדינג, יוסף לעפּטאָוויטש און דזשאָן ראָדקער.

צווישן די בעסערע ליטעראַרישע חודש-זשורנאַלען, וואָס ערשיינען אין ענגלאַנד איז די בעוואוסטע „ענגליש רעוויו", אין וועלכען עס געפינען זיך ליעדער פון זיגפריד



סאַסון און לואיס גאָלדינג. אין אויגוסט 1919 האָט זיך דאָרט אויך געדרוקט אַנ'ערצעהלונג „צווישן פעלדער", פון ל. שאַפּיראָ, איבערזעצט פונ'ם אידישען אָריגינאַל פון חנה בערמאַן. צווישן לואיס גאָלדינג'ס קאָנטריבוציעס אין די „ענגליש רעוויו", זיינען אויך ערצעהלונגען וועגן דער מלחמה אין די באַלקאַנען, און אַ פיינע עסיי מיט'ן נאָמען „קאָליר אין סאַלאָניקאַ", אין וועלכען ער טרויערט נאָך די שטאָדט, „די פּאַלעטע פון דער וועלט", וואָס איהר פאַרב איז פערדאָרבען געוואָרן דורך דער גרויסער שריפה.

לואיס גאָלדיג איז אויך אַנ'אָפּטער מיטאַרבייטער אין דעם חודש-זשורנאַל „וואויסעס" (שטימען), וואָס האָט צום סוף 1919 געענדיגט זיין ערשטען יאָהרגאַנג. „וואויסעס" איז אַ זעהר שעהנער ליטעראַרישער זשורנאַל, אין וועלכען עס פיהלט זיך יונגקייט און געשמאַק. צווישן זיינע איבעריגע אידישע מיטאַרבייטער זיינען ישראל זאַנגוויל, נינאַ סאַלאַמאַן, פיליס מאַרקס און ש. ווינסטען, אַ יונגער דיכטער מיט אַ סך פעהיגקייט און טאַלאַנט.

זעהר אַ וויכטיגע ליטעראַרישע ראָלע שפּיעלט אין ענגלאַנד אויך דער וועכענטליכער זשורנאַל „די ניישאָן" (דאָס פאָלק). דער אידישער נאָוועליסט, דזשאָן קורנאָס, דרוקט דאָרט, פון צייט צו צייט, קליינע סקיצען און אויך איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור, און דאָס זעלבע טהוט אויך אַלעקסאַנדער באַקשי. עס באַטייליגען זיך אין די „ניישאָן" אויך זיגפריד סאַסון און לואיס גאָלדינג. דער לעצטער האָט דאָרט געדרוקט איינע פון זיינע שעהנסטע ליעדער „אַוואַלאָן".

---

נ. ט. פּאָלסקי.

# בריעף וועגען דער העברעאישער ליטעראַטור.

## II.

דאָס יאָהר תר"ף האָט געהאַט די זכיה אָנגעפאַנגען צו ווערען מיט פיער העברעאישע פעריאָדישע אויסגאַבען אויף אַ מאָל: דער וועכענטליכער „העולם" אין לאָנדאָן, וואָס איז נ י ט דער אַמאָליגער „העולם" פון קעלן, ווילנא און אָדעסאַ, כאָטש ער איז זיין „יורש"; בערקאָוויטש'עס מאָנאַטליכער „מקלט" אין ניו-יאָרק, און די צוויי ארץ-ישראל'דיגע חודש זשורנאַלען: „מעברות", רעדאַגירט פון פיכמאַן, און „האדמה", רעדאַגירט פון ברענער.

דער „העולם" איז ניט דער זעלבער וואָס אַמאָל, איבער אַ סך סבות. דער אַמאָליגער „העולם" איז געווען אַנ'אַלגעמיין אידישער ליטעראַרישער זשורנאַל, וואָס האָט געהאַט אַ ציוניסטישע פאַרב. די ציוניסטישע נייעס זיינען דאָרט געווען אַ מהיכי-תיתא זאַך, און פיעלע נומערען האָבען כמעט אַזעלכע נייעס ניט געהאַט. דערפאַר אָבער, האָט ער מגלה געווען פיעלע נייע שעפערישע כחות, סיי אויפ'ן געביעט פון שעהנע ליטעראַטור, סיי אין דער פובליציסטיק און אויך אין חכמת ישראל. דער יעצטיגער „העולם" איז פונקט דער היפך. דעם אויבען אָן פערנעהמען די „אָפיציעלע"

שרייבער, וואָס רעכענען זיך שטענדיג מיט דער הערשענדער פּאָליטיק, די אינפֿאָרמאַציאָנס-אָבטהיילונג, ציוניסטישע און אַלגעמיין-אידישע, איז די רייכסטע וואָס אַ אידישער זשורנאַל האָט ווען עס איז געהאַט און עס זעהט זיך אָן דער טיכטיגער פּאָליטישער זשורנאַליסט. דערפֿאַר אָבער זיינען די אָבטהיילונגען פֿון שעהנע ליטעראַטור, קריטיק און חוץ-ציוניסטישע אָבהאַנדלונגען זעהר אָבגעלאָזען. מ'נעהמט, ווי עס ווייזט אויס, וואָס עס קומט אין האַנד אַריין און מען גיט אייך אין קאָפּ אַריין. דאָ זעהט איהר די אַלטע, קאַלטע, כמעט דערפֿרוירענע לידער צו דער מוטער ציון, אויסגעפּוצט לויט דער לעצטער מאָדע, אָבער ניט וואַרימער דערפֿון, און דאָ שלאָגט איהר זיך אָב אויף אַ תהום'דיגע קעפּעל „די אידישע פֿרוי אין חסידות". און תאמר וועט איהר זאָגן: ערצעהלונגען, פֿערשטאָפּט מען אייך דאָס מויל מיט אַ ראָמאַן אין זיבען טהייל. איך מיין ניט צו זאָגן, אַז די אַלע זאַכען זיינען שלעכט, אָבער עס דערקענט זיך, אַז עס איז ניטאָ די האַנד פֿון אַ ליטעראַרישען רעדאַקטאָר, וואָס ווייס וואָס ער וויל אין דיזער אָבטהיילונג. וואו ניט וואו וואַרפֿט זיך דאָך דורך אַ פֿונק לעבען ווי, למשל, אין פּ. שמאַי'ס קריטישע באַמערקונגען איבער שניאור, וועלכער האָט כשר פֿערדיענט דעם שטעקן, כאָטש ניט אַזאַ האַרטען דאָס מאָהל.

דער קיצור פֿון דעם אַלעם איז, אַז דער יעצטיגער „העולם" איז פֿיעל רייכער אינפֿאָרמאַטיוו און איז מעהר אַנ'ערנסטער פּאַרטיי-אָרגאַן ווי דער אַמאָליגער. ער שטעלט אָבער, ווייניגער ווי יענער, צופֿריעדען דעם לעזער, וועלכער זוכט אין דעם וואָכענבלאַט זיין שבת-בלאַט.

אָבער דער צווייטער מין לעזער מעג זיך טרייסטען דערמיט וואָס ער קען שבת לעזען איינע פֿון די דריי וויכטיגע מאָנאַטשריפֿטען, וואָס האָבען אַלע גלייכצייטיג אָנגעהויבען ערשיינען.

---

„מקלט" איז ווי זיין בעשיידענער נאָמען ווייזט, אַ זשורנאַל, וואָס וויל געבען אַ היים אַלע צוואָרפֿענע שעפֿערישע פֿונקען, וואָס בלאָנדזשען אַרום אין אונזער וועלט. עס איז נאָך ניט געווען באַקאַנט, ווי עס ווייזט אויס, אַז ארץ-ישראל שאַפֿט שוין אַזעלכע היימען אויך אויפֿ'ן ליטעראַרישען געביעט, און דער נאָמען האָט זיך געפּאַסט אויסגעצייכענט, דעם „מעברות" מיט'ן „האדמה",

עס ליגען פֿאַר מיר דריי ביכלאַך „מקלט". דאָס ערשטע וואָס מען באַמערקט אויף זיי איז די אויסערע שעהנקייט, כמעט רייכקייט, מיט וועלכער יעדעס בלעטעל קוקט אויפֿ'ן לעזער. דער לעזע שטאָף אַליין איז ניט שטענדיג פֿון די בעסטע אָבער קיינמאָל ניט שלעכט. עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע ליטעראַרישע הויך, פֿון וועלכער דער רעדאַקטאָר בערקאָוויטש וועט קיינמאָל ניט אַראָבגעהן, ניט אין זיינע ערצעהלונגען און ניט אין די זשורנאַלען, וואָס ער רעדאַגירט. אמת, ביי אַזעלכע רעדאַקטאָרן איז אָפּטמאָל שווער אַ נ י י וואָרט צו הערן, אַ נ י י ע ם טאַלאַנט צו ענטדעקן, אָבער פֿון דער צווייטער זייט, ציהען זיי צו די בעסטע באַקאַנטע קרעפֿטן, וועלכע ווייסן אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט אַ בכבוד'ע אכסניא און געבן דאָס בעסטע, וואָס זיי פֿערמאָגן.



לעבענס-פֿראַגען ווערען אין „מקלט" אַפילו זעהר ווייניג בעריהרט, חוץ אין די ספּעציעלע מאָנאַטליכע נאָטיצען „מחודש לחודש" (געשריבען פֿון ד"ר א. גינזבורג און ש. ב. מאַקסימאָן), דערפֿאַר אָבער זיינען אַלע אַנדערע אָבטהיילונגען זעהר גוט און פּלאַנמעסיג אוועקגעשטעלט. דאָ געפֿינען מיר די שפּראַכליך-געצאַצקעטע פֿילאָזאָפֿיש, פּובליציסטישע אָבהאַנדלונגען פֿון ד"ר יעקב קלאַצקין וועגן „גלות און לאַנד-", ד"ר בערנפֿעלד'ס היסטאָריש-וויסענשאַפֿטליכע פֿאָרשונג „שיר השירים", בר-טוביה'ס לייכטזיניג געשריבענע, טיעף דורכגעטראַכטע שפּריצען: „פֿון צפון-מערב ווינקעל", יקותיאל גינצבורג'ס פּרוב צו פֿונאַנדערשיידען „חכמת ישראל און אידישע וויסענשאַפֿט", ד"ר דוד ניימאַרקס ברייטע קריטיק פֿון פּראָפֿעסאָר לויטערבאַך'ס בוך: „די אַלטע אידישע אַלעגאָריסטען", ד"ר קלאַצקינ'ס קורצע אָבער אונפּאַסענדע אָבשאַצונג פֿון אחד-העם, שניאור'ס מיט ליעבע אָנגעשריבענע „מעשה'לאך"-בעמערקונגען וועגען ביאַליק'ן, אַזוי אויך ד"ר חיים טשערנאָוויץ'עס פֿאָרשונגען אין דער עפּאָכע פֿון די גאונים. „מקלט" האָט אַ זאַכליכע מאָנאַטליכע איבערזיכט איבער אַלגעמיינע און אידישע ליטעראַרישע ערשיינונגען, געשריבען פֿון פֿאַכמענער, און דערמיט ענדיגט זיך די מאמר'יסטיק פֿון „מקלט".

פֿון די העבּרעאישע פּאָעטען פֿערנעהמט דאָ דעם אויבען-אָן ז. שניאור, וועלכער האָט אַ גרויסע פּאָעמאַ אין יעדען ביכעל („ווילנא", „דאָס ליעד פֿון אַ גאָלד-גרעבער" און „דאָס ליעד פֿון אַ פֿערעלפֿישער"). שניאור האָט אויך אין די—חוץ אין „ווילנא" וואָס איז מעהר פֿעליעטאָן ווי פּאָעזי—דעם גרויסען אַמאָליגען שוואונג, די סורא'דיגע מאַגליך-אָראַטאָרישע קראַפֿט, ער האָט דאָס וואונדער-שעהנע וואָרט, אָבער ווילט איהר טאַקע פּ אָ ע ז י ע, די „שפּראַך פֿון האַרץ", מוזט איהר אַוועקגעהן צו די „קלענערע" דיכטער פֿון „מקלט". אמת די „קלענערע" קענען אַזעלכע קונצען ווי שניאור ניט בעווייזען, אָבער דערפֿאַר פֿיהלט איהר זיך מיט זיי היימישער און האַרציגער. איינער פֿון די „קלענערע" איז דוד פֿאָגעל, כמעט אַ שפּאָגעל נייער דיכטער-בילדהויער, וועמענס יעדעס ליעד איז אַ לייבוואַנד וואו איין בילד נאָך דאָס אַנדערע ציהט אייך אַוועק מיט זיך. פּ. גינזבורג פּרובט זיך געבען אַ מגילה פֿון מענשליכע ליידען אינ'ם ביבליש-אַלטען מעשה-טאָן „די מגילה פֿון רוהע" און מ. ס. דאָליצקי דערמאָנט זיך אין זיין יוגענד און גיט אונז אַ שאַרף סאַטיריש געלונגען ליעדעל וועגען „משיח'ס צייטען". אַ שטילער טרויער ווערט אָנגעוועהט פֿון הלל בבלי'ס, יעקב קאָפּילאָוויטש'עס און ב. נ. סילקינער'ס ליעדער, און ס'איז נאָר אַנ'עבירה וואָס ש. האלקין, וועלכער קען גאַנץ שעהנע ליעדער שרייבען, האָט פּונקט דאָ געגעבען פֿון זיינע ערגסטע. איידער דרוקען „געמאַכטע" ליעדער איז שוין בעסער... זיך צוהערען צו זיך אַליין און ד י כ ט ע ן.

פֿון דער ערצעהלערישער אָבטיילונג דאַרף בעצייכענט ווערען פֿריהער פֿאַר אַלע שאַפּמאַנ'ס „בימי הרג רב", אַ מעשה וועגען דער ביליגקייט פֿון מענשליכען לעבען אין מלחמה צייט. אין דער צווייטער רייהע קומט בערקאָוויטש'עס „כרת"—די טראַגעדיע פֿון אַנ'אַלטע אידענע, וואָס קומט צו איהר זון דעם אַללרייטניק אין אַמעריקאַ, זיך „אָברוהען" אויף די עלטערע יאָהרען... אַנ'אַלטע טהעמאַ, אָבער קינסטלעריש געשילדערט. אַפּאַטאָשו'ס צוויי „ראַסען"-ערצעהלונגען זיינען טאַלאַנטפֿול אָנגעשריבען,

אָבער אַפּאַטאָשו האָט אין אידיש פיעל בעסערע זאַכען געדרוקט, און דוב קמחי'ס ראָמאַן „על בלימה" (אין דער לופטען), איז אָהן צווייפעל דרוקפעהיג, הגם ער איז נאָך ניט פערענדיגט, און ס'איז שווער זיך אָבגעבען אַ חשבון וועגען דיזען נייען ראָמאַניסט אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

וועגען די אַנדערע צוויי זשורנאַלען, אין קומענדען בריעף.

---

דוד ויידענפעלד.

# א מאַריאָנעטין־מאַלערין.

## (וועגען פראַדעל שטאָק'ס בוך, ערצעהלונגען)

זעלטען אינטערעסאַנטע קוריאָזע ווינקעלאך פון דער מענשליכער נשמה אַנטפּלעקט פראַדעל שטאָק, מיט זעהר פיעל חן און יונגען קאַפריזנעם רייץ, אין דעם אידישען מענשעל, אין איהר נאָר-וואָס ערשינען בוך, געזאַמעלטע ערצעהלונגען.

בע'חנ'ט אין זייער פאָרם, יונג, קאַפריזנע אין זייער טאָן, און רייצענד אין זייערע בעוועגונגען זיינען איהרע טהיילווייז אימפרעסיאָניסטיש, טהיילווייז פרימיטיוו-געשילדערטע טיפען און טיפלאך, און גלאַט אַזוי נעבען-מענשען און מענשעלאך דאָ און דאָרט דע-קאָרירטע מיט שטיל בעשיידענע בנעימות'דיגע עפעקטלאך.

ווי פון רעהמלאך קוקען איהרע בילדלאך פון די זייטלאך אַרויס, מיט האַלב-שמייכלען און פיערטעל-שמייכלען, מיט האַלב-ערענסטע און פיערטעל-ערענסטע פנים'לאך מיט לעבענס-פריידיגע און קינדישע אַנקוועלעניש פון זיך אַליין.

עס איז אַ פשוט'ער תענוג צו-צוהערען ווי איהרער אַ צופעליג-גאַליציאַנערעל, וואָס זעהט אַזוי קליין, אַזוי פערספעקטיוו, גוואַלדיג קליין אויס, שטעלט זיך אַוועק אַזוי שעהן גריבלען וועגען ניט טיעף-וויכטיגע אָבער זעהר מענשליכע זאַכען, און רעדט צו זיך אַליין ווי אַ גרויסער, ווי אַנ'אמת גרויסער מענש...

ווען מ'קוקט זיך צו, און מ'הערט זיך צו צו אַזאַ מענשעל, פאַלט אונז ניט-ווילענדיג איין: ווער ווייס צו דאָס פיגורעל איז ניט געוואָרען אויסגעשניטען ווי אַ צאַפּעל-מענשעל פון טאָוועל, און ווער ווייס, צו עמיצער ציהט עס טאַקע ניט ערגעץ ביי אַ שטריקעל...

פון גאַנצען האַרצען פאַרגינט מען דער קינסטלערין צו שפּיעלען זיך מיט איהרע פערספעקטיווע, קליין-געצייכענטע העלדלאך, ווי אַ קאַפריזנע קייזערינע, מושטירענדיג איהרע קליינע זעלנערלאך...

כדי ניט צו ווערען צופיעל היימיש מיט איהרע פאַרשווינדלאך מאַכט זי מיט זיי קיין לאַנגע שהיות ניט, פאַרטיגט זיך אָב מיט זיי אין-דער-געשווינד, שפּיעלט זיך אָב מיט זיי מעהרסטענס אויף אַ דריי, פיער בלעטלאך, און דרעהט זיך פלוצלונג אַזוי' קונציג אַרויס פון איהרע מאָדעלקעלאך איידער זיי געלונגט אויסצוואַוואַקסען און ווערען צופיעל דרייסט...



זיינען איהרע ערצעהלונגען ניט קיין לאַנגע און אַקוראַט אין זייער שטח, פיין האַרמאָנירענדיג מיט דער גרויס פון זייערע מאָדעלען.

און דער נחת-שעפּענדער לעזער, וואָס לעזט מיט אַנ'אָפען מויל און אָפט מיט איבעראַשענדער אַנטציקונג, בלייבט אפילו פלוצלונג שטעהן אונצופריעדען, ווען אונגעריכטערהייד קומט אָן דער סוף, און ער האַפּט אָטהעם און זיפצט אָב: אַ שאָד וואָס אַזוי געשווינד.

עס בלייבט איהם אָבער איבער אַ פיינער נאָך-טעם, און עס ווילט זיך איהם נאָך, און ס'איז דאָ, וואָס צו לעזען נאָך...

אין יעדע ערצעהלונג איהרער איז דאָ אַנ'אַנדער קוריאָזיטעט און אַנ'אַנדערער יונג-מיידעלשער קאַפריז, ווינקט צו אונז און פינטעלט צו אונז מיט די אויגען, ווי עס וואָלטען געשטאַנען אומעטום אויף די שורות שמייכעלדיגע סטאַטועטקעלאך און וואָלטען אָנגעקוואָלען פון זיך אַליין...

פאַר אַ פיינער אילוסטראַציע, אָבצו'משל'ן איהר קאַפריזנעם גאַנג און איהר דעקאָראַטיווען שטייגער, וועט דינען איהר זעהר קורצע, אָבער זעהר חנ'עוודיגע אָבשילדערונג פון נגידישע קינדערלאך אין איינער פון איהרע גאָר בעסטע ערצעהלונגען „אָנגעזעצט".

„און די קינדערלאך, די דריי קינדערלאך, זיינען געווען אַזעלכע נגידישע קינדערלאך מיט ווייסע, פעטע גוידערלאך, און רייכע צופּיעשטשעטע אויגעלאך, און מרים'קע, די איידעלע מרים'קע איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אַ רויט אַטלעסען קליידעלע מיט קרעם-שפּיצען, אַזוי דעליקאַטענע".

און ווי פיין שילדערט זי אין דער אייגענער ערצעהלונג „אַלטער דעם ווייסען" און דעם „אַנשעלע מיט די אָראַנזשען" און דעם נגיד אַליין: „ברוך קלמן", וואָס ליעגט בעהאַלטען אין קאַמערעל און טענה'ט צו זיך אַליין בשעת די בעלי-חובות הוליען אַרום אין זיין שטוב:

„אַנשעלע מיט די אָראַנזשען, אַ מצוה אויף איהם, געלד ווילען זיי די קבצנים, צונויפלעגען געלד, פעט ווערען מיט געלד, שטאַרק ווערען מיט געלד, אַז אַנדערע אַנשעלאך זאָלען קומען צו זיי איינלייגען געלד".

אי געשניצט, אי בעמאָלט קומען זיי אַרויס אַזוי לעבעדיג, אַזוי פאַנטאַסטיש, און נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז די גאַנצע ערצעהלונג האַלט ניט מעהר ווי פיער בלעטלאך, מוז מען אי ליעב האָבען, אי דרך-ארץ האָבען פאַר איהר יונגער בייסטערהאַפטער פעדער.

מיט דער אייגענער ליעבע און עהרליכקייט וואָס דער לעבענס-לוסטיגער „אַש" האָט אַמאָל אַזוי מאַלעריש-שעהן געשילדערט זיינע געזונדע, היימישע „פערד-יונגען" און נאַאיווע „יאַטישע טעכטער", מיט דער אייגענער ליעבע צייכענט זי איהרע מעהר פופענהאַפטיגע גאַליציאַנערלאך און גאַליציאַנקעס, יענער איז בלויז געווען מעהר היימיש מיט זיינע „יאָלדען", און ער האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן און זיך צושפּרייט אויף אַ ברייטען שטייגער און אָפטמאָל זיי געמאָלען אויף גרויסע לייוואַנדען מיט גרויסע



לוסיען פּיסאַראָ „רות"

לאַנדשאַפֿטליכע סצענעס אין הינטערגרונד. זיינע מאָדעלען זיינען געשטאַנען זעהר
נאָהענט צו איהם און ער האָט זיי געצייכענט אין זייער גאַנצער לעבענס-גרויס און מעהר
רונדיג זיי אויסמאָדעלירט.

פֿראַדעל שטאַק אָבער האָט ליעב איהרע גאַליציאַנערלאַך גאָר פֿון דערווייטענס
און האָט זיי ליעב צומיינסטען נאָר דערפֿאַר, ווייל פֿון זיי לאָזט זיך מאַכען אַזעלכע
שעהנע זאַכעלאַך און ווייל ס'איז פּשוט אַ פֿערגעניגען זיי צו בעשרייבען, אָבער ווייטער
זיינען זיי, זיי, און זי—זי...

צווישען אַש'ן דעם מאַלער און וויסענבערג'ן דעם סקולפּטאָר שטעהט זי און
שניצט אויס מיניאַטיורען און באַרעליעף, וועלכע זיינען אין זייער פֿאָרם און האַראַקטער
ענליך צו די פֿראַנצויזישע עלפֿאַנט-ביין שניצערייען פֿון פֿירצעהנטען יאָהר-הונדערט:

דאָרטען העננען קליינע מאַרטירערלאַך אויף קליינע בוימעלאַך מיט אַ שמייכעלע
אויף די ליפּען, און קליינע יעזוס'לאַך זיינען צוגענאָגעלט צו קליינע צלם'לאַך מיט
אַזעלכע האַלב-פֿרעהליכע און האַלב-לוסטיגע מינעס אויף די פּנים'לאַך, ווי ס'וואָלט
געווען פּשוט אַ מחיה צו ווערען געקרייציגט...

איז אַ וואונדער יעצט, פֿאַרוואָס די גאַליציאַנערלאַך אין איהר גאָר שעהנע ער-
צעהלונג „די כאָלערא" קוקען אויס „אַז ביי משה ליבעס זאָל מען שוין שטאַרבען"?
ס'געהט זיי פּשוט אין לעבען, אַז שייע משה דער דאָקטאָר, וואָס זאָגט „פֿאַרכעס ס'איז
ניט קיין כאָלערא און באַסטאַ", זאָל אַליין זעהן, וואָס פֿאַר אַ שייע משה ער איז,

„איז מען דוקא ביי משה ליבעס ניט געשטאָרבען, און אין דרויסען האָט שוין
אַזש אָנגעהויבען פֿאַרדריסען; אַהי, שטשעזנע, וויפֿיעל איז דער שיער זיך צו מוטשען?
ביי לייטען געהמט כאָלערא אַ טאָג, זאָל זיין צוויי, אַנ'עק אַ סוף; און דאָ איז שוין דריי
טעג, און מען זעהט ניט און מען הערט ניט... אַהי".

מ'ווערט ערשטוינט, דאָס אַזאַ שעהן, ענטוואָרפֿענע און טעכניש גרויסאַרטיג
אויסגעפֿיהרטע, פֿאָלקאָמענע אָבשילדערונג, ווי „די כאָלערא" האַלט דאָך ניט מעהר ווי
דריי בלעטלאַך מיט אַ פּאָאַר שורות...

די אַכט און דרייסיג קליינע ערצעהלונגען פֿון דעם בוך זיינען אַכט און דרייסיג
קאָסטבאַרע געשליפֿענע שטיינדלאַך.

מ'צאַצקעט זיך מיט יעדען בעזונדער, און ווען מ'קוקט טיעף אַריין אין אַזאַ
שטיינדעל, זעהט מען דערינען אַ שמייכעלדיג גאַליציאַנערל, וועלכען מען מוז אָנקוקען
און אויך שמייכלען.

דער לעזער, וועמען דער מוסר השכל פֿון אַ מעשה, דער „וואָס" איז ניט וויכ-
טיגער פֿון דעם „ווי אַזוי", וועט שפּיגלען זיך אין פֿראַדעל שטאָקס ערצעהלונגען,
שפּיגלען זיך אין זיי און שמייכלען, און מוזען צוגעבען, אַז איהר גאָר וואָס ערשינען
בוך איז אַ שעהנע מתנה און אַ ווערטפֿולע ציערונג פֿאַר דער „יונגער אידישער ליטעראַטור".

„יונגע אידישע ליטעראַטור", אפשר איז וויכטיג צו באַמערקען, מיינט מען די
שעהנע אידישע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפֿען געוואָרען זייט „מענדעלען".

וואו מ'זאָל ניט איבּעמישען איהר בוך, וואָס פֿאַר אַ זאַץ אָדער שורה מ'זאָל
ניט פּונקט אָנטרעפֿען אַמווירט אונז אַ בילדעל וואָס ווערט אַזוי געשווינד געשאַפֿען דורך
אַ קאָמפּאָזיציע פֿון טענער און האַלבע טענער, אַרומגערינגעלט פֿון שטיל, באַשיידע-
נער באַפּוצעכץ.

עמיצען אויף צו להכעיס ווערט אונזער אידיש רייך!

# רענעסאנס

א חודש זשורנאל.

רעדאגירט פון **לעא קעניג.**

מערץ 1920. באנד 1. נום. 3. לאנדאן.

## אינהאלט:

ל. ק. ... ... ... ... „דער אויפגעשטאנענער כריסטוס".
ברוך גלאזמאן ... ... ... ... Resurgam (ערצעהלונג)
מלך ראוויטש ... ... ... אקעגענאיבער פון מיין פענסטער (ליעד)
לעא קעניג ... ... ... ... אידיש און העברעאיש
יוסף לעפטוויטש ... ... ... ... ... סימאן סאלאמאן
משה עובד ... ... ... דאס ליעד פון זיין (פון אנ׳אלט ספר)
ד"ר זאלקינד ... ... די געשיכטע פון אידישע דרוקערייען (פארטזעצונג)
ל. אלבערט ... ... ... ... ... שטילקייט (ליעדער)
ל. קעניג ... ... ... ... דער ווייסער שאטען (א מאטיוו)
ד. ויידענפעלד ... ... ... ... בין השמשות (ליעדער)
נאטיצען.

## פעריארישעם:

לואיס זאנגוויל ... ... ... ... וועגען ענגלישען טעאטער
ש. ווינסטאן ... ... ... ... ... „מלחמה בילדער"
ח. עפשטיין ... ... קיזלינגס אויסשטעלונג; אמאדעא מאדיגליאני, ז"ל
יוסף בלאנקעט ... ... אידען אין דער ענגלישער פעריארישער ליטעראטור

## בילדער:

דוד באמבערג ... ... ... ... דער שרייבער; מוטער און קינד
קיזלינג... ... ... ... ... ... צוויי בילדער

ל. ק.

## דער "אויפגעשטאנענער כריסטוס".

(וועגען יעקב עפשטיינ'ס סקולפטור).

אויף וויפיעל ס'איז אונז באקאנט האבען אייניגע באדייטענדע אידען-קינסטלער שוין געשילדערט אדער געפרובט שילדער'ן ישוע הנוצרי. אנטאקאלסקי האט געמאכט א "כריסטוס", סימיאן סאלאמאן, דער ענגליש-אידישער פרעפאפעאליט האט אייניגע מאל זאנאר געמאלט דעם "ערלעזער" און אפילו שמואל הירשענבערג האט געמאלט א "קרייסט" אין א יארמולקע און צוליעב דעם טאקע האט מען זיך אפט טועה געווען און דאס בילד א נאמען געגעבען—דער רבי.

נור יעקב עפשטיינ'ס אויפגעשטאנענער כריסטוס איז בלי ספק דאס שטארקסטע אין פיעלע הינזיכטען וואס אידען- קינסטלער האבען געשאפען אויף דער טהעמא.

אנטאקאלסקי'ס נוצרי איז ארטיסטיש צו שוואך, האטש ער האט אויך אין זיין צייט אנגעמאכט א עהנליכען רושם ווי עפשטיינ'ס אין די רוסישע ארטיסטישע קרייזען און אייניגע האבען דאמאלט אויך אין אנטאקאלסקי'ס ווערק געזוכט דעם אידען אדער די אידישע פראפאנאציע.

שמואל הירשענבערג'ס "כריסטוס" (אויס עס איז טאקע גיט א בילד פון א "רבין" גיכער) צייכענט זיך הויפטזעכליך טאקע אויס מיט דער יארמולקע און איז נישט פון זיינע בעסערע ווערק. און אפילו סימיאן סאלאמאנס "זאלסט מיך נית פיהרען צו קיין נסיון" 1) איז אין אייניגע הינזיכטען שוואכער פון יעקב עפשטיינ'ס ניי ווערק. סימיאן סאלאמאנס כריסטוס-מאטיווען זענען ס'רוב סקיצען, און עס פעהלט זיי די מאנומענטאליטעט וואס עפשטיינ'ס ווערק פערמאגט; עס פעהלט זיי אויך די היסטארישע פערספעקטיוו דאס ווייט-אידישע אזוי צו זאגען וואס עפשטיין האט אין א געוויסער מאס רערפיהלט...

סימיאן סאלאמאנס כרייסט איז א מאדערנער באהעמיען.

---

1) רעפראדוצירט געווען אין נומער צוויי פונ'ם "רענעסאנס."

יעקב עפשטיינ'ס—פיליכט מאקע א... ישוע הנוצרי ווי א מאדער-
נער איד קען זיך איהם פארשטעלען.

---

ליידער האבען מיר אידען זיך נאך נים איינגאנצען באפרייט פון
אט דער "פריקרישקייט" וואס מיר פיהלען ווען מיר רעדען פון זייער
משיח...

ליידער איז די וואונד נאך אפען... און ביים בעסטען ווילען אפילו
קענען מיר נים גלייכגילטיג זיין צו דער טהעמא.

אלע געדענקען דר. זשיטלאווסקי'ס סענסאציאנעלען ארויסטרעט
מיט דער צלם-פראגע און אויך דעם ברענער "סקאנדאל" אין ארץ-
ישראל. אונזער נאציאנאלעס באוואוסטזיין איז נאך נים גענוג אויסגע-
ליימערט מיר זאלען אהן רעליגיעזע און אנדערע פאראורטיילע קענען
מתקן זיין די גרויסע אידישע נשמה אדער ווי זשיטלאווסקי האט עס
אנגערופען: "רעווידירען דעם היסטארישען דרייפוס פראצעס"... די
יונגע אידישע דיכטער וואגען שוין זאגאר צו באזינגען דעם פארשטויסע-
נעם "איש חסיד" אבער ס'איז בלויז וואגענישען...

קיין נאציאנאלע שטעלונג צו דער גרויסער פערזאן האבען מיר
נאך נים ווי אויך נים קיין גרויסע אידיש-קינסטלערישע שילדערונג, און
ליידער רעגען זיך אויך די בעסערע קריסטען אפילו נים באפרייען פון
דעם זעלבער פרעמדקיים ווען זיי הערען א אידען רעדען וועגען זייער
"ערלייזער" אדער ווען זיי זעהען א אידיש קונסט-ווערק וואס באהאנ-
דעלט דאס טהעמא.

די אידישע אפיקורסות שמעכט ווי די אוינגען אפילו ווען דאס ווערק
איז אנשטענדיג און ארטאדקסאל-אקאדעמיש. דאס וואס די פרייערע
צווישען זיי ערלויבען זיך צו זאגען קלינגט פאר זיי ווילד און פראפא-
נירענד ווען א א איד זאגט עס, דער קריסטליכער וועלט שמעכט עד
היום הייניג'ס באמערקונגען וועגען קריסטענטום.

ווען רענאן וואלט געווען א איד וואלטען זיי איהם נים איינמאל
ארייגעלייגט אין חרם.

און דאס ערקלערט אונז אויך אין א געוויסער מאס די סענסאציע
וואס עפשטיינ'ס "קרייסט" האט ארויסגערופען אין ענגלאנד: טראץ
דער גרויסער ארטיסטישער ווערטה וואס עפשטיינ'ס נייע סטאטוע האט
און טראץ דער אריגינאליטעט מיט וועלכער ער האט באהאנדעלט
דאס ווערק, שאקירט דעם קריסטליכען עולם דער קינסטלער גופא...

דער רושם וואס די סטאטוע האט געמאכט איז פיעלפאך פאר-
שטארקט געווארען דורכדעם וואס איהר שאפער איז א איד... און עס
דאכט זיך זיי שוין עפעס, עס חלומט זיך זיי שוין עפעס פאנטאסטישעס
וואס דער קינסטלער האט אפילו נים אין זינען געהאט... אידען-פיינט



צוצען עס אויס צום שלעכטען. די טעגליכע פרעסע צושמירט און פאר-
גוואלדעוועט עס...

אזוי ווערט א קונסט-ווערק פארשוועכט.

---

און א גרויס קונסט-ווערק איז עפשטיינ'ס "אויפגעשטאנענער
קריסטוס". זעהר פיעל קענטעניש איז דא אין דער סקולפטור און נאך
מעהר אפשר ארטיסטישע קולטור. אויב א גרויסער קינסטלער איז דער
וועלכער סינטעזירט און באלאנסירט די קונסט-טראדיציעס און זוכונגען
פון פריהערדיגע עפאכען איז עפשטיין א גרויסער קינסטלער...

יעקב עפשטיין איז אין א געוויסער מאס א סך הכל פון א גאנצער
עפאכע, דער רענעסאנס דורך דאנאטעלא, דער אימפרעסיאניזם דורך
ראדען; און אויך די גאר מאדערנע זוכונגען אין פארמען און אין סטיל
האבען זיך דיסטילירט און אין זיין קינסטלער טעמפעראמענט און אין
א איינגעארטינע הארמאניע אויסגעאסען אין זיין שאפען...

און די אלע מעלות באמערקען אמבולסטען זיך אין זיין ניי געשאא-
פענעם "קרייסט" עס באמערקט זיך אין דער סקולפטור די רוהינקייט
און שטילקייט פונ'ם רענעסאנס, די נערוואזיטעט פון א ראדען און דאס
גאר מאדערנע שטרעבען צו א געוויסער ארחאאישקייט.

פון דעם שטאנדפונקט אויך איז עפשטיינ'ס נייע סקולפטור נים
א עפאכע מאכענדעס נור א עפאכע-אונטערשטרייכענדעס מייסטער-
ווערק.

עס איז א צייט מאנומענט.

יעקב עפשטיין איז דער גייסטיגער און דער ארטיסטישער יורש
פונ'ם ערשט פארשטארבענעם גאון אויגוסט ראדען...

ער איז א קרענקליכער דעקאדענטישער ראדען. ראדען איז א רע-
אליסט-אימפרעסיאניסט, עפשטיין א אימפרעסיאניסט-סטיליסט. א
נעא-אימפרעסיאניסט.

אייך זיין קריסטוס דערמאנט אסך אין ראדענ'ס "יוחנן דער טוי-
פער" וועלכער האט א עהנליכען רעש ארויסגערופען אין זיין צייט, און
עהנליכע באשולדיגונגען...

נור אין דער צייט ווען ראדענ'ס יוחנן איז הויפטזעכליך א פראכט-
פול געשטודירטער מענשליכער קערפער האט עפשטיינ'ס ווערק, ווי
שוין געזאגט פיעל מעהר סטיל און אויך אידעען.

---

ווירקליך זעהר נים קאנזעקווענציעל איז עפשטיינס ישוע הנוצרי. עס
איז נימא אין דעם ווערק די באנאלע אידעאליזאציע, וועלכע איז ס'רוב

פֿארלינגען געווארען דעם גרויסען מאָטיוו. און דאָך האָט דאס ווערק א באַזונדער שענקייט. פֿיעלייכט מאקע א יודישע ?..

ניט בלויז אונענדליכע גוטסקייט נור אויך צארן איז דאָ אין עפשטיינ'ס ישוע. און אפֿילו א שטאלץ און פֿאראכטונג צו די אנשויער און נאכפֿאלגער.

מיט איין האַנט ווייזט ער אויף דער וואונד און דער צווייטער (די הענט זענען זעהר שען קאמפאנירט) און דער ניט באנאל אידישער קאפּ מיט די גרויסע טרויעריגע אידישע אויגען איז עטוואס פֿארריסען.. זי דריקט אויס ניט נור קריסטליכען אבסאלוטען דעמאקראטיזם נור אויך יודישע נביאישען שטאָלץ און אַריסטאקראטיזם...

די אונטערשטע העלפֿט פֿון דעם גרויסען אידישען נזיר איז אין תכריכים געהילט און איז עגיפּטיש און מומיע-אַרטיג סטיליזירט, ער איז ערשט פֿון קבר ארויס. און אפֿשר אויך דער געניאלער עפשטיין-איינפֿאל פֿארשטארקט אין אונז דעם איינדרוק אַז דאס איז א אידישער ישוע הנוצרי, א אידישע שאַפֿונג.

און מיר זענען זיכער אז דאס נייע יודענטום וועט אט די נייע אידישע שאַפֿונג באַגריסען ווי געהעריג...

דער גרויסער תקון פֿון א גרויסער און טראַגיש פֿארשטויסענער אידישער נשמה האָט זיך אנגעהויבען.

דאָס ערשטע גרויסע וואָרט אויף א פֿארזינדיגטען געביעט איז געזאָגט געווארען.

און מיר האָפֿען אויך אַז דער טאַלאַנטפֿולער א י ד י ש ע ר סקולפּטאר, יעקב עפשטיין, וועלכער האָט אמאל אזוי ליעב געהאַט זיין פֿאָלק און געלעבט אינ'ם האַרץ פֿונ'ם פֿאלק וועט זיך איצט צוריק צו אונז אומקעהרען...

מיר רופֿען איהם און באַגריסען איהם !



ב ר ו ך  ג ל א ז מ א ן

# RESURGAM!

אין איינעם פֿון די ערשטע טעג פֿונ'ם חודש סעפּטעמבער האָט זיך איבער די טאַלען און די בערגלאך, וואס ארום דעם דארף אידזשיפּט מיללס, געלאָזט הערען א שטיל קלינגען.

די פֿארמערס פֿון די נאָהענטע און ווייטע פֿעלדער, וואוהין דאס קלינגען האט אינ'ם קיהל-זונינגען פֿריהמארגען דערגרייכט, האבען אויף א ווייל אויפֿגעהערט ארבייטען. זיי האבען מיט א "וואָהאָ!" אפּגעשטעלט די פֿערד, וואָס זיינען געווען איינגעשפּאַנט צום אַקער, און מיט פֿריידיג-באלויכטענע פּנים'ער זיך אומגעדרעהט אין דער ריכטונג צו יענעם אָרט, פֿון וואַנען עס האט זיך געציהען דאס קלינגען.

א גאַנצען זומער האט מען עס שוין ניט געהערט. און איצט — עס ווענדט זיך וואו איינעמ'ס שייער אדער פֿעלד איז געווען. האבען אייניגע טאקע געזעהן מיט זייערע אויפֿגלאַנצענדיגע אויגען דעם הילצערנעם קופּאל פֿון דער דארפֿס-שוהלע, אויף א ווייטליכען בערגעל. און צו אנדערע האט ער זיך בלויז פֿארגעשטעלט אין דער קלאָר-קיהלער לופֿט.

און אזוי ווי אינ'ם דאזיגען פֿריהמארגען האבען זיך די פֿארמערס געפֿונען אליין אין פֿעלד, ווייל דאס קליינוואַרג איז אין שוהלע אוועקגעגאַנגען און די שטאָדטישע ארבייטער האבען זיך שוין צופֿאהרען, האבען זיי ניט געהאט מיט וועמען א ווארט אויסצורעדען. שווייגענדיג האבען זיי דאמאלס א גלעט געטון די פֿערד, און ווייטער געאַקערט. און נאך אנדערע האבען געשטופּט בינטלאך תבואה אין די דרעש-מאַשינען אריין, און פֿונ'ם נאכאַנאַנד זיך-טרייסלענדיגען און ציטערדיגען מעכאַניזם האבען זיך קליינע קערנדלאך געשאָטען אין די צוגעבונדענע שטויבינע זעק אריין.

אין יענעם פֿרימארגען האבען פֿון א סך אומגעזעהענע ווינקעלאך, פֿון פֿארמישע הייזער, וואס זיינען געווען פֿארהוילען אין פֿעלדער און אין טאָלען, זיך געציהען יונגע קינדער, אנגעטאן אין ריינע אָנצוגלאך, מיט ביכער און אן איינגעפּאקט אנבייסען אונטער די ארעמס. אליין אין באַזונדער זיינען זיי געגאַנגען איבער די זונינגע וועגען, וואס האבען זיך געשניטען דורך פֿעלדער און דורך בערגלאך, און די קינדער האבען זיך געזונגען, ווער מיט א קול און ווער אָהן א קול.

זיי האבען געפֿיהלט:

עטוואס נייעס און פריידיגס הייבט זיך אן. דער זומער איז פאר-גאנגען. אין דרויסן איז עס נאך ניט צו זעהן, אבער דאס געהן אין שוהלע אריין האט שוין געטראגען אין זיך דעם שטילן אומזאג, אז דער ווארימער זוניגקייט פון דרויסן האט געשמעקט מיט אבגעשני-טען היי און פריש-אויפגעאקערטער ערד. די ווילדע ווייצבערינע-בי-מער ביים וועג זיינען אקארשט צייטיג געווארן. די גרינ-שטייפע קערנדלאך, ווי ניסלאך, זיינען ווייך און פול געווארן, און מיט-בלוי אין דער שטיל דורכזיכטיגער לופט האט זיך שטארק געשפירט דער ריה פון וויין.

און דארטען, וואו די וועגן צו דער מ א ס ק ע ג א ז א אזערע און צום מ י נ ק ס פ א נ ד בוקען זיך איינע צו דאס אנדערע ביי זייער באגעגעניש, האבען זיך אויך די קינדער באגעגענט. פארלאך אין קופקעס האבען זיך צעזייפנעשלאגען. א היפש ביסעל פאר ניין א זיי-גער איז מען שוין פאר דער פארמאכטער טיר פון דער דארפס-שוהלע געשטאנען. אינגלאך האבען זיך דערלאנגט די הענט. מיידלאך האבען זיך ארומגענומען. פארשידענע געשיכטעס פונ'ם פארגאנגענעם זומער האבען זיך אנגעהויבען צו וועבען אין דעם פריהמארגען, מען האט זיך דערצעהלט איינער דעם אנדערען, וואס מען האט אויפגעטון פאר'ן זומער, און געהארט אויפ'ן אנקומען פון דער לעהרערין.

און מ א ר י ס, דער זוהן פונ'ם איינציגען אידישען פארמער אין דער געגענד, איז דא אויך געווען. ער האט זיך געפרעהט ווי די איבעריגע, און נאך מעהר, ווייל יעדער איינער האט געוואוסט, אז ער האט שטארק געהאלפען אין דעם צוקלייבען און צוראמען פון דער שוה-לע בשעת די לעצטע צוויי וואכען. אין גרויסע לעדערנע שטיוועל—עס האט גראד גערעגנט דאמאלס, און די וועגן זיינען געווען בלאטיג—איז ער איבער'ן איינציגען היבשליכען חדר ארומגעגאנגען, ארונטערגע-ווישט דעם שפינוועבס פון די ווינקלען, דעם שטויב פון די בייגק, צוגעשטעלט די שווארצע טאפלען ביי די ווענט, און געהאלפען אויפהיינ-גען די גרויסע געאגראפישע קארטעס. יא, ע ר איז עס געווען, וועל-כער האט צוגעהאלטען דעם עמער מיט קאלך, אין וועלכען מר. ד ז ש ע נ י נ ג ס, דער שוהלען-קאמיסיאנער און דער אנהאלטער פון נאך פיער זעהר וויכטיגע עמטער אין דער אדמיניסטראציע פון דער שיטער-באפעלקערטער קאונטי, האט געטונקט א גרויסע בארשט און געקאלכט מיט איהר די סטעליע און די גרויסע ווענט.

זיין טאטע, הערר ג ר י נ ש ט י י ן, האט אויך צוגעשטעלט דעם קלענסטען "עסטימייט" אין דעם סקול-באארד, און עס איז אויף



איהם געלעגען איצט די פליכט צוצושטעלען האלץ פאר דער שוהלע דעם גאנצען קומענדען ווינטער.

דערווייל איז אנגעקומען די לעהרערין אויף א וועלאסיפעד. זי איז געווען איינגאנצען אנגעטון אין ווייסען. אויפ'ן קאפ—א בריט-ברעגיגער שטרויענער הוט. די קינדער האבען זי שטיל געגריסט.

באלד האט זיך דערהערט דאס קלינגען פונ'ם שוהל-גלאק. ווי אין א שטילער דארפס-קירכעלע זיינען די קינדער אריינגעגאנגען און זיך צו-זעצט אויף זייערע פלעצער.

דעם גאנצען פארמיטאג האט מאריס פלייסיג געארבייט אויף די לעסאנס אין ספעלינג, אריטמעטיק און געאגראפיע. דערהויפט האבען זיך ביי מאריס'ן פאנאנדערגעפענט די אויגען בשעת דער געאגראפיע-שטונדע. אזוי פיעל לענדער, אזוי פיעל לענדער... ער, פון זיין זייט, האט געוואוסט בלויז פון איין לאנד, פון אמעריקא, דאס לאנד, וואס איז גע-ווען זיין לאנד. געבוירען געווארען איז ער אין ניו-יארק, נאר פון דעם געדענקט ער בלויז א חלום פון א רייה הויכע טורעמס צווישען וואסערן, איינגעוויקעלט אין א נעבעל, אמאל א זונינען און אמאל א גרויען. אויפ-געהאדעוועט געווארען איז ער אבער דא, צווישען די בערגלאך און טאלען פון קינג'ס קאונטי, אין דעם העכערען טייל פונ'ם שטאאט ניו-יארק, באזונטע און ליכטיגע בערגלאך און טאלען, ווי לענדער אין ערגיץ א מעשה.

---

נאכמיטאג איז ער שוין געווארען אביסעל אומגעדולדיג. ער האט זיך דערמאנט, אז אין מיטען גרויסען פעלד, אויפ'ן בארג ניט ווייט פון הויז, ליגען גרויסע קופעס טרוקענע צווייגען און קוסטעס, וועלכע דאר-פען נאך היינט פארברענט ווערען.

איידער דער פאטער האט זיך געשטעלט אקערן, האבען זיי ביידע צונויפגעקליבען אלע שטיקער פארטריקענטע צווייגען, וועלכע זיינען ארינטערגעפאלען פון די ביימער אין מיטען פעלד, ווי אויך די קוסטעס און ווילד-גראז, וואס זיינען דורכ'ן זומער אנגעוואקסען ביי דעם פאר-קאן. א גאנצען טאג נאכאנאנד האט זיי גרינשטיין געשניטען מיט דער קאסע. מען האט צונויפגעשארט די קופעס אין מיטען פעלד, מיט זיין אקעראייזען האט גרינשטיין געפאסט די ערד ארום און ארום, אנהויבענ-דיג פון די זייטען. וואס אמאל איז ער אליין געהענטער צוגעקומען צו די קופעס. היינט האט מען שוין זיי געמוזט פארברענען.

האבען זיך ארום דריי אזייגער אלע קינדער א שפאר געטון דורך דער שמאלער טיר פון דער שוהלע, ווי א מחנה יונגע הירשען. מען האט

עטוואס נייעס און פריידיגס הויבט זיך אָן. דער זומער איז פאַר-
גאַנגען. אין דרויסען איז עס נאך נים צו זעהן, אבער דאס געהן אין
שוהלע אריין האט שוין געטראַגען אין זיך דעם שטילען אָנזאָג. אין
דער וואַרימער זוניגקייט פון דרויסען האט געשמעקט מיט אָפּגעשני-
טען היי און פריש-אויפגעאַקערטער ערד. די ווילדע ווינטרויבען-ביי-
מער ביים וועג זיינען אָקאָרשט צייטיג געוואָרען. די גרינ-שטייפע
קערנדלאַך, ווי ניסלאַך, זיינען ווייך און פול געוואָרען, און טיפ-בלוי.
אין דער שטיל דורכזיכטיגער לופט האט זיך שטאַרק געשפירט דער
ריח פון וויין.

און דאָרטען, וואו די וועגען צו דער מאַסקעגאָזא אוערע
און צום מינקס פאָנר בוקען זיך איינע צו דאס אנדערע ביי
זייער באַגעגעניש, האבען זיך אויך די קינדער באַגעגענט. פאָרלאַך און
קופּקעס האבען זיך צונויפגעשלאָגען. א היפּש ביסעל פאַר ניין א זיי-
גער איז מען שוין פאַר דער פאַרמאַכטער טיר פון דער דאָרפס-שוהלע
געשטאַנען. אינגלאַך האבען זיך דערלאַנגט די הענט. מיידלאַך האבען
זיך ארומגענומען. פאַרשידענע געשיכטעס פון'ם פאַרגאַנגענעם זומער
האבען זיך אנגעהויבען צו וועבען אין דעם פריהמאָרגען, מען האט
זיך דערצעהלט איינער דעם אנדערען, וואס מען האט אויפגעטון פאַר'ן
זומער, און געוואַרט אויפ'ן אנקומען פון דער לעהרערין.

און מאָריס, דער זוהן פון'ם איינציגען אידישען פאַרמער
אין דער געגענד, איז דאָ אויך געווען. ער האט זיך געפרעהט ווי די
איבעריגע, און נאך מעהר, ווייל יעדער איינער האט געוואוסט, אז ער
האָט שטאַרק געהאָלפען אין דעם צוקלייבען און צוראַמען פון דער שוה-
לע בשעת די לעצטע צוויי וואכען. אין גרויסע לעדערנע שטיוועל—עס
האט גראָד גערעגענט דאמאלס, און די וועגען זיינען געווען בלאָטיג—
איז ער איבער'ן איינציגען היבשליכען חדר ארומגעגאַנגען, ארונטגע-
ווישט דעם שפּינוועבס פון די ווינקלען, דעם שטויב פון די בייגק, האט
צושטעלט די שוואַרצע טאַפלען ביי די ווענט, און געהאָלפען אויפהיינ-
גען די גרויסע געאָגראַפישע קאַרטעס. יאָ, ער איז עס געווען, וועל-
כער האט צוגעהאַלטען דעם עמער מיט קאַלך, אין וועלכען מר.
דזשענינגס, דער שוהלען-קאָמיסיאָנער און דער אנהאַלטער פון
נאך פיער זעהר וויכטיגע עמטער אין דער אדמיניסטראַציע פון דער
שיטער-באַפעלקערטער קאונטי, האָט געטונקט א גרויסע באַרשט און
געקאַלכט מיט איהר די סטעליע און די גרויסע ווענט.

זיין טאַטע, הערר גרינשטיין, האט אויך צוגעשטעלט
דעם קלענסטען "עסטימייט" אין דעם סקול-באַארד, און עס איז אויף



איהם געלעגען איצט די פליכט צוזושטעלען האָלץ פאַר דער שוהלע
דעם גאַנצען קומענדען ווינטער.

דערווייל איז אנגעקומען די לעהרערין אויף א וועלאָסיפּעד. זי איז
געווען איינגאַנצען אנגעטאָן אין ווייסען. אויפ'ן קאָפּ—א ברייט-ברעגיגער
שטרויענער הוט. די קינדער האבען זי שטיל געגריסט.

באַלד האט זיך דערהערט דאס קלינגען פון'ם שוהל-גלאָק. ווי אין א
שטילער דאָרפס-קירכעלע זיינען די קינדער אריינגעגאַנגען און זיך צו-
זעצט אויף זייערע פּלעצער.

דעם גאַנצען פאַרמיטאָג האָט מאָריס פלייסיג געאַרבייט אויף די
לעסאָנס אין ספּעלינג, אריטמעטיק און געאָגראַפיע. דערהויפּט האבען
זיך ביי מאָריס'ן פאַנאַנדערגעפּלאַנט די אויגען בשעת דער געאָגראַפיע-
שטונדע. אַזוי פיעל לענדער, אַזוי פיעל לענדער... ער, פון זיין זייט, האט
געוואוסט בלויז פון איין לאַנד, פון אמעריקאַ, דאס לאַנד, וואס איז גע-
ווען זיין לאַנד. געבוירען געוואָרען איז ער אין ניו-יאָרק, נאר פון דעם
געדענקט ער בלויז אַ חלום פון אַ רייה הויכע טורעמס צווישען וואַסער,
איינגעוויקעלט אין א נעבעל, אמאָל א זוניגען און אמאָל א גרויען. אויפ-
געהאָדעוועט געוואָרען איז ער אבער דאָ, צווישען די בערגלאַך און טאָלען
פון קינג'ס קאונטי, אין דעם העכערען טייל פון'ם שטאַאַט ניו-יאָרק,
באַזונטע און ליכטיגע בערגלאַך און טאָלען, ווי לענדער אין ערגיץ א
מעשה.

---

נאכמיטאָג איז ער שוין געוואָרען אביסעל אומגעדולדיג. ער האָט
זיך דערמאָנט, אַז אין מיטען גרויסען פעלד, אויפ'ן באַרג ניט ווייט פון
הויז, ליגען גרויסע קופּעס טרוקענע צווייגען און קוסטעס, וועלכע דאַר-
פען נאך היינט פאַרברענט ווערען.

איידער דער פאָטער האט זיך געשטעלט אַקערן, האבען זיי ביידע
צונויפגעקליבען אַלע שטיקער פאַרטריקענטע צווייגען, וועלכע זיינען
אַרונטערגעפאַלען פון די בוימער אין מיטען פעלד, ווי אויך די קוסטעס
און ווילד-גראָז, וואס זיינען דורכ'ן זומער אנגעוואַקסען ביי דעם פאַר-
קאָן. א גאַנצען טאָג נאכאַנאַנד האט זיי גרינשטיין געשניטען מיט דער
קאָסע. מען האט צונויפגעשאַרט די קופּעס אין מיטען פעלד, מיט זיין
אַקעראייזען האט גרינשטיין געפּאַסט די ערד ארום און ארום, אנהויבענ-
דיג פון די זוימען. וואס אַמאָל איז ער אלץ נעהענטער צוגעקומען צו די
קופּעס. היינט האט מען שוין זיי געמוזט פאַרברענען.

האבען זיך ארום דריי אַזייגער אַלע קינדער א שפּאַר געטון דורך
דער שמאָלער טיר פון דער שוהלע, ווי א מחנה יונגע הירשען. מען האט

זיך געלאזט שפרינגען איבער פעלד, בארג און טאל. מארים האט שוין מעהר ניט געקענט איבערבלייבען כדי צו פארמאכען די פענסטער פון דער שוהלע, וואס ער פלעגט געוועהנליך טון. א זיסע אומרוה האט איהם ארומגעכאפט. די פיס האבען געביסען פון צו פיעל זיצען. דורך די זומער-חדשים האט ער זיך שוין פון דעם אפגעוואוינט, און ווי א הונט, וועמען דער ווינט האט פלוצלינג געבראכט דעם שפור פון דער פארלארענער היים, האט ער זיך א שאס געטון דורך דער לופט צו זייער פארם צו.

אין א ווילע ארום, בייסענדיג א לופטע ברויט מיט "דזשעם", האט ער זיך שוין קוים דורכגעזעהן דורך דעם רויך פון א גרויסען פייער. קופענווייז האט ער אויף די שפיציגע יונגע אקסלען געשלעפט גרויסע צווייגען און זיי געווארפען אין פייער אריין. א רויך האט זיך געליינט איבער'ן הימעל פון די נאסליכע בלעטער.

און וואס מעהר דער פייער האט געקנאקט, און אין וואס מעהר צווייגען און קוסטעס ער האט זיך אריינגעביסען, אלץ גרעסער איז מארים'ס פרייד געוואקסען, און אלץ בלישטשענדיגער זיינען זיינע אויגען געווארען. שטילע פישטשען האבען זיך געלאזט הערען פונ'ם פייער ארויס.

מארים האט געוואוסט, אז דאס זיינען די קלייניגקע פליגעלאך און אינסעקטען, וועלכע האבען געהאט זייער היים אין די צווייגען און אינ'ם האלץ. דער פייער האט זיי געפאקט אין מיטען. זיי האבען שוואך זיך-בעטענדיג געפישטשעט.

—זאלען זיי ברענען—האט מארים פריידיג ארומגעטאנצט.—זאלען זיי ברענען. וועמען ארט עס? דאס פעלד וועט שוין איינגיכען אפגעלייידיגט ווערען פון די צווייגען און ווילד-גראזען. דער פאטער וועט איהם צואקער'ן, דערנאך וועט מען איהם באשיטען מיט'ן דינגעם, צוגעטריקענטען הנאי, און אין א ווינטער ארום וועט עפעס אויסוואקסען פון דעם.

און אז דער פייער האט זיך געשטארקט, האט זיך מארים אין א טאנץ געלאזט געהן ארום און ארום, מיט'ן קאפ אויסגעשטרעקט פאר-אויס און ארונטער, ווי די אינדיאנער בשעת א קריגס-טאנץ, מיט שטומען געזאנג, אין פרייד, און פייערליכקייט.

---

ארום דער צייט איז שוין דער פאטער אונטערגעקומען מיט קיידי'ן און דיק'ן צום עק פעלד, וואו ער האט זיך געדארפט פארקירעווען. ער האט אפגעשטעלט די פערד, ארויסגענומען די ליולקע, אנגעשטאפט זי



מיט "בול-דיורהעם" און פארריובערט. זיין רעכטען פוס האט ער אנגעשפארט אויפ'ן אקעראייזען-רוקען, און דעם עלענבויגען—אויפ'ן פוס.

ער האט געקוקט אינ'ם מערב, דורכ'ן רויך פון דער ליולקע האט ער געזעהען, ווי די זון דערנעהענטערט זיך צום אונטערגאנג. עס איז געווארען קיהלער. די פערד האבען אנגעהויבען אונטערצוציטערן. האבען שווערליך געטאפעט. די אויערן און די קעפ זייערע זיינען ארונטערגעהאנגען.

א קיהל-רויטליך ליכט האט זיך אנגעהויבען שפרייטען איבער'ן לאגער ארום און ארום.

און דא האט ער א קוק געגעבען אויפ'ן אינגעל, זיין זוהן, ווי ער האט עס געטאנצט ארום פייער, ווי א ווילדער געצען-דינער, איז איהם מיט אמאל איינגעפאלען, אז איצט זיינען די לעצטע טעג פון עשרת ימי תשובה. מארגען איז ערב יום-כפור, און א געפיהל פון פרעמדקייט האט איהם ארומגענומען צום ארומיגען פעלד.

דער דאזיגער גרינשטיין איז אין זייגע יונגע יאהרען געווען א אידיש קינד. האט ער נאך געדיינקט, ווי פונקט אין דער צייט זיינען אין דער היים די בין-הזמנים געווען, מיט א גאטספארכטיגקייט און אן אומעט, און דא נאר הויבט זיך ערשט אן אין דער צייט דער שהל-יאהר און די פרייד. די פרייד פון די קינדער, פאר וועמען די ארבייט הויבט זיך ערשט אן און די פרייד פון די דערוואקסענע, פאר וועמען די שווערע זומער'דיגע ארבייט איז שוין אריבער.

—און וואס ווייס זיין קינד פון דעם, וואס א אידיש קינד דארף וויסען? אט איז מארגען יום-כפור... און וואס וועט פון דעם קינד אויסוואקסען? וועט דאס פיהלען כאטש א קליין ביסעלע פון דעם, וואס א אידיש קינד האט געוואוסט און געפיהלט אין אזוינע טעג ערשט מיט איין דור צוריק? און איז זיין זוהן נאר א אידיש קינד?

גרינשטיין האט די דאזיגע פראגע שוין גיט איינמאל געשטעלט, און שוין פון לאנג געוואוסט דעם ביטערען ענטפער אויף איהר. געוואוסט האט ער, אז זיין קינד איז איהם פרעמד און מיט זיין, גרינשטיין'ס, טויט וועט עפעס אפשטארבען אויף אייביג.

ער האט שטארקער געפיפקעט זיין ליולקע.

אינ'ם קיהלען סוף-טאג האט ער דערפיהלט א סקרוך איבער'ן לייב ביים געדאנק, אז דאס קינד פון זיינע לענדען איז איהם א פרעמדס, און אז ער האט זיך דערמאנט, אז איהם איז שוין באשערט אזוי אפצולעבען זיינע יאהרען אויף דער פרעמדער ערד און ארויסברייגען פון זיך א דור, וועלכער איז איהם פרעמד, איז איהם נאך קיהלער געווארען אינ'ם

[illegible]



אַזוענד, און פֿאַרביסען האָט ער די אונטערשטע ליפּ, ווי ער וואָלט אין זיך אַ לעבען אויף אייביג איינגעשלאָסען.

און אַז ער האָט ווייטער דערזעהן, ווי זיין זוהן טאַנצט עס אַרום דעם פייער מיט אַ פרייד און מיט אַ זיכערהייט, ווי ער וואָלט אַרויסגע-קומען פֿון אַ שטאַם, וועלכער לעבט שוין דאָ פֿון דורות-לאַנג, און וואָלט געווען אַ טייל פֿונ'ם אַרומיגען,—האָט צו איהם גרינשטיין דערפיהלט אַ נים-פֿאַרגינערישקייט—און אַ שנאה.

---

די בוימער און די שטיינערנע פאַרקענס אַרום פֿעלד האָבען דער-וויל אָנגעהויבען שפּרייטען שאָטענס צו מזרח-צו, צו דער בערגעלדיגער געגענד. אויפֿ'ן באַרג-שפּיץ האָבען זיך אָנגעהויבען לויכטען ווייסע הייז-לאַך אינ'ם שקועה-פלאַם. גרינשטיין האָט אויסגעשפּאַנט דעם פֿערד פֿונ'ם אַקער, אַריבערגעוואָרפֿען די פאַסטראָמקעס איבער'ן פֿערד'ס רו-קען, און זיך געלאָזט גהען צום טויער פֿונ'ם פֿעלד. מאַריס האָט אונטער-געטאַנצט הינטער איהם. מיט די אויגען האָט ער אַרומגעשטערט צווישען די שטיינער, און געזוכט אַ שלאַנגען-נעסט. אין די הענט האָט ער געהאַלטען אַן אויטאָמאַטיש צווייגעל, וועלכער ער פֿלעגט וואַרפֿען אויף אַ שלאַנגען-קאָפּ און עס גלייך אָפּהאַקען.

אַז זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿונ'ם פֿעלד אויפֿ'ן וועג אַהיים, האָבען זיי אַ קוק געגעבען אין מערב-זייט. אַ געשטאַלט האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון אויף יענער זייט בערגעל, פֿונ'ם טאָל, וואו דאָס הויז איז געשטאַ-נען. די געשטאַלט האָט זיך געשוואַרצט אויפֿ'ן בלויען הימעל, ווי אַ גרויסער בוים וואָלט זיך אויסגעריסעוועט אויפֿ'ן בלאָה.

אַ ווײלע איז די געשטאַלט קענען הימעל און געשווינגען. דערנאָך האָט זיך דער שוואַרצער בוים אָנגעהויבען באַוועגען און זיך דערנעהענ-טערן צו זיי. איצטער האָט דער נידעריגער, ברייטער בוים געהאַט שוין אַ לאַנגע, ווייסע באָרד, און איז געווען איינגעגאַנצען באַלויכטען פֿון שקיעה-גלאַנצען.

—דער טאַטע מוז אוודאי גהען דאַווענען מנחה אין פֿעלד,—האָט זיך גרינשטיין אַ טראַכט געטון.

און אַז זיי האָבען זיך אַלע דריי באַגעגענט, האָט זיך גרינשטיין אַ ווײלע אָפּגעשטעלט און אַרויפֿגעלייגט זיין האַנד אויפֿ'ן פֿערד.

—פֿאָהרען מיר, הייסט עס, טאַטע, מאָרגען גאַנץ פֿריה קיין פּ אָ ק י פּ ס י , איבער יום-כפּור.

דער אַלטער זעליג האָט אויף דעם גלייך ניט געענטפֿערט. ער האָט פּאַמעלעך אומגעפֿיהרט זיינע אויגען איבער'ן אַרומיגען לאַנד, און גע-

אַוועגד, און פֿארביסען האָט ער די אונטערשטע ליפּ, ווי ער וואָלט אין זיך א לעבען אויף אייביג איינגעשלאסען.

און אז ער האט ווייטער דערזעהן, ווי זיין זוהן טאַנצט עס ארום דעם פֿייער מיט א פֿרייד און מיט אַ זיכערהיים, ווי ער וואָלט ארויסגעקומען פֿון אַ שטאַם, וועלכער לעבט שוין דאָ פֿון דורות-לאַנג, און וואָלט געוועזן א טייל פֿונ'ם ארומיגען,—האָט צו איהם גרינשטיין דערפֿיהלט א נים-פֿארגינערישקיים—און אַ שנאה.

---

די בוימער און די שטיינערנע פארקענס ארום פֿעלד האבען דערוייל אנגעהויבען שפּרייטען שאָטענס צו מזרח-צו, צו דער בערגעלדינער געגענד. אויפֿ'ן באַרג-שפּיץ האָבען זיך אנגעהויבען לויכטען ווייסע הייזלאך אינ'ם שקועה-פלאם. גרינשטיין האט אויסגעשפּאנט דעם פֿערד פֿונ'ם אקער, אריבערגעוואָרפֿען די פאסטראמקעס איבער'ן פֿערד'ס רוקען, און זיך געלאזט געהן צום טויער פֿונ'ם פֿעלד. מארים האָט אנטערגעטאַנצט הינטער איהם. מיט די אויגען האָט ער ארומגעשטערט צווישען די שטיינער, און געזוכט אַ שלאַנגען-נעסט. אין די הענט האט ער געהאַלטען אן אויטאמאטיש צווייגעל, וועלכער ער פֿלעגט ווארפֿען אויף אַ שלאַנגען-קאפּ און עס גלייך אפּהאַקען.

אז זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פֿונ'ם פֿעלד אויפֿ'ן וועג אהיים, האבען זיי אַ קוק געגעבען אין מערב-זיים. אַ געשטאלט האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון אויף יענער זיים בערגעל, פֿונ'ם טאל, וואו דאָס הויז איז געשטאַנען. די געשטאַלט האָט זיך געשווארצט אויפֿ'ן בלויען הימעל, ווי אַ גרויסער בוים וואלט זיך אויסגעריסעוועט אויפֿ'ן בלאָה.

א ווײַלע איז די געשטאַלט קענען הימעל און געשווינגען. דערנאָך האָט זיך דער שוואַרצער בוים אנגעהויבען באַוועגען און זיך דערנעהענטערן צו זיי. איצטער האט דער נידעריגער, ברייטער בוים געהאט שוין אַ לאַנגע, ווייסע באָרד, און איז געוועזן אינגאַנצען באלויכטען פֿון שקיעה-גלאַנצען.

—דער טאַטע מוז אודאי געהן דאַווענען מנחה אין פֿעלד,—האָט זיך גרינשטיין א טראַכט געטון.

און אַז זיי האבען זיך אלע דריי באַגעגענט, האט זיך גרינשטיין א ווײַלע אפּגעשטעלט און ארויפֿגעלייגט זיין האנד אויפֿ'ן פֿערד.

—פֿאָהרען מיר, הייסט עס, טאַטע, מארגען גאַנץ פֿריה קיין פּ אָ ק י פּ ס י, איבער יום-כפּור.

דער אַלטער זעליג האָט אויף דעם גלייך נים געענטפֿערט. ער האט פאמעלעך אומגעפֿיהרט זיינע אויגען איבער'ן ארומיגען לאנד, און גע-



טראַכט, דערנאָך האָט ער אנגעהאנגען זיינע בליקען אויפֿ'ן איניקעל, און באלד נאכדעם—אויפֿ'ן זוהן, מיט'ן הארעפּאשנע-צואַקערטען געזיכט און מיט די טונקעלע אויגען, פֿון וועלכע עס האט אן אומרוהיגקייט ארויסגעקוקט. עס איז אבער געוועזן קענטיג, אַז ער זעהט איהם נים. פאמעליך און מיט ישוב-הדעת האט ער געשאָקעלט מיט'ן קאפּ הין און צוריק;—ניין מיין זוהן, איך פֿאהר נים. איך וועל שוין בלייבען דאָ.

---

און מיט עטליכע שעה שפּעטער, אינ'ם שווינגענדיגען אוועגד אויפֿ'ן לאגד, זיינען די דריי געזעסען אויף דער וועראנדע. א טונקעלקיים האט געשפּראָצט פֿון די ארומיגע בערגלאך און טאָלען. מען האט שוין נעהאָט אויסגעמאָלקען די בהמות. פֿון דער גראָזיגער פֿינסטערניש, פֿון די פֿעלדער, וואו זיי האבען זיך איצט געפּאשעט, האָט זיך געלאזט הערען דער געקלאנג פֿון זייערע גלעקלאך. דאס קלינגען האט אלע ווײַלע איבערגעריסען דעם חלום פֿונ'ם אוועגד. און ווידער איז דער אוועגד אנדרימעלט געוואָרען.

אינ'ם הויז, וואָס האט מיט זיינע פֿענסטער געלויכטען אין דער בערגיגער געגענד אריין, אַז אויג פֿון דער נאכט, איז די שנור געשטאַנען איבער דעם קרים-סעפּאראטאר, און אפּגעטיילט די סמעטענע פֿון דער מילך.

פֿארוואָס, טאַטע, וועסטו נים פֿאהרען אין שטאָדט אריין אויף יום-כפּור?

א שטיק צייט האָבען זיי ביידע געשוויגען, אויפֿ'ן פֿארמערישען איפֿן. נעפּיפּקעט די ליולקעס און געהיט יעדער פֿאַרטראַכט אין באזונדערע רעיונות, וועלכע זיינען אפֿשר געוועזן איינע און דיזעלבע. אומפֿארשטענדליך און מאָדנע האָט עס גרינשטיינ'ען אויסגעקוקט דעם טאַטענ'ס בלייבען אין דער היים אין אַזאַ טאָג.

—איך בין שוין צו-אַלט, מיין זוהן,—האט איהם ר' זעליג געענטפֿערט מיט א פֿייער'ל-גליה פֿון דער נאכט ארוים.—שווער איז פֿאר מיינע אלטע ביינער די דאָזיגע רייזע אין אַ וואגען פֿאַר גאַנצע פֿופֿצעהן מייל. גאָט וועט שוין מיר מוחל זיין. איך האב איהם דאך אַזאַ לאנגע צייט אַזוי כשר געדינט. כיש'קשה, ער וועט שוין פֿארשטעהן מיין נעמים.

און נאך א ווײַלע שווייגען, האט ער צוגעגעבען:

—אויסער דעם וויל איך נים איבערלאָזען די מאַמע אליין אין אַזאַ טאג.

און ביי די ווערטער זיינען אַלע ווידער אנטשוויגען געוואָרען. די מאַמע, ר' זעליג'ס פֿרוי, איז געוועזן א לעבעדיגע טויטע, און וועגען איהר

האָט מען זעלטען געהערט. אומהיימליך האָט מען זיך געפיהלט ביים געדאַנק, אַז זי איז נאָך צווישען די לעבעדיגע. אין א ווינקעל מח האט מען די עראינערונג פון איהר פארשטופּט, פונקט ווי זי גופא איז געווען פאַרשלאָסען אין א חדר פון׳ם משוגעים-הויז, וועלכער האט זיך געפונען אויפ׳ן שרומום-בערגעל, לינקס פון׳ם הויפּטוועג.

נאך אינ׳ם סאַמע ערשטען יאהר פון זייער קומען אהערצו אין לאנד, איז זי משוגע געוואָרען. געריהרט האָט זי זיך פון מח נאך דארטען. נאר א פנים, אַז דער שרעק און די גרויל זיינען דארט אויפ׳ן פלאץ געווען צו-שטאַרק, אַז מען זאל זיי קענען אקוראט באַרייפען. אָבער זיי זיינען פאמעלעך אין איהר געוואַקסען און צייטיג געווארען.

ערשט דאָ, אין דעם רוהיגען בערגיגען געגענד אין קינג׳ס קאונטי, ווען זי איז אין איינעם א טאג אזוי געגאַנגען איבער׳ן זאַמדיגען וועג און האט זיך געוואונדערט איבער דער שטילקייט און זוניגקייט פון דער געגענד ארום, ווי זי וואלט פארבלאָנדזשעט אין א גן-עדן התחתון, האָט זי פלוצלינג פאר זיך דערזעהן:

אויף א שפּיץ באַרג, אין דער ליכטיגער זוניגקייט, זייען אין א רייה אויסגעשטעלט געווען איהרע קינדער, די צוויי זיהן און דריי טעכטער, וועלכע זיינען געשאָכטען געווארען אין אַ צייט פון אַ פּאגראם, קעגען דעם בלויען הימעל, פון וועלבען א היציגע ליכטיגקייט האָט געציטערט, זיינען איבער זייערע קלארע העלזער ריטשקעלאך בלוט געריננען.

און די קינדער זיינען געווען איהרע קינדער.

האבען זיך די אויגען איהרע דאמאלס שטארק צועפּענט און מעהר האבען זיי זיך ניט פאַרמאכט. אויף איהר גאַנצען לעבען איז זי פאַרבליבען מיט אפען-זעהענדיגע אויגען, וואָס איז ניט גוט פאַר קיין מענשען. האָט מען זי געמוזט פאַרשפאַרען אין א משוגעים-הויז.

---

איז געבליבען, אַז ר׳ זעליג וועט שוין מאָרגען ניט פאהרען, נאר דאָ האט זיך מאָרים צוגעשאַרט און ארויפגעלייגט די האנד אויף דעם איינגערען גרינשטיינ׳ס קניע:

—מאַמע, אָבער מיך וועסטו דאָך מיטנעמען?

און גרינשטיין האָט אויף איהם א קוק געטון אין דער פינסטער, און א טראַכט געטון:

—צו וואס? צו וואס געהערט ד ע ר אהין?

נאָך דער אלטער זעליג האָט א שלעפּ געטון דעם זוהן ביים ארבעל און איהם אויפ׳ן אויער געזאָגט:



—דו נעהם איהם מיט. זאָל ער עפּעס זעהן! בעסער אזוי. זאל ער דא איינגאַנצען ניט פאַרפרעמדט ווערען.

און דער זוהן האט ברוגז׳דיג-קאַלט מסכים געווען.

---

און דעם אינגעל האָט זיך שוין א גאַנצע נאַכט געפּלאנטערט אין קאפּ די שענע שטאדט פ א ק י פ ס י, וואָס ליגט אויף אַ באַרג ביים ברעג האדסאן, און דער הויכער אייזערנער בריק, וואס הויערט איבער׳ן טייך, איבער וועלכען זיי דאַרפען אריבערפאַהרען, און די ליכטיגע ווייס געפאַרבטע דאַמפּערס, וועלכע גליטשען זיך אויפ׳ן וואַסער פון אַ ל ב א נ י קיין נ י ו - י א ר ק, און צוריק, אזוי יעדען טאג דורכ׳ן זומער, ווי זיי וואלטען געווען ווייסע חלומות פון׳ם טייך.

און אין דער פריה איז ער אויפגעשטאַנען א ליכטיגער און א פרייליכער, גרייט צו א גרויסען יום-טוב, און האט זיך ארומגעוואַשען מיט קאַלטען וואַסער. אז ער האט ארויסגעקוקט דורכ׳ן טיר, האט ער דערזעהן, אַז די וועלט איז א נייע.

דערנאך זיינען זיי עטליכע שטונדען געפאהרען אין דער לייכטער, צוויי-רעדער׳דיגער "באַגי", צווישען זון-באַגאָסענע פעלדער און אין רויט-גראָזיגע טאלען, פאַרביי ווייסע פארם-הייזלאך און פעלדער, אויף וועלכע מען האט די לעצטע היי געקאָשעט אדער צוגעגרייט די ערד פאר׳ן זייהען דעם ווינטער-ווייץ.

די בלעטער זיינען געווען רויט, און בלוי, און שארלאך, און פון׳ם קאליר פון בוריקעס.

און די ארומיגע גוים האבען זיך געוואונדערט, וואס עס איז פאר א יום-טוב ביי דעם אידען, וואָס ער האָט אוועקגעלייגט די אַרבייט אין אַזאַ "ביזי" צייט. נאר אַ איד איז דאָך אלעמאל א מאדנע-פרעמד באַשעפעניש, וואס פאר דעם קען מען בלויז דרך-ארץ האבען אדער שטאַרק האבען פיינט, און ערשט קיינמאָל ניט וויסען. האבען זיי זיך אפגעקעהרט אָן א זייט, אויסגעשפיגען און ווייטער געארבייט.

און אַז הערי גרינשטיין מיט זיין זוהן, מארים׳ן, האבען זיך ארום מיטאג-צייט ארויפגעקראפקעט אויפ׳ן לעצטען באַרג, פון וואַנען עס האט זיך שוין געזעהן די שטאט פ אָ ק י פ ס י, מיט פאבריק-קוימענס און דעכער, וואס האבען געגלאַנצט אין דער זון, מיט דעם בלוי-גרינעם טייך אונטען ביים באַרג-זוים און די טונקעל-פארריכערטע צונגען, וואָס האבען פרעהליך ארומגעשמייעט, ווי לאַנגע, פיל-גלידערדיגע חיות,— האט מארים׳ן ארומגענומען אַזאַ פרייד, אַז ער האָט אַזש אנגעהויבען צו



קיזלינג — א בילד.

שרייען און צו טאַפּטשען מיט די פֿיס אינ׳ם וועגעלע. אויפֿ׳ן באַרג-שפּוע, צום טייך-צו האָט זיך אויסגעשפּרייט א נייע וועלט, אַ יום-טוב׳דיגע און א יונג-פֿריידיגע.

—טאַטע—האָט ער אויסגעשריען—זעה! ... זעה! .. זעה! ... ס׳אַראַ מאָדנע גאָלדענע פֿויגלען!

אויף די פּאַרקאַנעס פֿון די ערשטע הייזער האָבען געריהט עטליכע „גאָלדען פֿינטשעס,“ אינגאַנצען פֿון גאָלד, בלויז מיט שוואַרצע שנעבע-לאַך און אַ שוואַרצען שפּיץ עקעלע. זיי האָבען אַנגעקוקט די וועלט פֿאַרווירט, פֿאַרבלאָנדזשעטע און זעלטענע פֿויגלען.

און דער אינגעל האָט געשריען אין גרויסער פֿרייד.

—זעה טאַטע, קוק נור אָן, ס׳אַראַ גאָלדענע פֿויגלען! פֿויגלען פֿון גאָלד!

גרינשטיין אבער האָט אויף איהם אַ זייטיגען טרויעריגען קוק גע-געבען און געפֿרעגט ביי זיך אין דער שטיל, אויב זיין זוהן דיינקט נים, אַז היינט איז שמחת-תורה.

דער זוהן האָט גאָרנישט געדיינקט. איהם איז בלויז געווען פֿריידיג און זוניג.

---

לאָמיר דאָ איבערלאָזע דעם זוהן און דעם טאַטען אין דער קליינער שיהל פֿון דער קאָנגרעגיישאָן „תפוצות ישראל“, און זיך אומקעהרען צום זיידען.

---

א חלום פֿון ווייסע פֿעלדער האָט זיך דורכגעטראָגען אין דער קאַלט-ווערענדיגער לופֿט.

ביינאַכט האָט מען אין שטוב אונטער די אריבערגעצויגענע קאָלד-רעס געציטערט. אינ׳ם פֿריהמאָרגען האט מען אין דער קיהל פֿון די חדרים גרויליכע פּאַרעס געלאָזען רעדלען זיך. און אז מען איז שפּעטער אַרוים אין דרויסען, האָט אַ באַהאָרטע ווייסקייט זיך געשפּרייט אויפֿ׳ן גראָז.

אויף יענער זייט פֿון די וויטליכע קעטסקיל-בערג האט דער שנעע שוין געוואָרט, א ליכטיג-שמייכלענדיגער.

אין דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט, דער נאַכט פֿון יום-כפור, האט דער אַלטער ר׳ זעליג אַ חלום געהאַט, א חלום פֿון ווייסע פֿעלדער.

ער איז געגאַנגען אליין איבער אַ באַשנעעטען פֿעלד. ער איז גע-גאַנגען און געגאַנגען און האָט נים געזעהן קיין סימן פֿון קיין בוים, אדער

הויז, אדער מענטשען. ער איז געווען גאר אליין אויפ'ן שנעע'איגען פעלד. איז ער מיד געווארען, און זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן שנעע. איז ער נאך מידער געווארען און האט זיך אנידערגעלייגט. און אז ס'איז שוין געווען אזוי גוט, האט ער זיך אויסגעציהען און איינגעשלאפען, דער שנעע האט איהם צוגעדעקט, און איהם איז געווען ווארים.

און מיט חדשים שפעטער איז די זון אויפגעגאנגען, און עס איז געווארען פריהלינג, און אז די זון האט שטארקער געווארימט, איז דער פלאץ, וואו ער איז איינגעשלאפען, אפגעדעקט געווארען פונ'ם שנעע, נאר ער איז שוין דארטען נים געווען. בלויז צייכענס פון א מענשען האבען זיך איינגעקריצט אין דער ערד, ווי סמנים פון א פאר'מבול'דיגען בוים.

און ער האט זיך אויפגעכאפט, און עס איז געווען א חלום.

און אז ער איז אויפגעשטאנען אינ'ם סוף-נאכט, האט איהם גלייך א קלאפ געטון אין קאפ, אז דאס איז זיין לעצטער טאג.

און ווייבאלד אז עס איז זיין לעצטער טאג, האט ער קיין סך נים גערעדט, נאר ארומגעגאנגען פון בעט, זיך נים איינגעוואשען—עס איז דאך געווען יום-כפור—און אינ'ם שיין פונ'ם לעמפעל, וואס האט א גאנצע נאכט געברענט, האט ער אנגעהויבען זאגען דעם יום תהלים, וואו ער האט געהאלטען.

א שטיק צייט האט ער געזאגט אזוי געשמאק, און אז עס איז געקומען צום פסוק: "אל ההרים אשא עיני, לאין יבוא עזרי..." האט ער דורכ'ן בלייך-ווערענדיגען פענסטער ארויסגעקוקט אין דרויסען, וואו די פריהמארגען-דעמערונג האט געגרויט, און דער ווייטקייט האט זיך אנגעהויבען ארויסשיילען די פארנעפילטע שפיצען פון די קאטסקיל-בערג. א ווייל האט ער געטראכט אזוי, און דערנאך געפרעגט ביי זיך מיט א שטילען אינווייניגסטען קול:

—וואס וועט זיין מיט מיין זוהן? און וואס וועט זיין מיט מיין אייניקעל?

נאר קיין ענטפער האט ער נים געקראגען. האט ער ווייטער געזאגט תהלים פאר זייערע נשמות, פאר די נשמות פון די לעבעדיגע.

---

נאר אין דער פריה, אז די זון איז אויפגעגאנגען און דער הארינגער ווייסער שטויב איז פונ'ם גראז אנטרונגען געווארען, איז געווארען וואַרימער, האט זיך דער אלטער ר' זעלינג דערפיהלט שטארקער און געזינטער, און האט נאר פארגעסען אן דעם חלום פון דער לעצטער נאכט.

פֿאַרקעהרט, ער האָט זיך נאָך אנגעהויבען פֿיהלען פֿריידיג, ווייל ער האט געטראַכט פֿון דעם בעזוך, וואָס ער וועט מאַכען זיין פֿרוי היינט ביימאָג.

ביים דאָזיגען געדאַנק האָט ער זיך אנגעהויבען פֿיהלען יום-טובדיג, און האָט זיך אנגעטון אין זיינע שענסטע און בעסטע בגדים, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז געווען יום-כפור, ווייל ער האט מעהר ניט געוואָלט טרויערן.

און מיט א זיכערן טראָט און א יונגען גלאַנץ אין די אויגען איז ער ארונטער די טרעפּ און זיך געלאזט געהן צום הויפּט-שאָסע, וועלכער שניידט דורך דאס גאַנצע לאנד, פֿון מ ע ן ביז ס א ן - פֿ ר אַ נ - צ י ס ק א .

אויפֿ'ן דאָזיגען הויפּט-שאסעי, וועלכער איז געווען טונקעל-בלישטשענדיג פֿון דעם בוימאייל, מיט וועלכען ער ווערט פֿון צייט צו צייט באַגאָסען, כדי קיין שטויב זאל זיך אויף איהם ניט אויפֿהויבען, איז ער געגאַנגען פֿאר שטונדען און שטונדען און האָט זיך אלץ געוואונדערט, פֿארוואס ער פֿיהלט זיך גיט מיד. פֿיעל זאַכען האט ער אין דעם טאג איבערגעטראכט.

געטראַכט האָט ער אויך וועגען זיין זוהן, און האט גאַנץ גוט געפֿיהלט זיין ביטער הארץ. און ער האָט אויך געטראַכט וועגען זיין איינִיקעל און וועגען זיך, און וועגען זיי אלעמען. און ווען ער האָט געטראַכט וועגען זיין איניקעל, איז איהם באַפֿאַלען אַ געמישט געפֿיהל פֿון פֿרייד מיט שטילען טרויער.

און ער איז ווייטער געגאַנגען.

---

ארום מיטאָג-צייט, ווען די זון האט זיך געשטארקט און איז פֿון איהר דרום-מזרח'דיגען ווינקעל ביז הויך אינ'ם מיטען-הימעל ארויפֿגעקראפֿקעט, איז ר' זעליג אנגעקומען ביז יענעם אָרט אינ'ם הויפּט-שאסעי, וואו עס פֿארנעמט זיך דער וועג ליגקס צום משוגעים הויז.

דאָרט, ארום און ארום דעם ציגעל-הויז, האט ער זיך אַ שטיק צייט געדרעהט און אלץ ארויפֿגעקוקט צו די ליכטיג-בלאַנקענדיגע שויבען, וועלבע זיינען געווען אָפֿען אין דעם שטיל-הערבסטיגען טאג אריין.

אויף יענער זייט פֿון איינעם פֿון די דאזיגע פֿענסטער איז אויף א בעט געלעגען זיין ווייב, ביי וועמען די אויגען האבען זיך פֿריידיג פֿונאַנדערגעעפֿענט פֿון דער רוה און שענקייט פֿונ'ם ארומיגען לאנד, און איהר איז אומגלייבליך-גוט געווארען. אין דער אומדערוואַרטעטער און



צו-גרויסער פֿרייד האט זי אַ בייזען חלום דערזעהן, האָט זי די אויגען שוין מעהר נים געקאָנט פֿארמאַכען. אָפֿען-דערשראָקענע און פֿאר-חלום'ט-חיימזעהענדיגע זייגען זיי ביי איהר געבליבען אויף איהר גאַנץ לעבען.

ער האָט זיך איצט דאָ ארומגעדרעהט, ווי אַ פֿריגעל קרייזט זיך ארום א שטייגעל, וואו עס איז פֿארשפּאַרט די מוטער פֿון זיינע עופֿ'לאך. און דאָ, אַז די מיטאג-זון איז אלץ שטארקער געווארען, האָט זיך איהם ווידער דערמאנט דער חלום פֿון דער לעצטער נאַכט.

נאר מאָרגע—ער האט נאר קיין ווערטאָג און קיין טרויער גיט געפֿיהלט, ווייל ער איז שוין געווען זאַט אין יאהרען און האט פֿארבראכט זיין עלטער א באַרוהיגטער, אין א פֿרידליכען לאנד, וואו מענשען זיינען געבענשט צו שטאַרבען מיט זייער איינענעם טויט.

אַן אפּשיער-בליק האט ער בלויז אויפֿגעהאנגען וואָס האט מיט א גרויליכער לופֿטינקייט אויפֿ'ן טאג ארויסגעקוקט, אין דער שטיל-בלויער לופֿט האבען נאַכאַנאַנד געטרעשטשעט און געקלונגען די "קריקעטס", וואס דאס איז געווען דער געזאַנג פֿונ'ם לאנד ארום.

און ר' זעליג האָט געבעטען גאט, אַז ער זאל מוחל זיין זיין פֿרוי, פֿארוואָס זי איז נים אימשטאַנד אפּצוהיטען דעם הייליגען טאָג, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און זאל אויך מוחל זיין טאקע איהם גופֿא, ר' זעליג בר' משה'ן, פֿארוואָס ער פֿיהלט זיך גארניט אזוי טרויעריג און ציטער-דיג-עהרפֿורכטיג אין דעם דאזיגען טאג.

—כ'האָב שוין נעגוג, גאט—האט ער גערעדט—געטרויערט און געפֿייניגט זיך אין מיין לעבען מיט מיין איינענעם ווילען, אויסער די פֿילע פּייניגונגען, וואָס פֿרעמדע האבען מיר פֿארשאפֿט. און איצט איז אויפֿגעגאַנגען מיין טאג, א ליכטיגער און אַ זוניגער, און איך וויל מיר מאַכען א יום-טוב. און דער נייער דור, וואָס קומט ארוים פֿון מיינע און מיין גלייכענ'ס לענדען, זאָל אויך מאכען א יום-טוב. און לאמיר פֿארענדיגען אונזערע טעג אין פֿרייד און אין זונינקייט, ווייל מיר האבען שוין צופֿיעל געטרויערט.

אָט אַזוי האָט ער גערעדט.

---

און ער איז ארומגעגאַנגען א גאַנצען זוניגען טאג איבער די בערג און טאָלען פֿון דעם פֿרעמד-שטילען לאנד און געוואָרפֿען זיינע בליקען איבער פֿעלד און וואַלד און אויף די איינציגע פֿארמער-הייזלאך, וואָס האבען זיך דאָ און דאָרט געוויזען פֿונ'ם גרינס ארוים. עס האָט אויסגע-

זעהן, ווי ער וואלט באַקוקט א לאַנד פאַר זיינע קינדער, און ער האָט געזעהען, אַז עס איז גוט.

און אַז די זון איז קיילעכדיג און רויט געוואָרען, ווי אַ גרויסער גאָלדענער טאַץ, האָט זיך אַן אנגענעמע מידיגקייט איהם אנגעהויבען שפּרייטען איבער אַלע אברים אויף'ן וועג אהיים איז ער אריין אין אַ פּויערישער הייזעל און האָט געבעטען, מען זאָל איהם געבען אַ גלאָז מילך, ווייל ער איז דורשטיג.

און די אומבעקאַנטע גויע האָט דעם אַלטען אידען מיט דער לאַנגער שיווער באָרד באַגעגענט מיט אַ גאַסטפריינדליכען שמייכעל און איהם געגעבען צו טרינקען.

פאַרשטאַנען די בקשה, וועלכע ר' זעליג האָט אין אידיש ארויסגערעדט

און ר' זעליג האָט געדאַנקט די פרוי, און גאָט.

און ער האָט זיך מתיר געווען צו טרינקען אום יום-כפור, ווייל ער האָט שוין אין זיין לעבען גאָר אסך געפאַסט, און אלע זיינע זינד זיינען איהם שוין זיכער אין פאָראויס פאַרגעבען געוואָרען.

מיט'ן פאַרנאַכט איז ער אנגעקומען אהיים.

מיט די ערשטע מוצאי-יום-כפור'דיגע שטערען איז ער ארויס אויפ'ן הויף און מחדש געווען די לבנה. דערנאָך האָט ער אויפגעזוכט א דריי-נעל און איהם אנגעהויבען אריינקלאַפּען אין דער ערד אריין, אַן אנהויב פון א סוכה ער האָט דערפיהלט, ווי א יונגקייט קוואַלט איהם אויף אין זיין בלוט. איינזאַמע קלעפּ האָבען פריידיג אפּגעהילכט אינ'ם אווענד און אינ'ם לבנה-ליכט.

ווי ער איז אזוי געשטאַנען איינגעבויגען און האָט געקלאַפּט מיט דער איבערגעקעהרטער זייט פונ'ם האַק אין דריינגעל אריין, האָט ער זיך מיישב געווען, אז אפשר איז עס גאָר נים נויטיג. אפשר דאַרף מען מעהר נים קיין סוכות? — —

איז ער ארויף צו זיך אין חדר און אַ שטיק צייט געשריבען און זיך די איבערגעבליבענע שווערקייט פון הארצן ארונטערגעשריבען.

און אַז די קינדער האבען זיך פאַרזאַמט צו קומען פון שטאָדט, איז ער ארונטערגעגאַנגען אויף דער וועראַנדע און אַ באַרוהיגטער זיך אריינגעזעצט אין א שאָקעל שטוהל, און די מידיגקייט האָט זיך אין איהם פאַרשטאַרקט, און ער איז איינגעשלאָפען.

און אַז דער טאַטע מיט'ן זוהן זיינען אין שפּעט-נאַכט געקומען פון זייער יום-טוב'דיגער נסיעה, האָבען זיי געפונען ר' זעליג'ן שלאָפענדיג אין זיין שטוהל.



האָבען זיי איהם געפרואווט אויפוועקען, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט-נאַכט און די לופט איז געווען קאַלט, און אז זיי האָבען איהם נים געקענט אויפוועקען, האָבען זיי געוואוסט, אַז ער איז טויט.

האָבען זיי אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געשריי, ווי דער שטיינער איז אין אַזעלכע פאַלען. און האָבען איהם ארויפגעטראָגען אין זיין צימער אריין און איהם אויסגעשטרעקט אויפ'ן בעט.

און מען האָט אנגעצונדען די לאָמפּ, ווייל עס איז דאָ א דין, אַז א פייער דאַרף אלעמאָל ברענען ביים געלעגער פון א טויטען, האָבען זיי דערזעהן אויפ'ן טיש אַ שטיק פאַרשריבען פּאַפּיער, געשריבען אין ר' זעליג'ס דראָבנינקע אותיות'לאך, האָט דער פאָטער אריינגעקוקט אין דעם און דערזעהן, אַז דאָס איז אַ מין בריף צו מאָריס'ן, נאָר אזוי ווי מאָריס האָט נים געקענט לייענען קיין אידיש, איז געשעהן אָט וואָס:

---

אין דער שפּעט-נאַכטיגער שעה איז דער פאָטער געזעסען אויף א שטוהל צווישען דעם בעט פונ'ם טויטען און דעם איינגעל מאָריס, וועלכער האָט פאַר איהם צוגעהאַלטען די לאָמפּ. אינ'ם געלבליכען שיין פון דער לאָמפּ האָט גרינשטיין געלייענט דעם בריף, וועלכען זיין פאָטער האָט געשריבען צו זיין זוהן. מיט א טרוקען, גלייך און ווייט קול האָט ער איהם געלייענט, ווי אַ זייטיגער. פון צייט צו צייט בלויז האָט ער א ציטער געטון, ווייל די קעלט האָט זיך געשטאַרקט אין דרויסען.

אָט איז דער בריף:

---

„מיין קינד,

אַ גאַנצען טאָג בין איך היינט ארומגעגאַנגען איבער פעלד און וועג.

די זון האָט שטאַרק געשיינט. מיין לעבען איז אויפגעקוואָלען אין מיר. נאָר איך האָב געפיהלט, אַז דאָס איז מיין לעצטער אויפציטער, אַז דאָס איז מיין לעצטער טאָג.

איך וועל אינגיכען שטאַרבען—אויף א פרעמדען לאַנד.

*

מעסערס פלעגען אלעמאָל שניידען מיין הארץ ביים דאַזיגען געדאַנק. וואָס איז דער וועהטאָג פון לעבען אויף א פרעמדען לאַנד אין פאַרגלייך מיט דעם שטאַרבען אין א פרעמדער לאַנד? אפילו די לעצטע זונינע טעג פון מיין לעבען פלעגען איבער דעם פאַרטונקעלט ווערען.

און אין די פינסטערע נעכט, אליין מיט מיין געדיכטער שווארצקייט, פלעג איך גאט בעטען, ער זאל מיינע ביינער אומקעהרען צו יענעם לאנד, וואו איך, און מיינע עלטערן, און מיינע עלטערנ'ס עלטערן זיינען געבארען געווארען, און וואו אונזער לעבען איז שוין איצטער געקומען צו א סוף.

דאס לאנד, וואס איז פארבליבען מיין לאנד, אויף אייביג און אייביג, ביז מיין לעצטען טאג.

*

נאר היינטיגען טאג, געהענדיג אזוי איבער זונינגען שטעג און וועג, איז מיר גרינג געווארען.

איך האב געזעהן, אז דאס לאנד, וואו איך און דו וואוינען, איז דיין לאנד, וועט ווערען דיין לאנד.

איך ווייס, מיין קינד, אז דו וואקסט מיר אויס א פרעמדער, און אז מיין שפראך איז נים דיין שפראך, מיינע מנהגים זיינען נים דיינע מנהגים, מיין אופן לעבען איז נים דיין אופן לעבען.

איך וועל דיר פארבלייבען פרעמד. אין בעסטען פאל—א מאדנער, ארימער, ווייטער קרוב.

דיין פאטער ווייס עס אויך, דעריבער איז זיין הארץ אזוי בלוטיג און פארוואונדעט, און זיינע אויגען פארטונקעלט, און א שנאה פיהלט ער צו דיין פריידינקייט.

פארדייצק איהם נים, מיין קינד. ער ווייס, אז ער איז דער לעצטער. ער איז אן עקר און ווי א דארען אין דער וויסטעניש, וועלכער ווערט פארוויאנעט אהן א בלאט און אהן א פרי. זיין לעבען ווערט איבערגעהאקט אויף אייביג.

*

און איך—איך ווייס עס דאך אויך.. און דאך—איך שטארב שוין איצט א בארוהיגטער, מיט א שטילען הארץ און קלארען קאפ. און וואס איז, אז דו וועסט מיר א פרעמדער בלייבען? און וואס איז, מיין גאנצער אמאליגער לעבען און דאס לעבען פון מיינם גלייכען וועט דיר אויסקוקען, ווי דאס לעבען פון עפעס א חייטען, ווילדען שבט? אבער א לאנד וועסטו דאך האבען, וואו דו וועסט קאנען פרייד זיין א נאטירליכע און א געוועהנליכע זאך, און זי וועט פון דעם נים משוגע ווערען. און דיינע זיהן און טעכטער וועלען



זיך אין א זונינגען טאג נים שווארצען אינ'ם זומער-בלאה אויף א בארג.

א, ס'איז געטוג... א דאנק דיר, גאט... כ'האב דערלעבט א גליקליכע עלטער. רוה.

*

מיין קינד,

איך זעה איבער די אקסלען פון מיין זוהן, דיין טאטען.

איך ווייס, אז דו וואקסט מיר אויס אן אנדערער און א פרעמדער, און וועסט זיך אויסמישען מיט די ארומיגע.

נאר האב איך דען א הארץ צו פארלאנגען, אז דו זאלסט בלייבען דער זעלבער, וואס איך, און פיהלען אויף זיך די פייניגונגען און שנאה פון דער גארער וועלט?

זאל שוין זיין גענוג! לאמיר זיך פרעהען מיט דער פארלייכטערונג פון אונזער לעבען, וואס מיר קריגען, לאמיר מאכען א יום-טוב א גרויסען אין אונזערע לעצטע טעג.

*

און איצט איז מיר שוין גוט. דא שטארב איך און דא הויבסטו אן לעבען, אין דיר, דורך דיין וויאנעדיגען פאטער, בין איך ענדליך אנגעקומען צו א ברעג.

איצט שטארב איך מיר רוהיג אויפ'ן פרעמדען לאנד. וואס—דא איז דאך פארט ווארימער... דא וועל איך דאך זיין באגראבען,—אויף דיין לאנד.

דיינע אייניקלעך וועלען מיך דאך נים אויסגראבען פון קבר און ווארפען פאר די הינט, מיין קינד?...

א— — —איך בין שוין מיד טראכטענדיג. היינט איז מיר דאך גוט—איך שטארב—איך וועל אויפשטעהן — אויף דיין לאנד."

בושקול, פענסילווייניא.

---

## אַקעגנאיבער פֿון מיין פֿענסטער.

(פֿון בוך נאַקעטע לידער).

אַקעגנאיבער פֿון מיין פֿענסטער וואוינט אַ פֿרידליך הויז-געווינר,
מיט אַן שטוהלען זענען וויים, לערענט הויך אַ פֿלייסיג קינד;
אַקעגנאיבער פֿון מיין פֿענסטער וואוינט די רוה,
און פֿריהלינג איז—
און ערגעץ אין אַ קעלער-שטוב טרערט די כעץ פֿון אַלטע צינגעל,
קוקט מיט גרינע אויגען פֿון די ווענד,
שטרעקט אויס אומזיכטבאַרע הענד,
און עמיץ ליגט דאָרט, דושעט זיך אין קראַנקען הוסט.

אַקעגנאיבער פֿון מיין פֿענסטער איז אַ שוואַלבען-נעסט,
אויסגעקלעבט און אויסגעבעט און האַלט זיך אין אַ ווינקעל פֿעסט,
און יונגע צוויטשערן: מוטער... מוטער... טר...
און מוטער הויך אין אויר פֿליהט אום פֿריי,
און פֿריהלינג איז—
און ערגעץ אין אַ יאַטקע הענגען שטיקער טריפֿענדיג פֿון בלוט,
און אין דער מיט
שטעהט אַ בייזער מאַן, און ציהט אַראָב אַ ווייסע פֿעל
פֿון טויטען לאַם, וואָס הענגט אַראָב אויףביידע הינטערדיגע פֿיס.

און איך—
איך האָב געגעסען זאַלץ און ברויט,
און האָב געשריבען אויף אַ ווייסען בלאַט
אַ ליעד פֿון רוה און גליק.
און מיינע בלוטען זענען רוהיג, מיין נשמה זאַט,
און נור דער גייסט איז ניכטער, ווי אַ דיכטער-דענקמאַל
אין דער זון,
וואָס שטעהט פֿאַרשטיינערט, ערענסט, מאַהנענדיג און שטום.



אַקעגנאיבער פֿון מיין פֿענסטער, אויף דעם בלאָען
האָריזאָנט, איז דאָ אַ פֿריעדליך דאָרף,
און ערגעץ דאָרט אין דאָרף טראַגט איצט אַן אַכצעהניעהריגע
דעם ניינטען חודש שוין אַ קינד,
און וואָרט געבראָכען אויף די קומענדיגע טעג,
און גערען וואָלט זי מיט אַ זעג
צערזעגט די בלוטענדיגע בלום, פֿון נעכטליכער און
ליידענשאַפֿטפֿולער ליעבע.

---



## אידיש און העברעאיש.

דאס ערנסטע אין דער מלחמה צווישען די העברעאיסטען און אי-דישיסטען איז וואָס זיי פֿאַרניכטען זיך זעלבסט אין זייער בלינדער פּאַרטייאישקייט.

די שפּראַכען-פֿראַגע איז הויפּטזעכליך אַ פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלע פֿאָרמען און איגנאָרירענדיג די זייט פֿון דער פּראָבלעם, פֿאַרבלאָנדזשעט מען ס'רוב אין די הרי חושך.

ווען מען פֿאַרשטעהט אבער אז אַ שפּראַך איז פֿריהער פֿאַר אַלעם אַ אוצר פֿון געזאַמעלטע און געשאַפֿענע נאַציאָנאַלע פֿאָרמען דאַן קען נים זיין קיין פֿראַגע פֿון וועלכער שפּראַך נור פֿון וועלכע פֿאָרמען?

און ווי אזוי קען אַ העברעאיסט שרייען "נים אידיש" אויב אידיש איז אַ מוזעאום פֿון פֿאָלקסטימליכע פֿאָרמען און באַגריפֿען.

און ווי אזוי קען אַ אידישיסט זיין געגען העברעאיש ווען אויך די שפּראַך איז אַ אוצר פֿון נאַציאָנאַל-אידישע פֿאַרבען, ליניען און קלאַנגען.

ווען עס עקזיסטירען צוויי מוזעאומס, אדער צוויי לעבעדיגע קונסט גאַלעריעס קען מען העכסטען ליעב האבען איינע מעהר פֿון דער צווייטער אבער פֿאַרניכטען איינעם פֿון זיי איז אונזין... אמת נאַציאָנאַלע מאָנומענטען קענען נור סטיכיש אדער פֿון באַרבאַרען פֿאַרניכטעט ווערען.

און אפֿילו ווען זיי ווערען פֿאַרניכטעט לעבען זיי, עקזיסטירען זיי אויב דאס פֿאָלק וואָס האָט זיי געשאַפֿען לעבט און שאַפֿט.

מען קען נים זיין געגען אידיש אדער געגען העברעאיש, ווען מען פערשטעהט וואס א שפראך איז.

מען קען העכסטען זאגען איך האב ליעב בעסער העברעאיש אדער איך האב ליעב בעסער אידיש. און דאס וועט אונז אין א געוויסער מאס אויפגעליכטען און ארויסגעוויזען דאס גייסטיגע פנים פון דעם אידישיסט אדער העברעאיסט.

ווען א באוואוסטזיניגער איד-קינסטלער וועט זאגען אז ער איז א העברעאיסט וועלען מיר פארשטעהן אז ער איז פארליעבט אין מזרח אז ער איז עפיש און העברעאיש אין זיין נאטור.

ווען א צווייטער ווידער וועט זאגען ער האט מעהר ליעב אידיש וועלען מיר צווישען אנדערעס אויך באגרייפען אז ער איז מעהר ליריש און רעאליסטיש געזאנגען.

דער וואס האט ליעב מעהר העברעאיש איז פיליכט מעהר קלאסיסט; דער וואס האט ליעב אידיש איז אפשר פיעל גרויער אין טאן.

ווען מען זאל ברייטער דאס נעהמען וועט אויסקומען אז איינער האט מעהר ליעב אונזער זוניגען פרימיטיוויזם; א צווייטער—אונזער גרויע נעגענווארט; איינער איז ארחאאיש-ראמאנטיש, א צווייטער דעמאקראטיש-רעאליסטיש.

---

עס טאר נים זיין קיין פראגע, וועלכע פון אונזערע ביידע נאציאנאלע שפראכען דארף זיין א אליין-הערשענדע אדער וועלכע פון זיי עס מוז אונטערגעהן.

עס טאר נים, ווייל דאס הייסט שטרעבען צו זעלבסט-פערניכטונג, דאס הייסט מחרים זיין א טייל פונ'ם אידישען שאפען, ווי מיר פלעגען טאן אמאל. אבער מיר האבען שוין גענוג געזינדיגט מיט אונזערע "חכמים." אסך פארטריבענע און אבגעשטויסענע ווארטען מיר זאלען זיי צוריק אריינגעהמען אין אונזער כלל, וועלען מיר איצט דעם זעלבען פארברעכען באגעהן? וועלען מיר סינטעז-אידען בויען ווידער א נייעם גייסטיגען גלות?

עס איז די אויפגאבע פונ'ם יונגען און פארשענדען איד צו לערנען דעם חאראקטער פון אונזערע ביידע שפראכען... אויפ'ן וועג צו א נייעם אידישען סטיל (אין קונסט און לעבען) איז וויכטיג צו לערנען יעדען מאטיוו, יעדען ארנאמענט אין וועלכער שפראך ער איז נים געשאפען געווארען. די אויפגאבע אונזערע דארף זיין נים צו פארווארפען נור צו ערהאלטען..



מיר קענען פארשען און וועהלען וועלכע שפראך איז אריגינעל-אידישער אינ'ם נאציאנאל-עסטעטישען זין און וועלכע דיענט מעהר צו אונזער אידעאל—וועגען א גאנץ און סינטעטיש אידיש פאלק.

די צוויי שפראכען זענען ווי צוויי שולען פון וועלכע מיר קענען לערנען די נשמה פונ'ם פאלק.

איינע קען זיין וויכטיגער אבער איבעריג איז קיינע נים. פונקט ווי עס קען נים איגנארירט ווערען די תנך-שפראך אזוי אויך קען נים איגנארירט ווערען די שפראך וועלכע האט ערצויגען און אין וועלכער ס'איז אויסגעטרוימט געווארען דער חסידיזם.

דער שפיגעל איז פיל אפילו ווען ער איז צובראכען. און ווען מען נעהמט ארויס איין ברוך-שטיק איז דער שפיגעל נים גאנץ.

איין גרויסע טהייל פונ'ם צובראכענעם שפיגעל וויל אונזערע "העבראאיסטען" ארויסווארפען, און דאס זעלבע און נאך א גרעסערער מאס ווילען אויך די אידישיסטען.

---

און אין דער צייט ווען די אידישיסטען און העבראאיסטען קריגען און אמפערען זיך קומט פאר א גרויסע גייסטיגע התקרבות צווישען אונזערע ביידע נאציאנאלע שפראכען. דאס נויטווענדיגסטע און מיינסטע וואס דאס אידישע פאלק האט געקענט ראטעווען פון ארץ-ישראל און פון לשון קודש האט עס געראטעוועט און בעצירט דערמיט דעם אידיש, אונזער זשארגאן.

לויט דער זון אין אונזער בלוט איז די זון אין אונזער אידיש; דאס העברעאישע וואס ס'איז דא אין אונזער הארצען האט דאס פאלק אויסגעשפראכען אינ'ם "דייטשען דיאלעקט."

דאס ארגאניש-העברעאישע וואס ס'איז געווען אין פאלק, האט עס נים געקענט פארלירען און עס אויסגעזונגען אין אידיש.

און דאס זעלבע וועט פארקומען מיט די העברעאיסטען און מיט זייער מאדערנעם לשון קודש... דעם גלות פון וועלכען זיי ווילען אזוי פאררעטעריש אנטלויפען וועט זיי נאכלויפען און זיך באזעצען אין דער נייער פאלעסטינער ווען זי וועט געשאפען ווערען; דער זשארגאן פון וועלכען זיי לאכען אזוי נים קולטורעל וועט זיך אריינוועבען אין זייערע ריינסטע העברעאישע שירים...

און נים נור עס וועט—עס קומט שוין פאר, מיט זייער גאנצען פייערדיגען העבראאיזם און ציוניזם פלאנצען זיי דעם גלות (און פיליכט דעם ערגסטען—דעם אדעסער) אין ציון; און זייער מאדערנער

העברעאיש ווערט אלץ מעהר א זשארגאן אי אין אקצענט, אי און חא-ראקטער.

און עס איז נים ווייט די צייט ווען דער העברעאיש וועט פאר-וואנדעלט ווערען אין א נייעם מין זשארגאן..

אין דער צייט ווען דער אידיש, ווערט אלץ העברעאישער ווערט דער מאדערנער העברעאיש אלץ מעהר זשארגאניש...

און ס'איז גאנץ נאטירליך: דער אידישער סטיליסט קען נים אינ-גארירען די ביבעל, אונזער זוינגע פארגאנגענהיים און זיין אידיש מוז צוליעב דעם העברעאיזירט ווערען...

און דער מאדערנער העברעאישער דיכטער מוז ווערען גלות'די-גער און זשארגאנישער, ווייל ער קען נים איגנארירען דאס לעבען, דאס אידישע לעבעדיגע לעבען, וואס איז זשארגאניש און גלות'דיג...

דער קינסטלער-סטיליסט קען נים איגנארירען פארגאנגענהיים-ראמאנס און נאך וועניגער דאס לעבען גופא.

אין ערשטען פאל וועט ער זיין א זשורנאליסט.

אין צווייטען—א ארחאאישער פוסטער בעל מליצה!

---

דער תמצית פון יעדער שפראך איז סטיל פונקט ווי סטיל איז אויך די עסענץ פונ'ם לעבען בכלל. סטיליזירען א נאטירליכע ערשיי-נונג, א לאנדשאפט אדער א מענשען הייסט באוואוסטזיניג אראבווארפען, אבמעקען די פסולת, די קלייגליכע נים וויכטיגע דעטאלען כדי עס זאל בולט ווערען דער חאראקטער די נשמה פונ'ם לאנדשאפט אדער פונ'ם פערזאן.

סטיל איז חאראקטער, און סטיליזירען הייסט חאראקטעריזירען, לייטערען און סענטעזירען.

דער תמצית פון יעדער שפראך איז סטיל. און ווער שמועסט פון די אזוי גערופענע "טויטע" שפראכען און קולטורען. ווען עס שטארבט א פאלק אדער א שפראך בלייבט פון זיי דער תמצית נור, דער סטיל, די נשמה, אויב דאס פאלק איז נור א שעפעריש געווען.

דאס איז דער גרויסער זין פון השארת הנפש. ווען דאס ערדישע און מאטריעלע לעבען פארשווינדט, בלייבט דער נשמה-סטיל.

אשור איז טויט אבער דער אשורישער סטיל לעבט; עגיפטען איז טויט אבער זייערע פיראמידען און ספינקסען לעבען. דער גרויסער סטיל פון אלט-גריכענלאנד איז אומשטערבליך. קינסטלער, דיכטער, פילאזאפען און נביאים ארביימען, די פעלקער צו וועלכע זיי געהע-



רען זאלען האבען עולם-הבא דערמיט וואס זיי סטיליזירען חאראקטע-ריזירען די געגענווארט אין וועלכער זיי לעבען...—

אידיש אלס א יונגע שפראך איז נאך וועניג סטיליזירט. דער סטיל וועלכער איז באהאלטען אינ'ם "זשארגאן" איז נאך נים גענוג בולט ווייל קינסטלער האבען זיי פונקט ווי אונזער זשארגאן-גלות-לעבען וועניג באארביים.

און אין דער צייט ווען אידיש איז נאך אין א געוויסער מאס רוי איז העברעאיש א פארטיגער כמעט פארגליווערטער סטיל... העברעאיש איז שוין כמעט קיין שפראך נים, העברעאיש איז איינע פון די גרעסטע סטילען וואס עקזיסטירען...

אין דער העברעאישער שפראך זענען פארגליווערט געווארען די גרויסע אייגפאכע און דאך ליידענשאפטליכע ליניען פון די נביאישע שפאכען. ווי אויך דער פארבינער בשמים-פראכט פון שיר השירים.

העברעאיש איז א סטיל און ער לעבט אפשר מעהר ווי דער אלט-גריכישער, עגיפטישער און אשורישער. ער האט מעהר באאיינפלוסט די מענשהייט ווי וועלכער עס איז אנדערער. ניטא איין פאלק, ניטא איין גרויסער דיכטער וועלכער האט נים געפרובט העברעאיש זיין...

שעקספיר און ווײלד; פושקין און דאסטאיעווסקי—ביי יעדען פון זיי קען מען געפינען העברעאישע בלעטער, פאעמען... און העברע-איש שרייבט מען אויך אין "זשארגאן." אסך אידישע כתבים קלינגען און זענען העברעאישער ווי פיעלע מאדערנע לשון-קודש'דיגע ספורים און שירים...

פרץ'ס חסידישע מעשה'לעך זענען מעהר העברעאיש ווי קבק'ס לשון-קודש'דישע ראמאנען, און נאך אזעלכע ביישפיעלען קען מען ברענגען...

---

און אויב העברעאיש אלס א שפראך לעבט אינ'ם אמת'ן זין פון ווארט איז דאס נור אין אונזער פאלקסטימליכען אידיש.

העברעאיש לעבט איצט נים אין ארץ-ישראל און נים צווישען די "דוברי עברית" אין גלות נור דוקא אינ'ם פאלקסטימליכען אידיש.

עס וועט אפשר נים זיין קיין פאראדאקס ווען איך וועל זאגען אז העברעאיש רעדט מתוך גרונו של טביה דער מילכיגער... די דוברי-עברית אדער די העברעאישע בעלי-מליצה דערמאנען אן די אידישע אפערעטא-העלדען און זייערע הערןאישע מונדירען נים צו זייער מאס, מיט די לאנגע קאמיש-נאכשלעפענדיגע שווערדען.

אין דעם בעסטען פאַל דערמאָנען זיי מאָדערנע מענשען אין אור-טימליכע פאַנצערען.

א געלייטערטער פאַרטינער סטיל פּאַסט נים לעבעדינע געוועהנ-ליכע מענשען, וועלבע קענען זיך נאָך נים, ווייסען נאָך נים וואָס זיי ווילען אקוראַט וואָס זיי זוכען...

דאָס ערקלערט אונז פאַר וואָס העברעאיש איז לעצטענס געוואָ-רען א מין "קאַמופלאַזש" (נים נור ביים אָפיציעלען ציוניזם). העברע-איש ווערט פאַרשוועכט אָפטמאָל דוקא פון איהרע לייב-מקורבים.

אין העברעאיש איז גרינגער צו זאָגען א ליגען ווי אין אידיש, פשוט ווייל מען לעבט נים און מען טראַכט נאָך נים אין העברעאיש, און די אור-אַלטע העראָאישע קלאַנגען זענען נים איינגאַנצען צוגע-פּאַסט צו די מאָדערנע געפיהלען. דאס וואָרט איז נים צוזאַמען מיט'ן סענטימענט באַשאַפען געוואָרען.

די העברעאישע שפּראַך איז לעצטען געוואָרען א מין היילינער פרכות אונטער וועלכען עס באַהאַלטען זיך קאַרליקעס.

נעמט צו ביי אסך מאָדערנע העברעאישע שרייבער די שפּראַך וועט איהר ערשט דערקענען זייער אָרימקייט.

דאָס העברעאישע וואָרט קלינגט אָפּט לעצטענס ווי אַ הערשער-באַפעהל אינ'ם מויל פון אַ קנעכט.

און דאָס איז דערפאַר וואָס העברעאיש אלס געלייטערטער סטיל קליידט נים מיט אונזער זשאַרגאָנישען לעבען... עס קלינגט ארחאָאיש מליצה'דיג און אָפט פאַלש גלייך ווי מען וואָלט קאָפירט אַלטע עגיפּטי-שע ספינקסען.

---

דעם זעלבען פעהלער מאכען די קריענערישע אידישיסטען; זיי שרייען "רק אידיש" און זיי פאַרגעסען אַז העברעאיש איז דען חן פון אידיש פונקט ווי די מזרח-וואַנט איז דער אויבענאָן אין אונזער גלות-בית-המדרש...

פונקט ווי מיר קענען נים און טאָרען נים אבמעקען דעם אָריענט דאָס מזרחישע פון אונזער פנימער אזוי קענען מיר נים און טאָרען נים פאַרנאַכלעסיגען דעם העברעאישען עלעמענט אין אונזער אידיש... דאס איז גלייך ווי שמד'ען זיך, און מיר שטרעבען דאָך צו קולטיווירען דאָס נאציאנאל איינענאַרטיגע און שענע אין אונזער לעבען.

די העברעאישע ווערטער אין דער אידישער שפּראַך, זענען די וויי'טע רעטראָספּעקטיווע זונען-שטראַהלען אין דעם גרוי-זיירענעם געוועב פון אונזער גלות לעבען.



און נור פּאַרטייאישקייט קען פאַרבלענדען מען זאָל דאָס נים זעהן...

העברעאיש איז אונזער עבר; אידיש אונזער געגענוואַרט. ווער איז א פאלק וועלכעס רעכענט זיך בלויז מיט'ן עבר און נאָך ווער'ער איז א פאלק וועלכעס זעהט נור די געגענוואַרט...

נור ווען די פאַרגאַנגענהייט לעבט אינ'ם איצטער קען די צוקונפט זיין אַ סינטעטישע, אסך הכל פון אלע פאלקס-עפּאָכען. פון אלע נא-ציאָנאלע שטרעבונגען און מאטיווען...

וואס מעהר באוואוסטזיניגער אינ'ם נאציאנאלען זין אונזער לע-בען וועט ווערען און וואָס עסטעטישער אונזערע שטרעבונגען אלץ מעהר וועט די אידישע שפּראַך העברעאיזירט ווערען און וואָס מעהר אידיש וועט העברעאיזירט אַלץ מעהר אויפלעבונג וועט קומען אויף דער ביבלישער שפּראַך...

נור דורך און אין דער אידישער שפּראַך וועט העברעאיש ווערען אַ לעבעדינע שפּראַך...

איננאָרירענדיג די העברעאיסטען און די אידישיסטען סינטעזירט זיך שוין די שפּראַכען-פראַגע אין די בעסערע ווערק פון אונזערע נייע נאַציאָנאַלע קינסטלער (די גרויסע קרובה'שאַפט וואס עקזיסטירט אין ר' נחמנ'ס און מענדעלי'ס אידיש און העברעאיש).

און נור אויף דעם אופן וועט געלייזט ווערען אונזער שפּראַכען-פּראָבלעמע, אויב די צוקונפט פון אונזער פאלק פיהרט איבערהויפּט צו נאציאנאלער באַזונדערהייט, צום ציוניסטישען אידעאַל אינ'ם בריי-טערען און טיעפערען זין פונ'ם וואָרט.

---

יוסף לעפטוויטש.

# סימיאָן סאלאָמאָן.

דער נאָמען סאלאָמאָן פאַרנעמט אַ וויכטיגען פלאַץ אין דער גע-שיכטע פון דער ענגלישער קונסטמאַלעריי.

דער ערשטער אידישער מיטגליעד פון דער ענגלישער קונסט-אקאַ-דעמיע איז געוועזן סאלאָמאָן האַרט. נאָך איהם קומען אברהאם, רעבע-קאַ און סימיאָן סאלאָמאָן (די לעצטע דריי זענען שוועסטער און ברידער) און איצט לעבט דער גוט-באַוואוסטער אקאַדעמישער פּאָרטרעטיסט סאלאָמאָן -דזש.-סאלאָמאָן.



קיזינג א בילד.

נאָר נישט וועגען דער סאָלאָמאָן-פּלעיאַדע וועלען מיר איצט רע-
דען. הויפּטזעכליך וועלען מיר פּרובען באַלייכטען די פיגור פון דעם
"פאַרבלאָנדזשעטען זשעני סימיאָן סאָלאָמאָן," ווי די ענגליש אידישע
קהלה פון זיין צייט פלעגט איהם רופען.

סימיאָן סאָלאָמאָן איז איצט כמעט פאַרגעסען. כאָר נאָנים איז
ערלויבט צו רוהען אביסעל איידער זיי שטעהען אויף תחית-המתים.
א קונסט-עפּאָכע איז ווי אַ איינגעזונקענע שטאָדט. מיט דער צייט
ווערט זי צופאַלען, ווערט גלייך מיט'ן שטויב. נור די סאָלידערע בנינים
בלייבען גאַנץ. זיי זענען אויך העכער ווי די איבריגע, און זייערע שפּי-
צען שפּראָצען אַרויס פון דער ערד, און ס'טרעפט זיך אַז מענשען געהן
פאַרביי, שלאָגען זיך אָן אָן זיי, דערזעהן זיי, און גראָבען זיי אויס.

---

דאָס גרעסטע קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער
מאַלעריי איז געשריבען געוואָרען פון די פּרערא-פאַעליטען. און ביי די
פּרעראַפאַעליטען ווי כמעט אין יעדע גרופּע, געפינט זיך א איד.
דער איד איז דער נערוו-סיסטעם פון דער וועלט, דער באַראָמעטער
פון יעדע באַוועגונג. ער איז דער עקסטרימסטער, דער ערשטער באַ-
איינפלוסט צו ווערען, דער קרענקליכסטער און עמפּינדליכסטער פון
אַלע. דער אידישער כאַראַקטער איז נישט בלויז צופּאַסונג, נאָר האָבענ-
דיג זיך צוגעפּאַסט צו סיי וועלכע איינגענשאַפט, טרייבט ער עס איבער.
ער איז לויט זיין טעמפּעראַמענט גענייגט צו איבערטרייבען זיינע
געפיהלען.

און צווישען די ענגלישע פּרעראַפאַעליטען האָט אָט די איבער-
עמפּינדליכקייט געטריבען סימיאָן סאָלאָמאָן צו ווערען דער עקסטרי-
מיסטער פון זיין גרופּע, דער ראָסעטי-אַרטיגסטער פון דער ראָסעטי-
שוהלע.

---

מען וועט באַמערקען אַז ס'ווערען דאָ באַנוצט די טערמינען פּרעראַ-
פאַעליטען, (נישט פּרעראַפאַעליטישע ברודערשאַפט) און ראָסעטי-
שוהלע ווי זיי האַלטען געווען איינס. איך טהו עס בכון, אנגעמענדיג די
שפּעטערדיגע און מעהר פּאָפּולאַרע דעפיניציע פון אַ פּרעראַעליטישען
מאַלער אַלס איינער וועמענס ארבייט ווייזט אַז ער איז אונטער דעם
איינפלוס פון ראָסעטי.

סימיאָן סאָלאָמאָן איז זיכער נישט געווען פון דער שוהלע פון דער
"פּרעאַפאַעליטישער ברודערשאַפט." זיין ארבייט ווייזט נישט יענע

איבערגעגעבענע, פֿאַרליעבטע טריישאַפֿט צו דער נאַטור, ביז צו די קלענסטע פּרטים, וואָס איז געווען דער ציל פֿון דער ברודערשאַפֿט. זיין טעמפּעראַמענט איז געווען אינגאַנצן געגען זייערע רעאַליסטישע מעטאָדעס.

ער איז געווען אַ מיסטיקער, אַ סימבאָליסט. איהם האָט צוגעצויגן ראָסעטי'ס ראָמאַנטישע פֿאַרחלומטקייט. ראָסעטי'ס פּאָעטישע זינליכקייט האָט אַפּעלירט צו איהם און אויפֿגעוועקט זיין פֿאַרוואַנדשאַפֿט. ער האָט געשטרעבט שען צו מאָלען שענע זאַכען, און האָט זיי באַלעבט מיט זיין פּאָעטישער נשמה. נאָר זיין אידישער גייסט האָט זיך ניט צופֿרידענגעשטעלט. ער האָט געפֿאָדערט פֿון איהם מעהר ווי שענקייט, ער האָט געפֿאָדערט פֿון איהם אַ תכלית. און ווייל ער איז געווען אַ איד, פֿון זעלבען פֿאָלק וואָס די תלמיד'יסטען און די קבל'יסטען וואָס זייער שפּראַך איז מיט סימבאָלען און משלים, האָט ער געשאַפֿען מיסטישע אַלעגאָריעס און אַבסטראַקטען.

דעם איד'ס טרוימען אונטערשיידט זיך פֿונ'ם טרוימען פֿון דעם מערב מענש—נישט דערפֿאַר ווייל טרוימען איז אַנ'אויסשליסליך אידישע מדה, וואָס אַנדערע פֿעלקער שטעקען זיך בלויז אָן דערמיט. קיין שום מדה געהערט נישט אויסשליסליך צו וועלכען ס'איז פֿאָלק, פּונקט ווי קיין שום צייט פֿון יאהר געפֿינט זיך אויסשליסליך אין וועלכען ס'איז לאַנד. אָבער פּונקט ווי קיין שום צייט פֿון יאהר איז נישט גענוי די זעלבע ביי צוויי באַזונדערע מדינות, אַזוי אויך איז אַ מדה קיינמאָל נישט גענוי די זעלבע ביי צוויי באַזונדערע פֿעלקער. עס געפֿינען זיך וואַריאַציעס, פֿיינע נואַנסען, וועלכע מאַכען דאָך אויסזעהן פֿאַרשידען איין און דעם זעלבען סובסטאַנץ. דער איד האָט די זעלבע מדות וואָס יעדע מענשליכע נשמה, נאָר אַנדערש נואַנסירט, מיט מעהר אָדער ווייניגער אינטענסיוויטעט.

און דערפֿאַר, כאָטש ראָסעטי און סאָלאָמאָן האָבען דעם זעלבען טעמפּעראַמענט, דאָך געפֿינען זיך אין זיי די גרינדליכע פֿאַרשידענהייטען אין וועלכע אָט דער טעמפּעראַמענט דריקט זיך אויס ביי די פֿעלקער צו וועלכע זיי באַלאַנגען. ראָסעטי איז אַנ'אַנטוויקלונג פֿונ'ם מיטעלאַלטערליכען איטאַליען, און ער באַזיצט די איינגענשאַפֿטען פֿון די פּרימיטיווע מאַדאָנאַ-מאַלער, און די מאָנאַכען-שרייבער פֿון באַצירטע מאַנוסקריפּטען.

סאָלאָמאָן האָט אַ סך עהנליכקייט אויך מיט בלייק און וואַטס און בערן-דזשאָונז. און דאָך איז פֿאַרהאַן עפּעס אַ נישט באַשטימטער אידישער אויסדרוק ביי איהם, וואָס שטעלט איהם באַזונדער.

טראָץ אַלע עהנליכקייטען און צופּאַסונגען, איז סאָלאָמאָן אַן־איינזאַמע פיגור און זיין לעבען קען אפשר דיענען אלס אַן'אילוסטראַציע צו דעם לעבען פון אידישען פאלק.

---

סימיאן סאָלאָמאָן איז געבוירען געוואָרען מיט 78 יאהר צוריק אין 1842, אין 3, סאַנדים סטריט, בישאָפּסגייט, לאָנדאָן. ער איז געוועזען דער איינגסטער זוהן פון מייקעל סאָלאָמאָן, א וויכטיגער מיטגליעד פון דער לאָנדאָנער אידישער קהלה, און דער ערשטער איד וואָס איז געוואָרען א פרייבירגער פון דער שטאָדט לאָנדאָן.

---

זיי ברודער אבראהאם און זיין שוועסטער רעבעקא זענען ביידע געוועזען קינסטלער. דער ברודער איז געוועזען פיליייכט דער פאפולערסטער מאַלער פון זיין צייט. ראַסקין שרייבט אין זיינע "אקאַדעמיע נאָטיצען" פון 1855, וועגען זיין בילד: "דער קאָנטראַסט", אַז ס'ווייזט איהם אויס צו זיין "בעסער ווי ס'רוב פון די בילדער אויף דער אויסשטעלונג." מיט צוויי יאהר שפּעטער, איז אבראהאם באריהמט געוואָרען מיט זיין בילד: "דאס וואַרטען אויפ'ן משפט", פון וועלכען רעפּראָדוקציעס האבען זיך זעהר פיעל פארקויפט איבער גאַנץ ענגלאַנד. אבראהאם סאלאָמאָן איז ערוועהלט געוואָרען א מיטגליעד פון דער ענגלישער קונסט־אַקאַדעמיע און אין דעם זעלבען טאג געשטאָרבען.

די שוועסטער רעבעקא האָט אויסגעשטעלט אין די וויכטיגסטע גאַלעריעס און אין 1860, שרייבט דער "קונסט־זשורנאַל" וועגען איהרם א בילד אויף דער אויסשטעלונג פון דער אַקאַדעמיע: "ס'איז באמת א זעהר קרעפטיג ווערק, און די אויסארבייטונג איז אַזוי פעסט און מענליך, אַז ס'איז שווער צו גלויבען אַז ס'איז געמאָלט פון א פרוי. איהר נאָמען מוז צוגערעכענט ווערען צו די נעמען פון די גרויסע פרויען פון אונזער צייט."

אונטער דעם איינפלוס פון אַזאַ שוועסטער און ברודער, און אין א פרום, רייך אידיש הויז איז סימיאָן סאָלאָמאָן אויפגעצויגען געוואָרען.

מיר איז אָפט איינגעפאַלען דער געדאַנק אז ס'איז מעגליך אז סימיאָן שטאַמט אַפשר פון בערנארד סאלאמאָן פון וואָרמס, א איד וואָס האט אין 1551, געמאַכט 147 האָלץ־שניט אילוסטראַציעס פאר דער ביבעל.

סימיאָן האָט זעהר יונג אנגעהויבען צו צייכנען, און זיין ארבייט האָט אַזוי פיעל צוגעזאָגט אז מען האט געשמועסט אז ער וועט אמאל



ווערען א גרויסער קינסטלער. צו 13 יאהר, איז ער אַריין אין זיין ברודער'ס אַטעליער, און האט אנגעהויבען שטודירען מאַלעריי. נאך איידער ער איז אַלט געוואָרען 18 יאָהר, האָט ער שוין אויסגעשטעלט זיין ערשט בילד: "עקידת יצחק". די "אטהענעום," מיינענדיג אַז ער איז זיין ברודער'ס זוהן, באַמערקט שוין אַז "ס'מוז דערמאַנט ווערען די ארבייט פון די צוזאָגענדע זיהן פון מאַלער—מר. מ. סטאָונ'ס "רוה", און מר. ס. סאלאָמאָנ'ס "יצחק." מיט צוויי יאהר שפּעטער, האט ער אויסגעשטעלט זיין "משה". דאָס בילד איז אויפגענומען געוואָרען מיט א שטורם פון קריטיק. דער "קונסט־זשורנאל" שרייבט דערוועגען אין א זעהר סארקאַסטישען טאָן, און אין איין אָרט באקלאגט ער זיך אַז "די קעפ זענען ענדער עגיפטיש ווי אידיש." די איבריגע צייטשריפטען האָבען זיך נאך שטרענגער באַצויגען צו דעם בילד. עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז שוין דאמאלס, האָבען די קריטיקער פאַרדאַמט סאָלאָמאָן אַלס דעם "פּרעראפאעליט" וועלכער איז געגאַנגען א שריט צו ווייט." די "אַטהענעום" האט אבער בעסער פארשטאַנען דאָס בילד. אין אַ לענגערען איבערבליק וועגען די ארבייט פון "אַ טאַלאַנטפולער משפחה," וויל אבראהאם, רעבעקא און סימיאן סאלאמאן האבען אלע דריי געהאַט בילדער אויף אָט דער אויסשטעלונג, שרייבט זי אין איין שטעלע: "חאָטש זיין "משה" הענגט נישט אין אַזאַ פאַרצוגליכער פאזיציע ווי דאָס בילד פאַרדינט, דאָך וועט עס געפינען גענוג אנהענגער. די פאָלשטענדיגע זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אויסאַרבייטונג און פון דער אויפפאַסונג פון דעם בילד ווייזענדיג די אָריגינעלקייט פונ'ם יונגען מאַלער'ס פאָרשטעלונג, פארשפּרעכט זיין צוקונפטיגען ערפאָלג... די גראַציע, דער אריענטאלער שוואונג פון דער פרוי'ס לאַנגע פיס, די צאַרטקייט פונ'ם מיידעל האבען נור געקענט גענומען ווערען פון א מאָדעל וואָס איז נישט פאַרפעגטעט געוואָרען אין א ציוויליזירטע בילדונג... עס באַווייזט אַנ'איבערגעוועהנליכע קלאהרקייט פון אויסוואַהל. עס באַווייזט זיך א באַדייטענדע קינסטלערישע קראַפט אין דעם אויסמאָדעלירען די געוואַנדען, און אויך אַ גרויסע קענטעניש פון די טיעפערע איינגעשאַפטען פון דער פארב... מר. ס. סאלאָמאָן וועט ווערען אַנ'אַנגעזעהענער מענש..."

אין דער זעלבער צייט איז געשריבען געוואָרען נאך אַ וויכטיגערע גינסטיגע רעצענזיע וועגען דעם בילד. טהאקעריי איז געגאַנגען אויף דער אויסשטעלונג, און האָט געשריבען אין זיינע "וואַנדער־בלעטער": "אַ בילד וואס איז מיר געפעלען אמשטארקסטען אויף דער אויסשטעלונג פון דער אקאַדעמיע, איז פון איינעם וועמען איך האב ווי ווייט איך געדענק, נאך קיינמאָל נים באַגעגנט. דאָס בילד איז 346, "משה", פון מר.

ס. סאלאמאן. דאס בילד האט גרויסע כוונות, עס איז פיין געצייכענט און קאמפאזירט... עס איז לויט מיין מיינונג א שטאלצע פארשטעלונג פון די טונקעלע קינדער פונ'ם גלות אין מצרים, און עס דערמאנט די בּיבּלישע געשיכטע. מיין צייטונג שרייבּט אז "צוויי מאוסע פרויען באטראכטענדיג א שמוציג קינד שאפט נישט קיין צופריעדענשטעלענד בילד"— זאגט מען אבער נישט אזוי אויפ'ן רוב קינדער אין ווירקליכען לעבען?.. נישקשה מר. ס. ס'קען זיין אז דער קריטיקער וואס באקלאגט זיך אויף אייער קינד פארשטעהט איבערהויפט נישט קיין קינדער... זארגט זיך נישט, מר. ס. סאלאמאן, דערפאר וואס א קריטיקער איז מבטל אייער קונסט-ווערק—אייער משה..."

דאס פאלגענדע יאהר, אין 1861, האט סימיאן אויסגעשטעלט "א יונגען לוי ביי דער עבודה". דאס בילד שטעלט פאר א שעהן אידיש אינגעל שפיעלענדיג אויף א הארף מיט צעהן סטרונעס, אזוי ווי מען געפינט אויסגעקריצט אויף די בארעלעפען פון נגנה. די פרעסע האט דאס בילד זעהר גינסטיג אויפגענומען, און געשריבען אז "ער וואקסט זעהר גיך א פיינער קינסטלער", און האט איהם צוגערעדט אז ער זאל שאפען "נאך וויכטיגערע בילדער. אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק זענען פארהאן גענוג גרויסע מאטיווען".

אין 1862, ווערט ער באגריסט אלס "איינער פון די צוזאגענדסטע פון אונזערע יונגע קינסטלער"—ער האט אויסגעשטעלט א קליינע, כאראקטעריסטישע סקיצע "דאס קינד ירמיה". מיט א יאהר שפעטער, האט ער אויסגעשטעלט "די תנאים פון יצחק און רבקה". איין קריטיקער האט זיך אפגעשטעלט אויף דעם קאנטראסט, די "ערנסטקייט, קראפט און איינפאכקייט" פון אט דעם בילד, מיט די "מאניערירקייט און פאלשקייט פון צייכנונג און געפיהל" פון א בילד וואס אן אנדערער קינסטלער האט געהאט אויף דער זעלבער אויסשטעלונג.

אין דער צייט האט אויך סימיאן געצייכענט א רייהע אילוסטראציעס פאר "שיר השירים" און "רות," עטליכע צייכנונגען פון אידישע צערעמאניעס, וואס זענען געדרוקט געווארען אין "איינמאל א וואך" און שפעטער אין דער "פרייער שעה", נעבען טעקסט פון די ארטיקלען וועגען אידען פון דר. הערמאן אדלער, וועלכער איז שפעטער געווארען הויפט ראבינער פון ענגלאנד. עס זענען אויך ערשינען א רייהע ביבעל-אילוסטראציס פון סימיאן סאלאמאן אין "דאלזיעל'ס ביבעל-גאלעריע," וואו ס'האבען זיך געפונען צווישען די איבריגע מיטארבייטער פארד מאדאקס בראון, וואטס, מיליי, און האלמאן האנט.

---

סימיאן סאלאמאן האט אנגעהויבען זיין קאריערע מיט א מעהר גלענצענדען אויסזיכט ווי כמעט וועלכער ס'איז אנדערער יונגער מאלער



אין ענגלאנד. ער איז זעהר פריה געווארען גוט באפריינדעט מיט ראסעטי און בערן-דזשאונז, מיט וואלטער פייטער און אסקאר ברוינינג, מיט סווינבערן און מיט זייער גאנצען קרייז. ער האט פארקעהרט צווישען די גרעסטע מענער פון זיין צייט, און זיי זענען געווען שטאלץ צו זיין זיינע פריינד, און פארעהרער.

ער איז געווען א מצלוח.

עס ווערט איבערגעגעבען אז בערן-דזשאונז זאל האבען פארגליכען ראסעטי און זיך צו סימיאן סאלאמאן אלס "לעהר-אינגלאך", און אז מיט יאהרען שפעטער זאל ער האבען ערקלערט אז "ער" (סימיאן) "איז געווען דער גרעסטער מאלער פון אונז אלע". ליידי בערן-דזשאונז שרייבענדיג די ביאגראפיע פון איהר מאן, דערצעהלט: "איך געדענק ווי ער האט מיט מיר גערעדט פאר אונזער חתונה, וועגען א בוך פול מיט סאלאמאנ'ס צייכנונגען. ער האט געזאגט אז ער האט נאך נישט געזעהן קיין פארשטעלונגס-רייכערע—אט איז דער אויפשטעהענדער זשעני—און איך האב זיך צוגעהערט מיט א געפיהל פון אייפערזוכט!"

---

אט דער בליץ-שנעלער ערפאלג סימיאנ'ס און זיין חברותא מיט די בארימטהייטען פון זיין צייט, איבערהויפט מיט סווינבערן, האט געפיהרט צו זיין מפלה. זיין נשמה איז געווארען א שלאכטפעלד פאר דעם אונאויפהערליכען קאמף צווישען יודענטום און העלעניזם.

די עסטעטישע באוועגונג אין ענגלאנד, פון ראסקין ביז אסקאר ווהיילד איז געווען הויפטזעכליך א באוועגונג צוריק צו דער אלטער גריכישער קולטור. סימיאן סאלאמאן איז אריינגעכאפט געווארען אין דער באוועגונג, און זיין נשמה איז צוריסען געווארען אין קאמף. גאנצע שטערן-קרייזען פון וואונדערבארע שרייבער און מאלער האבען זיך געדרעהט ארום איהם, און איהם פארבלענדט מיט זייער שיין. "ווער האט געקענט בייסטעהן געגען זיי? נישט דער יונגער קינסטלער וואס רייסט זיך צו קלוגע!"

סאלאמאן האט אויפגעהערט מאלען אידישע בילדער, און האט זיך גענומען צו קלאסישע טעמאס. אין 1865 האט ער אויסגעשטעלט א גרויס בילד "האבעט"; דאס בילד האט געמאכט א רושם. ער האט דארט פארגעשטעלט עטליכע דאמען זיצענדיג מיט א קייזערינע פון אלטערטימליכען רים ביי א גלאדיאטארען קאמף. די אויסדריקען אויף זייערע פנימער זענען מייסטערהאפט געשילדערט. די קייזערין אליין איז שוין לאנג ארויסגעוואקסען פון דער טבע צו ווערען גערירט פון אזעלכע

זאַכען, און זי קוקט זיך צו גאַנץ גלייכגילטיג, אַפילו מיט אַביסעל חווק אויך. נעבען איהר זיצט אַ אויפגערעגטע דאַמע, פאַרטיעפט אינ'ם קאַמף איהרע פויסטען געבעוילט, און דאָס גאַנצע פּנים, איבערהויפּט די ליפּען און אויגען, ווייזען איהר בלוט-דורשט. איהר קליינער זוהן שפּיעלט זיך מיט אַ שטאַנג פורפורנע טרויבען, נישט קימערענדיג זיך אינגאַנצען וועגען דעם קאַמף. אַ צווייטע דאַמע ווענדט אָב איהרע אויגען מיט עקעל, און ס'ווייזט אויס אַז זי געהט חלש'ען. "אין דער אויסאַרבייטונג", האָבען די קריטיקער געשריבען, "איז דאס בילד פאַר-צוגליך, די צייכנונג קען נישט געטאַדעלט ווערען, און די פאַרב איז אויסערגעוועהנליך גוט". סווינבערן שרייבענדיג אין 1871 רעדט וועגען "דאס פאַרצוגליכע בילד פון רוימישע דאַמען ביי אַ גלאַדיאַטאָרען קאַמף וואס איז אויסגעשטעלט געוואָרען אין 1865, און בלייבט נאָך איצט זיין מייסטערווערק פון גרויס דראַמאַטישער רעאַליזם און לעבעדיגע פאַרשטעלונג. די אַלע קעפּ זענען פול מיט פּערזענליכקייט און קראַפט, איבערהויפּט דער קאָפּ פון יענער פרוי מיט די שווערע, בריליאַנטענע האָר און בלישטשענדע ווייסע הויט, ווי אַ פאַרהאַרטעוועטער גלאַטער שנעע נעגען דער זון, און דער זאַפטיגער דורשט און זינליכער הונגער נאָך בלוט ווירקליך אַנגעצונדען אין יעדע ליניע פון די זיסע, אחריות'-דינע נעזיכטסצינגע. דער גאַנצער גייסט פון אָט דעם פראַכטפולען בילד איז פול מיט דער געהעריגער טראַגישער שענקייט און אמת און מורא". עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר סווינבערן אַז דער "צאַרטער דורשט און זינליכער הונגער פאַר בלוט" זאָל איהם אזוי באַגייסטערען, און ס'איז אויך כאַראַקטעריסטיש פון די נייע וועגען אויף וועלכע סימיאָן איז גע-גאַנגען, וואס ער האט זיך גענומען צו אַזאַ טעמע. אין 1868 האט ער אויסגעשטעלט אַ "באַקכוס" וועגען וועלכען וואָלטער פּייטער שרייבט אין זיינע "גריכישע שטודיומס", ריידענדיג וועגען דעם מידען, פאַר-טראַכטען אויסזעהן פון דעם גאָט, אלס קאַנטראַסט צו זיין געוועהנליכע לוסטיגע פאַרשטעלונג: "אין אַ "באַקכוס" פון אַ יונגען אידישען מאַ-לער אויף דער אויסשטעלונג פון דער אַקאַדעמיע פון 1868, איז פאַרהאַן אַ פאָלשטענדיגער, און זעהר באַצויבערענדער באַגריף פון אַזאַ מאָטיוו; דער גאָט פון דער ביטערקייט פונ'ם וויין, "פון דעם וואס איז צו זיס," דאס ים-וואַסער פון די לעזבישע טרויבען אַביסעל זויער געוואָרען אין כוס. געריהרט פון דעם סענטימענט פון אָט דעם מעהר נואַנסען-רייכען, מעלאַנכאָלישען דיאָניזוס, מעג מען זיך פרעגען צו עס געפינט זיך ווירק-ליך עפּעס עהנליכעס אין געפיהל אין דעם גריכישען געדאַנק—האָט אפשר אַ פּאָרטיפ פון אָט דער באַצויבערענדער פיגור אַן אָרט אין דער גריכישער רעליגיע".



נאָך דעם בילד האָט סימיאָן אויסגעשטעלט אַ בילד פון אַ "רוימי-שע דאַמע מיט אַ קרבן-געשיר", און אַ צווייטעס פון אַ איינעל גיסענדיג אַ וויין-קרבן צו דער געטין וועגוס אויף אַ מזבח פון רויזען". די קריטי-קער האָבען שוין איצט אָנגעהויבען צו טאַדלען איהם פאַר זיין מאָניערירקייט, און זיין קרענקליכע נישט-מענליכקייט. ער איז נעהאָ-רען אויסגעשעפּט פון דעם אינעריליכען קאַמף. דער פאַרזוך צו פלאַנצען דאס גריכישע אויף דעם אידישען באָדען ברעכט דעם גייסט. די צוויי קולטורען זענען אזוי ווייט איינער פון צווייטען, אַז כדי צו מאַכען אָרט פאַר זיי ביידע, מוז מען צורייסען די נשמה אויף צוויי.

"דאס גריכישע איז קערפּער, אויג און מוסקעל. דאָס אידישע איז נעדאַנק, פאַרשטעלונג, אַבסטראַקטע טעאָרי. דאָס גריכישע איז היידע-ניש, דאס אידישע רעליגיעז. דאָס גריכישע איז אין קיין זין סימבאָליש, עס איז נישט מעהר ווי איהר אייגענע שענקייט. דער מוח הויבט אָן און ענדיגט מיט דעם באַגרענצטען בילד. עס איז די שענקייט פון קערפּער. עס האָט זיך נישט אריינגעוואָרפען אין רעליגיעזען מיסטיציזם. איהר רעליגיעזע צערעמאָניע איז די אַנטוויקלונג פון קערפּערליכע שענקייט, פלינקייט, קראַפט פון אויג, האַנט און פוס, פיינער שטעל און געזונט-קייט פון מוסקעל. דאס אידישע ציעלט ענדער אויף דעם געדאַנק ווי אויף דעם פאָלשטענדיגען פּלאַסטישען אויסדרוק. ס'פאַרמאַגט אַ געוויסע נישט-דערזאָגטקייט. דאָס מייסטע בלייבט איבער אין שאָטען". און סימיאָן סאלאָמאָן האָט געזוכט צו פאַראייניגען די ביידע, פאַרגעסענדיג אַז זיי וועלען קיינמאָל נים לעבען בשלום אין איהם, און וועלען אויסריי-סען זיין האַרץ מיט זייער קאַמף.

וויפיעל ער האָט געשטרעבט צו מאָלען שענקייט, איז זיין אַרבייט געבליבען עקזאָטיש, און האָט אָפּגעשפּיגעלט געדאַנקען פון אינעווייניג ענדער ווי פיגורען פון דרויסען.

סווינבערן דעפיניערט "געוויסע ארויסשטעהענדע דאָמינירענדע פונקטען פון זיין נאַטור". "עס נעמט ארום", שרייבט ער "גלייכצייטיג דעם מזרח און דעם מערב, דאס גריכישע און דאס אידישע. אויף אַזוי פיעל נים אָט די פרישע צונויפגיסונג פון איינפלוסען אַ טאָן און פאָרם צו זיין פאַרשטעלונג, אַז מען האָט איהם צונענלייכט צוליעב דעם צו הייגע, אַלס אנ'עהנליכען העלעניסט פון די אידען".

(פאַרטזעצונג פאָלגט).

---

# דאס ליעד פֿון זיין.

(פֿון אַ אַלט ספֿר).

דור איין, דור אויס,
איז נאָט געשטאַנען אין טעפּער-הויז,
גענאָסען, געקנעטען, געבאַקען דאָס ליים,
און זינגענדיג געהויכט נשמות אריין.
”שטאַרק דורכזיכטיג,
שעהן און ליכטיג,
פֿעלזען-גאַנץ,
זונען-גלאַנץ,
כלה-טייער,
פֿון טיין פֿייער,
זאָלסטו זיין
כשר-ריין.
פֿון אייביג ביז אייביג,
פֿון איביג ביז אייביג.“

אָבער צובראכען און צופּיצעלט,
פֿאַראומרייניגט און צושמיצעלט,
איז יעדע איינציגע כלי
געקומען צוריק אַ טריפֿה נבלה.

האט זי נאָט כשר'ן און באַפּוצען געוואלט,
איינגעהילט אין פֿאַרמעט, באַגאָסען מיט גינגאָלד,
מיט וואונדער שטיינער באַצירט קינסטלעריש-שעהן,
כדי זיי זאָלען קענען אלעס ביישטעהן.

האבען זיי דאָס גאָלד גע'גנב'ט איינער פֿון צווייטען,
גענאָסען דערפֿון געצען, געשמידט פֿאַר זיך קייטען,



און מיט די וואונדערשטיינער געוייצט די נאַקעטע באַרויבטע,
די געשינדענע, געשענדעטע מיט פֿאַרמעט-וואונדען באַשטויבטע.

צופֿילען זיי, צופֿאַלען זיי נאָך ערגער ווי אַמאָל,
טוט נאָט זיי ארומרינגלען מיט רעדער פֿון שמאל,
זיי זאָלען זיין געשטאַרקט דערמיט,
ס'זאָל זיי ווערען וואהל און גוט.

טון זיי זיך מיט די רעדער פֿאַרניכטען,
און מיטווילדע טייוואָלים-טענץ זיך היגריכטען,
און ווי נאר זיי זעהן אַ כשר'ע כלי,
נעמאכט טמא פֿארניכטעט אָהן שאלה,

האָט זיך נאָט געטראַכט
אין אַ שטאָק-פֿינסטערע נאַכט :
”עס קען אַנדערש ניט זיין,
עס טויג נישט דער ליים,
ס'וויל זיך ניט האַלטען,
ס'העלפֿט קיין געוואַלטען.“
ס'ווילט זיך ניט האַלטען,
ס'העלפֿט קיין געוואַלטען.“

און דאָס האָט נאָט זעהר שטארק פֿארדראָסען,
ער האָט דאָס ליים מיט גרימצארן אַוועקגעגאָסען,
און געזאָגט אָהן רחמנות'דיג צום טייוואָל דאַביי,
אין אַ הימעל-און-ערד ציטער-געשריי :

”איך זינג ניט מיין
דאָס ליעד פֿון זיין
מיט אומריינעם שמוציגען ליים.“

# די געשיכטע פון דער אידישער בוך-דרוקעריי.

## III

טיפאגראפישע טערמינאלאגיע.—פערסאנאל און פערזענליכקייט (מדפיסים, מענעדזשערס, מגיהים, זעצערס אא"וו).—מאטעריאל (שריפט, פאפיר, טינט אא"וו).—פארמאט, דרוקערצייכען, טיטעלבלאט, קאלאפאן אא"וו.—קוואנטיטעט, פרייז, האנאראר אא"וו.—הסכמות און פריווילעגיעס.—פארשיעדענעס.

בעפאר מיר טרעטען צו, אין די וייטערדיגע קאפיטלען, צו דער אויספיהרליכער געשיכטע פון די איינצעלנע דרוקערייען איז נויטיג זיך צו באקענען מיט א זאך וואס האט א שייכות מיט אידישע דרוקער און דרוקערייען בכלל און וועלכע מיר וועלען דא איבערגעבען אין א קורצער פארם, ווייל אויף א טייל דערפון וועלען מיר מוזען צוריקקומען מעהר באריכות שפעטער ביי דער באשרייבונג פון די איינצעלנע פירמעס.

עס איז אן אלטע מחלוקת אין דער פילאזאפיע, צי אידעען שאפען זאכען צי די זאכען שאפען אידעען. אין דער אידישער בוך-דרוקעריי איז די פראגע געלייזט געווארען אין א מאטעריאליסטישער אויפפאסונג: די געגענשטאנדען האבען בעשאפען די באגריפען. אבער אויב די באגריפען, ד"ה די טעכנישע אויסדריקע וואס האבען שייכות צו דער אידישער בוך-דרוקעריי, זיינען א תולדה פון דער קונסט, זיינען זיי פונדעסטוועגען ניט קיין סך יונגער פאר דער מוטער זעלבסט. נאר די ערשטע פאר ספרים וואס זיינען געדרוקט געווארען קענען נאך קיין שום טיפאגראפישע טערמינאלאגיע ניט. אבער שוין אין דעם יאהר 1477, ד"ה צוויי יאהר נאך דעם ערשטען העברעאישען ספר וואס איז געדרוקט געווארען (נאטירליך אויב מיר זיינען ניט מיט דער מיינונג אז די עטליכע ניט דאטירטע ספרים וואס מיר קענען זיינען עלטער ווי 147־), געפינען מיר אין דעם תהלים מיט'ן פירוש פון רד"ק וואס אברהם בן חיים האט געדרוקט (פילייכט אין באלאניא?) און אין רלב"ג אויף איוב (ארויס פון דרוק פרייטאג דעם 16-טען מאי 1477 אין פעררארא) צום ערשטען מאל דאס ווארט ד פ ו ס פאר ד ר ו ק אדער ד ר ו ק ע ר י י. דאס ווארט שטאמט פון גריכישען typos —פארמע, מאדעל אא"וו און קומט זעהר אפט פאר אין דער גמרא אין דער געשטאלט



פון ד פ ו ס—פ ו ר ע ם אא"וו און ט י פ ס-פ א ר מ ו ל א ר, קאפיע אא"וו. האבענדיג אבער שוין דעם סובסטאנטיוו ד פ ו ס, האט עס נאך גענומען א היבשע ביסעל צייט, ביז די ערשטע אידישע דרוקערס האבען זיך ערלויבט צו באנוצען דעם ווערב פון דיזען שורש. דערזעלבער אברהם בן חיים וואס באשאפט דאס ווארט ד פ ו ס באדיענט זיך מיט דעם אויסדרוק "מלאכת הספרים" פאר דעם סובסטאנטיווישען ווערב ד ר ו ק ע ן ("בעת תושלמת מ ל א כ ת ה ס פ ר י ם אשר ב ד פ ו ס י"). שטעהענדיג ווי מיר האבען אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל דערמאהנט, נאך א לאנגע צייט אונטער דעם איינפלוס פון מאנוסקריפט, וועלכער האט געקעמפט פאר זיין עקסיסטענץ און האט זיך ניט געלאזט אזוי לייכט פארדרענגען פון דער נייער ערפינדונג, האבען די ערשטע ניט-אידישע דרוקערס באנוצט דאס ווערב scribere —ש ר י י ב ע ן פאר ד ר ו ק ע ן. דאס זעלבע טהוען זייערע אידישע קאלעגען, וועלכע באדיענען זיך, ביז וויט אין צווייטען פערטעל פונ'ם זעכצעהנטען יאהרהונדערט, מיט דעם העברעאישען ווערב כ ת ב אין די פארמען פון קל און נפעל. נעבען כ ת ב בילדעט זיך אבער אויך אויס דאס ווערב חקק—ק ר י צ ע ן, ג ר א ו ו י ר ע ן און נעמט אן די פארמען פון ח ק י ק ה פאר ד ר ו ק ע ר י י, מ ח ו ק ק פאר ד ר ו ק ע ר און ה ת ח ק ו ת פאר ד ר ו ק ע ן, וועלכע קומען אזוי הייפיג פאר ווי די פארמען פון כ ת ב. איינמאל געפינט זיך אויך דאס ווערב ה ת ו ו ת—צ י י כ ע נ ע ן פאר ד ר ו ק ע ן, נעמליך אין דעם טור יורה דעה געדרוקט 1479 אין פעררארא (שאר כתבי הקדש ל ה ת ו ו ת"). צום ערשטען מאל באגעגענען מיר א ווערבאלע פארמע פון דעם שורש ד פ ס אויפ'ן שער פון דעם גראמאטישען ספר "מכלול" פון רד"ק וואס איז געווארען געדרוקט אין קאנסטאנטינאפעל אין 1532. דאס איז אויך דאס איינציגע מאל וואס מיר טרעפען דעם אויסדרוק אין דער קל פארמע. די שפעטערדיגע דרוקערס האבען —מיט א בעסערען פילאלאגישען חוש—גענומען באנוצען די הפעול פארמע ה ד פ י ס, ל ה ד פ י ס (דערפון מ ד פ י ס פאר ד ר ו ק ע ר) אין אקטיווען זין און די נפעל פארמע נ ד פ ס (זעלטען אויך הדפס אין הפעל) אין פאסיווען זין, פארמען וואס האבען זיך איינגעבירגערט אין דער העברעאישער טיפאגראפישער טערמינאלאגיע ביז אויפ'ן הייגטיגען טאג. אין מאנכע אלטע ספרים קומט אויך פאר דער אויסדרוק ב ע ל מ ד פ י ס אדער ב ע ל ה ד פ ו ס פאר ד ר ו ק ע ר, ד"ה דער באזיצער פון א דרוקעריי.—פאר דעם אויסדרוק "אין דער דרוקעריי" ווערט איינפאך געברויכט דאס ווארט "בבית"—אין דאס הויז.—פאר "אין פערלאג פון..."—"במצות..." אדער "בהוצאת",

"בשם"[2], זעלטענער אויך "לבקשת", "לתשוקת" אדער "להפקת רצון".
מאנכעס מאל קומען אָבער אַ פּאָר פון דיזע אויסדריקע צוזאַמען און עס
איז דערפאַר שווער גענוי צו דעפינירען וואס זיי מיינען. אזוי געפינען
מיר צב"ש אין דעם ספר "דברי שמואל" אויפ'ן תלמוד פון ר' שמואל בר'
אברהם צרפתי, געדרוקט 1699 אין אמסטערדאם "נדפס בהוצאת
אהרן צרפתי, במצות שלמה פרופש בבית ובמצות משה בן
אברהם". שלמה פרופש איז געווען דער בעריהמטער אמסטערדאמער
דרוקער און פארלעגער, און עס איז דערפאַר שווער צו פארשטעהן וואס
די אַנדערע צוויי דערמאהנטע נעמען האבען צו טהון געהאט מיט'ן
דרוק פון דעם ספר און וואס די אויסדריקע "בהוצאת", "ובמצות"
וואס באַציהען זיך אויף זיי מיינען.— אין די גרויסע דרוקערייען אדער
אין דרוקערייען וואס האבען געהערט צו גוים, פון וועלכע עס איז גע-
וועזען א היבש ביסעל, ווי מיר וועלען זעהן אין די ווייטערדיגע קאפּיטלען,
איז געווען אַ מענעדזשער וואס ווערט באַצייכענט מיט דעם
אויסדרוק משגיח אדער א מעהר מליצה-דיגער פארמע "נצב על
הדפוס".—דער קארעקטאר הייסט געוועהנליך מגיה
אדער בעל מגיה. דער אויסדרוק איז אבער נים ניי, ווייל
דער בערוף איז אויך נים ניי. ספר תורות און מגילות פלעגען ערשט
דאַן באַנוצט ווערען אז דער בעל הגיה האט זיי גוט דורכגעזעהען און
האט געפונען אַז דער סופר האט נים געמאכט קיין טעות, ווי עס פיהרט
זיך נאך עד היום. דארט וואו דער מענעדזשער איז צוגלייך געווען דער
פערזענליכער קאָרעקטאָר.—דער זעצער הייסט געוועהנליך
"מסדר האותיות" אדער קורץ מסדר. מאנכמאל געפינען זיך
אויך די אויסדריקע מצרף אדער "מצרף האותיות" (אַזוי צב"ש אין
דעם באריהמטען מעדיציניש ען ספר "הקאנון הגדול" פון אבן סינא, גע-
דרוקט 1492 אין נעאפעל), אדער "הקושר" (געפינט זיך נאר איין
מאָל, אין דעם אויבען דערמאהנטען טור יורה דעה, 1479, אין פעראַרא,
וואו עס הייסט: "ותשלם כל המלאכה מזה היורה דעה אשר נכתב
ע"י הצעיר מאומני הדפוס אברהם הקושר אא"ו
מתושבי עיר פיזארו ופה פיראַרה נכתב ונחתם ערב נחמו אא"ו") און
"מסדר ומפזר" ד"ה דער וואָס זעצט און דיסט (אויך נאר איינמאל אין
דעם ספר "חסד לאברהם, סמירנא 1764.,—די העברעאישע טערמינא-
לאגיע איז אויך געבליבען אין די ספרים וואס זיינען געשריבען געווא-
רען פאר'ן פאלק אין "אידיש-דייטש" אדער "ווייבערטייטש, מיט אויס-
נאַהם פון זעצער (זעצער אדער זעציר) וואס איז, פאַר-
קעהרט, אריינגעדרוקט אפט אין די העברעאישע ספרים, מאנכמאל אין
דער פאָרמע פון "המסדר הנקרא בל"א זעצער".—דער איינציגער ווע-



מען די העברעאישע דרוקער טערמינאלאגיע האט פארגעסען צו געבען
א נאמען איז דער איינענטליכער דרוקער, ד"ה דער מאשיניסט וועלכער
ווערט געוועהנליך אומעטום באצייכענט מיט דעם אלגעמיינעם ווארט
"פועל"—ארבייטער. די אורזאַכע ליעגט פיליכט דעריין וואס די
מייסטע פון זיי זיינען נים געווען קיין אידען. אין גאַנצען פארגעסען זיי
נען אויך די שריפט-גיסערס און גראַווירערס.—די דרוקער טערמינאלא-
גיע האט זיך אויך איינגעבירגערט אין דער אידישער פאטראָנימיק, ווי
עס באַווייזען זיך באַקאַנטע אידישע פאמיליען נעמען "מדפיס", "דרו-
קער", "זעצער", "שריפטגיסער" אא"וו.

דער פערסאנאל פון אַ דרוקעריי איז געוועהנליך באַשטאַנען פון
דעם בעל הבית, איינעם אדער מעהרערע זעצערס און דרוקערס. אין
קליינע דרוקען איז דער איינענטהימער צוגלייך געווען אויך זעצער און
דרוקער און אמאָל אויך דער קאָרעקטאר, און אַרבייט אין וועלכער, אין
מאנכע פעלע, די פרוי אדער די קינדער פלעגען איהם באהילפליך זיין.
פיעלע פון די אמסטערדאמער דרוקערס זיינען געווען זעצער וואס הא-
בען זיך "ארויפגעארבייט". אין גרויסע דרוקערייען אדער אין אזעלכע
וואס האבען געהערט צו נים אידען איז געוועהנליך געווען א אידישער
מענעדזשער, דערצו איז נאך געווען איינער אדער מעהרערע קארעק-
טאָרס. מאנכמאָל געפינען מיר אַז איין קאָרעקטאר איז געווען אָנגע-
שטעלט אין צוויי דרוקערייען, אזוי צב"ש יצחק גרשון וואס האט אין
1601 געארבייט אלס מגיה אי פאר דע גארא אי פאַר דניאל זאנעטי. ווי
גרויס דער פערסאנאל האט געמוזט זיין אין מאנכע דרוקערייען קאן מען
זעהן פון די פאלגענדע פאקטען: אין 1846 האבען די שונצינוס אפגע-
דרוקט אין וועניגער ווי א יאהר א בוך פון 638 פאליא, (מחזור רומי),
א רעקאָרד, באזונדערס ווען מען נעמט אין באטראכט די טעכנישע פרי-
מיטיוויטעט פון די ערשטע דרוק פרעסען, דעם פאַקט וואס אין דער
זעלבער צייט האבען זיי אריבערגעפיהרט זייער דרוקעריי פון שונצינא
אין קאזאל מאדזשיאָרע, וואס, ביי די אמאָליגע פארהעלטניסען פון
טראַנספארט, האט אוודאי אווועקגענומען פיעל צייט, און אז זיי האבען
וואַהרשיינליך וועהרענד דער צייט נאך אַנדערע זאַכען געהאַט אין
דרוק, אונבאַגרייפליך איז ווי אַזוי זיי האָבען צושטאַנד געבראַכט אפּ-
צודרוקען די גמרות ברכות און ביצה אין סך הכל 14 טעג! אשטיניאַני
האָט אין זיעבען טעג (י"ח—כ"ד אלול ש"ה) אפגעדרוקט די "אגרות

הרמב"ם", וואס האט געהאלטען 190 זייטען. גריפו האט אין 1567 אין פיער חדשים אפגעדרוקט די פיער חלקים פון שלחן ערוך. *)

די ערשטע דרוקערס און מענעדשערס זיינען געווען פערזענליכקייטען אין דעם פולסטען און בעסטען זין פון ווארט. די דרוקעריי איז דאמאלס נאך געווען א געשעפט וואס איז געווען זעהר ווייט פון פראפיטען. יעדער מעהר אדער ווייניגער אינטעליגענטער מענש קען די געשיכטע פון גוטענבערג און די פינאנציעלע קריזיסען וואס ער האט דורכגעמאכט. ניט פיעל בעסער איז דאס געגאנגען זיינע נאכפאלגער און תלמידים. אויב דאס איז געווען דער פאל מיט די ניט-אידישע דרוקערס וואס האבען סוף כל סוף געהאט פאר זיך אזא ברייטען ארבייטס פעלד, מיט וויפיעל שווערער האט געמוזט זיין די לאגע פון דעם אידישען דרוקער וואס אחוץ דעם וואס זיין מארק איז געווען זעהר באגרעניצט, איז איהם אלץ אנגעקומען שווערער און טייערער ווי דעם ניט-אידישען דרוקער, און האט נאך דערצו געהאט צו קעמפפען געגען א גאנצע רייהע פון באשרענקונגען מצד דער רעגירונג און דער שטאדט פערוואלטונג הן בנוגע זיך זעלבסט הן בנוגע צו זיינע אנגעשטעלטע. אלס איד איז איהם אפילו דאס אויסלערנען פון דער מלאכה אנגעקומען אסך שווערער ווי זיין ניט-אידישען קאלעגע. און דאך האבען מאנכע פון זיי דערגרייכט אזא הויכע שטופע אין דער טעכניק פון דער דרוקעריי אז גרשון שונצינו האט געקאנט ריוואליזירען מיט אלדאמאנוציא דעם פרינץ פון די ווענעציאנישע דרוקערס, וועמענס נאמען איז געבליבען פאראייביגט ניט נאר אלס דרוקער נאר אלס קינסטלער. א חוץ די נויטיגע טעכנישע קענטנישען האט זיך געפאדערט אן אומגעהייערע סומע געלד פאר יענע צייטען און אן אוצר פון געלעהרזאמקייט וואס נאר יחידי סגולה האבען געקאנט באזיצען. נאר אן אידעאליסט פון דער העכסטער מדרגה האט זיך געקאנט נעהמען צו א געשעפט וואס האט אזוי פיעל פערלאנגט און האט אזוי ווייניג מאטעריעלען ערפאלג פארשפראכען; נאר א גרענעצלאזע און גליהענדע ליעבע צו זיין פאלק און זיין ליטעראטור און דאס בעוואוסטזיין אז מען קויפט זיך דערמיט חיי עולם אי פאר זיי אי פאר זיך האט געקאנט א מענשען בא-

*) געשווינדקייט האט מאנכמאל קיין גוטס ניט געטהאן צו די ספרים וואס זיינען אויף דיזען אופן געדרוקט געווארען. אין דעם "ברית אברהם" פון ר' אברהם הורוויץ, וואס איז געדרוקט געווארען אין קראקוי אין שס"ב, באריהמען זיך די דרוקערס אז זיי האבען דעם ספר געדרוקט "במתון" לאנגזאם, און באקלאגען זיך אויף די דרוקערס פון לובלין וואס האבען דעם ספר צום ערשטען מאל געדרוקט אין של"ז און האבען די ארבייט צו שנעל געמאכט, דערפאר איז דער ספר ארויסגעקומען פול מיט גרייזען.



וועגען אזויפיעל כחות ארייגצולעגען אין דער ארבייט ווי עס איז געווען דער פאל ביי די ערשטע אידישע דרוקערס. די ערשטע אידישע מדפיסים זיינען געווען מלומדים וואס האבען באזעסען אן אומגעהייערען אידישען און אלגעמיינעם וויסען; אנדערש וואלט געווען אונמעגליך פאר זיי דאס אויסצופיהרען צו וואס זייער אידעאל און מסירות נפש האבען זיי געטריבען. זיי האבען אויך באזעסען א שטארק אנטוויקעלטען קינסטלערישען געשמאק און זיי זיינען געווען מענשען וואס האבען אסך גערייזט און געזעהן די וועלט. עס איז גענוג אז מיר דערמאהנען דא דערווייל אלס דרוקערס דעם דאקטאר אברהם כונת, איינער פון יענע פאליהיסטארס וואס האבען פארקעהרט אין פאלאץ פון דעם גראף פיקא דעלא מיראנדאלא און איהם געהאלפען אינאויגורירען די מאדערנע צייט, אליעזר טולידאנו פון ליסאבאן און די שונצינוס, און אלס מענעדזשערס אדעלקינד אין ווענעדיג און צפרוני אין באזעל. כדי צו האבען א ריכטיגען באגריף פון די כחות און קענטניש וואס די פראפעסיע האט דאמאלס געפאדערט און פון דעם פארדיענסט וואס די ערשטע דרוקערס האבען זיך ערווארבען אום די העברעאישע ליטעראטור בפרט און דאס אידישע פאלק בכלל, מוז מען נעהמען אין בעטראכט פאלגענדע אומשטענדען: די ערשטע מדפיסים זיינען ניט געזעסען און געווארט אויף באשטעלונגען פון מחברים וואס זאלען קומען צו זיי מיט זייערע מאנוסקריפטען און באצאהלען זיי פאר'ן אפדרוקען, ווי עס איז דער פאל ביי די היינטיגע דרוקערס, ווייל נאר זעהר ווייניגע ספרים פון לעבעדיגע מחברים זיינען איבערהויפט געדרוקט געווארען אין די ערשטע פופציג יאהר פון דער אידישער טיפאגראפיע. דער דרוקער האט ניט נאר באזארגט די הערשטעלונג פון'ם בוך, נאר זייענדיג אויך נאך א פארלעגער און מוכר ספרים דערצו, האט ער זיך זעלבסט געמוזט פארשאפען די "קאפיע"—און דא בעווייזט זיך דער גאנצער ערנסט און די זעלבסטשטענדיגקייט פון די ערשטע מדפיסים. זיי האבען זיך ניט גענומען גלייך צו "גאנגבארע ארטיקלען" ווי סדורים, מחזורים או"ז, ווי א היינטיגער דרוקער אדער מוכר ספרים וואלט געטהאן. נאר צו ספרים וואס האבען געגעבען חמר צום דענקען און געהאלפען אויפקלערען און באלייכטען דאס וואס איז געווען דונקעל, ווי צב"ש די פירושים פון רש"י, רד"ק און אבן עזרא, צו פילאזאפישע ווערק "חובת הלבבות" און "עקרים", די פאעטיש-פילאזאפישע ספרים "בחינת עולם" און "מחברות עמנואל הרומי", אזעלכע אינטערעסאנטע ספרים ווי דער "ספר השרשים" פון רד"ק, "נופת צופים" אויף רהעטאריק פון ר' יהודה מסיר ליאון.



דוד באמבערג — מוטער און קינד

"מוסופון" אא"וו אא"וו.**) פאַרשטעהענדיג אויך די גאַנצע פעראַנט־וואָרטליכקייט פון זייער ארבייט פאַר דער צוקונפט און וואָס פאַר אַ שעדליכע ווירקונג עס האָבען די פעהלער וואָס גנבֿ'נען זיך אריין אין ערשטע דרוקען, ווי דער תלמוד זאָגט: "שבשתא כיון דעאל עאל", האָבען זיי ניט געדרוקט פון די מאַנוסקריפּטען וואָס זיינען צו זיי אריינגעפאַלען אין האַנד, ווי פיעלע פון היינטיגע דרוקערס וואָלטען געטהאָן, נאָר זיי זיינען צוערשט "אויסגעפאָהרען אַ האַלבע וועלט" און אנגעשפּאַרט אין די ווייטסטע מדינות, וואו זיי האָבען, ניט קוקענדיג אויף די הויכע פרייזען און די שוועריגקייטען מיט וועלכע דאָס רייזען איז אין יענע צייטען געווען פאַרבונדען פאַר אַ אידען, אויפגעקויפט די בעסטע און צופאַרלעסיגסטע מאַנוסקריפּטען, וועלכע זיי האָבען נאָכהער, קומענדיג אַהיים, זאָרגפעלטיג פאַרגליכען איינער מיט'ן אַנדערן, און גערייניגט פון די טעותן פון די קאָפּיסטען, ביז זיי האָבען, באַנוצענדיג דערביי זייערע אייגענע גרויסע קענטעניסען און בעהאַווענטקייט אומעטום, פעסטגעשטעלט אַ טעקסט וואָס איז אַ מוסטער פון קאָרעקטהייט און וויסענשאַפטליכער געוויסענהאַפטיגקייט און וואָס דיענט נאָך ביז אויף דעם היינטיגען טאָג אלס אויטאָריטעט און ווערט פון יעדען געלעהרטען אַנערקענט אָהן קיין שום שאלות און ספקות. אַזאַ ארבייט וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט צושטאַנדע געבראַכט ווערען, ווען די ערשטע דרוקערס וואָלטען ניט געהאַט די געוואַלטיגע ערודיציע וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט און ווען אַנדערע מאָטיווען וואָלטען זיי באַוועגט ווי די וואָס האָבען זיי געטריבען צו נעהמען זיך צו אַ באַרוף וואָס האָט אַזויפיעל געפאָדערט און אַזוי ווענינג געגעבען. אַזוינע וואונדער קאָן נאָר די הייסטע ליעבע און די פייערדיגסטע באַגייסטערונג פאַר אַ הויכען אידעאַל באַווייזען. צו די ערשטע אידישע מדפיסים געהערט אַ עהרענפּלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון דער אידישער ליטעראַטור ווי צו די וואָס האָבען די ליטעראַטור געשאַפען, און עס איז איז ניט געווען קיין איבערטרייבונג ווען דער מחבר פון "חוות יאיר" זאָגט, אַז די ערשטע מדפיסים האָבען אונז געגעבען די תורה צום צווייטען מאָל און אז ווען ניט זיי וואָלט די תורה פאַרגעסען געוואָרען ביי אידען.

---

**) דער כאַראַקטער פון די ספרים וואָס די ערשטע אידישע דרוקערס האָבען פּובליצירט איז אַ העכסט אינטערעסאַנטער קולטור־היסטאָרישער קאַפּיטעל וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די אידען אין יענער צייט און אין וועלכען עס שפּיגלען זיך געטריי אָפּ זייערע געדאַנקען און באַשטרעבונגען. דיזער פאַר דעם אידישען היסטאָריקער אַזוי אינטערעסאַנטער קאַפּיטעל פאַרדיענט אויספיהרליך בעהאַנדעלט צו ווערען און איז אַ טעמא אויף וועלכע מיר וועלען ביי אַן אַנדער געלעגענהייט נאָך צוריקקומען.

די מאַגערע הכנסה וואָס דאָס דרוקען פֿון העברעאישע ספרים האָט אַריינגעבראַכט האָט מאַנכע פֿון די מדפיסים געצוואונגען צו זוכען זייטיגע און מעהר איינטרעגליכע פּרנסות. דאס איז געווען די אורזאַכע וואָס גרשון שונצינו האָט זיך גענומען דרוקען לאַטייניש און איטאַליענישע ביכער, דאַרונטער אייך אזעלכע "גאַנגבאַרע ארטיקלען" ווי קאָטוילישע געבעטביכער א"ז. פֿון די זייטיגע פּרנסות איז די נאָהענטסטע נאַטירליך געווען דער בוך-האנדעל, וועלכער איז געווען ווייט פֿאַרצווייגט און האָט זיך פֿאַרשפּרייט אויף ענטלעגענע מדינות. די איטאַליענישע דרוקערס האָבען געוועהנליך פֿאַרזאָרגט מיט זייערע סחורות די מערק פֿון מערב און צענטראַל אייראָפּא, פּראַג און לובלין האבען געאַרבייט פֿאַר מזרח אייראָפּא, און קאָנסטאַנטינאָפּעל און סאָלאָניק האָבען פֿאַר זיך געהאַט דעם גאַנצען אָריענט. דער טעכנישער אויסדרוק פֿאַר בוכהאַנדעל איז "סחורת ספרים". דאָס וואָרט "מוכר ספרים" געפֿינט זיך צוערשט אין באַצוג אויף שלמה פּרופּס פֿון אמסטערדאם, וואָס אחוץ זיין גרויסער דרוקעריי האָט ער אויך געהאַט א גרויסען פֿערלאַג פֿאַרבונדען מיט א בוכהאַנדלונג. ער איז אויך געווען דער ערשטער בוכהענדלער וואָס האָט אַרויסגעגעבען א קאַטאַלאָג פֿון די ספרים אין זיין געשעפֿט. אַנדערע דרוקערס, באַזונדערס שפּעטער, האָבען צוגענומען שותפים וואָס האָבען אַריינגעלעגט געלד אין עסק, אויף די ביכער וואָס זיי האָבען פֿאַרעפֿענטליכט שטעהט געוועהנליך "ע"י השותפים" אָדער "האחים" אָדער "בשותפות". נאָך שפּעטער קומט פֿאָר אַז די מחברים זעלבסט האָבען געמאַכט שותפות מיט די דרוקערס אין דעם בוך וואָס זיי האָבען פּובליצירט. דאַדורך ערקלערט זיך וואָס מאַנכע עקזעמפּלאַרען פֿון איין און דעמזעלבען ספר, געדרוקט אין דעמזעלבען אָרט און אין דערזעלבער צייט, אונטערשיידען זיך פֿון איינ'אַנדער דורך געוויסע סימנים: די עקזעמפּלאַרען זיינען פֿאַרטיילט געוואָרען לויט דער צאָהל פֿון די שותפים און דער גרויס פֿון זייערע חלקים און זיינען אין דרוק מאַרקירט געוואָרען דורך געוויסע צייכען, אָדער דורך דאס אויפֿדרוקען פֿון זייערע נעמען, כדי די חלקים זאָלען זיך ניט פֿאַרמישען. עס קומען אויך פֿעלע פֿאָר, וואו מעצענאַטען האָבען די דרוקערס אונטערשטיצט און זייערע נעמען זיינען אויף די ספרים פֿאַראייביגט געוואָרען אַלס "מחזיקי ידי הדפוס", אָדער וואָס מענשען האָבען איבערגעלאָזען געלד בצוואה אויף דרוקען א געוויסען ספר. די מאָדע פֿון נעהמען "פּרענומעראַנטען" איז ערשט צום סוף פֿון דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט אויפֿגעקומען, און דער ערשטער ספר אין וועלכען עס געפֿינט זיך אַ פּרענומעראַנטען-ליסטע איז דער "דרכי ים התלמוד" געדרוקט 1692 אין אמסטערדאם.

די בעלי מגיהים אין די קלענערע דרוקערייען האָבן זיך געוועג-
ליך רעקרוטירט פֿון די "כלי קדש" פֿון דער קהלה ווי חזנים, שמשים
אא"וו, וואס האבען נים געקאָנט לעבען פֿון זייער שכירות און האבען
דערפֿאַר געמוזט זוכען זייטיגע פּרנסות. אחוץ דער איינגענטליכער קאָ-
רעקטור פֿון ספר, איז מאנכמאל געווען זייער פֿליכט צו צוגעבן צום
ספר א פֿארצייכניש פֿון די פּסוקים פֿון תנ"ך און מאמרים פֿון דער גמרא
און מדרשים אא"וו וואָס קומען פֿאָר אין דעם ספר, צו מאַכען אַ "דרוק
פֿעהלער פֿארצייכניש" פֿון די גרייזען וואָס האבען זיך אריינגעכאַפּט
אין ספר נאכ'ן דרוקען. דעם ערשטען "לוח הטעיות" געפֿינען מיר אין
דעם מחזור אשכנז וואס איז געדרוקט געווארען אין סאלאניק פֿאר 1563.
די קארעקטארס האבען געהאט א פֿרייע האנד און האבען אפֿט געענ-
דערט אין די ספרים ווי זיי האבען געוואלט. באריהמט זיינען באזונדערס
געווען די אמסטערדאמער מגיהים, פֿון וועלכע ר' חיים מדפיס קאן זיך
נים אפּלויבען אין דער הקדמה צו דעם מוסר ספר "לב טוב" אין אידיש
פֿון ר' יצחק בר' אליקים פּוזנא, וועלכען ער האט ארויסגעגעבען מיט אן
איינגענער הוספה "לב חכמים" אין תס"ו אין אמסטערדאם. דאָרט איז
די קארעקטור דערהויבען געוואָרען צו אַ וויסענשאַפֿט, און דער מגיה
אליוקים בן יעקב, א חזן אין אמסטערדאם, גיט זיך דעם טיטעל "אחד
מבעלי חכמת ההגהה." וואס גרעסער די דרוקעריי איז געווען, איז אלץ
גרעסער געווען די פּערזענליכקייט פֿון די מגיהים וואס זיינען געווען ביי
איהר אנגעשטעלט. אַ גאַנצע רייהע פֿון ערשט קלאַסיגע גדולי ישראל
זיינען געווען פֿון באַרוף קארעקטארס, און האבען נים נאר געמאַכט די
קאָרעקטור נאָר האבען אויך געשריבען הערות צו די ספרים וואס האָ-
בען זיך געפֿונען אין זייער האַנד. עס איז גענוג ווען מיר דערמאָהנען די
אזוינע פּערזענליכקייטען ווי דער באַריהמטער גראמאטיקער ר' אליה
בחור (ביי דניאל באמבערג), וועלכער איז דאמאלס געווען אזוי באריהמט
אפֿילו אין דער נים-אידישער וועלט אז דער קעניג פֿון פֿראנקרייך האָט
איהם אנגעבאָטען א פּראָפֿעסאר שטעלע אין דער פּאריזער אוניווערזי-
טעט, ר' יהודה אריה די מודינא, דער פֿריי גייסט און רב, מיט אַ וויסען
וואס איז געווען אלץ אומפֿאַסענד און אַ פּערזענליכקייט וואס איז געבלי-
בען א רעטזעל עד היום, ר' אברהם אביגדור וואָס האט געשריבען הגהות
צו דעם פּראַגער טור פֿון 1540, ר' מאר בנבנישתי, דער מחבר פֿון
אות "אמת" געדרוקט ביי יוסף יעבץ אין סאלאניק אין
1565, ר' יעקב לוצאטו, דער מחבר פֿון "כפתור ופרח"
אויף די אגדות פֿון תלמוד און מדרש אא"יי, געדרוקט אין
באַזעל 1580, ר' יצחק גרשון אין ווענעדיג, ר' יצחק בן מרדכי גרשון
אין קראקוי, ר' שמואל שולם אין קאנסטאנטינאפּעל, ר' שמואל שאטען
אין פֿראנקפֿורט אם מאַיין ר' משה בן שם טוב חביב, ר' יעקב ברוך לאַנ-



דויי אין נעאפּעל, דער מחבר פֿון דעם באריהמטען ספר "אגור" וואָס איז
דארט געדרוקט געווארען צווישען 1487 און 1492.

איבער די ערשטע זעצערס געבען אונז די גאַנץ ערשטע דרוקען זעהר
וועניג אינפֿארמאציע, פֿילייכט, ווייל מאַנכע פֿון זיי זיינען געווען ענט-
וועדער משומדים אדער גוים. אין די מייסטען דרוקערייען אין פֿראנק-
פֿורט אם מאַיין זיינען געווען גוישע זעצערס, אזוי אין דעם דארטיגען
אלפֿס פֿון 1991 "ע"י הפועל המומחה המסדר בל"א זעצר קריסטיאן ני-
קולי סמארבורג" דאס זעלבע איז געווען ביי דע גארה אין ווענעדיג
(זעה צום סוף פֿון דעם ספר פֿילאזאפֿיש-נאטורוויסענשאפֿטליכען ספר
"נוה שלום" פֿון ר' אברהם שלום בר' יצחק, געדרוקט אין 1575). אינטע-
רעסאנט איז וואָס מאנכע פֿון די קריסטליכע זעצערס האבען זיך נאכ-
העד מגיר געווען (אַזוי אין דער הקדמה פֿון די "שאלות ותשובות רשד"ם"
געדרוקט אין 1596 אין סאלאניק ביי משה די מודינא, וועלכער
האט איינגעשריבען טיכטיגע גוישע זעצערס פֿון ווענעדיג און צווי
פֿון זיי זיינען דאָרט געווארען אידען). א נאָך אינטערעסאנטערע ערשיי-
נונג איז וואס מאנכע זעצערס האבען געהערט צו דעם שעהנעם***) גע-
שלעכט, אזוי צב"ש עסטעלינאַ, די פֿרוי פֿון דעם דרוקער און דאקטאר
אברהם כונת, טשערנא די טאכטער פֿון מנחם מייזלש וואס האט געזעצט
דעם מוסר ספר "רכב אליהו" פֿון ר' יוסף כ"ץ, געדרוקט אין שצ"ח אין
קראקוי, ניטעל די טאכטער פֿון לייב זעצער וואס האט געזעצט דעם
דקדוק ספר "שיח יצחק" פֿון ר' יצחק בר' שמואל הלוי, געדרוקט אין
פּראַג שפ"ח. מאנכע זעצערס זיינען אויך געווען באדייטענדע געלעהר-
טע וואס האבען אליין געשריבען ספרים, אזוי צב"ש ר' שמעון בר' אפרים
מזאלקווא דער מחבר פֿון "חלק שמעון" אויף מדרש, געדרוקט אין פּראַג
תמ"ז. אין דעם מדרש תהלים וואס איז געווען געדרוקט אין 1546 אין
ווענעדיג ביי באמבערג, רופֿט זיך זיין באריהמטער מענעדזשער קאר-
נעליוס אדעלקינד "מסדר ומגיה".

איבער די פּערזענליכקייט פֿון די דרוקערס איז אונז גאר נים באַ-
קאַנט, וואַהרשיינליך אויך צוליעב דעם וואס זעהר פֿיעלע פֿון זיי זיינען
נים געווען קיין אידען.

***) זי איז געווען די ערשטע אידישע פֿרוי וואס איז געווען א זעצער און האט
געזעצט דעם פֿערטען העברעאישען בוך וואס איז ערשיענען, נעמליך דעם פּאעטיש-
פֿילאזאָפֿישען ספר "בחינת עולם" פֿון ר' ידעיה הפניני, געדרוקט אין מאנטואה
צווישען 1476 און 1480, וואו זי פֿארצייכענט צום סוף "אנכי אשטלינה אשת אדוני
אישי הנכבד כמ"ר אברהם כונת יזיי"א כ ת ב ת י זאת האגרה בחינת עולם עם עזר
הצעיר יעקב לוי מארץ פּרובנצה מטרשקן (די שטאדט טאראסקאָן אין דרום פֿראנקרייך)
יחי אמן".

די דרוקערייען, וואס זיינען אין יענע צייטען געווען א באזונדערע פריווילעגיע וועלכע איז געגעבען געווארען צו יחידי סגולה, האבען געווענליך געהערט צו מענשען וואס זענען געווען פון אדעל לויט זייער אפשטאמונג און זייער גייסטיגע ריכטונג. עס איז דערפאר באגרייפליך פאר וואס זיי זיינען דאמאלס ניט געווען קיין "ווערק שאפס" ווי אין אונזער צייט נאר ווירקליכע בתי ועד לחכמים, א סארט קונסט סאלאנען וואו די נאבעלסטע און פארטגעשריטענסטע גייסטער פון דער שטאדט זיינען טאג טעגליך צוזאמענגעקומען. נעבען די זעצערס און דרוקערס וואס זיינען געווען באשעפטיגט מיט זייער ארבייט זיינען די גרויסע דרוקער-אפיצינען געווען געפאקט מיט פראפעסארען און געלערנטע מכל המינים און קינסטלער און גלאט אזוי אינטעליגענטען וואס האבען ליעב צו "רייבען זיך" ארום געלעהרטע און קינסטלער. יעדער בויגען וואס איז ארויס פון דער פרעס איז נאך פרישערהייט אונטערזוכט געווארען פון אט די ניט געבעטענע געסט וועלכע האבען געלייענט אדער קריטיקירט די ארבייט ווי זי האט פארדיענט. דיעזע וויזיטען זיינען אזוי אריין אין דער מאדע, אז די דרוקערייען זיינען אין פארלויף פון דער צייט געווארען א מין ראנדעוואו-פלאץ פאר אינטעליגענטע לעדיג-געהערס וואס האבען געשטערט די ארבייט. אין א בריף וואס דער באריהמטער איבענדערמאהנטער דרוקער אלדא מאנוציא האט געשריבען צו זיינעם א פריינד אין 1514, א יאהר פאר זיין טויט, באקלאגט ער זיך שטארק איבער דעם און שרייבט: "איך ווער געהינדערט אין מיין ארבייט דורך טויזענדער אונטערברעכונגען... דעם גאנצען טאג קריעג איך וויזיטען מכל המינים מענשען. די ווילען מיך באגריסען, יענע ווילען וויסען וואס פאר א נייע זאכען עס דרוקען זיך, די גרעסטע צאהל פון זיי אבער קומען פשוט ווייל זיי האבען גאר ניט צו טהון. "לאמיר געהן צו אלדא!" זאגען זיי צו אייגאנדער און זיי קומען אין פלווידערען אהן אן אויפהער. אבער די זיינען נאך ניט אזוי אונערטרעגליך ווי די וואס קומען מיט א פאעמע אדער מיט עפעס אין פראזא (געווענליך זעהר פראזאאיש) און ווילען דאס דווקא דרוקען מיט אלדא'ס נאמען דערויף. דיזע אונטערברעכונגען זיינען איצט געווארען אזוי ערנסט אז איך מוז נעהמען מיטלען געגען דעם.. איך האב איצט אויסגעהאנגען א גרויסען פלאקאט אויף דער טיר פון מיין אפיס מיט די פאלגענדע ווערטער: 'ווער דו זאלסט ניט זיין בעט דיך אלדא אז דו זאלסט קורץ זאגען וואס דיין פערלאנג איז און באלד דערנאך אוועקגעהן. אויף אזא אופן וועסטו לייסטען דעמזעלבען דיענסט וואס הערקולעס האט געלייסטעט דעם פערמאטערטען אטלאס. דא איז א פלאץ וואו נאר די וואס ווילען ארבייטען מעגען אריינקומען...'"—הגם מיר האבען ניט קיין



דירעקטען באווייז, פונדעסטוועגען קאן מען אנגעהמען אז דאסזעלבע בילד האט זיך אויך אפגעשפיגעלט אין די אידישע אפיצינעס, פיליכט אין א קלענערען מאסשטאב צוליעב דעם וואס זיי זיינען ניט געווען אזוי גרויס און אזוי רייך אויסגעשטאטעט ווי די קריסטליכע. דערצו האבען געווים בייגעטראגען די פארהעלטניסען צווישען דרוקער און פובליקום וואס זיינען געווען ביי אידען עהנליך צו די געשילדערטע פארהעלטניסען ביי די ניט-אידען, און עהנליכע באדינגונגען שאפען, ווי בעקאנט, עהנליכע רעזולטאטען.

(פארטזעצונג פאלגט).

---

ל. אלבערט.

## שטילקייט.

### לידער.

**1.**

ווען דער רעש וועט פאראיבער
און די שטילקייט וועט צו דיר קומען
און מאהנען א רעכנונג ביי דיר
מיט א פארוואורף א שטומען—

וואס וועסטו דער שטילקייט דערצעהלען ?

די שטילקייט זי איז דאך געווען אין דיין הארצען,
זי איז דאך פון היילינע סודות געוועבט...
וואס וועסטו דער שטילקייט דערצעהלען
ווי דו האסט אין טומעל געלעבט ?

וואס וועסטו דער שטילקייט דערצעהלען ?

די שטילקייט וואס הערט יעדען רעש
און קומט נאך א חשבון ביי נאכט
ביי נאכט ווען ס'איז פינסטער ארום
און דער שטורעם רוהט מיעד און פערשמאכט...

וואָס וועסטו דער שטילקייט דערצעהלען?

די שטילקייט וואָס קען דיינע זינד
און ווייסט פון דיין יעדען געדאנק;
די שטילקייט וואָס שאָטענט דיין קלייד
און טרויערט אין דיין פרעהליך געזאַנג...

וואָס וועסטו דער שטילקייט דערצעהלען?

ווען ס'וועט קומען די הייליגע שעה
דיין האַרץ וועט בלייבען שטעהן שטיל,
די שטילקייט וועט שטעהן ביי דיין בעט
און מאָהנען פון דיר אַזוי פיעל...

וואָס וועסטו דער שטילקייט דערצעהלען?

ב

אין דער שטילקייט זענען שטורמען
אָהן אַ צאָהל בעהאַלטען
ווי עס וואָלטען פאַלען טורמען
אין אַ טהאל אַ אַלטען.

אין דער שטילקייט שטימען שאַלען
וועקען אויף די טויטע
ווי עס וואָלטען שטערט איינפאַלען
זינדיגע און רויטע.

אין דער שטילקייט הערט מען קומען
נייע וועלטען, צייטען
אין דער שטילקייט הערט מען ברומען
דורות פון דער ווייטען.

אין דער שטילקייט הערט מען וועלטען
בויען און צושטערען...—
אין דער שטילקייט, אין דער שטילקייט
לויכטען געטער טרעהרען.



ג

שטילע שעה'ן זענען ווי אָפּאַלען בלייכע
ווי כשופען מיט קאָלירען ווייכע
רוימען איין דיר סודות, לאָזען דיר שטיל טרוימען
כדי זאָלסט עפּעס פרעהליכעס פערזוימען.

שטילע שעה'ן זענען ווי מעדוזא-פרויען
ווי קומען שטענדיג איינגעהילט אין גרויען
רעדען אַזוי פרום מיט שענע צאַרטע קלאַנגען
ביז דו ווערסט געפאַנגען אין די לאָקען-שלאַנגען...

שטילע שעה'ן זענען ווי שפּיאָנען
געשיקט פון ווייטע אומבעקאַנטע טראַהנען
ערגעץ אין מדבריות, וויסטע הוילע רוימען
וואו מען וויל פערנאַרען אונז דורך שטילע טרוימען...

ד

ווען ס'וועט דיך די שטילקייט
מיט איהרע נעבעל-הענט אומאַרמען
און גלעטענדיג דיין שטערען דעם מידען
דיר צוזאָגען אייביגען פריעדען...—
זאָלסטו ניט גלויבען דער טריעבער...

די שטילקייט מיט'ן זיידענעם אטהעם
מיט די פערחלום'טע סודות און טרוימען
האָט מיך שוין גענאַרט אַזוי פיעל:
געהייסען מיר וואַרטען, זיין רוהיג און שטיל...—
דערווייל איז דער שטורעם פאָראיבער...

ה

ווען די שטילקייט צורעדט זיך ביינאַכט אין מיין צימער
און עס הייבען אָן קרעכצען דער טיש און די יענט
און עס רעדען די אויגען און ווינקען די הענט
פון בילדער געהילט אין אַ געהיימפולען שימער...

ווען די שטילקייט צורעדט זיך אין מיין צימער ביינאַכט
און איך הער פון די שאָטענס דעם שטילען גערויש
און עס שליוכצט אין אַ ווינקעל, אַ שטרויערנער קויש
און דער פלאַם פונ'ם ליכטעל דערצעהלט וואָס פערטראַכט

און דער פאָרהאנג בעוועגט זיך געהיים ביי דעם פענסטער
ווי ער וואלט געמאכט צייכענס צו וועטען אין דרויסען
ווי ער וואָלט הילף גערופען צו אייגעם אין גוסס'ען
און וואָלט זיך בעראַטהען מיט פרעמדע געשפענסטער.

ווען די שטילקייט צורעדט זיך אין מיין צימער ביינאַכט
און עס דאַכט מיר אַז עמיצער שטעהט ביי מיין טיהר
איך הער ווי ער אָטהעמט און גרייט זיך צו מיר
און פאָרעט מיט עפּעס געהיים אין פערדאַכט.

ווען די שטילקייט צורעדט זיך און איך בין אליין
די אויגען צועפענט און פול מיט געהער
עס פאַלט ווי א דונער אַראָב יעדע טרעהר...
ווען די שטילקייט בעזוכט מיר און איך בין אַליין.— —

---

לעאָ קעניג.

# דער ווייסטער שאָטען.

## אַ מאָטיוו.

### א.

און מרים האָט ליעב געהאַט יהודה'ן. נים יהושע'ן...

יהודה איז קרעפטיג, און בראנזיג געווען. ליידענשאַפט האט געקלונגען אין זיין רעדען, ליידענשאַפט האָט זיין הויט געפארבט, און ער האט זי גענומען און האט זי געקעגט...

יהושע איז געווען שלאַנק, גאלדיג—בלאָס און א פארטראכטער האט ער זיך שטענדיג געווארפען אין די אויגען. שטענדיג האט מען איהם געזעהן. ער איז געווען פון די זעהר זעלטענע רבי'ים וועלכען לערנען וועניג, דרש'נען זעלטען און דאָך מיינט מען אז זיי ווייסען מעהר פון אלע, און מען דענקט בלויז פון זיי.



יהודה האט אָפט און מיט התלהבות געלערנט אבער הנאה האבענדיג פון זיינע דרשות פלעגט מען קוקען אויף יהושע'ן.

די תלמידים פלעגען מיט גרויס באַגייסטערונג פארגעהמען יהודה'ס פייערדיגע רעדעס אבער געזעהן האבען זיי יהושע'ן, גלייך ווי זיין בלאַסקייט וואלט ארויסגעקוקט פון יהודה'ס בראנז-געזיכט...

קוקענדיג אין יהודה'ס שווארצע גליהענדע אויגען פלעגען זיך חלומען יהושע'ס בלאהע, טרוימענדע און שטילע...

### ב.

פלעגט מרים שטענדיג זעהן יהושע'ן. ווען זי פלעגט אין יהודה'ס דאַך-שטיבעל זיך געפינען און ארויסקוקען דורכ'ן פענסטעריל צו דער אוהרה אדער צו די וויינגערטנער אונטערן הר הבית, פלעגט זי יהושעס ווייסע שלאַנקע פיגור דערזעהן... שלייכענדיג זיך אין די בערג, אדער ווי א וואַך-געשטאלט ביי א פלפולדיגען מנין אין הויף פונ'ם בית המקדש...

און פונקט ווי מען זעהט זונען-פלעקען ארומשוועבען אין דער לופט און איבעראל ווען מען נעהמט אראפ די אויגען פון דער זון, אזוי פלעגט זי איהם זעהן אפילו ווען ער איז נים געווען. אין שאָטען צו אין ליכט, אויף וועטען און אויף וואָס איהרע אויגען פלעגען נים רוהען, פלעגט א ווייסער פלעק פלוצלונג אנהויבען ארומשווינדלען אזוי לאנג ביז ער האט זיך פארטירט אין א ווייס שלאנק געשטאלט...

און זי האָט ווידער געזעהן,

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז עס פלעגט זיך איהר דאַכטען אַז ער איז אונטער איהרע פלייצעס ווי א ווייסער שאָטען.

און נאך ווייטער איז עס געקומען:

ווען יהודה האט מיט זיין אטהעם איהר לייב געברענט האט זי ענטפערס — פאַכענדע שטילע קיהלקייט געפיהלט, ווען יהודה האָט מיט די ציינער איהרע אַקסעל געביסען, האט זיך איהר געדאכט אַ מילד אומעטיגער שטייכעל גלעט איהר לייב...

און אומרוהיג פלעגט זי זיין אין יהודה'ס ארעמס... און זי האט געטראַכט אַז זי זינדיגט...

### ג

האט זי אנגעהויבען יהושען רופען—מאן, פונקט ווי תלמידים האבען יהושע'ן גערופען "רבי" חאָטש געלערנט האָבען זיי פון יהודה'ן. "מיין האַר, מיין מאַן—און אמאל אויך—מיין רבי" פלעגט זי איהם רופען גלייך ווי זי וואָלט גערעדט צו איהר אמת'ן מאן, האַר און רבי...

יהושע'ן האט עס ניט געאַרט, ווייל ער פלעגט מיינסטען בענשען ווי שטראָפען און יהודה'ן האט עס פאַרדראָסען, ווייל ער פלעגט ס'רוב שטראָפען און היפּטזעכליך ווייל זי איז זיינע געווען און ער האט זי ליעב געהאַט... און אזוי ווי אָהן רוגזא האָט יהודה קיינמאל ניט געקענט טראַכטען און ער האט אלעס געזעהן אין די שטאַרקסטע פאַרבען איז איהם פּלוצלונג איינגעפאלען:

איך לעב מיט אנ'אשת-איש!

האבען זיינע געבליטען אנגעהויבען ווילד צו קאָכען און ער האט מרים'ן ארויסגעוואָרפען פון זיין צעלט.

האָט מרים געקלעהרט: מיין מאַן, מיין האַר און מיין רבי הייליגט זיך און ער וויל איצט קיין אשה ניט קענען... ווען יהודה האט זי מיט חרופים ארויסגעטריבען, האט זיך איהר געדאַכט אין זיינע קללות יהושע'ס שטילע און פרומע ווערטער:

"און וואויל איז דעם מאַן וועלכער קען זיך איינגאַנצען באַגעהן אָהן א פרוי"...

און זי פלעגט זיצען אויף די ווייסע שטיינערנע טרעפּלעך פון יהודה'ס הויז און נהנה זיין מזיו השכינה, גלייך ווי אויבען וואָלט ניט יהודה געלעבט און געליטען נור יהושע וואָלט דאָרט פאַרבראַכט אין הייליגע תפילות... און ווען יהודה פלעגט פאַרבייגעהן און זי מיט'ן פוס שטויסען, פלעגט זי דעם ווייסען שאָטען זעהן פאַרביי געהן און א ווייכע האַנט אויף איהר קאָפּ רוהען געפיהלט.

און אלץ געהעגטער און נעהעגטער איז זי אויך געוואָרען צו יהושע'ס שטומע נאכפאָלגער...

אין יהושע האָט געגלויבט אז זי ווערט גערייניגט.

ד.

האָט זיך דער כוח הדמיון ביי יהודה'ן צושפּיעלט און ער האט א זעהונג געזעהן:

דער ווייסער שאָטען ווי אַ ווייסער שנעע דעקט צו די גאַנצע ערד... אלע טייכען בלוט, אלע זומפּען און זינדיגע בלאָטעס, דעקט צו אט די צדקות'דיגע ווייסקייט.. מענשען און פעלקער וועלען פון נאָט אבקעהרען, איינער דעם צווייטען הרגנען און זיך באהאלטען בלינד און אָהן זייער ווילען אונטער דעם זייבער'ן תכריכים-ווייסען שאָטען...

זיי וועלען זייערע הייליגסטע זוימען פאַרשוועכען און ווי וואַסער צוגיסען און האפען א ווייסקייט זאל זיי צודעקען...

זיי וועלען אָבקעהרען מיט פרעמדע פרויען און מיט פרעמדע געטער און זיך פאַלש טוליען אין דעם ווייסען שאָטען...



זיי וועלען די זייבערסטע כרובים-פליגלען באשמוציען און דעם ווייסען שאָטען זעלבסט און רעדען אין זיין נאמען און צו זיין נאמען"...

און עס האט זיך איהם געדאַכט: ער וועט זיין פרוי, זיין פאָלק די גאַנצע מענשהייט רעטען, ווען ער וועט דעם ווייסען שאָטען מיט לעבעדיג-הייליג מענשליך בלוט באשמוצען... די ווייסקייט וועט ניט זיין אַזוי זייבער און די זינד ניט אזוי געפעהרליך.. לאָז דער געוועהלטער מענשליכער זיין, וועלען פעלקער ווייניגער זינד. וואַרפען אויף זיינע פלייצעס"...—

און ער איז אויפגעשטאַנען און געגאַנגען זיין פרוי, זיין פאָלק און די גאַנצע מענשהייט רעטען...—

ה.

און אַז ס'האָט זיך געמאכט און מען האט יהושע'ן געקרייציגט, איז מרים געשטאַנען אונטער א נאַכטיג בערגעל און באהאלטען פון דאָרט ארויסגעקוקט... זי האט געזעהן ניט יהושע'ן נור יהודה'ן אויפ'ן צלם... דער ווייסער שאָטען איז געבען איהר געשטאַנען און צערטליך איבער איהר געהויכט...

---

דוד זיידענפעלד.

## בין השמשות.

בין השמשות ווען די זון געהט שטאַרבען<br>
וואַרט איך תמיד אויף א פּלוצלינג געשריי,<br>
נאָר כ'זעה די וואלקענס ציהען שטיל פאַרביי,<br>
אויסגעפּוצט אין העלע רויטע פאַרבען.<br>
דאַן פאַלט אויף מיר פּלוצלינג אן א מורא<br>
כ'וואלט ניכער מיך אין שווארצען איינגעהילט<br>
און אויף אַ פידעל ווייגענדיג געשפּילט<br>
שטיל אַ ליעד פון שוואַרצער מרה-שחורה;<br>
דען נאך אַ טאָג פון מיין יוגענד געהט<br>
איצט זיך מיט דעם טויט, דעם טויט פעראייניגען<br>
ווי א יתום הויב איך אָן צו וויינען,<br>
אין הראזיאָגט א סקעלעט זעה איך שטעהט<br>
ס'קיקט מיך אָן פערשטומט זיין הוילער שאַרבען<br>
בין השמשות ווען די זון געהט שטאַרבען.

## שטיל ווי די וואלקענס.

שטיל ווי די וואלקענס וואָס ציהען פאַרביי
ווייגט אין מיין הארצען מיין ליעבע.
שטיל ווי די בוימער וואָס שטעהן פאַרטראַכט,
ווי שלעפעריגע יונגלאך אין שטילען פאַרנאַכט,
קיין ווינטעל גיט זיי נישט קיין ריהר.

שטיל ווי די זון הינטער וואלקענס פאַרשטעקט,
בעט אין מיין הארצען מיין ליעבע,
שטיל ווי דאס וואַסער פון קוועלכעל רינט,
ווי ס'צערטליך נעבעט פון אַ בענקענדיג קינד
באַשיינט פון דער מאַמעשים טרעהר.

---





## וועגען ענגלישען טעאטער.

### א.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן איצטיגען לאנדאן די גוואַלדיגע טעטיגקייט פאַר "קליין טעאַטריי." בעת די גרויסע לאנדאנער טעאַטערען קומען פאַמעלאך צוריק צו די געוועהנליכע אויפפיהרונגען פון פאַר דער מלחמה, פאַרמעהרען זיך אבער די צאהל נייע ריכטונגען און באַוועגונגען אין דער טעאַטער-וועלט. מר. נאָרמאן מאקדערמאט, דער גרינדער פונ'ם פאָלקס-טעאַטער, דער היינטיגסטער פיליכט פון די אלע עקספערימענטען, וואס האט באקומען די הסכמה פון די גרעסטע ענגלישע שריפטשטעלער, גיט מיר איבער אַז ער האט ביז איצט איבערגעצעהלט נים ווייניגער ווי צוויי און פערציג פאַרשיעדענע טעאַטער-גרופעס, פעראיינען, פלענער און עקספערימענטען. און זייער צאהל פאַרגרעסערט זיך אלץ.

אפילו דער אלטער "ביהנען-פעראיין" האט לעצטענס ארגאַניזירט אַ ספעציעלע פיליאלע גרופע וועלכע באשעפטיגט זיך מיט דער אויפפיהרונג פון אלטע דראַמאַטישע ווערק. יעדע נייע גרופע קלויבט זיך אויס אן אידעע אדער אַנ'אידעאַל, און שעלטענדיג דעם קאמערציעלען טעאַטער, פאַרשפרייט זי איהרע צירקולארען, און לאַדט איין מיטגליעדער צוליעב זייערע שטייערען. אויב עס קומט אריין גענוג געלד, פיהרט זי דורך איהר פראגראַם. איך ווייס נישט גענוי וואס קומט פאַר אויב דער איינקונפט איז נישט גענוג.

די מיטגליעדער פון די לאנדאנער טעאַטער-גרופעס אונטערשטיצען ס'רוב אַסך אַזעלכע פאַראיינען, און געהן מיט באַגייסטערונג צו אלע זייערע פאַרשטעלונגען.

כמעט יעדער וועמען מען טרעפט איצט האט עפעס א נייעם פלאַן וועגען טעאַטער. אנטלויפענדיג לעצטענס פון לאָנדאָן צוליעב די דאזיגע פלענער, בין איך אוועק ערגעץ אין אַ פערוואַרפען דערפעל, און בין גלייך אריינגעפאלען אין די אָרעמס פון א דארטיגען טעאַטער-רעפאָרמער, וועלכער האָט געטרוימט מיט זיינע פראָיעקטען איינצונעהמען לאנדאָן. ער האט מיך אהיים גענומען צו זיך, און גערעדט מיט אַזאַ אידעאַליזם וועגען דער העכערער דראַמאַ, אַז איך האָב זיך גלייך פאַרגעשטעלט אַז עס מוזען זיך ביי איהם געפינען גאַנצע פאליצעס פול מיט "אינטעלעקטועלע" מאַנוסקריפטען. ער האָט אָבער באלד געענדערט זיין טאָן, און איז געווארען שטרענג געשעפטסמעסיג. ער האט מיר געוויזען פלענער פון אודיטאָריום-איינארדנונגען, מיט די פאַרשידענע ערטער געצייכענט בלוי, גרין און געל, יעדע פאַרב מיט א באזונדערען פרייז, און גאַנצע בויגען האָט ער פאַרשריבען מיט חשבונות. אין טעאַטער האָט אויך געזאָלט זיין א רעסטאָראַן, און פאַר דעם האָט ער געהאַט נייע חשבונות—פאַר קאַרטאָפעל, פליש, קליינע טישעלאַך, טעע און קאווע, אפילו פאַר טוכלע "סאַנדוויטשעס" אויך. און אז ער האט אנגעהויבען אויסרעכענען וויפיעל גלעזלאַך בראנפען מען קען אלץ מאכען פון איין פלאַש, האט זיך צושפילט זיין ריבה-חוש גאר התפעלות'דיג.

צום סוף האָב איך איהם געפֿרעגט וואס פֿאַר'אַ גרויסע דראַמאַטישע ווערק ער האָט שוין אָנגעגרייט. "גאָראַנישט!" האט ער געענטפֿערט ציניש: "דאס קען מען שטענדיג קריגען." הייסט עס אז אפילו אַ הויך-אינטעלעקטועלער פֿאראיין איז אויך בלויז א געוועלבעל, פונקט אַזוי ווי א געוועהנליך קאמערציאַלער טעאַטער. עס איז בלויז אַ קלענערע אונטערנעמונג. און אין דער ווירקליכקייט זענען די אלע פֿעראיינען נישט מעהר ווי אַ גרופע קליינע געוועלבלאַך, וועמענס צוועק איז צו העלפֿען זייערע ארגאַניזירער צו מאכען אַ לעבען. ווייל באמת שטאַמט יעדע גרופע פֿון איין מענש וועלכער ווערט אנ'ארגאַניזאַטאָר, ס'רוב צוליעב זיינע אייגענע אינטערעסען, אמאָל אלס דראַמאַטורג און אמאָל אַלס אַקטיאָר.

איך האָב אַליין געזעהן מיט וואָס פֿאַר'אַ שמחה אַזאַ גרופע אַקטיאָרען, האבענדיג אויפֿגעפֿיהרט מיט ערפֿאָלג א נייע פּיעסע אויף זייער קליין-טעאַטער אופֿן, האָט זיך געלאָזט אָבקויפֿען האַק און פּאַק פֿון אַ קאמערציעלען טעאַטער, אין וועלכען די האבען אבגעשפּיעלט אַ רייהע פֿון הונדערט נעכט, און האבען זיך גוט אנגענעסען, כדי זיי זאָלען האבען כח אויפֿ'ס ניי צו הונגערן אין דעם אידעאַלען טעאַטער.

עס איז אפילו שוין געשאַפֿען געוואָרען א ספּעציעלער זשורנאַל—"טעאַטער-קונסט" ("Theatre Craft") די אלע נייע שטרעמונגען אבצושפּיגלען. ער איז מאַמש איבערגעבען דעם צוועק, און חאטש ער איז מודה אז די נייע פֿאַראיינען וואַקסען "אַזוי ווי שוועמעלאַך נאָך א רעגען," זאגט ער אבער אַז דאס איז אַ סימן פֿון לעבען, און אַז ווען די אַלע טעטיגקייטען וואָלטען זיך מעהר קאנצענטרירט, וואָלט זיי צו ענג געוואָרען. און פֿיהרענדיג דעם געדאַנק צום פּועל יוצא, קומט ער צום שלוס, אז יעדער מענש דאַרף זיין אַ טעאַטער פֿאַר זיך!

ב.

## שייקספּיר, דער דאָלאַר און אָטעלאָ.

עס פֿרעגט זיך וואָס פֿאַר אַ סמיכות הפּרשה האט דער דאלאַר מיט דעם אויפֿפֿיהרען פֿון שייקספּיר'ס פּיעסען אין לאָנדאָן. ווי ברייט עס איז געווען שייקספּיר'ס בליק איבער דעם פֿעלד פֿון מענשליכע טעטיגקייטען, איז עס דאָך נישט בעקאַנט אז ער זאָל זיך האָבען אמאָל באַשעפֿטיגט מיט דעם געלד-מארק—דאס איצטיגע שטייגען פֿונ'ם דאָלאַר שפּילט אבער זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אין לאנדאן, און דאס האט געפֿיהרט דערצו מען זאָל זיך נעהמען אזוי שטאַרק צו שייקספּיר'ס פּיעסען.

דער הויכער קורס פֿונ'ם דאלאר ווירקט נאטירליך אַז ס'זאָל ווערען טייערער דאס אויפֿהאַלטען פֿון אַ טעאַטער אין לאנדאן, פונקט אַזוי ווי פֿון וועלכען ס'איז אנדערען געשעפֿט. די הצאות ווערען גרעסער איבעראל, און די פֿינאנציעלע עקספּערטען זאָגען אַז אין דעם איז נור שולדיג דער איצטיגער קורס פֿונ'ם דאלאר.

פֿערשטעהט זיך, אז א טעאַטער-אייגענטימער וואס וויל ניט אויפֿפֿיהרען עפּעס אַ נאַרישע זאַך צוליעב פּראָפֿיט, ברענגט זיך איין אַ גרויסע הוצאה אויב ער פֿיהרט



אויף אַ ווערק פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג, וועמען ער דאַרף קיין האָנאָראַר ניט צאָהלען. נאָר דער פֿאַרשטארבענער דראַמאַטורג מוז צו דער זעלבער צייט אויך זיין אַ לעבעדיגער דראַמאַטורג. און וועלכער פֿארשטארבענער דראַמאַטורג לעבט אַזוי ווי שייקספּיר?

עס איז אָבער פֿאַרהאַן נאָך אַ סבה פֿאַר דעם איצטיגען שייקספּיר סעזאָן—דאָס מאָל אַ ריין קינסטלערישע. עס געפֿינען זיך נאך עטליכע אקטיאָרען וואס פֿיהלען שטאַרק די היסטארישע טראַדיציע פֿון דער לאנדאנער ביהנע, און זוכען אויפֿצוהאלטען אויף וויפֿיעל די פּראַקטישע באַדערפֿנישען פֿונ'ם לעבען דערלאזען עס, איהר גרויסקייט.

מר. מאטהעסאָן לאַנג איז איינער פֿון די ווייניגע אקטיאָרען וועלכער זוכט פֿון צייט צו צייט, לויט זיינע מעגליכקייטען, אויפֿצוהאַלטען די גרויסע טראַדיציע. זיין שיילאָק מיט עטליכע יאהר צוריק אויפֿגעפֿיהרט איז געווען איינער פֿון די אונפֿארגעסליכע ערשיינונגען אין לאנדאן. איצט שפּיעלט ער אין דעם "ניו טעאַטער" אין סיינט מארטינס ליין, וואו ער פֿיהרט אויף א לייכט לוסט-שפּיעל מיט'ן נאמען "קאַרניוואַל". האָבענדיג זיך פֿארזיכערט דורכדעם מיט פּרנסה, פֿיהרט מר. מאַטהעסאן לאַנג אויף יעדען מיטוואך נאכמיטאָג "אָטעלאָ", און זיין פֿארשטעלונג איז בלי ספק די סענזאציע פֿונ'ם היינטיגען טעאַטער-סעזאָן.

"אָטעלאָ" איז אַ לאַנגע פּיעסע, וואָס קאָסט אַ סך געלד אויפֿצופֿיהרען, און עס זענען פֿאַרהאַן געוויסע סבות פֿארוואָס עס קען קיינמאָל נישט ווערען פּאָפּולאַר. דערפֿאַר איז די אויפֿפֿיהרונג אנ'אמת אידעאליסטישער טהאַט, ווייל דאס טעאַטער געפֿינט זיך אין האַרץ פֿונ'ם לאנדאנער "וועסט-ענד" ווייט פֿון די "אינטעלעקטועלע" פֿעראיינען. און ס'איז פֿאַרהאַן אין דעם נאך עטוואס אידעאלעס—די פֿריינדליכע מיטארבייטונג פֿון אַ צווייטען גרויסען אקטיאר—מר. ארטהור בושער, וועלכער שפּילט איאַגא.

עס איז כמעט א געזעץ אין דער טעאַטער-וועלט אַז צוויי שטערן שיינען ניט מיט אמאָל. יעדער דראַמאַטורג איז שוין געוואהנט צו נעמען דאס אין אַכט. אסך פּיעסען זענען קיינמאל ניט אויפֿגעפֿיהרט געווארען, נור דערפֿאַר ווייל עס האבען זיך געפֿונען צוויי מענער ראלען (אדער צוויי פֿרויען ראלען) פֿון דער זעלבער וויכטיגקייט.

א "שטערן" אויף דער ביהנע האָט קיין חשק ניט צו זיין אַ צווילינג. און דאך האבען מיר דאָ אין איין פּיעסע מר. מאטהעסאָן לאַנג און מר. ארטהור בושער, און ביידע סטאַרען זיך צו פֿארשטעלען איינער דעם צווייטען, און ווי ס'פֿאַרשטעהט זיך, טהון זיי עס טאקי, אמאָל איינער און אמאָל דער צווייטער.

די געשיכטע פֿון אטעלאָ און דעזדעמאנאַ, איז ווי אלע שייקספּיר'ס ערצעהלונגען גוט בעקאַנט. נישט אַלע וואָס קענען די געשיכטע ווייסען אַז שייקספּיר האָט עס געשריבען. איך האָב אמאָל באַגעגענט אַ געזונטען גוי. ער איז געווען אַ גוטער סוחר, נאָר פֿון שייקספּיר האָט ער נישט געוואוסט. ער האט אבער גוט געקענט די געשיכטע פֿון אָטעלאָ; ווייניגסטענס, ער האט מיר דערצעהלט עפּעס עהנליכעס מיט גרויס פֿארגניגען.

די פינף לאַנגע אַקטען זענען אָבער אויף דער ביהנע נישט גענוג שפּאַנענד צו האַלטען דעם עולם די גאַנצע צייט. דאָס טיעף מענשליכע אין דער דראַמאַ איז אריין אין אונזערע נשמות, נאר די סביבה אין וועלכער די האנדלונג קומט פאַר מאכט אונז עפּעס גלייכגילטיג. און עס העלפט נישט די כאַראַקטעריסטישע פּאָעטישע שפּריכען פון מר. מאַטהעסאָן לאַנג'ס אויפפאַסונג. ווייבאַלד אָבער די הויפּט פּריאַ,—אַמעלאַ, דעזדעמאָנאַ און איאַגאָ קומען צו צו דער אמה'ער האנדלונג, ווערען מיר פאַרכשופ'ט.

וואָס איז איינפאַכער ווי דער צוזאַמענהאנג צווישען די דריי—איאַגאָ פאַר'סמ'ענדיג אַמעלאָ'ס פאַרשטאַנד, און טרייבענדיג איהם ביז משוגעות און דאס טויטען פון זיין געליבטע. די אמת'ע אויפגאַבע פון דער דראַמאַ איז זעהר איינפאַך; עס איז אייגענטליך כמעט קיין דראמא נישט. עס איז א פשוט'ע רויהע מענשליכע ליידענשאַפט, וואס שייקספּיר'ס אונפאַרגלייכליכע קראַפט שפיגעלט אב פאַר אונז. דער מענש ווייס נישט פון קיין גרעסערען צער ווי דאס באוואוסטזיין אַז זיין געליעבטע ליעבט אַנ'אַנדערען.

דער דאזיגער פּולס איז דער לייט-מאטיוו פון דער גאַנצער פּיעסע, און מר. מאַטהעסאָן לאַנג'ס אויפגאַבע איז צו באַווייזען עס פאַר אונזערע אויגען. און ער באווייזט עס אויף אַזאַ שטארקען אופן אַז ס'איז אונמעגליך צו פאַרגעסען יענע שרעקליכע סצענעס.

דאָך איז שוין געווען כמעט אַ האלבע פּיעסע צו ענדע, איידער עס איז געלונגען מר. מאַטהעסאָן לאַנג דורך זיינע געפּייניגטע נשמה-בויגונגען, צו פאַרדעקען מר. בושער. ביז דאַמאלס איז אלץ מר. בושער בולט געווען. מר. מאַטהעסאָן לאַנג'ס אַמעלאָ איז ביז דאַמאלס געווען אַ שטילע פיגור, אביסעל פאַרלירען אין זיין גרויסער ליעבע. און צו צאַרט אַז מען זאָל פון איהם ערוואַרטען זיין שפּעטערדיגען שטורם. מר. בושער דאגעגען איז נואנסען-רייך, און ציהט אויפמערקזאַמקייט אויף זיך מליעב זיין פיינע אויפפאסונג פון איאַגאָ, אַלס אן אינטריגאַנט, וואָס פאזירט אלס גוטער ברודער מיט יעדען איינעם.

די גאַנצע צייט שפּיעלט מר. בושער גלענצענד, און דאך ווערט זיין שטערן בלאַס ווען ס'קומען די גרויסע מאָמענטען פאַר אַמעלאָ.

---

ש. וויינסטען.

## „מלחמה-בילדער".

מען דארף נים קיין מורא האבען פאר דער מלחמה-בילדער-אויסשטעלונג. עס געפינט זיך דארט נישט קיין איין בילד וואס איז נישט פאסיג צו הענגען אין א סאלאָן, אויב דער סאלאָן איז נור גענוג גרויס. מען געהט ארויס פון דער אויסשטעלונג טראַכטענדיג וועגען דעם ליבעראלען קונסט-געשמאַק פון דער רעגירונג, אבער נישט וועגען דער מלחמה. ס'געפינען זיך דארט קוביסטישע בילדער און אקאדעמישע פארטרעטען.



ס'האבען אויסגעשטעלט נעווינסאן און באמבערג, ווינדהאם לואיס און ראבערטס, און סאַרדזשענט קוקט זיך איבער מיט דעם שרייענדסטען פוטוריסט.

לויט דער אויסשטעלונג האט די מלחמה געמוזט זיין א גאַנץ שענער שפּאַס. מען זעהט דאָ נישט די טראגעדיע פון דער מלחמה.

מיר זוכען נישט קיין מעלא-דראמאטישע עפעקטען, אדער איבערטריבענעם סימבאָליזם. מלחמה איז אבער אַ שרעקליכע זאַך, און די אויסשטעלונג דריקט דאס נישט אויס. עס געפינען זיך דא זעהר שענע זשורנאליסטישע סקיצעס, אז אפילו גאַנץ פיינע בילדער אויך. מעווינסקי למשל, שטעלט פאַר עטליכע מענשען אויף א באהנהויף, נאר אַזוי ווי זיי געהן אנגעטאן אין "קאַקי", הייסט עס א מלחמה-בילד. עפשטיין טוט אן אַן אמת'ן העלמעט אויף א קאָפּ, ווערט עס שוין א מלחמה-סקולפּטור. באַמבערג ווייזט עטליכע עקען צוזאַמענגעשטעלט אין א פארם פון א מענשליכער פיגור, נאר אַזוי ווי דער נאמען האָט עפּעס צו טון מיט מלחמה, פארשטעהט מען אַז דאס בילד געהערט נישט צו זיינע יאפּאַנישע אדער שיפען-צייכנונגען.

ראָטהענשטיין מאלט פארטרעטען פון אפיצירען, זענען זיי מלחמה-בילדער.

אָבער וואו איז די מלחמה ? מען רעדט וועגען קריג, און ס'איז נישטאָ קיין קריג. אן ארטיסטען באטאליאָן האט זיך אביסעל געשפּילט, געקריגען אורלויב און געמאָלט בילדער. לאמיר האָפען אַז זיי האבען געקריגען גוט באצאהלט דערפאַר.

פונקט ווי די אפיציעלע זשורנאליסטען האבען זיי זיך נישט גענויטיגט אין קיין צענזור. קוביזם האָט באוויזען אז זי איז אנ'אומשולדיגע זאַך. מען ברויך זיך נים שרעקען דערפאר, און די רעגירונג מעג זי גאַנץ דרייסט אונטערשטיצען. איבערהויפּט ברויך מען היינט שטיצען אלעס וואָס איז ענגליש !

מיר האבען יא ערוואַרט עפּעס פון אונזערע אידישע קינסטלער. מיר האבען גע־מיינט זיי וועלען אפשר ארייגשיקען בילדער וואס די רעגירונג וועט מורא האבען צו ווייזען—פאַרשטעלונגען פון מלחמה.

אידען זענען דאך באקאנט מיט ליידען. זייער בלוט איז דורכגעחייקט מיט דעם און מיר האבען געמיינט אַז אין דעם דראַנג פון דער מלחמה וועט עס געפינען ביי זיי אנ'אויסדרוק. אבער ליידער, האבען זיך די אידישע מאַלער נישט דערהויבען דערצו—ווענינסטענס נישט אין ענגלאנד.

מיר פרעגען זיך: איז די מלחמה צו געוואַלטיג וואס מיר באשעפטיגען זיך בלויז מיט איהרע שענערע, לוסטיגערע זייטען, באנוצענדיג טאקי די אויבערפלעכליכע סימבאָלען פון טראגעדיע—ווי נאַקעטע בוימער, איינגעפאלענע הייזער און בלוט, נאר שפילענדיג זיך מיט זיי.

צי עס איז דערפאר ווייל מיר האבען נאך נישט דערגרייכט די טעכניק פון טראַגעדיע? מיר וועלען מסכים זיין אַז אַ בילד ברויך נישט דערצעהלען קיין מעשה'לע. אבער מלחמה דארף געבען בילדער, פלוצלונג'דיגע בילדער, זעלטענע בילדער, נישט ווידער אמאל די זעלבע קאנווענציעס.

סארדזשענט'ס בילד "גאַז פאַרגיפטעט" מאכט דעם איינדרוק אַז ער האט עס געמאָלט מיט דעם זעלבען געפיהל ווי ער האט געמאָלט די פאָרטרעטען פון די וועלט-היימערס, נאר ער האָט זיך באַנוצט מיט מעהר מאָדעלען. די פיגורען שטעהן אין אויפ'ן שיינע פאָזען. און די טעמא איז די שרעקליכסטע וואָס די ציוויליזאַציע האט געשאַפען—יונגע מענער צובראָכען און נישט טויט.

איך האב אמאל געזעהן "אַ געגאַזטען" מאן. ער איז געגאַנגען אין גאַס ווי טשאַרלי טשאַפלין, און דער עולם האט זיך אמוזירט.

דאָסזעלבע איז אויף דער אויסשטעלונג. דער עולם גערט פון בילד צו בילד, און אמוזירט זיך. או אַז מען קומט ארויס אין גאַס, פיהלט מען ווי דאס לעבען קאָכט, די וועגענער רוישען, און די מענשען לויפען פארביי, און מען באגרייפט אז מען איז ערשט ארויסגעקומען פון א פארוויילונגס-אָרט.

נעווינסאָן איז באַוואוסט פאר זיינע מלחמה-בילדער. ער איז געוואָרען פאפולער מיט זיי. מען האט געזאגט אז ער האט געפונען א דינאמיק פאר טראגעדיע. ער ווייזט דאָ "סערטשלייטס" אויף א שענעם בלויעם הימעל—א מין וויהיסטלער עפעקט—נאר וויהיסטלער פלעגט זיי מאכען בעת ער איז אהיימגעקומען פון א באל. עס זענען אויך פאַראַן בילדער פון פארוואונדעטע—"שרעקליך", זאגען מענשען, און דאך קויפען זיי. דער אמת איז אַז נעווינסאָנ'ס בילדער טוען נים וועה. ער באנוצט בלויז די סימבאָלען פון טראַגעדיע, און די מעטאדען פון סאלאָן און פון פלאַקאַט.

די מלחמה איז געווען אזוי פלוצים, אַז מיר קענען אפשר נאך נישט ערווארטען אַז זי זאָל זיך אויסדריקען אין דער קונסט איידער זי האט זיך געענדיגט אין דער ווירקליכקייט. זי באווייזט זיך אין דעם פארגאַפטען אלטען פנים פונ'ם יונגען מאן, אינ'ם קאַלטבלוטיגען שמייכעל פונ'ם יונגען מיידעל, אבער עס וועט דויערן יאהרען איידער עס וועט געשאפען ווערען דער טיפ וואס מאָלט אַ טראגיש בילד ווייל ער מוז, ווייל ער אליין איז די טראגעדיע.

מיר מוזען וואַרטען. נאָר אויב איהר ווילט עטליכע שעה פארוויילען זיך, געהט זעהט די אויסשטעלונג פון מלחמה-בילדער. שטודירט די פאַרשיעדענע ריכטונגען אין דער מאָלעריי. דער קונסט-געשמאַק פון דער רעגירונג איז ליבעראַל און זי פאַרדינט א ליב דערפאַר, איבעררויפט פאַר דער וואונדערבארער אינספיראַציע צו ווייזען די אַלע ריכטונגען אין דער אַקאַדעמיע.





## קיזלינגס—אויסשטעלונג.

קיזלינג איז פון די יונגע מאָלער, וועלכע זענען נאכפאלגער פון קורבע און הויפטזעכליך-סעזאן. זיי זענען נאַטוראַליסטען.

נור קיזלינג'ס נאַטוראַליזם האָט אַ באַזונדער כאראַקטער. "Realisme Organise"—האט סאלאמאָן, דער בעוואוסטער פראנצויזישער קריטיקער און פאעט באַצייכענט קיזלינג'ס רעאליזם.

און אין דער אמת'ן געהערען קיזלינג'ס שטרעבונגען איגאנצען צו אונזער צייט מיט איהרע פראבלעמען פון פארם און פארבען הארמאניעס.

נור אין געגענזאַץ צו דעם אינטואיטיווען אימפרעסיאָניזם און דעם אנאליטיש רעפארמירענדען קוביזם, גיט ער דאס סינטעטיש רעאליסטישע. צו ריזיקירען א קאָלעקטיווע אויסשטעלונג אין דער "גאַלעריי דרוע" נעבען דער גלייכצייטיגער גרויסער אויסשטעלונג פונ'ם פאריזער "הערבסט-סאלאָן" דארף מען האבען חוצפה, אדער שטאַרק גלויבען אין זיך.

קיזלינגען פעהלען ביידע זאַכען נים. און זיין בילדער-אויסשטעלונג האט א גרויסען ערפאלג. אלע פאריזער קונסט-קריטיקער האבען זיינע ווערק באַמערקט און אויך געלויבט.

אין זיינע פאַרשיעדענע ווערק אויף דער אויסשטעלונג, וועלכע זענען געמאלט מיט אסך קענטעניש און ליעבע, איז ער צייטענווייז נאַאיוו, צייטענווייז זינליך נור אַלע מאָל לאגיש. אין זיין טעכניק מיידט ער אויס דאס נערוועזע, דאס סקיצענהאַפטע און מאָלט אין גרויסע לאקאלע פלעקען. עס פיהלט זיך ביי איהם א לאָגישער קוק אויפ'ן לעבען און אַ מאנליך-אידישע זינליכקייט.

אליין פון קראקא, א ברייטפלייציגער מיט שווארצע יודישע אויגען. ער איז זעהר פראדוקטיוו, און געפינט אויך צייט צו זיין פארמישט אין דועלען און סקאַנדאַלען מיט מאלער און קונסט-קריטיקער. ער קעמפפט אויס, קען מען זאגען, זיין ערפאלג.

און ס'איז מעגליך אַז ער איבט שוין אויס א ארטיסטישען איינפלוס אויף יונגערע מאָלער.

---

## אמאדעא מאדיגליאני ז״ל.

דעם 23-טען יאנואר איז פארגעקומען אין פאריז די לויה פון דעם יונג פארשטארבענעם אידישען קינסטלער אמאדעא מאדיגליאני. ביים לעבען מיין איך וואָלט ער זיך קיינמאל נישט געקענט פארשטעלען די רעזולטאַטען פון זיין גרויסער צוציהונגס-קראפט, די אמת'ע סימפאַטיע צו איהם פון דער גרויסער מאַסע פאריזער קינסטלער. ער האט זיכער נים געחלומט אַז אזעלכע אנגעזעהענע קרעפטען ווי פיקאסא, דערען און מאקס

זאקאב וועלען איהם מיט אַזאַ סך טרויער, פאמפ, מיט בלומען און קדיש באגלייטען צום קבר.

אפשר קיינער האט נישט אזוי דערעסען די קינסטלער מיט זיין שטאלץ מיט זיינע טעגליכע קאפריזען, מיט זיין צער און זיין תאוה—ווי מאדיגליאני. נאר וואס איז מען נישט מוחל איינעם וועלכער האט געטראגען אין זיך אזאַ סך חן און ארויסגעוויזען דאס אַזוי בולט אין זיין יעדען וואָרט, און זיין יעדע באוועגונג, און אין דער מינדעסטער צייכענונג זיינע.

זעלטען איז אַדורך א לויה אין אַזאַ מרה שחורה'דיג געדריקטער טרויער-שטימונג—אפשר אויך צוליעב דעם טראגישען טויט וואס זיין פרוי האט זיך גענעבען אין טאג ווען ער איז געשטארבען.

אַז מאדיגליאני איז געקומען נאך פאריז פון איטאַליען וואו ער איז געבוירען געווארען, ווארפט ער אוועק זיין מאַלעריי און נעמט זיך צו סקולפטור. מיט זיינע ערשטע ווערק אויסגעשטעלט אין סאלאן פון די אנדעפענדאן וועלכע טראגען שוין דעם כאראקטער פון זיין גאנצען ווערק, פאראינטערעסירט ער אלע יונגע זוכענדע קינסטלער. ער געפעלט מיט זיין איינפאכקייט און סטיל. ער האט אויך ערפאלג נאר ער נעמט זיך ווידער צו מאַלעריי און צייכענען, ער פארברענגט זיין צייט נישט ווי אַנדערע אין זייערע אטעליעס נאר אין וואַנדערען אן אונצופרידענער געטונקט אין צער און אין אלקאהאל אין די נאכט קאפעען וואו ער צייכענט אדער מאַלט ערגעץ איינעם וואס געפעלט איהם.

ער איז נישט דער מאַלער אינ'ם געוועהנליכען זין פון ווארט: נישט א פארבען פראבלעם אדער א כאראקטער אינטערעסירט איהם אין זיין מאָדעל, נאר די איהם נויטיגע עמאציע פון שענעם און עקספרעסיווען, אַ געפיהל מיט וועלכען עס איז אפשר געווען בענומען א גאטישער פרימיטיוו אדער אַ נאַאיווער נעגער ווען ער האט זיך אליין זיין גאט געמאכט. און צוליעב דעם געפיהל ענדערט ער אזוי אין זיינע קעפ די פארמען און די פראפארציעס און רייניגט זיי אזוי פון דעם פראסט זינליכען. עס איז שווער צו זאגען וואס מאדיגליאַני האט געוואלט אין קונסט און אין לעבען ווי עס איז שווער וועגען יעדען יונג פערשטארבענעם קינסטלער.

זיין ווערק קען מען זעהען אין דער קלארקייט וואס זי באַזיצט. די שענקייט אין דער פארלאנג צום העכערען שענערען מיט וועלכען עס איז באַנומען באַלייכטען זיין פערזענליכקייט און געבען איהר צו איהר רייןקייט און גאנצקייט.

אין זייער אידעלער פאלקסטימליכער איינפאכקייט קען מען פאַרגלייכען צו היינע'ס נייע לידער.

צום באַדויערען פארלירען מיר און מאדיגליאני'ן וועלכער האט זיך נאך נישט אינגאַנצען ארויסגעוויזען, דעם טיפ קינסטלער מט א שטארקען רעליגיעזען געפיהל—א מיסטיק—וועלכען איך געפין פאר א הסודישען, דעם טיפ קינסטלער וועלכער איז אַ פראבלעם—וויל אסך געפינען אין איהם דעם ריין לאטייניטשען עספריט, און אַנדערע—דעם אריענטאלען אידיאַליזם.

---



יוסף בלאַנקעט.

# אידען אין דער ענגלישער פעריאדישער ליטעראטור.

## ב.

בלעטערענדיג אין ספרים-שראנק, געפין איך אַ מאדנע-שפילענדיגען זשורנאל מיט'ן נאמען: "בלאַסט". אין גאַנצען זענען ארויס צוויי נומערען פון דעם זשורנאל—דער ערשטער, נים לאַנג פאר דער מלחמה—אין יוני 1914, און דער צווייטער—באַצייכענט אלס א "מלחמה נומער"—אין יולי 1915.

"בלאַסט" האט עטליכע באדייטונגען אין ענגליש: א שניידענדער ווינט, אויפרייסען מיט דינאַמיט, פאראליזירט, צונויפגעשרומפען ווערען, און ווי ווייט עס איז מעגליך איבערצוזעצען—"געה צום טייוועל!"

"בלאַסט" איז ארויסגעגעבען געווארען פון אַ גרופע וואָרטיציסטישע קינסטלער, מיט ווינדהאם לואיס בראש אלס רעדאקטאר. ער איז טאקי דורכגעגאַנגען דורך די ביינער פון די פיליסטער, ווי אַ שניידענדיגער ווינט, ער האט זיי אויפגעטרייסעלט ווי מיט דינאמיט, און זיי פאראליזירט. דער לייט-מאטיוו פון דעם זשורנאל איז איבערהויפט א שרייענדיגער: "געה צום טייוועל!"

אין פאָרמאַט זעהט "בלאַסט" אויס ווי דער לאנדאנער טעלעפאָן-אדרעסען-בוך—פונקט אַזוי גרויס און דיק, און מיט אנ'עהנליך פארביגען בלאַס-רויטען טאָוועל, און אויף ביידע זייטען נישט מעהר ווי דער נאמען "בלאַסט" מיט אותיות וואס יעדער אות איז אזוי גרוי ווי אַ געוועהנליכער זשורנאל.

אין ערשטען נומער געפינען זיך א רייהע מאַניפעסטען וואס ערקלערען די ציעלען פון דער באוועגונג, וואָרטיציסטישע צייכנונגען פון יעקב עפשטיין (דאמאלס איז ער געווען א וואָרטיציסט) גאָדיער-ברזקאַ, און ווינדהאם לואיס, לידער פון עזראַ פאונד, העפער און ווינדהאם לואיס, אנ'ערצעהלונג פון דער מענליכער סאטירישע שריפטשטעלערין רעבעקא וועסט, און א קליינע רייהע באמערקונגען מיט אסך גלויבע אויסצוגען פון קאנדינסקי'ס בוך וועגען קונסט: "וואס מעהר אבסטראקט די פארם, אלץ מעהר פרימיטיוו וועט זי אבקלינגען, שרייבט קאנדינסקי. ער צוטיילט די "קאנסטרוקטיווע טענדענצען פון מאַלעריי" אין צוויי גרופעס: 1. איינפאכע קאמפאזיציעס פון אַ מעהר אדער ווייניגער געאָמעטרישען כאַראַקטער, וואס ער רופט אָן "מעלאָדישע קאמפאזיציעס", וואס ווערען הויפטזעכליך באנוצט פון די מערב ארטיסטען (דוצא, די ראַווענאַ מאזאַיקער און סעזאן) און 2. קאמפליצירטע ריטמישע קאמפאזיציעס וואס ער רופט "סימפאנישע", און וואס ווערען באנוצט פון די אריענטאלער און פון קאנדינסקי אליין.

עזרא פאונד שרייבט וועגען "וואָרטיציזם"; "פיקאַסאָ" און קאנדינסקי" שרייבט ער "זענען דער פאָטער און מוטער, דער קלאסיציזם און ראמאנטיזם פון דער באוועגונג". גאָדיער ברזקאַ שרייבענדיג אויך וועגען דעם ציעל פון דער באוועגונג זאגט: "מיר

זענען די מאדערנע: עפשטיין, בראנקוזי, ארכיפענקא, דוניקאווסקי, מאדיגליאני און איך". (דאס מערקווירדיגע איז וואס כמעט די אלע זענען אידען). אויפ'ן ערשטען בלאט פון זשורנאל איז א גרויסער אויסגעשריי: "עס לעבע דער וואָרטיציזם!" און ווייטער געהן א רייהע באמערקונגען: "מיר ווילען נישט צווינגען מענשען צו מאכען פוטוריסטישע לאטעס אדער הימעל-בלויע הויזען. מיר זענען נישט זייערע פריזירער אדער זייערע שניידער. מיר ווילען נור אז די וועלט זאל לעבען, און אז איהר ענערגיע זאל דורכפליסען דורך אונז". "די ארימע זענען מאוסע חיות. די רייכע זענען נתיקנדל".

דורכ'ן גאנצען זשורנאל זענען צעוואורפען א רייהע ברכות און קללות אויף פארשידענע מענשען און אינסטיטוציעס. צוערשט שעלט ער (צוליעב העפליכקייט) ענגלאנד, דערנאך, די פאסט-אמט, ראבינדראנאטה טאגארע, רעצין-אויל, בערגסאן, די קעניגליכע אקאדעמיע, און דעם ניט פארהייראטען בישאף פון לאנדאן מיט אלע זיינע קי- דער. בענשען בענשט ער דעם פאפסט, די רישטאוואניעס וואס פארשטעלען דעם פרינץ אלבערט דענקמאל, שאליאפין און אנדערע. אויך איז דארט פאַ- ווי'ס א בילד אין דער נאציאנאלער גאלעריע: "מיר שענקען אייך אונזער שטימונג, נאר לאזט צורוה קונסט-ווערק. ווען איהר צושטערט א גרויס קונסט-ווערק, טויטעט איהר א גרעסערע נשמה ווי ווען איהר וואלט צושטערט גאנץ לאנדאן. לאזט צורוה די קונסט".

דער צווייטער נומער איז נישט אזוי דיק ווי דער ערשטער. אויפ'ן מאנטעל איז פאַרהאַן א צייכענונג פון ווינדהאם לואיס: "פאר אנטווערפען". שייקספיר איז אויך דארט א מיטארבייטער: ווענינגסטענס, ס'איז פארהאן דארט א געאמעטרישע צייכנונג "א ווינטער-סצענע" אונטערגעצייכענט מיט'ן נאמען—שייקספיר.

דער רעדאקטאר האט זיך געהאט צוקריגט מיט זיינע חברים עפשטיין און באמבערג, שעלט ער זיי אויף א וויציגען אופן אין זשורנאל.

עס געפינט זיך אין דעם נומער א בילד פון יעקב קראמער—"טיפען פון חסיש- זעלנער". אויף אנ'אנדער ארט ווערט אויך געלויבט קראמער'ס בילדער אויף דער לאנדאנער-גרופע-אויסשטעלונג.

עס דרוקט זיך אויך פון גאדיער-ברזקא א בריעף פון די טרענטשעס, וואס איז ערשינען שוין נאך זיין טויט—ער איז געפאלען אין שלאכט אין פראנקרייך, דעם 5-טען יוני 1915.—"איצט" שרייבט ער, "נאך צוויי חדשים אין די טרענטשעס, הויב איך אן צו פארשטעהן די אינטענסיוויטעט פונ'ם לעבען. נאך דער גאנצער פארניכטונג פון דער מלחמה, איז גארנישט געענדערט געווארען, אפילו נישט אויבערפלעכליך. די אלע אויפרייסונגען און באמבעס, ענדערען נישט די ליניעס פון יענעם בארג נעבען וועלכען אונזערע טרענטשעס געפינען זיך".

"די מלחמה", שרייבט ער אין אנ'אנדער ארט "איז א גרויסע זאך. ביים איינצעלנעם טויט זי די גאוה און שטאלץ, און ביי דער מאסע נעמט זי צו אסך נישט-וויכטיגע עלע- מענטען וואס זענען פשוט אין וועג". "מיינע מיינונגען וועגען סקולפטור" ענדיגט ער, "בלייבען ווי פריהער. מיינע עמאציעס שטאמען בלויז פון ליניען און פלאנען פון וועלכע פלעכען זענען אראנזשירט".



די ענגלישע ליטעראטור קען זיך ערלויבען אזעלכע שפילענדיגע זשורנאלען. אט איז ערשט ערשינען דער עשטער נומער פון צווייטען יאהרגאנג "וואָיסעס", (שטימען). דער נומער האט געזאלט ארויס אין יאנואר, נאר ער האט זיך פארשפעטיגט, און איז ארויס ערשט אין פעברואר. דער פארמאט איז קליין און דין (48 קליינע זייטלאך) און ער מאכט צוערשט דעם איינדרוק פון א קאטאלאג. ער איז אבער שעהן געדרוקט און געשמאקפאל צונויפגעשטעלט.

אויפ'ן ערשטען בלעטעל איז פארהאן א ציטאט פון ישראל זאנגוויל: "שטימען, שטימען ווילען מיר—נישט עכאס. ס'איז בעסער א פארפיהרטע שטימע פון אנ'עהרליכע איינענארטיגקייט, ווי דאס מעקען פון א סטאדע".

די אידישע מיטארבייטער פון דעם נומער זענען לואיס גאלדינג, ש. ווינסטען און עדמונד קאפ. גאלדינג האט צוויי לידער: "די שווארצע שטילקייט" און "אט איז דער גליקליכער מאן", קאפ האט אנ'אינטערעסאנטע פעדער-צייכנונג פון א וויאָליניסט, און ווינסטען האט צוויי שענע קינדער-לידער: "דאס לבנה-קינד" און "קומט קינדער-לאך פון יעדען לאנד". ער האט אויך אנ'עטיוד "מאמע און זוהן" וואו ס'געפינט זיך אט די פיינע שטעלע: "דו ווייסט מיין מיינונג וועגען בוימער? זיי זענען די טויטע וואס ווילען אזוי שטארק זעהן דאס לעבען, אז זיי שפארען דורך דער ערד, און קוקען.."

צווישען די איבריגע מיטארבייטער איז דער רעדאקטאר אליין, טאמאס מאלט, וועלכער האט דא א לענגער ליעד: "די קעניגין פון אייראפא"—זעהר שעהן געשריבען. מאלט איז איבערהויפט איינער פון די בעסטע יונגע פאעטען אין ענגלאנד. ל. ה. וויזיאק שרייבט וועגען "גאונות און הלומען", דער בארימטער ענגלישער בעלעטריסט, סיר ארטהור קווילער-קאוטש באגריסט דעם זשורנאל צום צווייטען יאהר-גאנג, פראפעסאר מייקעל סאדלער רעצענזירט צוויי נאוועלען—איינע—פון דער אידישער שריפטשטעלערין מרס. ווירדזשיניא וואולף, מיט'ן נאמען "נאכט און טאג". פארהאן אויך א שענע צייכנונג פון ראבערט גיבינגס.

ס'איז אנ'אנגענעמע זאך אזא לייכטער שפילענדיגער זשורנאל. נישט תמיד איז מען אויפגעלעגט פאר די שווערע, סאלידע העפטען, און אזא זשורנאלעכעל ווי "וואָיסעס" איז שטענדיג א צאצקע.

---



דוד באָמבערג — דער שרייבער

# נאָטיצען.

**איבערצודרוקען פֿון "רענעסאַנס" איז פֿאַרבאָטען אָהן ערלויבניש.**

די רעדאַקציע נעמט ניט די אחריות פֿאַר די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פֿון איהרע מיטאַרבייטער.

דער "רענעסאַנס" גרייט צו אין גיכען אין לאָנדאָן אַ גרויסע אויסשטעלונג פֿון די ווערק פֿון אידען-קינסטלער. אַלע קינסטלער וואָס זענען פֿאַראינטערעסירט אין דעם זענען איינגעלאַדען זיך צו שטעלען אין פֿאַרבינדונג מיט אונז.

די רעדאַקציע בעט אַלע מחברים און פֿאַרלעגער זיי זאָלען צושיקען זייערע נייע ווערק פֿאַר רעצענזיעס.

פֿאָלגענדע ביכער זענען אונז צוגעשיקט געוואָרען און וועלען רעצענזירט ווערען אין די קומענדע העפֿטען:

"Inter Alia"‚ א זאַמעלבוך לידער פֿון ש. איסבער; א. צ. גרינבערג; י. מעססעל; ד. קעניגסבערג; מ. ראַוויטש; רעדאַגירט פֿון ש. איסבער. אַרויסגעגעבען פֿון פֿערלאַג מ. היקל, וויען-ברין 1918.

מלך ראַוויטש—שפּינאָזאַ, פּאָעטישער פּרוב. פֿערלאַג מ. היקל, וויען-ברין, תרע"ט.

מלך ראַוויטש—רואינענגראַז. פֿערלאַג מ. היקל וויען-ברין, תרע"ז.

בער האָראָוויץ—פֿון מיין היים אין די בערג. פֿערלאַג "דער יונגער דור" וויען תרע"ט.

אליעזר בערנשטיין—עפּיס... ליטעראַרישע נסיונות—אַרויסגעגעבען דורך די "בערנשטיין גרופּע", זלאָטשאָוו.

"די פֿעדער"—א חודש זשורנאַל אַרויסגעגעבען פֿון דער גרופּע "ליטעראַטען-קאָלעגען", ניו-יאָרק. מאַי ביז דעצעמבער.

"איך זיך"—אַ חודש זשורנאַל פֿאַר אינטראָספּעקטיווע פּאָעזיע, יאַנואַר, ניו-יאָרק.

ווי עס שרייבט אונז ה' מאַרק שוואַרץ, קומט איצט פֿאָר אין בערלין אַן אויסשטעלונג וואו עס באַטייליגען זיך: מאַקס ליבערמאַן, יאָזעף איזראַעלס, ליליען, בודקאָ, שטרוק, מונדלאַק, רעגינאַ, בערליים, אַדלער, פֿריילין ליכטענפֿעלד, וויינטרויב, רידענבייטעל, איינהאָרן, און מאַרק שוואַרץ.

פֿון ניו-יאָרק שרייבט מען אונז אַז דער אידישער מאָלער, אַלפֿרעד וואָלמאַרק גרייט דאָרט צו אַן אויסשטעלונג פֿון זיינע ווערק.

עס ווערען אָנגענומען אַבאָנענטען פֿאַר'ן חודש זשורנאַל "רענעסאַנס". פּרייז 12 שילינג אַ יאָהר פּאָסט-פֿריי.

**אַדרעס פֿון דער אַדמיניסטראַציע: 21, Commercial Street, London, E.1.**

**אַדרעס פֿון דער רעדאַקציע: 77, Bleaheim Crescent, W.11.**

# רענעסאנס

א חודש זשורנאל.

רעדאגירט פון **לעאָ קעניג.**

אפריל 1920. | באנד 2. נומ. 1. | לאנדאן.

## אינהאלט:

לעאָ קעניג ... ... ... ... ... ... בצלאל
נחום י. ... ... ... ... ... (ליעד) ∴
סימאָן סאָלאָמאָן ... ... (חזיון) א זעהונג פון ליבע געזעהן אין שלאָף
ישראל זאנגוויל ... ... ... וועגען דער אידישער נאציאָנאליטעט
ח. נ. ביאליק ... ... ... ... (איבערזעצונג) דער טאָג
יוסף לעפטוויטש ... ... ... ... ... (עטיוד) הערבסט
י. ליכטענשטיין ... ... (וועגען מאָדערנע קונסט-ריכטונגען) זוכונגען
ראלף האָדזשסאָן ... ... ... ... (ליעד) צייט, אלטער ציגיינער
נ. פראנק ... ... ... ... (שטריכען) טריסטאן בערנאַרד
משה עובד ... ... ... ... (ליעד) איך און דער טאָג
דזשאָן קורנאָס ... ... ... ... (ליעד) עפשטיינ׳ס כריסטוס
לואיס זאנגוויל ... ... ... (ערצעהלונג) ווילבראהאַמס תנאים

## פעריאָדישעס:

דוד ווידענפעלד ... ... ... ... די פאָעטען פון גאליציע
יוסף בלאנקעט ... ... אידען אין דער ענגלישער פעריאָדישער ליטעראטור; וועגען קורנאָס בוך
ש. ווינסטאָן ... ... ... ... ... „מלחמה בילדער"
י. לעפטוויטש ... ... ... ... ... די מאנאָרא גרופע
זשאמקאָ ... ... ... ... דער נייער קונסט-סאלאָן
נאָטיצען.

## בילדער:

דער ווילנער גאון... ... ... ... פון אַן אַלטער גראַווירע
א. מאָדיגליאַני ... ... זעלבסטפּאָרטרעט; א פּאָרטרעט פון א דיכטער

לעאָ קעניג.

# בצלאל.

איינע פון די שענסטע אידעען וואס זענען געבוירען געוואָרען אינ'ם לעצטען האַלבען יובל אידיש לעבען איז בלי ספק די בצלאל-אידעע.

לויט די רייכקייט און ווייטקייט פון איהרע האָריזאָנטען קען זי פאַרגליכען ווערען צו הערצל'ס "מדינת היהודים". און די בצלאל-אידעע אין גרונד גענומען איז אפשר אויך די צווייטע זייט פונ'ם מאדערנעם פאָליטישען ציוניזם, אָדער לאָמיר זאָגען—די אחד-העמישע...

און פונקט ווי הערצל'ס ציוניזם שטאַמט פון ד"ר פינסקער אזוי אויך שטאַמט פראָפ. שאַץ בצלאל פון אנטאָקאָלסקין נאָך, וועלכער האָט נעבעלדיג ביי זיין לעבען געטרוימט און געפלאַנעוועט עטוואָס עהנליכעס אין זיין געבורטסשטאָדט ווילנא. מיט'ן אַנטשטעהן פון הערצל'ס אָרגאַניזירטען ציוניזם האָט אויך די מטושטשע אַנטאָקאָלסקי-בצלאל אידעע אנגענומען רעאַליסטישערע און מעהר אויך באַפליגעלטע פאָרמען אין דער פאַנטאַזיע פון זיין שילער פראָפ. שאַץ.

און אין פיעל הינזיכטען האָט די בצלאל-אידעע אין איהר אנטוויקלונגס-גאַנג (אויב מען קען עס אזוי אנרופען) דורכגעמאַכט די זעלבע פעהלערען וואָס די ציוניסטישע ארבייט אין ארץ-ישראל.

און דער גרעסטער פעהלער איז דאָס וואָס בצלאל איז א נאַציאָנאַלער אנשטאַלט נור לויט דער אידעע און נאָמען אבער דער אינהאַלט איז אַן אסימיליאַטאָרישער אינ'ם שעפערישען זין.

אחד העם'ס קריטיק אויפ'ן הערצל-ציוניזם קען מיט פיעל מעהר רעכט אנגעווענדעט ווערען בנוגע בצלאל...

א קונסט-אַקאַדעמיע וועלכע האָט געזאָלט זוכען אידישע פאָרמען אין אַ נייע לאַגע האָט זיך אַלע יאהרען אבגעגעבען מיט קאָפּירונגען פון פרעמדע ליניען און פאָרמען (און די ערגסטע פון די פרעמדע) און פאַרשוועכט אַ נייע סביבה מיט אויסגעדראָשענע אייראָפּעאישע אקאַדעמישע שאַבלאָנען. אנשטאָט צו שטרעבען צו אָריגינעל אידישעם איז בצלאל געוואָרען א קאָפּיע פון א דריט-קלאַסישער אייראָפּעאישער קונסט-שולע און ווען ניט די העברעאישע אויפשריפטען, מגן-דוד'לעך און קמצ'לעך

וואלט מען געקענט מיינען אז דאס איז א מין "געווערבע-שולע" פון א אסימילאטארישען "אליאנס-איזראעליט"...

און דאס האט געזאלט זיין א "קונסט-טעמפעל" וואס זאל ווארפען ליכט און פארבען אינ'ם גרויען אידישען גלות.

---

און דאס איז הויפטזעכליך געשעהן דערפאר ווייל אנשטאט בצלאל אלס א ריין שעפערישע אינסטיטוציע זאל גייסטיג ווירקען פארשענערען און פארטיפען דעם ציוניזם איז עס געווארען (צוליעב'ן מאנגעל פון אמת'ע קינסטלער אין בצלאל) א מין פוסטען-בענקעלע פאר'ן פאליטישען ציוניזם.

אנשטאט בצלאל אלס אידישער קונסט-צענטר זאל באריכערן מיט נייע אדער באנייטע אידישע פארמען און פארבען דאס אידישע לעבען אין ארץ-ישראל און איבעראל איז דאס געווארען אומבאוואוסט און אונדירעקט א אסימילאטארישער פאקטאר אין א"י און א צאצקעדיגע "וויניעט" בלויז אין די אפיציעלע ציוניסטישע באריכטען.

אנשטאט בצלאל זאל ארגאניזירען אדער כאטש א טאן געבען די אידישע שעפערישע כוחות וועלכע זענען צוזיים און צושפרייט אויף אלע ימים פונ'ם גלות איז "בצלאל" געווארען א מין "קאמופלאזש" וועגען וועלכען מען באריהמט זיך פאר א גוי'עשען ציטונגס קארעספאנדענט...

אנשטאט דעם האט בצלאל זאל העלפען די אלע יונגע אידישע קינסטלער וועלכע זוכען זיך און זייער פאלק אין דער פרעמד, האט עס מיט'ן פרעמדען פונ'ם ערגסטען מין פאר'סמ'ט, די איינצנע תלמידים וועלכע האבען נאך פון קיין שולען נים געוואוסט.

אנשטאט צו זוכען ארץ-ישראל אין ארץ-ישראל און פארשפרייטען דאס נייע און איינענע אין גלות, האבען די בצלאל-פיהרער דאס ערגסטע און נים אידישע פון גלות געבראכט קיין ארץ-ישראל, אינ'ם לאנד פון פארב און ליכט.

מיט איין ווארט אנשטאט צו נאציאנאליזירען דורך נייע אידישע ווערטען, פארמען און שענהייטען די ציוניסטישע אסימילאציע איז בצלאל גלאט געווארען א ברכה לבטלה.

---

שולדיג אין דעם אלעם זענען פארשטעהט זיך די דירעקטארען פון בצלאל וועלכע פארשטעהען זעהר וועניג וואס קונסט איז און וואס א נייע לאנד און א נייע סביבה איז.



די גייסטיגע פיהרער פון בצלאל האבען געדארפט זיין אויך קינסטלער, וועלכע זענען גרייט אויפצוווארפען אלע זייערע באנאזישען ווען זיי קומען צו א נייעם האפען.

קינסטלער וועלכע זענען גרייט צו פארגעסען אלעס וואס זיי האבען געלערנט און גע'ירשנט ווען זיי שטעהען אונטער א נייעם הימעל, ווען זיי קומען אין א ניי לאנד.

די גייסטיגע פיהרער פון בצלאל האבען געדארפט זיין גענוג אינטעלעקטועלע מענשען וואס פארשטעהען אז אום צו זוכען נייע ווענען מוז מען פארגעסען די אלטע אויסגעטראטענע, אז אום צו געפינען נייע אייגענע פארמען טאר מען נים קאפירען די אלטע און פרעמדע.

דער דירעקטאראט פון בצלאל האט געדארפט באשטעהען פון אמת'ע קינסטלער און דיכטער און וואס יונגערע און דרייסטערע !

דאן... ווייל פראכטפולע אידישע אויסשטעלונגען וואלטען מיר געהאט אין אלע הויפט-צענטרען פון איירופא און אמעריקא. וואס פאר א פראכטפולע אידישע קונסט אויסגאבען... מיט ליכט און פארב און ארינעלע מאטיווען און מוסטערן וואלטען פארפליצט געווארען די דעקאראציאנס אבטהיילונגען פון בצלאל... די בצלאל-טעפיכער וואלטען נים געהען קיין בלייכע קאפיעס פון די פערסישע און די פיליגראן-ארבייטען וואלטען גים געהען קיין שוואכע אבקלאנגען פון דמשק, מיט אידישע אויפשריפטען באשמאלצען...

די איין און איינציגע אידישע קונסט-אקאדעמיע וואלט זיך איצט נים באשעפטיגט מיט שונד-מלחמה-סוווענירען.

ווען אמת'ע אידישע קינסטלער וואלטען אנגעפיהרט מיט'ן בצלאל פאר די יאהרען, וואלט אויך דער נייער אידישער ישוב אין א"י געהאט אנ'אנדער פנים... נים די אראבישע "פאנטאזיעס" וואלטען נאכגעמאכט געווארען אין די אידישע קאלאניעס נור אמת'ע אידישע ימים-טובים מיט אידישע פארבען און קאלירען וואלטען דארט געפייערט געווארען.

דער ווידערגעבורט פון דער אידישער ראמאנטיק וואלט דאן נים געווען א פוסטע מליצה... און ס'קען אויך זיין אז בצלאל וואלט דאן אויך דעם גלות באשטראהלט מיט די נייע פארמען און ימים-טובים נאך וועלכע אונזער יוגענד בענקט אזוי.

---

און אפשר איז אינ'ם איצטיגען פארשוועכטען צושטאנד פון בצלאל נאך מעהר ווי די ביז איצטיגע דירעקציע שולדיג די אידישע אינטעלעגענץ איבערהויפט, וועלכע האט קיין לעבעדיגען אינטערעס נים ארויסגעוויזען צו א אנשטאלט וועלכער האט געקענט ווערען דער שענסטער

פּאַקטאָר אין אונזער לעבען. די אידישע אינטעליגענץ ביי וועלכע ליליען איז נאך אלץ א אבנאָם האָט ניט געקענט איבערינג קריטיש זיין צו דעם ליליען-גייסט מיט וועלכען די שולע איז פֿאַרסמ'ט געוואָרען פֿון אנפאַנג אָן. (דער איינציגער סימפּאַטישער קינסטלער ש. הירשענבערג וועלכער האָט א שטיקעל צייט געווירקט דאָרט איז צו שוואך געווען ער זאָל דער שולע געבען די אמת'ע ראַדיקאַלע ריכטונג.)

דער אידישער דורכשניטליכער אינטעליגענט ווען ער האָט שוין אמאָל געזעהן א בצלאל-אויסשטעלונג האָט געקוקט אויף די זאַכען מיט פֿאַרטרערטע אויגען ווי זיין פֿאָטער פֿלעגט קוקען אויף א זעקעלע ארץ-ישראל ערד... דער מאטעריאל אליין אויף וועלכען די "קונסטווערק" זענען געמאכט געוואָרען האָט איהם געגוג געריהרט און באַגייסטערט ווייל עס קומט פֿונ'ם היילינגען לאַנד.

און קויפענדיג א בצלאל-קונסט-ווערק האָט זיך דער איד וואַהר-שיינליך געפיהלט גלייך ווי ער וואָלט עפּעס אריינגעוואָרפען אין א מאיר בעל נס'פושקע.

איז דען נים נאַטירליך זאָגאַר אָט דער איצטיגער טרויעריג-פֿאַר-זינדיגטער צושטאַנד פֿון בצלאל ?

---

און ווילאַנג נאך וועט עס אַזוי אנהאַלטען ? איז נים איצט די צייט מתקן צו זיין אָט די פֿארשוועכטע אידעע?

וועט נאך אלץ בצלאל עקזיסטירען ווי א קבר פֿון אזוי פֿיעל שענע מענליכקייטען און האָפנונגען.

הסבלי אין קברים בירושלים ? זענען דען ווייניג נאך היילינגע קברים אין ירושלים ? !



נחום. י.

# יאוש.

טויט איז מיין נשמה !... נאט
האט אפּגעטאן פֿון מיר זיין נגאר,
אויף זיבען ים'ען איז מיין פֿרייד צעשפּריים,
אויף אלע וועגען איז מיין צער פֿאַרזייעט...
עס האט דער ווינט דעם לעצטען שטויב צעבלאָזען,
און ווי א שטיין א הארטער צווישען גראָזען,
בין איך געבליבען אין דעם מענשען-מדבר שטעהן
מיט מיין פֿארשטארטען הארץ אליין,
די זון איהרע פֿלינעל וועט נים ברענגען מעהר
קיין היילונג מיר... קיין טרייסט ווי ביז אהער.
און נאר דער ווינט
וועט אפשר מיר אָן אנזאָג און א גרוס מיר ברענגען:
דאס וואָיען פֿון די הונגעריגע הינט
אויף תליות וואו די ברידער מיינע הענגען,
א זעמדעל אויסגעווייקט אין בלוט
פֿון קינדער וועלכע שטארבען אונטער רוט,
א וואָלקען אויסגעוועבט פֿון רויך,
וואָס האָט זיך פֿון די פֿייערען געצויגען,
וואו יונגפֿרויען און זקנים מיט געפלאַצטע אויגען
ארויסגעזייפצט האבען דעם לעצטען הויך...

מיין הארץ איז טויט !...
און ים'ען בלוטיג-רויט
מיך קאָנען שוין נים אויפֿשוידערען מעהר ;
איך לעב ווי ביז אהער,

איך לעב נאך און פארשטעה...
און ערגעץ, ערגעץ זיצען זיבען צווייג,
די קעפעלאך אין זיך אריינגעצויגען
און קוקען מיט פארטראכטע אויגען
היים אין דער וועלט אריין, אזוי...
דער הימעל זאפטיג בלוי,
אויף פעלדער זוינגען אום זיך גראזען,
אה נאט,
מיין גאט,
האסט מיך פארלאזען !
און מיינע אויגען, האלב פארמאכט,
קוקען אין דער נאכט,
קוקען אין דער שווערער בלינדער נאכט...
און טויט איז מיין נשמה, טויט !!...





# א זעהונג פון ליבע געזעהן אין שלאף.

## (פראגמענטען)

ביים פארגעהן פון דער נאכט, אין דער צייט ווען די שטערן זענען בלאס, און חלומות הילען אונז ווייכער ארום, ווען א העלערע ליכטיגקייט הויכט אויף אונזערע נשמות, זענען צו מיר געקומען דריי פסוקים פון שיר השירים: איך שלאף, נאר מיין הארץ איז וואך; — פיל וואסערן קענען נישט פארלעשען די ליבע; — ביז דער טאג קומט, און די שאטענס צולויפען זיך...

...און איך האב א זעהונג געזעהן: איך געה ארום אין א לאנד וואס איך האב ניט געקענט, פול מיט א פרעמד אומבאקאנט ליכט, און איך בין געקליידט ווי א וואנדערער. אין איין האנד האב איך געהאלטען א שטאק, און די צווייטע איז געווען איינגעהילט אין די שווערע פאלדען פון א פארבלאז קלייד. איך בין ווייטער געגאנגען, די אויגען אראפגעלאזט צו דער ערד, פארטראכט און צוטומעלט, אזוי ווי איינער וואס לאזט זיך אין וועג, און ווייסט נאך נישט וואוהין...

„איך בין געשטאנען צווישען איילבערט-בוימער, וועמענס בלעטער און צווייגען זענען שטיל געלעגען אויף דער לופט, און קיין ליכט איז ניט געפאלען אויף זיי. גאר באלד איז דאס טיפע שווייגען געבראכען געווארען דורך דעם באוועגען פון מיין גייסט אינוויינינג אין מיר, מיין געשטאלט איז ווי צושפאלטען געווארען, און א שוואכקייט איז מיר באפאלען. א ווילע האב איך גארניט געוואוסט, אזוי שטארק האט דער גייסט געווירקט אין מיר. נאר פלוצים, אזוי ווי איינער א בעל מופת ריהרט אן א געלעמטען מיט זיינע היילענדע פינגער און מאכט איהם גאנץ, אזוי איז מיין כח באנייט געווארען, און איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען, און געזעהן איינער שטעהט נעבען מיר... איך האב געוואוסט אז דאס שטעהט נעבען מיר מיין נשמה, און ער און איך זענען געגאנגען צוזאמען אויפ'ן וועג...

...מיר זענען צוגעקומען צו א פארנעבעלטען ים וועמענס וואסערן זענען געווען צוריקגעלאפען, ליגענדיג אונטער דעם סודות'דיגען שלייער פון דעם פארטאג-האלב-טונקעל. אויף די גרויע זאמד-ברעגעס איז גע-

דאס בוך איז ערשינען אין 1871. עס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר סימיאן סאלאמאן און פאר דער גאנצער פרעראפאעליטישער דיכטונג איבערהויפט. ס'איז אויך נישט צופעליג וואס סאלאמאן שטעלט פאר די נשמה און די ליבע אין מענער געשטאלט.

זעסען איינע וועלכע איז מיר באוואוסט געווען אלס די ער-
אינערונג. אין איהר פנים האבען זיך געזעהען די ענדערונ-
גען פון זון און וואלקען, שאטען און ליכט; דאס געברויז
פון דעם משעל וואס זי האט געהאלטען ביים אויער האט אויפגע-
גראבען די טויטע יובל'ען פון דער נשמה; און געזונגען פאר איהר
פון גוטס און שלעכטס וואס איז פארביי, און איהרע אין-זיך אריינקוקענ-
דיע אויגען האבען געקוקט אויף זיי ווי איינער וואס קוקט אריין אין א
שפיגעל, און זעהט דארט אלעס נור ניט זיך אליין... דער ים האט ארויס-
געווארפען מיינע טויטע פאר די אויגען, און אלץ איז געווען ווי עס וואלט
ניט פארביי געגאנגען. די ערינערונג האט געטראגען אויף איהר קאפ
אין ברוסט א לייכטען רעגען פון פארוועלקטע הערבסט-בלעטער און
בלומען, און אויף איהר מלבוש זענען שוין געווען פארטריקענט קליינע
שפריצען שוים. איהרע ליפען האבען געציטערט מיט דעם ניט ארויסגע-
זאגטען פון דער פארגאנגענהייט, נאר זי האט גיט געשוויגען...

...איך האב זיך געפונען אין איינעם פון די רוהיגע ערטער פון דער
וועלט. א נעפעל האט זיך געהויבען פון דער פרייד פון דער נאטור, און
מיין גייסט האט ווי געטאנצט אין מיר. באלד האב איך דערזעהען ווי דער
נעפעל פארמירט זיך אין פארשידענע געשטאלטען, וואס האבען מיר
געגעבען א פרייד ווי מען פיהלט קוקענדיג אויף די גאלדענע קרייזען
וואס שפילען זיך אין די טיפענישען פון א זון-באלייכטענעם טייך. אויף
יענער זייט נעפעל האב איך דערקענט פילע וועמען די ערינערונג האט
מיר צוריקגעבראכט... זייערע פנימער זענען ניט געווען באשאטענט,
אין דאס ליכט אין דער לופט וואו זיי האבען זיך באוועגט האט געקלינ-
גען ווי א נגון... אזוי ווי דאס הארץ זיצט אויפ'ן טראן אינ'ם קערפער,
באדינט פון די אברים, אזוי איז געזעסען אין זייער מיטען איינע וועמענס
גייסט האט געמאכט זייערע פיס טאנצען און זייערע מיילער זינגען. זי
האט גערוהט אונטער דעם שאטען פון א הערבסטיגען עפעל-בוים, און
די זון האט געקושט איהר קערפער ווי די פרוכט פון בוים... איהר פנים
איז געווען ווי דאס פנים פון א קינד אין חידוש, וואס האלט איין דעם
אטעם, טאמער ענדיגט דער וואס דערצעהלט צו גיך... זי האט ניט גע-
וואוסט פון קיין נשמה-וועהען, מחמת אין ארון קודש פון איהר קערפער
האט די נשמה ניט געפונען קיין ארט... און איך האב געזעהען אז זי איז
גוט. נאר ס'איז געווען וואס אין איהר וואס האט מיך ניט באפרידיגט. זי
איז געווען ווי זיסע טענער איינמאל געהערט און פארלוירען אויף אייביג.
איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען און געקוקט אויף מיין נשמה, און
ער האט געזאגט צו מיר: דו האסט איצט געזעהען דאס פארגעניגען וואס
איז פארגאנגען און ס'איז גוט".



"...בעת די פלאכע כוואליעס האבען זיך צוריקגעצויגען פונ'ם גרויסען
ברעג, האט מיין גייסט גענומען א שטארקען אטעם אויף זיך; און אויפ-
הויבענדיג די אויגען האב איך דערזעהען איינעם באהאלטענדיג זיך אין
א פעלזען-שפאלט. די שאלקהאפטיגקייטען וואס זענען געגען איהם בא-
גאנגען געווארען האבען געמאכט בלינד זיינע חסד-טראהנען—זיינע
אויגען; און אזוי ווי די פליגעל פון א טויב שלאגענדיג אן א וואנט פאלען
שוואך און צוריסען, אזוי זענען זיינע פליגעל געפאלען אויף זיין גע-
שמאקטען קערפער; זיינע לאקען געקלעפט פון דער שארפער ים-פייכט-
קייט זענען געהאנגען אויף זיין שטערן, און די בלעטער און בלומען פון
זיין קראנץ זענען אראפ צו דער ערד... דאס ליכט אויף זיין קאפ איז גע-
יאגט געווארען אין קליינע פלעמעלאך פונ'ם קאלטען אטעם פון ים.
און נעבען איהם, האב איך געזעהען באוועגען זיך אין דער גרויער לופט
די גייסטער פון די וואס האבען איהם געבראכט צו דעם, און דער קלאנג
פון זייער שפאט איז געפאלען אויף מיינע אויערען. מיין נשמה האט
שווער אפגעזיפצט און איך האב ווייטער נישט געקענט קוקען, ווייל
איך האב זיך אליין דערקענט צווישען די שפאטער... איך האב זיך
טרויעריג באהאפטען מיט מיין נשמה, ווייל איך האב איצט געוואוסט
וואס פארא חלק איך האב גענומען אינ'ם אפשפאטען פון דער ליבע, ווי
אזוי איך בין געווען איינער פון די וואס זייען דערנער, און גלויבען אז
ס'וועלען וואקסען הדסים... איך האב געוואוסט אז דער נעבען וועמען
מיר שטעהן איצט איז די ליבע... איך האב ארויסגעקוקט צום ים, און עס
איז אנגעקומען איינע וועמענס נאמען איך האב געוואוסט איז ליידענ-
שאפט, די וואס האט פארוואונדעט און געזוכט צו טויטען די ליבע, נאר
איז אליין שווער פארוואונדעט און געמאטערט געווארען אויף משונע-
דינע אליין-ארויסגעטראכטע אופנים. די פראכט פון איהר קאפ איז גע-
ווארען א נעסט פון שלאנגען, וועמענס בייזוויליגקייט האט ניט געהאט
קיין אפרוה, איהר פארצערטע שענקייט האט געלאקערט אויף זיך
זעלבסט; איהר פנים איז געווען ווייס מיט בלאסע פייערען, א געהוילט
געשטאלט פון נישט-באפרידיגטער גלוסטונג, די אויגען האבען גע-
שטראמט מיט פרוכטלאזע טרעהרען, אין דער רעכטער האנט האט זי
געהאלטען א שווערט אליין-געשמידט פון פלאמען, און אין דער לינקער
האנט זענען די פרוכטען און בלומען וואס זי האט געהאלטען געווען
פארברענט און פארטריקענט און מיאוסע ווידמעכצען האבען געפריזעט
אויף זיי. איהרע פיס זענען געווען געבונדען אין געוואנדען פון וועלכע
זי האט זיך נישט געקענט באפרייען. זי איז געטראגען געווארען נישט
ווייסענדיג וואהין. איהר אטעם איז געווען ווי דער אטעם פונ'ם הונגערי-
גען ים, און קיין רוה וועט איהר קיינמאל נישט געגעבען ווערען...
זי האט געזוכט צו געווינען די ליבע פאר איהרע מיאוסע כוונות, און די

ליבע האָט רחמנות געהאַט אויף איהר, און צוגעבויגען זיין אויער צו הערען איהר געבעט ווייל ער האָט זי נאָך נישט געקענט. נאָר פלאַמען האָבען געשפריצט פון איהרע אויגען, און פארשעמט די לופט וואס ער האָט פארהייליגט, און מיט איהר פייערינגען אָטעם האָט זי איהם שיער געטויטעט...

...דערנאָך זענען מיר ווייטער געגאַנגען ביים ים, און האָבען באַגעגנט א מחנה, וואס אַלע האָבען געטראָגען פארשידענע אנבליקען, און ווידער צווישען זיי האָב איך אויסגעקליבען איינעם וואָס איז געווען איך: טייל האָבען געמאַכט שפּאָט, טייל האָבען געטראָגען א מינע פון פאַראַכטונג, אַנדערע פון באַטרוג, טייל האָבען זיך געמאַכט טרויעריג, און אַנדערע זענען נישט געווען גערירט פון וואָס זיי האָבען געזעהן... א ברענענדיגע פארשעמטקייט האָט מיך ארומגענומען, און מיין האַרץ איז געוואָרען באַלאַדען מיט געוויין...

...מיר זענען צוגעקומען צו א טעמפעל וואס איז געשטאַנען איינזאַם. איך האָב איינעם דערזעהן זיצען אויף א נעבעל-איינגעהילטען, מורא'דיגען טראָהן, און איך האָב געוואוסט אַז איך שטעה אין דער אָנוועזענהייט פון איהם וואס האָט געקעמפּט מיט דער ליבע, דער טויט וואס וואלט אונז געליבט ווען ער וואָלט געוואַגט, וועמען מיר וואלטען געליבט ווען מיר וואלטען געוואַגט, ווייל בעת ער וויקעלט אונז ארום מיט זיין קאַלט ווייס קלייד, לעגט ער דעם זיגעל פון זיין ליבע אויף אונז... נעבען דעם טויט איז געשטאַנען דאס אייביגע שווייגען, האלטענדיג דעם פינגער אויף זיינע ליפען, זיין פנים געקנייטשט און קארבירט פון דעם אַלעם וואָס ער ווייס, פון די סודות וואס זענען אנטפּלעקט פאַר איהם...

...מיר זענען ארויסגעגאַנגען פון דאָרט. מיין נשמה האָט מיך געפיהרט אַזוי ווי מען פיהרט איינעם וואס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון זיין קראַנקען-בעט, און איז נאָך שוואַך, און די ערד וואַקעלט זיך אונטער איהם. מיר האָבען באַגעגנט אזעלכעס וואס האָט געהאַט די מראה פון א פויגעל באוועגענדיג זיך לייכט אויף דער שטילער גרויער לופט. אַז עס האָט זיך געשעהענט, האָב איך דערזעהן צוויי געשטאַלטען, איינער אנגעלעהנט אויפ'ן צווייטען. איך האָב געוואוסט אַז דער וואָס איז באַפליגעלט איז דער געטליכער חסד, און זיין שוץ-קינד דער שלאָף...

...עס איז געלעגען נאָך אויף איהם דער שאָטען פון דער נאַכט, נאָר זיין פנים האָט געהאַט אויף זיך די שטראַהלונג פון א ערוואַרטענעם גליק, די ליכטיגקייט פון פרעהליכעס וואס קומט. זיינע אויגען זענען נאָך געווען ווייך מיט דעם באַלזאַם פון שלאָף, נאָר זיין טייל איז געווען אָפען מיט גלוסטונג; זיין אָטעם איז געווען ווי פון בלומען וואס ערוואַ-



כען און דערהויבען זייערע קעפּ און גיבען ארוים זייער גערוך; זיינע טונקעלע גלידער זענען געווען צונויפגעצויגען אזוי ווי ער וואלט זיין גרייט אויסצופליהען, און זיינע גרויסע שעהנע פליגעל האָבען לייכט געפאָכעט אויף דער לופט. אזוי ווי ער האָט זיך געקעהרט צום מזרח, זענען די שלאָף-בלימעלעך געפאַלען פון זיינע האָר און דאס ליכט האָט גערוהט אויף זיין פנים; און אנגעצונדען א שמייכעל וואס האָט געמאַכט שטראַהלען דעם מזרח, און דער אויפגאַנג האָט אויסגעשפּרייט זיינע פליגעל צו באַגעגענען דעם ניי-געבוירענעם טאָג...

...איך האָב דערזעהן א גליקליכע ליכטיגקייט זאַמלען זיך דאָרט, און עס האָט אויסגעוויזען צו זיין פאַרמירט פון דער וואַרימקייט פון וועלכע די ערד גיט אַרוים איהרע פרוכט. עס האָט זיך געוויזען פאַר מיר אין דער ליכטיגקייט אַנ'אינערליכע לעבעדיגע פלאַם, און די פלאַם האָט זיך צוטיילט אין צוויי, און געוואָרען צוויי הייליגע, יעדער מיט זעקס פליגעל. זייערע גלידער האָבען זיך נישט באַוועגט, נאָר די התלהבות מיט וועלכע זייער גייסט איז געווען באַגאַבט האָט זיי געטראָגען. אַזוי ווי מען זעהט אין א לייכטער לופט צוויי בלומען-באַלאָדענע צווייגען זיך בויגען איינער צום צווייטען, און פאַרפלעכטענדיג זיך, ארויסגעבען אַ צווייפאַכען גערוך, אזוי האָב איך דערזעהן איינעם פון זיי געטריבען צו זיין חבר און איהם לייכט אנריהרען. א לעבעדיגער דופק האָט אויסגעוויזען צו שלאָגען אין דעם פלאַם וואס איז ארוים פון זיי, און עס האָט באַקומען א פאָרם, און א הארץ האָט עס וויסען געלאָזט און די גאַנצע פייער-פאַרביגע לופט, ארום האָט געאָטעמט מיט ליוב-געזאַנגען צו דעם וואונדערבארען געבורט....

...גליקליך בין איך וואס דאס אלץ איז מיר געוויזען געוואָרען דורך דעם שלייער פון שלאָף, אנים וואלט איך נישט געקענט זעהן עס און אויסהאלטען. פון די אויפגעהויבענע הענט פון דעם וואס איז געשטאַנען אין דעם מקום מקדש, איז ארויסגעשפרונגען אַ ליכטיגקייט פון אַזאַ פאַרבלענדענדער מאָס, אַז די גאַנצע פּראַכט וואס איז געווען אין דעם טעמפעל איז איינגאַנצען פאַרלאָשען געוואָרען—אַזוי ווי איינער זעהט אַ דינעם שוואַרצען רויך פאַר'ן פנים פון דער מיטאָג-זון, אַזוי האָב איך דערזעהן אויף דער ליכטיגקייט די פאַרטראַכטע כרובים, זייערע פליגעל באַגעגענדיג זיך, זייערע פנימער פאַרהילט. איך האָב דערזעהן אין דער ליכטיגקייט, איינעם וואָס האָט געשייגט צו זיין פון ריינעם שניי און ריינעם פייער, די אמת'ע ליבע, דאס געטליכע פאָרבילד פון פאָלקאָמענער שענקייט...

אַזוי ווי די דינע וואַרעמע טרעהרען וואס פאַלען אויף דער באַק פון דער שלאָפענדיגער כלה, ווערען אוועקגעקושט פון איהם וואָס ווייס אַז

זי איז אינגאנצען זיינען און איינס מיט איהם, אזוי לייכט ווי זיינע ציטערדיגע ליפען באהעפטען זיך אויף דעם פנים וואס איז איבערגעשטאלטעט אויף זיין נשמה, אזוי איך איז געפאלען אויף מיין הארץ, פאראייניגט מיט דעם הארץ פון דער ליבע, איהר אינערליכסטער סודותדיגער פלאם; מיין גייסט איז אינגאנצען פארשלונגען געווארען, און איך האב מעהר ניט געוואוסט...

...קוקענדיג אויפ'ן הימעל, האב איך דערזעהן אז די שטערן האבען זיך פארלאשען, און דער טאג האט פארשפרייט זיינע פליגעל איבער דער וועלט. און ווידער זענען מיר די ווערטער פון שלמה המלך געקומען אויפ'ן געדאנק: ביז דער טאג קומט, און די שאטענס צולויפען זיך.



ישראל זאנגוויל.

## ווענען דער אידישער נאציאנאליטעט.*)

ד"ר שמריהו לעווין האט פאלקאם רעכט ווען ער זאגט אז די נאציאנאלע פראגע איז ביי אונז ניט בלויז א טעארעטישע נור הויפטזעכליך פון דרינגענדער פראקטיק. נור זיין באטאנונג פון דער פראגע איז לגמרי א מאדערנע. באוואוסטזיניגער נאציאנאליזם שטאמט לכל הדעות פון מערב און האט קיין שורש ניט אין דער אידישער געשיכטע אין וועלכער דאס נאציאנאלע איז אזוי צונויפגעוועבט מיט רעליגיאן אז די רעליגיאן האט געשיינט צו זיין דאס פאר וואס מען האט געקעמפט און ניט די נאציאנאליטעט.

פרעדיגענדיג א אידישען נאציאנאליזם איז ד"ר לעווין אליין אן אסימילאטאר און דווקא פון די סובטילסטע.

א ה ן יהדות האט די אידישע נאציאנאליטעט קיין בארעכטיגונג מחוץ א אייגענער טערטאריע אדער אלס א זעהר באדייטענדע מינדערהייט אין א שטאאט וואס פאראייניגט פארשידענע נאציאנאליטעטען, און מ י ט יהדות דארף מען ניט קיין נאציאנאליזם אויפצוהאלטען דעם אידענס באזונדערהייט און זיין עקזיסטענץ.

א אידישער נאציאנאליזם מחוץ א אייגענער טעריטאריע איז אומפראקטיש פונקט ווי ס'איז אומבארעכטיגט.

וואנדערענדע אידען וואס האבען אין ערגעץ ניט קיין באשטימטען סטאטוס מעגען ווי באזינגען נאציאנאליזם נור ווי באלד א מענש ווערט א תושב אין א לאנד מוז זיך ביי איהם אומבאדינגט אנטוויקלען די ליבע צו דעם לאנד, דאס געפיהל פון צוזאמענלעבונג און געגענזייטיגע התחיבות וואס דער נאציאנאליזם ענטהאלט. אזוי לאנג ווי די אידען זענען געווען איינגעשפארט אין געטאס איז זייער נאציאנאליטעט געווען א געזיכערטע נור ווי באלד זיי האבען געקראגען עמאנסיפאציע, האבען זיי אנגעהויבען אנטהייל נעמען אין א ברייטער לעבען און איינגעזאפט צו ווערען אין דעם דורך א אומפארמיידליכען און נישט אומגעווינשטען פראצעס. דער געדאנק אז איינגעזאפט ווערען הייסט אסעמילירען זיך איז א פאלשער. דאס איינגעזאפטע מאדיפיצירט אפט דאס וואס זאפט איין ווי למשל צוקער אין טהעע און ס'איז מעגליך אז דער סך הכל איז בעסער פאר ביידע צדדים און פאר דער גאנצער וועלט. דער נאציאנאליזם ווענען וועלכען אחד העם און ד"ר לעווין צולאזען זיך אזוי מליצהדיג איז איינפאך א סוביעקטיווע אילוזיע, וואס שטאמט דערפון וואס זיי האבען אליין זיך אויסגעטראכט א קעמעל אנשטאט צו באטראכטען איהם ווי ער איז אין דער נאטור.

*) ד"ר שמריהו לעווינ'ס ארטיקעל איז געווען געדרוקט אין 2-טען נומער „רענעסאנס"



א. מאָדיגליאַני — זעלבסטפּאָרטרעט

ווען מיר באַטראַכטען דעם גלות זעהען מיר ניט איין נאַציאָנאַליטעט נור צעהנדליגער פעלקער יעדער מיט זיין באַזונדערן פּאַטריאָטיזם, העכסטענס פאַראייניגט דורך רעליגיאָן. ווען ה' קאַן, דעמאָלט איינער פון די דריי ציוניסטישע הויפּט-פיהרער איז ארומגעפאָהרען אין ארץ ישראל, האָט ער, ווי ער דערצעהלט אונז אליין מיט שטאָלץ, דעקאָרירט זיין צעלט מיט אַ האָלענדישער פאָהן!

ד"ר שמריהו לעווין פאַרגלייכט אונזער ראַסע צו אַ געבונדענעם מענשען, וועלכער איז דאָך אַ מענש. דאָס איז נישט דער אמת'ר משל. אונזער ראַסע איז ווי אַ ריזע צוהאַקט אויף שטיקער, וואָס זענען פאַרשפּרייט איבער אַלע ים-ברעגעס, ווי דער קערפּער פון פלגש בגבעה. נאַציאָנאַליטעטען זענען פּרוכטען פון באָדען, אָהן אַ באָדען קען דער שאָטען פון אַ נאַציאָנאַליטעט בלייבען לעבען אַ לאַנגע צייט באַזונדערס ווען דער באָדען ווערט געטראָגען אין האַרץ אלס אַ פּאָעטישע ערינערונג מיט אַ געמיינשאַפטליכער שפּראַך און אמונה אויפצוהאַלטען זי ביים לעבען.

ישראל האָט אבער איצט ניט קיין איין לאַנד, קיין איין שפּראַך, קיין איין אמונה און די איינציגע האָפנונג דאָס פאָלק ביים לעבען צו דערהאַלטען איז ווענינגסטענס צוריקצוקריגען די שפּראַך.

נור אַ שפּראַך אָהן אַ באָדען איז פּראַקטיש אוממעגליך. דערפאַר האָט די אידישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע ריכטיג געזעהן די לעזונג פון דער אידישער פּראָבלעם אין אַ טעריטאָריע.

ד"ר לעווין זאָגט אז די י"ט'א איז דורכגעפאַלען ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין לעבעדיגע אידעע הינטער זיך. ס'איז נישט אמת. פרעגט ביי די מאַסען וואָס וואַנדערן אין צענטראַל-איירופּאַ, באַיאָגטען פון פאָרענט און באָמבעס פון הינטען, וואָס זיי וועלען זאָגען אויף אַ ארץ מקלט. די פאָדערונג פון די מאַסען פאַר ברויט און זיכערהייט איז שוין גאָר אַ לעבעדיגע אידעע. טויזענדער האָבען זיך געלאָזט אפילו קיין גאַלוועסטאָן אָהן דער רייצענדער אויסזיכט אויף אַ אויטאָנאָמיע; און טראָץ דער אויפריכטיגער וואָרנונג אז דאָרטען וועט דער שבת ניט קענען אויפגעהאַלטען ווערען. אויב די י"ט'א איז דורכגעפאַלען ביז איצט איז דאָס נור דערפאַר ווייל זי האָט ניט געפינען קיין פאַסענדע טעריטאָריע. וואָלט זי יא געפינען אזעלכעס וואָלט די פסיכאָלאָגיע פון אונזערע עמיגראַנטען אנטוויקעלט אַ אמת'ע אידישע מלוכה ווי ס'איז אפשר מעגליך אין אַ פּאַלעסטינאַ פאַרשאָטענט פון אַראַבישע מאַסען און ענגלישע ביוראָקראַטען. און עס זעהט זיך ניט פאַר וואָס, ווי פּראָפעסאָר גרעגאָרי מיינט אָן, אַ ערפאָלגרייכער אידישער ישוב זאָל ניט האָבען געקענט זיין דער אמת'ר מיטעל צו קריגען פּאַלעסטינאַ און אונטער בעסערע פּאָליטישע באַדינגונגען ווי ביי היינטיגען טאָג.

ח. נ. ביאליק.

# דער טאנץ.

(פאָלקס ליד)

**איבערזעצט פון ד. צעכאַנאָווער.**

טרייסעל און הייקעל! באַראַבאַנעס און פּיקעל!
און ראַגעלע, מאַגעלע!—אויפגעשפּילט יאַטען!
נעמט סקריפּעט די פידלען און זעגט אויף די זייטען!
נו, לעבעדיג, שטאַרקער!—א רוח אין אייער טאַטען!

1

קיין פלייש און קיין פיש ניט, קיין ברויט און קיין חלה—
די הענד אויף די אקסלען!—און פרעגט ניט קיין שאלה.
א נאָט איז אין הימעל און ער קאָן דאָך אלעס,
פאַר איהם הייבט די פיס איצט, זאל טאנצען דער דלות.
און זאל אונזער ברענענדער צאָרען אין גאַנצען
אויסגיסען זיך הייגט אין אַ שטורמדינען טאַנצען.
אַ טאַנץ זאל עס זיין אז ס'זאָל בליצען, ס'זאָל טומלען,
די ערד זאל זיך טרייסלען און ציטערן די הימלען.

2

קיין צוקער, קיין מילך ניט, קיין טראָפּ וויין פערהאַנדען—
דער בעכער מיט ניט דאָך איז פול ביז די ראַנדען.
און ציטערט ניט! טרינקט ביז צום סוף אויס דעם בעכער,
און הויך שרייט "לחיים!"—און הויבט די פיס העכער!
און מעכטיגער, שטאַרקער זאל ווערען אייער טאַנצען,
און פרעהליך—די שטימען, דאס פנים זאל גלאַנצען.
און זאל ניט אייער פיינד און אייער פריינד אייך ניט וויסען
אז טיעף אין אייער הארץ איז די נשמה צוריסען.

3

קיין העמד און קיין שוך ניט, קיין בגד א גאַנצען—
וואס איז דאָ דער אומגליק?—איז לייכטער צו טאַנצען!
נאַקעט און באָרוועס—ווי אָדלערס, ווי טויבען,
וועלען מיר אלץ העכער, זיך העכער אלץ הויבען,
און פליהען אין שטורעמס, אין הייחערס זיך טראָגען
הויך איבער די ימים פון צרות פון פלאָגען.
צו אין שיך, צו אָהן שיך—קיין חילוק פאַר קיינעם,
אין גרוב אַריין טאנצט זיך סיי ווי יעדען איינעם!

4

קיין ברודער, קיין קרוב, קיין פעטער, קיין קוזין—
וועמען דען פרעגען ? אויף וועמען פארלאזען ?
זאל'ן מיר זיך פארפלעכטען, צוזאמען זיך דרעהען,
און שטארקער און פעסטער זיך שליסען אין רייהען !
זאל ווערען א פלאנטער פון פים, שיך און זאקען,
פון שנעע ווייסע בערד און פון פעך שווארצע לאקען;
און דרעהען דער ראד זיך זאל שנעלער און גיכער
אהן אנפאנג אהן ענדע—ארום ווי א וויכער !

5

קיין לאנד ניט, קיין היים ניט, קיין דאך פאר א רעגען—
וואס איז דא צו שרעקען ? צו וואס זיין פארלעגען ?
די ערד איז א ברייטע און פיער האט זי זייטען—
מיר קאנען דאנק גאט זיך געמיטליך אויסשפרייטען ;
ער האט פאר א דאך אונז—א הימעל ערפונדען,
און האט פאר א לאמפ אונז—א זון אנגעצונדען.
גרויס זענען גאט'ס חסדים !—א שבח א לאנגען
גיט אפ איהם, און לויבט איהם מיט טענץ, מיט געזאנגען !

6

קיין פראכט ניט, קיין באדען, קיין שמאלץ, קיין גדולה—
איז אלעס פערשפיעלט שוין?—חלילה חלילה !
דער וועכטער ער שלאפט ניט, ער וועט אונז געדענקען,
ווי ראבען אונז שפייזען, ווי הינד עסען שענקען.
מיר וועלען מיט-טאנצען, מיט-שפרינגען און זינגען
פארלעשען דעם עלענד, פארטויבען פארקלינגען.
זאל ווירבלען דער טויט טאנץ, דאס שדים ליעד—רעש'ן,
און זיין א כפרה, די זינד אונז ריין וואשען !

7

קיין רעכט, קיין רחמנות, קיין לוין, קיין באשטראפען—
אך שטומע, וואס שווייגט איהר ?—די מיילער מאכט אפען !
די פים זאלען רידען, מיט שוים הייסע שפריצען,
אין שטיינערנעם באדען—אייער אומרעכט איינקריצען !
ווילד זאל אייער טאנץ זיין און ברויזען ווי ים'ען,
און פלאקערן זאל אלץ ארום אייך אין פלאמען.
און דאן אין דעם ווירבעל פון טענצער, מוזיקער—
די קעפ און די ווענד זיך צושמעטערט אויף שטיקער !



יוסף לעפטוויטש.

# הערבסט.

עס זענען דא נאטורען וואס האבען אין זיך דעם גאנצען הערבסט. די אומעטיג פייכטע לופט האט זיי דורכגענומען און אנגעפילט מיט זיסער מעלאנכאליע. די זון שיינט בלאס, קיין ווינטעל ריהרט זיך נישט, און די בלעטער פאלען אראפ מיט א לייכטען זיפץ, און ווארפען אויס א וואנדער-פארבינע מאזאיק. זייער רעדען איז שטיל, און א ווייכע, איראנישער שמייכעל איז אויף זייערע ליפען, ווי זיי וואלטען גערעדט וועגען גרויסע זאכען צו קליינע קינדער. אזעלכע נאטורען האבען עפעס קרענקליכעס און פיבערישעס אין זיך. טיילמאל זענען זיי געפלאנט פון א דינעם רעגען און לייכטען נעבעל, נאר דאמאלס זענען זיי שוין גע-שלאגען און וויינען פיל.

זיי זענען פארחלום'טע מיסטיקער, טומטומיגע סקעפטיקער.

מענשען זענען אפט עהנליך צו די צייטען פון יאהר. דער שטאר-קער געזונטער פריהלינג געפינט זיין גרעסטע עהנליכקייט אין משה'ן, א בראנזענער פיגור, א ווייט-שפרייטענדער אייכען-בוים, קערנהאפט און פעסט, און ער שפרייזט צו זיין ציעל, אהן ספקות. ער שטעהט אין מיטען פון פאלק, און טורעמט איבער זיי.

אלעס איז איהם באוואוסט, און זיין קול איז ווי א דונער, שארף און קלאר. ס'פאלט אויף אונז ווי א בארג, ווי א בייטש אויף א נאקעט לייב.

ער איז ווי אן אייז-קאלטער ים, וואס פארהארטעוועט אדער פאר-גליווערט.

משה איז איין זייט פון דעם שטאנג וואס מיר אידען טראגען מיט זיך שטענדיג. און די צווייטע איז קריסטוס. איך טראכט תמיד וועגען קריסטוס אין לעאנארדא'ס וואונדערבארער אויפפאסונג.

קריסטוס איז קיינמאל נישט אוועק פון אונז. ער איז דער אויסדרוק פון אונזער הערבסטיגען טעמפעראמענט; צובראכען און לײדענד, צארט ווי א מילד הייל-וואסער, אזוי ווי די ווארימע שטראהלען פון דער אלול זון.

ער צווייפעלט אין אלעם. ער איז געקרייציגט אויף אלע פיער עקען פון דער וועלט, זוכענדיג דאס שטילע און שעהנע וואס געפינט זיך אין אלעם. ער קוקט אראפ אויף אונז מיט א ליבענדען רחמנות שמייכעל. ער שטעהט האלב-פארטראכטענד, ווייט פון די געוועהנליכע זארגען. סטיווענסאן באמערקט אז "די אנוועזענהייט פון מענשען וואס זאגען זיך אפ אנטייל צו נעמען אין דעם גרויסען וועט-לויף פאר גראשענס,

איז גלייכצייטיג א באליידיגונג און א דיסילוזיע פֿאר די וואס באמיילינען זיך יאָ. אלעקסאנדער הערט שטארק געריהרט פֿון דיאַגנאָזעס אינגאָרירונג.

קריסטוס איז דער טיפּ פֿונ'ם גלות-איד. ער באזיצט ניט די מאָנומענטאלע שטרענגקייט פֿון די ביבלישע ריזען, און אויך ניט זייער סאָלידע קראַפֿט. ער איז ווי אונזער פֿאלק איצט, צוואָרפֿען אין זיך אליין, מאַרטירט פֿון דרויסען און פֿון אינעווייניג.

ס'געפֿינט זיך א האנדערבארער מאָטיוו אין דושאָרדוש מאָר'ס בוך: „דער קוואל פֿון קרית". ער דערצעהלט אז יעזוס איז נישט געשטארבען אויפֿ'ן צלם. ער האָט געחלשט פֿון אויסגעמאטערטקייט און יסורים. אין אבענד איז געקומען יוסף פֿון אריסאטיא און געבעטען מען זאל איהם געבען דעם קערפּער מקבר צו זיין, און ער האָט איהם גענומען צו זיך אין הויז. און בעת די טהרה, איז קריסטוס געקומען צו זיך. ער האָט חרטה געהאָט, און גלייך ווי ער האָט זיך געפֿיהלט געזונט גענוג, איז ער צוריק קיין גלול אוועק און געוואָרען א פּאסטוך, געלעבט מיט א קליינער קהלה חברים אסיים, און געוואָרען א פֿרומער, אפּגעהיטענער איד.

מיט יאהרען שפּעטער, דערצעהלט דושאָרדוש מאָר, איז פּאולוס געקומען אין דעם דערפֿעל וואו קריסטוס האָט געוואוינט, און געפּרעדיגט אין שוהל וועגען דער קרייציגונג און דאס ווידער אויפֿשטעהן נאָך דריי טעג, האבענדיג קריסטוס'ן צווישען די צוהערער...

אונזערע לעבענס זענען צונויפֿגעשטעלט פֿון מאָדנע געשעהענישען. דאָך איז קיין זאַך ניט צופֿעליג. אלעס דערנעהנטערט זיך צו אונז אויף א פֿאַרבארייטען וועג. אפילו דער טויט קומט אונז אַקעגען מיט א געוויסער צאהל מייל יעדע שעה. מיר שטארבען פֿון רגע צו רגע, אָהן אויפֿהער. דער טויט באפֿאלט אונז ניט פּלוצים. אויב מיר וועלען זיך גוט איינקוקען, וועלען מיר זעהן די שפּיץ פֿון א נאכט-שווארצען פֿליגעל דערנעהנטערען זיך אין זון-שיין.

אונזער גאַנץ לעבען באשעפֿטיגען מיר זיך מיט אויפֿבויען מצבות פֿאר זיך אליין. נאר די גאונים בויען דויערענדע מאָנומענטען וואס בלייבען ווי פֿעלזען.

ס'רוב מענשען בויען אינגאַנצען נישט. זייער ארבייט באשטעהט בלויז פֿון מעכאַנישע איבערחזרונגען, און יעדער שטיין אויף אונזער קבר מוז געקנייט ווערען פֿון אונזערע אייגענע נשמות.

דערפֿאַר לאָזט די מאַסע קיינמאל נישט איבער קיין סימן אז זי האָט ווען געלעבט.

טיילמאל וואַרפֿט אום דער ווינד א מצבה, און זי בלייבט ליגען א צייט מיט'ן פּנים אַראָפּ. דערנאָך נעהמט איטיצער פֿאַרביי און קלאַפּט זיך אָן אין איהר, און שטעלט זי צוריק, אָפּטמאָל קאָפּויר.



אונזער גאַנץ לעבען באשעפֿטיגען מיר זיך מיט'ן לעגען שטיין אויף שטיין זיך אליין לזכרון. די קרעפֿטיגע נאַטורען טוען עס רעשיג, שרייענדיג אזוי ווי טימער וואָס וואַקסען אין פֿריהלינג. די הערבסטיגע טעמפּעראַמענטען טוען עס פּאמעלאַך, פֿאַרחלומט, מיט א מידען שמייכעל אויף זייערע ליפּען, און א ליבליכען סקעפּטיציזם אין הארצען.

מענשען זענען אפֿט ענהליך צו די צייטען פֿון יאהר. עס זענען דאָ נאַטורען וואָס האבען אין זיך דעם גאַנצען הערבסט. מיט א ספֿינקס-אַרטיגען שמייכעל אויף די ליפּען, שפּרייטען זיי זיך איבער די דורות, געקרייציגט, געצלמ'ט אויף אלע פֿיער עקען פֿון דער וועלט. און דער פֿאלקאָמענסטער טיפּ פֿון זיי איז קריסטוס, דער פֿולער אויסדרוק פֿונ'ם אידישען הערבסטיגען טעמפּעראַמענט. קריסטוס איז דער געבונדענער נאַרב און דאָס געפֿאַלענע בלאַט פֿון אונזער פֿאָלק. ער איז דער אידישער הערבסט.

י. ליכטענשטיין.

# זוכונגען.

## א.

### ריכטער פֿון דינאַמיק.

קונסט איז אַזוי לעבעדיג ווי דאָס לעבען אליין.

אַזוי ווי דאָס לעבען איז קונסט אומערשעפּליך אין וואַריאַנטען.

נים אין דער פּראַכט-שענער אויסשטאַטונג ליגט די מאַכט פֿון דער קונסט, נאָר אין דער קראַפֿט פֿון שעפּפֿערישער עמאָציע.

מאַלעריי, גראַפֿיק און סקולפּטור שילדערען נים דאָס לעבען, נאָר די באַוועגונג פֿונ'ם לעבען—דאָס אין אונז פֿאַרבאָרגענע און ארום אונז וויברירענדע. נים שטילשטאַנד ווערט געשילדערט, נאָר פֿ אָ ר מ ע ן אין מעהר אדער ווייניגער רוהיגען צושטאַנד. לעבען איז באַוועגליך איבערליך. אבסאָלוטער שטילשטאַנד איז נים פֿאַרהאַן. ווען טויט-פֿאַרגליווערטע פֿאָרמען ווערען געשילדערט, באַנוצט מען זיך מיט דעם ארום-וויברירענדעם לעבען כדי צו שאַפֿען די מאַכטלאָזע פֿאַרגליווערט-קיים.

פֿאָרמען ווערען געשאַפֿען עמאָציאָנעל מיט די פֿולע מאַכט. אלע פֿאָרמען געשאַפֿען דורך קונסט מוזען באַטראַכט ווערען אלס אַנ'אָבקלאַנג פֿון אונזער וויזיע—אַנ'אויסדרוק פֿון דער איבערליכער דינאַמיק. אַ געשאַפֿענע פֿאָרם זאָל זיין א רעזולטאַט פֿון שעפּפֿערישען דינאַמיזם. לעבען אין אבסטראַקט גענומען איז אַ ד י נ א מ י ק - אַ פ א ט ה ע אָ ז. נור די קינסטלער וואָס זענען באַצויבערט פֿון דינאַמיק אַפּאָטהעאָזירען דאָס לעבען.

מארינעטי, דער פֿוטוריסט-פּאָעט זינגט ענערגישע, מוטיגע ליבגעזאַנגען וועגען דינאַמיק. ער ליבט דאָס שטאַרק-פֿאָרטגעשריטענע. פֿאַר מאַרינעטי איז צייט און רוים און נעכטען אבגעשטארבען. ער לעבט אין דער אבסאָלוטער אומאבהענגינקיים פֿון באַוועגונג. דער פֿוטוריסטישער ריכטער באַזינגט מלחמה, מיליטאַריזם, פּאַטריאָטיזם, ער גלאָריפֿיצירט דאָס אַנאַרכיסטישע צושטערונגס-געוועהר, און שיקט א ליבגעזאַנג צו אלע שענע אידעען וואָס קיילען אוועק דעם באַגעהר צו דער פֿריי—אויך זינגט ער וועגען דעם המון און זיין אַטמאָספֿערע וואָס באַוועגט זיך אין די היינטיגע גרויסע עלעקטרישע שטעדט, פֿול מיט פֿאַבריק-און לאָקאָמאָטיווען-רויך.

ער זינגט וועגען די הענגענדע בריקען איבער די נאַסען און טייכען. וועגען די בריקען זינגט ער וואָס טראָגען אריבער דעם רויש און געפּיל-



דער פֿון דער גרויס-שטאָדט, און פֿאַרבינדען זי מיט דעם אַל-וועלטליכען.

אַנ'ענטוזיאַסטישען ליבע-געזאַנג צו דער דינאַמיק, שיקען אויך צוזאַמען מיט מאַרינעטי, א פּלעיאַדע סקולפּטורען און מאַלער. זיי שאַפֿען אַ שטאַרק אויסגעשפּראָכענע באַוועגונג אין קאָליר, פֿאָרם און טאָן. זיי קאָמפּאָנירען אין ריטמישען איינקלאַנג מיט דעם אַל-טעגליכען לעבען, אין אַקאָרד מיט דעם ריטם פֿון מאָטאָרען.

זיי זענען דינאַמיק-דיכטער, זיי שאַפֿען דעם פּלאַסטישען חזיון פֿון אונזער היינט, בויען דעם קאַלעאַדאָסקאָפּ פֿון אַבסטראַקטע פֿאָרמען ארייננדריננענדיג אין דעם גרעסטען היינט-טעגליכען אימפּעט. ווייל אימפּעט איז די פֿאָרשריטליכע קראַפֿט, דער צייבער פֿון לעבען. סטאַטיק, דער קאָנטראַסט פֿונ'ם אלטעכטיג-באַוועגליכען, דער קבר פֿון נעכטען איך וועלכען מיר בויען אונזער היינט. מיר לעבען אויף קברים, אונזער קראַפֿט שעפּען מיר אין דעם עמאָציאָנעלען היינט.

די אין אונז ארומשוועבענדע דינאַמיק איז די טרייב-קראַפֿט וואָס צרימט אונז אָפּ פֿונ'ם נעכטען. אוועק פֿון קברים! "מוזעאומס זענען קברים", שרייט מאַרינעטי. "מוזעאומס-מאַזועלעאומס—וואו ס'הערשט אפּאַטישער שטילשטאַנד".

"ווייל מיר שטרעבען צו אַ נייעם סטיל פֿון באַוועגונג, אַ סטיל וואָס האָט נאָך נים עקזיסטירט", שטיצען אונטער די איבעריגע פֿוטוריסטען מאַרינעטי'ן און דעמאָנסטרירען פּלאַסטישע עקספּערימענטען.

דינאַמיק ווערט עקספּערימענטירט אין פֿאָרם און קאָליר, באַוועגונג ווערט אַרכיטעקטורעל צונויפֿגעשטעלט אין א ריטמישען טאָן. דינאַמיק ווערט ליניאַל און אין פֿלעכען קאָמפּאָנירט. ליכט, שאָטען, און וואָקאַלע טענער ווערען פּלאַסטיש קריסטאַליזירט. מען דריננט אריין אין די טיפֿסטע טיפֿענישען פֿונ'ם אוניווערסאַלען מיש-מאַש. ווייל דאָס לעבען איז דינאַמיש, דער חן פֿון קונסט און לעבען איז די אומענדליך שטאַרקע באַוועגונג. פֿוטוריסטען אַפּאָטהעאָזירען באַוועגונג.

זיי, די דינאַמישע טרובאַדורען זענען ריכטער פֿון דינאַמיק.

## ב.

### טרוימער פֿון אבסטראַקט.

"די אומטעגליכקיים צו קאָפּירען א געגענשטאַנד אָהן וועלכען ס'איז ציעל, דאָס שטרעבען צו באָרגען אויסדרוק פֿונ'ם געשילדערטען געגענשטאַנד גופֿא", זאָגט קאַנדינסקי, "איז דער אנפֿאַנגס-פּונקט פֿון וועלכען דער קינסטלער הויבט אָן צו שטייגען צום ריין-עסטעטישען".

די ראָמאַנטיק וואָס איז פֿאַרבאָרגען אין דעם אַלטעגליכען קאָמפּליצירטען טימעל, דאָס דינאַמישע וואָס באַרייכערט און אקצענטירט די

וואָבעדיגע גרויקייט, קריסטאַליזירט זיך דורך דעם פּריזמאַט פֿון׳ס שעפֿערישען גייסט. דאָס טושטשע אומזעהבאַרע ווערט רעאַליזירט אין אַ אַבסטראַקטע פֿאָרם-און-פֿאַרב-רייכע מאָזאיק, אין אַ האַרמאָניע פֿון אַבסטראַקטע אַקאָרדען. דאָס לעבען, די מאָזאיק פֿון פֿאַרשידענאַרטיגע קאָנקרעטע פֿאָרמען ווערט נתגלה נור דורך אַ קונסט-ווערק, אַ דורכגעטראַכט קאָמפּאָנירטע סימפֿאָניע. אַן אַקאָרדען-צוזאַמענשטעלונג פֿון אַבסטראַקטע פֿראַגמענטען, "(בילדליכע אין געגענזאַץ צו ליטעראַרישע פֿאַרשטעלונגען".)

ווייל דער אַבסאָלוטער אַבסטראַקט איז די בילדליכסטע און בולטסטע פֿאָרם, ווי אויך די פּלאַסטיש געלייטערסטע ווזיע...

"וואָס אַבסטראַקטער די פֿאָרם, אַלץ רייגער און דערפֿאַר אויך פּרימיטיווער ווערט דאָס אָפּקלינגען", ערקלעהרען די עקספּרעסיאָניסטען.

מיר לעבען אין קאַלאַריסטישע אַטמאָספֿערען, צווישען ליניעאַל-פֿאָרמירטע געגענשטאַנדען. דאָס לעבען פּולסירט ריטמיש, מיר רעאַגירען אין אָנקלאַנג מיט אָט דעם ריטם. און אַפּהענגיג פֿון אונזער שבנה-שאַפֿט, ערשיינען מיר אַלס אַן אָפּשפּיגלונג.

ווייל "די באַטאָנונג פֿון דעם ווערט פֿון די איינענע געפֿיהלען, אַלס דער איינציגער עסטעטישער איספּולס מיינט לאָגיש" לויט קאַנדינסקי, "אַז דער קינסטלער איז ניט נור ב אַ ר ע כ ט י ג ט צו באַהאַנדלען פֿאָרם און פֿאַרב לויט זיינע אינערליכע פֿאָדערונגען, נאָר ס׳איז אַ פֿ ל י כ ט אַזוי צו טון".

די איידעלקייט פֿון פֿאַרב און אייגנאַרטינקייט פֿון פֿאָרם איז צו שפּילענדיג און בויניג אַז עס זאָל זיך לאָזען צופּאַסען איינזייטיג. נור דער שאַרפֿער איבנעשפּראָכענער אינערליכער איספּולס פֿאָרמאַגט די קראַפֿט צו באַהערשען.

נעבעטעשט איז דער געפֿיהלרייכער וואָס אנטפּלעקט די שטראַהלענדע קאָלירען, איינגעפּאַסט אין ליניאַלער ריטם. געלויבט איז דער טרויטער וואָס קאָמפּאָנירט זיין חזיון אין אומבאַגרענעצטע אַבסטראַקטע געשטאַלטונגען. זיי צושפּרייטען און באַלייכטען די שמאָלע, פֿאַרטאָקעלטע האָריזאָנטען. די געפֿיהלרייכע טרוימער יעשעטעטערען די שווערינקייט און צעשטראַהלען די גרויקייט פֿונ׳ם איינטאָניגען היינט. די אומצופֿרידענע זוכען די ערלייזונג אין זעלבסטשטענדיגער פֿאָרם, און האַרמאָנישע קלאַנגען פֿון רייזענדער פֿאַרב.

"ווייל פֿאַרב וואָס איז אַליין אַ שטאָף פֿאַר קאָנטראַ-פּונקט", זאָגט קאַנדינסקי "און הילט איין אין זיך ענדלאָזע מעגליכקייטען, וועט אין צוזאַמענהאַנג מיט צייכנונג, פֿיהרען צו אַ גרויסען בילדליכען קאָנטראַ פּונקט, אויף וועלכען עס וועט אויפֿגעבויט ווערען אַ בילדליכע קאָמפּאָזיציע וואָס וועט דינען נאָר אַלס אַן׳אמת ריינע קונסט".





## ציים, אַלטער ציגיינער.

ציים, אַלטער ציגיינער,
ניט אייל און ניט יאָג,
דער קאַראַוואַן דיינער
זאָל רוהען אַ טאָג.

אַלץ וועסטו קריגען,
ווי נאָר מיין נאָסט—
זילבערנע גלעקלאַך
צו דיין מיך צונעפּאַסט.
אַ רינג וועט אַ גאָלדשמיד
פֿון גאָלד פֿאַר דיר גיסען,
פּאַוועס זיך ביקען,
און קינדער באַגריסען,
און מיידעלאַך זיסע
דיך קרוינען מיט מאַי;
ציים אַלטער ציגיינער,
וואָס לויפֿסטו פֿאַרביי?

פֿאַרנאַכטאָגען אין בבל,
און נעכטען אין רוים,
היינט ביזטו אַ הינער,
און מען זעהט דיך שוין קוים.
ביים שטאַרטישען פֿינער
רוהסטו זיך אָפּ
בלויז אויף אַ ווילע,
און ווייטער אַראָפּ
צו אַ שטאָדט צו אַ פּרעסדער,
בליטר נאָך אין טראַכט,
און באַלד צו אַ צווייטער,
ביז ס׳קומט אָן די נאַכט.

ציים, אַלטער ציגיינער,
ניט אייל און ניט יאָג,
דער קאַראַוואַן דיינער
זאָל רוהען אַ טאָג.

ל.

# טריסטאן בערנארד.

## (שטריכען)

וועגען דעם הומאריסט טריסטאן בערנארד געהט אום אזא געשיכטע:

איינמאל געהט ארויס ויינער א בעקאנטער אויף א שפאציער, טרעפט ער אוגזער טריסטאן בערנארד זיצען ביי א צוברעכענע ברימשקע און לעזען א ענגלישען ראמאן. דאס איינגעשפאנטע פערדל שטעהט זיך דערביי און קייעט געדולדיגט און פילאזאפיש דאס גראז.

—וואס טהוט איהר דא?—פרעגט איהם פארוואונדערט דער באקאנטער.

—אט, מ'לייענט!—ענטפערט קאלטבלוטיג טריסטאן בערנארד.

—פארוואס פאררריכט איהר בעסער נים די צוברעכענע ברימשקע?—וואונדערט זיך דער באקאנטער.

—איך ווארט אז זי זאל זיך אליין פאררריכטען!—רופט זיך אן טריסטאן בערנארד נים ארויסנעמענדיג די נאז פון'ם ראמאן.

דער גאנצער הומאריסט ליגט אין דיזער קליינער און איינפאכער געשיכטע.

דאס ערשטע וואס ס'באמערקט זיך אין זיינע שריפטען איז די פוילקיים פון זיינע פארשויגען. זיי האבען מורא פאר דער מינדעסטער אנשטרענגונג, כדי זיי זאלען חלילה נים דארפען דענקען—דענקען איז אויך אן ארבייט—ווערען זיי בעסער פאטאליסטען און פארלאזען זיך אויף גאט'ס בעראט. די צייט—זאגען זיי—וועט שוין אלץ פאררריכטען און בעסער טהוט דער מענש צו זיצען ביי א גלעזעל קאווע און פיהלען ווי ער האט הנאה פון אלע שעהנע זאכען. "איך בין ווי אלע מענשען—זאגט זיינער א העלד אין איינע פון זיינע פיעסען—איך טראכט גארנים". טרוסטאן בערנארד מיינט אז חוץ די פראפעסיאנעלע דענקערס וואס האבען דיזע "ארבייט" זיך פאר א פרנסה געמאכט און פארקויפען די פרוכט דערפון און ביכער, צייטונגען א.ז.וו., איז דער געוועהנליכער מענש פריי פון אזעלכע באלעסטיגונגען און האט עס ואגאר נים ליעב. דער דורכשניטליכער מענש האט זיך אין זאפאס א גאנץ געגוגענדען אוצר מיט ווערטער און געדאנקען מיט וועלכע ער באנוצט זיך ווין גאנצעס לעבען לאנג אויף פארשידענע וואריאציעס און ס'קומט איהם גאנץ זעלטען אוים צו פאדערען אן אנשטרענגונג ביי דער פערטיגער



קלישע פון זיין מח, די געוואוינהייט און מאגיע וועגען די הויפט-סאָליארען פון דעם מענשענ'ס פיהרונג. טהיילמאל טרעפט אן אונגליק, אז דער מענשענס מח איז ארויב פון אויסגעטרעטענעם וועג און ער האט זיך מיט עפעס פארשטאכען און ער מוז זיך א דרעה טהון אנדערש ווי ער דרעהט זיך תמיד און די געדאנקען נעמען אן אן אנדער ווענדונג, דאן פיהלט דער מענש ווי עפעס קראנק און ער זוכט באלד אנצונעמען א געוויסע שטעלונג זיין מח זאל חלילה נים מוזען זיך לענגער געפינען אין דער לאגע פון טראכטען. טריסטאן בערנארד'ס מענש נארט נאך דער גייסטיגער און פיזישער רוה און קען נים פארטראגען דעם האסלעקטיזם.

אפילו זיין סוחר, דער סימבאל פון דער ריהרעוודינקייט, איז ביי איהם אנדערש ווי אלע. מיר זענען געוואוינט צו זעהן דעם סוחר א ניכער, אומרוהיגער און תמיד צוטראגענער באשעפעניש, ביי איהם אבער קומט זיך דער סוחר צו געהן צעהן א זייגער אין ביורא און נים א פרעג דעם יונג: "קיינער נים געוועזען?" און אז דער יונג ענטפערט "נים", ציהט ער זיך אוים ברייטליך און, וואס מיינט איהר טהוט ער?

"זיין שרייב-טיש איז איבערגעצויגען מיט אלטען לעדער וואס איז אנגעשטאפט מיט האר. אין לעדער איז פאראן א ריס, איז זיין הויפט בעשעפטיגונג ארייגצורוקען די הענטעל פון פודער אין לאך און פערוקען די האר ווי ווייט ס'לאזט זיך נאר".

נו, וואס זאגט מען נים צו אזא געשעפטסמאן?—און אט אזוי מאכט מען די מיליאנען !!

און מיינט איהר דאך אודאי אז דיזער געשעפטסמאן איז צופעליג געווארען א סוחר, האט איהר א טעות: ער איז א סוחר בן סוחר, מיט אמביציעס, יא, מיט גרויסע אמביציעס:

"גע'חלומ'ט האט ער נאר צו ווערען א ג ר ו י ס ע ר ג ע ש ע פ ט ס מ א ן. איבערראשען די וועלט מיט זיין געשיקטליכקייט. ער וועט אויפקויפען שטאף אויף א מיליאן פראנק און וועט דאס לייזען דריי—אין נארד אפריקא".

און זיצט זיך זיין "פוסט-און-פאסטניק" ביי א גלאז אברענט, גלוסט זיך איהם אפילו נים צו נעמען דאס גלאז אין דער האנד. די אויגען נאר טרינקען...

טריסטאן בערנארד איז דער פרינץ פון די הומאריסטען און פון די... פוילע מ'זאגט אז ואנאר זיינע שריפטען ווערען פון זיך אליין אנגעשריבען...

מאהל טריסטאן בערנארד א נאכט איז זי "אומבאוועגליך" און איז שוין דער וועטער ווינדיג און די בוימער שאקלען זיך איז עס אויך ביי איהם צוליעב פוילקייט... ס'איז ל י י כ ט ע ר זיך צו שאקלען מ י ט ' ן ווינד בעת ער איז דא, ווי זיך נ י ט לאזען שאקלען...

---

פראנקרייך רופט איהם: דער נאציאנאלער הומאריסט.

איך מיין אז ער איז נאציאנאל-פראנצויזיש אין דער הינזיכט וואס ער שטרעבט צו רוה, צו פריעדען, דער פראנצויז איז בטבע א מענש א בורזשוי, וואס ארבייט אלע זיינע יאהרען אום זיך צו קענען פארווארנען, אויף דער עלטער, מיט א שטיקעל הייזקע, און זיצען א גאנצען טאג אויף דער זון און הנאה'דיג דרעמלען...

פאראן ביי טריסטאן בערנארד א ארימער קליינער גנב'ל וואס געהט מארדען א מענשען אום ער זאל קענען נאכדעם מיט א ר ו ה י ג ע ן ק א פ זיצען און לייענען א אילוסטרירטען ראמאן"...

אלע ווייסען אין פאריז אז טריסטאן בערנארד איז א איד.

זיין הומאר איז ווי פון א איד און אזוי איידעל אז מ'דארף זיין געבענטשט מיט פיעל געשמאק עס מאנכעס מאל אנצוכאפען. דער קלוגער קאפ ביי איהם געהט האנד-אין-האנד מיט דער פראנצויזישער קולטור וואס איז פאר'ן הומאר ווי א זיידען קישעלע פאר די אירינגלעך.

א פיינער, רוהיגער אריסטאקראטיזם שוועבט אין זיינע זאכען.

טריסטאן בערנארד לאכט זעלטען אויפ'ן קול; ער שמייכעלט גיכער. שמייכלען איז צארטער, העכער, פילאזאפישער און ציוויליזירטער ווי לאכען. פיזיש איז עס אזיך אן האלבע "ארבייט" ווי לאכען און דאס אליין איז שוין גענוג פאר אונזער הומאריסט אז ער זאל ניט וועלען לאכען, נאר שמייכלען.

א רוהיגער מזרח-גייסט איז אויסגעשפרייט אויפ'ן שאפען פון גרויסען קינסטלער.

זאל ניט אמאל די פילאזאפישע פוילקייט זיינס זיין אן אלטע ירושה פון זוניגען מזרח ? זאל עס ניט זיין אמאל יענע כלאראפארמישע פוילקייט וואס האט געקענט אויסחלום'ן און אויסזיצען די אייבינע פעטמא פון "טויזענד און איין נאכט?"

טריסטאן בערנארד איז דער בעסטער מעשיות-דערצעהלער. זיינע מעשיות ווערען צוטראגען און קאפירט איבעראל, און אין יעדע פון זיי זאגט מען, פיהלט זיך דער איד... דער אידישער הומאר. דער אידישער הומאר איז א שטעכעדיגער, א טרעהרען-הומאר... דער הומאר איז די איראניע פון לעבען און ווער איז נאך אזא איראניסט ווי דער איד ?



טריסטאן בערנארד האט זיך זיין אייגענע לאגיק וואס איז טהיילמאל אומלאגיש ביי דער אפיציעלער לאגיק פון דער קאנווענציע.

אן ארעסטאנט וואס איז פערורטהיילט געווארען פאר א מארד אויף אייביגע קאטארגע, דערמאנט זיך פלוצלונג נאך עלף יאהר שווייגען, צו שרייבען צו א בעריהמטען אדוואקאט פון פאריז אז ער איז אומשולדיג. דורך א גענויע און פינקטליכע צייט-איבערעכענונג שטעלט פעסט דער ארעסטאנט אז אין דעם מאמענט ווען מ'וויל אז ער זאל האבען בעגאנגען דעם מארד פאר וועלכען ער זיצט, איז ער נאר געווען אנדערשוואו, וואו ער האט איינגעפיהרט א צווייטען מארד פאר וועלכען ער זיצט ניט ! ער פאדערט דעריבער אז מ'זאל איהם ערקלעהרען פאר אומשולדיג לויט אלע געזעצען פון יושר און גערעכטיגקייט...

טריסטאן בערנארד האט אויך ליעב פאראדאקסען. למשל:

א געוויסער פראנצויזישער געלעהרטער ד"ר פיאניער לאזט זיך אוועק אין טיעף-אפריקא אויסצושטודירען דאס לאנד און צו הערגעהן איבער דארט געפינען זיך נאך ווירקליך קאניבאלען. א כלל עס געהט אוועק א שטיקעל צייט און דער געלעהרטער פראנצויזישער ד"ר פיאניער האט ניט וואס צו קייען. ווערט פאררופען א דרינגענדע קאנפערענץ פון די ווייסע און ס'ווערט ארויסגעטראגען א בעשלוס אז אום צו קענען אויספיהרען די וויסענשאפטליכע מיסיע, מעג איין נעגער באצאהלען מיט זיין שווארץ לעבען. דער ערמארדעטער נעגער ווערט גערייניגט—די ווייסע וויסענשאפטס-מענשען האלטען פון היגיענע און ריינליכקייט—און ווערט פון ד"ר פיאניער'ס געזעלשאפט מיט גרויס אפעטיט, איינגענעסען. די נעגער האלטען אויף די ווייסע און זייער הונגער.

און נאכ'ן העלפט, מ'קומט צוריק קיין פראנקרייך זיעגרייך נאך דער גרויסער רייזע, און דער בראווער ד"ר פיאניער גיעט אב חשבון פון זיין נסיעה אין דער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע און ערקלעהרט פייערליך אז אפילו אין טיעף אפריקא זענען מעהר קיין קאניבאלען נישטא...

---

טריסטאן בערנארד זעהט אוים פיזיש ווי א מין "שלמה גניד". נעמט מאהלט אוים א טארבע מיט צוויי טראג-בענדער און פילט זי אוים מיט שווארצע טינט און איהר האט אייך זיין "באריהמטע" בארד. אין פאריז האט זי ערווארבען אזא פאפולאריטעט אז ווען זי וואלט דורך שפעט א אומטעגליכקייט פארלוירען געגאנגען וואלט איהר בעל-הבית רוהיג געמעגט זיצען אין דער היים און ווארטען. די ערשטע בעסטע

סטעפּאנראַפֿקע אדער טעלעפֿאָניסטקע וואָלט זי איהם גלייך אין דער היים אבגעטראָגען...

„דאָס איז אַ באָרד מיט א סוד"—זאָגען אויף איהם די קריטיקער.—

און וויל איך זיך פֿאַרשטעלען אונזער הומאריסט אין זיין אנ־געטאסטעטע סביבה חלום איך פֿון: אַ הויכען, שטרענגען אראבישען זאַאַל, הויכע און קלײנע פֿיעל־פֿאַרבינע פֿענסטערלעך דורך וועלכע ס'זעהן זיך דורך, געדעספּפּט און געמילדערט, די שטארקע זונען־שטראַהלען. די שהערע פּורפּור־גאַרדינען זעהען אויס פֿון דער פֿלאמען־דער זון ווי אנגעצונדען. ווי חלום־פֿיגורען זעהען אויס די מענשען. די דילען זענען אויסגעבעט מיט המשק'ער טעפּיכער וואס זינגען איין דעם קלענסטען שאָרך. די לופֿט איז שטעהענד און ווי פֿערטשאַרעט פֿון שטארקע בשמים וואס קרייזעלט זיך, ווי די הערצלעך פֿון א יונג קינד, איבער'ן חדר. עס ווילט זיך דרעמלען. דער ווילען נעהמט אַוועק און אַ גומער, ליעבער אָפּיום־שלאָף קריכט אריין אין די אויגען... און אין מיטען שטוב, די פֿיס אונטער זיך, זיצט זיך א האלבע לבנה טרוימער און הערט זיך צו צו די פֿערשטומפּטע מעשיות פֿון שייך...

דער שייך איז טריסטאן בערנאַרד.





# איך און דער טאָג.

אז איך שטעה אויף אין דער פֿריה,
פֿיהל איך זיך רוהיג־קיהל און הייליג
ווי דער טוי־געוואַלבטער "אין־דער־פֿריה".
איך קען א פֿליג קיין שלעכס ניט טאָן,
איך קען ניט אויסטראַכטען קיין ליגען און קיין אמת...
ווי אַ נײַ־געבוירען קינד,
נאך ווענינער ווייס איך פֿון זינד.

וואַש איך זיך אָב, און מאַך מיר אַ שריט,
און בײַם אָן. און איך פֿיהל ווי דער טאג
אַנטלויפֿט מיט א רויע צוביסענע נאָמבע,
און ער שטויסט מיך אַוועק און איך פֿאַל
א צופֿאַלענער, מיליאָנען מיילען אוועק פֿון איהם...
פֿאר צוועלף קום איך צו זיך, און פּונקט
צוועלף א ווייגער לאַקער איך אויף איהם,
רוק איך זיך צו צו איהם און גיב איהם א בײַס
אריין אינ'ם האַרץ פֿון זיין מיטען־טאג.
אנטלויפֿט ער פֿון מיר א צובלוטיגטער אין
בין השמשות אריין.
און אזוי ווי דער בלינדער שמשון די זײַלען פֿון טעמפּעל
כאַפּט ער אָן שטורעמדיג־ווילד
די שטראַהלען, ברעכט אונטער
די זון די פֿיס, און איך, די זון און דער טאָג
פֿאַלען אריין אין דעם ים פֿון פֿינסטערניש,
איינער אין צווייטענס, און אין דריטענס ארעם,
און ליגען צו קאָפּענס, צו פֿיסענס בשלום.



„דער ווילנער גאון" פון אַן אַלטער גראַווירע.

דושאַן קורנאָס.

## עפּשטיין׳ס קריסטוס.

איצט לעבסטו ווידער,
אויפגעשטאַנען אין בראָנז.
ס׳האָט ענדליך איינער דיך פאַרשטאַנען,
און אויסגעגאָסן ריינע ווערטער אין אַ פאָרם
וואָס וועט קיינמאָל נים פאַרגעהן.
ווען טאָרקעמאַדאָ וואָלט נאָך איצט געלעבט,
וואָלט ער פאַרפייניגט דעם שטאָלצען איד
וואָס האָט דיך אויפגעוועקט פון טויט.
ווען די ביזט געוועזן פון פלייש און בלוט,
האבען מענשען דיך געקרייציגט.
אָבער דיין איצטיגען געשטאַלט פון בראָנז
קען מען נישט קרייציגען.
דו וויזט אונז אויף דיין האנט
ווי די וואָלסט זאָגען:
"אָט האָט איהר פערעל... פערעל...
פערעל פאַר חזירים,
דאָך נאָט אייך זיי...
איך האָב אויף אייך רחמנות...
און זעהט מיין צוריסענע האַנט:
ווער ס׳נעמט די פערעל
מוז פיהלען אויך די טשוועקעס".

לואיס זאנגוויל.

# ווילבראהאם'ס תנאים.

## א.

ווילבראהאם פרץ איז געווען א רייכער, זיידענער יונגערמאן, וואס האט זיך באשעפטיגט מיט אדוואקאטור. עס איז איהם קיינמאל ניט איינגעפאלען אז אין איהם שלאגט אן אדער פון סענטימענט, נאר ביסלעכווייז און אין יסורים האט עס זיך פאר איהם אנטפלעקט.

ער האט זיך באשעפטיגט מיט אדוואקאטור, נור דערפאר ווייל לויט זיינע פאמיליע-טראדיציעס וואלט עס געווען א פארברעכען ווען ער זאל נישט האבען קיין באשעפטיגונג. זיין משפחה האט געהאט א וואונדערבארען טאלאנט פאר דעם געוועהנליכען. זי האט עס פשוט דערהויבען צו דער מדרגה פון א קונסט. עס איז געווארען איהר חן. א פרץ איז אהן אויסנאם געווען א גוטמוטיגער, רייכער, ראפינירטער, אפטימיסטישער מענש, שטענדיג טוענדיג דאס ריכטיגע, און קיינער האט זיי קיינמאל ניט געהאט אין די מיילער. א פרץ האט געוואוסט וואוהין צו געהן. ער האט פארשטאנען אז קלוגע קלעטערען תמיד דארט וואו דורות אייזלען האבען אויסגעטראטען דעם וועג פון פריהער. און ווילבראהאם האט געשיינט צו זיין אן אמתר פרץ.

דאס ערשטע מאל ווען ווילבראהאם האט זיך געכאפט אז ס'געפינט זיך א מין ריטערליכקייט אין איהם, האט ער זיך דערשראקען. ער איז עטליכע יאהר געווען אן אפטער איינגעהער אין אנ'אנגענעם הויז, וואו ס'האבען געוואוינט אנ'עלטערע דאמע פון מאיעסטעטישען אויסזעהן, מיט איהרע צוויי בליהענדע טעכטער; א הויז וואס האט געמוזט אפעלירען צו א פרץ; א הויז וואס איז געווען גערוהם און באקוועם און האט געבלאשטשעט מיט איבערפליסיגקייט. רהאדא, די עלטערע טאכטער איז געווען א פיינע, בעל'הבית'ישע טאכטער. זי האט געטראגען איהר בינטעל הויז-שליסלען מיט שטאלץ, און אז זי האט געגעבען א באפעהל האבען זיך גלייך באוויזען די פארשידענע געשמאקע מאכלים צוליעב וועלכע דאס הויז איז געווען באריהמט. זי איז געווען ווי איהר מוטער מאיעסטעטיש געבוים, און שעהן און ליבליך. זי האט זיך צו יעדע זאך באציינען ערנסט און געלאסען, און האט געהאט א טיפען דרך-ארץ פאר אלע איהרע איבערצייגונגען. ווילבראהאם האט שטארק געהאלטען פון איהר.

יהודית, די יונגערע טאכטער איז אלט געווען נייטצען יאהר. זי איז געווען שלאנק; איהר שוועסטער איז געווען א מלכה, און זי א בת מלכה.

זי איז געווען פול מיט איינפאלע און התלהבות, א נערוועזע, אומרוהיגע, פיל-זייטיג און מיט א גוואלדיגער פאנטאזיע. זי האט נישט געהאט קיין געדולד צו הויז-זאכען. און ווילבראהאם איז געווען שטארק נישט-צופרידען פון איהר.

דאך האט ווילבראהאם אנגעבאטען יהודית'ן, נישט רהארא'ן, אז זי זאל ווערען זיין פרוי. און קיינער האט מעהר נים געשטוינט דערפון ווי ער אליין!

יהודית האט איינגעוויליגט און האט אנגעטאן דעם רינג וואס ער האט איהר געגעבען, נאר זי האט אבגעלעגט די חתונה אויף אנ'אונבאשטימטען טאג.

ווילבראהאם האט פריהער געפיהלט אז זי איז איהם נישט פארשטענדליך, אבער אז זי זאל נישט וועלען געהן דעם געוועהנליכען וועג אויפ'ן געוועהנליכען אופן איז איהם אפילו נישט געקומען אויפ'ן געדאנק. זייענדיג זיין כלה, איז זי איהם געבליבען פרעמד אזוי ווי פריהער—פרעמד צו זיין פארשטאנד און צו זיין האנד. זייערע באציהונגען זענען עפעס נישט געווען אזוי ווי צווישען חתן כלה לויט זיין פארשטעלונג. יהודית פלעגט איהם אמאל צוואווארפען א ליבליכען בליק, אדער אנריהרען מיט איהרע צארטע פינגער-שפיצען, און ער האט וואכען לאנג געפיהלט דעם טעם פון די צערטליכקייטען. אבער דערפאר פלעגט זי טיילמאל לאכען פון איהם—ס'פארשטעהט זיך, נישט ווען ס'איז אימיצער געווען דערביי.

היינט איהרע טאלאנטען! זיי האבען איהם פשוט פארבלענדט מיט זייער גלאנץ! טיילמאל האבען זיי איהם אויך באאומרוהיגט, ווי למשל ווען זי האט גענומען שטודירען פארשידענע קאסטיומען-טענץ—גריכישע און פראנצויזישע—און פלעגט פאזירען ביי זיך אין אויפנאם זאל, אנגעטאן אין דורכזיכטיגע, שעמערירענדע טעאטראלע קליידער, פאר א גרופע באקאנטע, וועלכע האבען געקוקט דערויף מיט דעם זעלבען אומצוטרוי וואס ער אליין. "אמאל מעג מען", פלעגט ער ברומען, און מאכען מיט די האנט ווי ער וואלט זאגען: "איך ערלויב עס." "אבער כסדר! דאס איז שוין צופיעל!" ער פלעגט ארומגעהן אנ'אומצופרידענער וואכען לאנג, ביז יהודית האט פלוצים אנגעריהרט זיינע ליפען מיט איהרע, און דער כעס איז איהם אבגעווישט געווארען ווי מיט א כשוף.

מיט אמאל האט אבער ווילבראהאם אנגעהויבען פארשטעהן צו וואס עס קען דערגעהן. ער האט זיך נאך אלץ נישט געוואלט צו גלויבען, אבער די סמנים זענען געווען צו בולט. "אוממעגליך!" פלעגט ער אויסשרייען. "ס'קען נישט זיין אז יהודית, מיין יהודית זאל וועלען ווערען אנ'אקטריסע!"



און ער פלעגט זיך טרייסטען: "מילא וואס זי פיהרט אויף פיעסען צוליעב געוויסע צדקה-צוועקען, איז דאך דאס כלל-ארבייט, וואס ברענגט אריין באדייטענדע סומען פאר אלמנות און יתומים. ס'איז בלויז א שאד וואס זי שפילט אזוי גוט. דער שטארקער ערפאלג און די קאמפלימענטען קענען זי חס ושלום פארפיהרען". און די ליבע איז טאקי דורשטיג געווארען ווי נאר זי האט פארזוכט דעם טעם פון בלוט. זי האט כסדר שטודירט געדרוקטע פיעסען, געחזר'ט אין זיך. און דעקלאמירט, געבוקט זיך, געמאכט גרימאסען און פאזירט. פרץ פלעגט אויפציטערען, אבער ער האט קיין זאך נישט געקענט טון. ער האט בלויז צוגעקוקט מיט שרעק ווי יהודית לאזט זיך געהן גלייך אין דער טעאטער-וועלט אריין. דאך האט זי זיך אויסגעקליבען דעם בכבוד'יגסטען וועג אהין. זי האט זיך אנגעשלאסען אין פארשידענע דראמאטישע-קונסט-פאראיינען, וואס האבען אויפגעפיהרט פון שעקספיר, און אלט-גריכישע טראגעדיעס, אין דער אנוועזענהייט פון פראפעסארען און אנדערע אנגעזעהענע אנהענגער פון דער קלאסישער דראמא. אפילו ווילבראהאם איז געווען צופרידען מיט אט דעם קרייז, און ער האט זיך אנגעהויבען פיהלען שטאלץ מיט יהודית'ס טאלאנט. ער האט אבער מורא געהאט אז ס'וועט נים בלייבען ביי דעם. און אין א געוויסען נאכמיטאג האט איהם יהודית ערקלעהרט אז עס בענקט זיך איהר נאך דער פראפעסיאנעלער ביהנע. ער האט זיך געסטארעט אבצורייסען זי דערפון—א פראפעסיאנעלע אקטריסע בעת עס ווארט אויף איהר א ירושה פון טויזענדער פונט א יאהר, ווי נאר זי וועט ווערען אלט 21 יאהר! סטייטש! אבער ס'האבען נישט געהאלפען זיינע טענות. וואס מעהר ער האט גערעדט נעגען, אלץ אנטשלאסענער איז זי געווארען. און זי האט פעסט באשטימט צו געהן אויף דער ביהנע.

אומגליקליכער ווילבראהאם!

## ב.

זיי האבען זיך נישט געקריגט. דאס וואלט געווען צו וואולגאר. אין דעם ערגסטען מאמענט ווען ער האט זי געפרעגט אויב עס זאל זיין אויס שדוך, האט זי בלויז געמורמעלט: "נארעלע!" טרערען האבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען, און זי האט זיין רינג פעסטער ארויפגעזעצט אויף איהר פינגער. זיין שטימונג האט זיך גלייך געביטען. ער האט נישט געהאט קיין הארץ צו קעמפפען נעגען איהר. און געלאזט געהן ווי ס'געהט, און אליין זיך באוואונדערט.

ווילבראהאם האט אבער באלד דערזעהן אז יהודית איז איהם איצט נאך מעהר פרעמד ווי פריהער. זי איז טאקי ארויף אויף דער ביהנע. אין

די דראמאטישע-קונסט-פאראיינען האט ער געקענט מיטגעהן מיט איהר. דאס פראפעסיאנעלע טעאטער אבער האט איהם אבגעשטויסען. די הינטער-קוליסען טירען האבען איהם געשראקען.

יהודית האט אנגעהויבען צו לעבען רעש'ינ. קיין וואך איז איהר נישט געבליבען פרעמד, וואס האט נור געהאט א שייכות מיט דער ביהנע. און אזוי ווי ווילבראהאם איז ניט געגאנגען צו דער ביהנע, האט זי מעהר אדער ווייניגער געבראכט די ביהנע צו איהם. זי האט זיך געשאפען א נייעם קרייז פריינד פון אלע טיילען פון דער טעאטער-וועלט—פון די הויכען און פון די טיפענישען—און זיי האבען אנגעפולט איהר היים דורך די טירען וואס יהודית האט פאר זיי ברייט צועפענט. רהאדא האט די געסט פריינדליך אויפגענומען ווי איהר שטייגער איז געווען, און זיי בארינגט. און ווילבראהאם פלעגט זיך ארומדרעהען צווישען זיי ווי א פארלוירענע נשמה, פול מיט פאראכטונג געגען זייער באהעמישקייט, און פארעקעלט פון די פרויען וואס האבען אזוי אומפארשעמט גערייכערט. אז ער האט זיך אמאל באקלאגט פאר יהודית'ן אז איהרע פריינד זענען צו פראסט האט זי איהם מיט א ליבליכען שמייכעל פארזיכערט אז זיי זענען אלע זעהר וואהלע מענשען. זי האט איהם געגעבען א הייסען קוש, און איהם ווידער באזוינגט.

ווילבראהאם איז אבער באלד צוריק געווארען אומרוהיג. ער פלעגט זיך פרעגען: ”וואס איז דאס פארגעקומען מיט יהודית'ן? האט זי איינגאנצען פארגעסען איהר שטאלץ?“ זי איז געווארען שרעקליך ניט-קאנווענציאנעל. זי האט זיך איינגעשאפט א גאנצע חאפטע פלאטאנישע פריינד, און זיך ארומגעשלעפט מיט אלערליי סארטען מענער. זי איז געגאנגען איינע אליין צו זיי אין וואהנונג. יעדען טאג האט זי אנ'אנדערער גענומען אין רעסטאראנען, אדער אבגעפיהרט אין טעאטער, און דערנאך זי באגלייט אהיים. און דא איז קיינער ניט מיטגעגאנגען זי צו באשיצען. ווילבראהאם איז געווארען אויפגעבראכט: ”גאט אין הימעל!“ פלעגט ער זיך פרעגען, ”וואס איז געווארען פון איהר שטאלץ? וואו איז אהינגעקומען איהר צוריקגעהאלטענקייט? וואס שלעפט זי זיך דאס ארום מיט אט דער וואולגארער באנדע?“

אבער יהודית האט אלץ געטראגען זיין רינג אויפ'ן פינגער. זי פלעגט געבען א קוק דארויף מיט ליבע און ער פלעגט דאס זעהן. זי האט געוואוסט ווי צו ריידען מיט איהם אהן ווערטער, ווי אזוי איהם צו בארוהיגען. ווילבראהאם האט ווידער אמאל געשוויגען.

און זיי זענען געבליבען חתן כלה.



## ג.

יהודית'ן האט קיינמאל ניט געפעהלט קיין שטעלע. זי איז כסדר ארומגעפאהרען מיט די פראווינציעלע טרופעס, וועלכע האבען ליב געהאט די חנ'דיגע אידישקע, מיט איהר עקזאטישער שענקייט. איהרע פארדינסטען ווי איהר איינען געלט פלעגט זי שענקען די פארשידענע טעאטער-פאנדען. זי פלעגט געבען מיט א ברייטער האנט יעדען וואס האט זיך געניטיגט. און די איבריגע מיטגלידער פון דער טרופע האבען זיך געפיהלט שטאלץ וואס זי שטעהט תמיד איין אין די בעסטע האטעלען.

ווילבראהאם האט געדולדיג געווארט, געהאפט אז דער פייער זאל זיך אויסברענען, אז זיין שעה זאל קומען פריהער אדער שפעטער.

דערווייל אבער איז מפורסם געווארען א נייער נאמען. צוערשט האט מען דערמאנט איינעמען ניקאלס ווי צופעליג, קוים צו באמערקען. נאר ביסלעכווייז איז דער נאמען אויסגעוואקסען און האט פארנומען זעהר א וויכטיג ארט אין דעם לעבען פון יהודית און ווילבראהאם. אין אנפאנג האט זיך ווילבראהאם נישט געוואלט צוהערען צו דעם קלאנג. ער האט אבער עקשנות'דיג געהילכט אין זיינע אויערען.

יהודית האט זיך עפענטליך געשטעלט ביי דער זייט פון ניקאלס, דעם אקטיאר, דעם זשעני, וועלכער איז צוליב מאנגעל אין געלט געבליבען אזוי לאנג אומבאוואוסט. זיין שטימע איז געווען צארט ווי א לייכטער זומער-ווינט, און קרעפטיג ווי א טיפער ארגעל-טאן. יהודית האט געפונען אין איהם איהר ארטיסטישען אידעאל, און זי האט איהם פארגעטערט מיט איהר גאנצער ענערגישער באגייסטערונג. איבעראל האט מען געשמועסט וועגען איהר פריינדשאפט מיט איהם. ווילבראהאם האט שרעקליך געליטען דערפון. ”וואס בינדט זיי צוזאמען?“ האט ער זיך געפרעגט. ”וואס פארא ארט ליידענשאפט פיהלט זי פאר איהם? וואלט אפשר ניט געווען בעסער ווען איך וואלט זי און זיך זעלבסט געטויט באלד אין אנהייב, איידער זי האט זיך געלאזט געהן אויף אזעלכע גליטשיגע וועגען!“

ענדליך האט ער זיך געשלעפט ווי א שיכור'ער צו רהאדא'ן, אנגעלאדען מיט א משא פאר'סמ'טע פרוכט וואס האט זיך צוגעוואקסען אין זיין נשמה. און רהאדא האט איהם בארוהיגט מיט איהר איבערגעגעבענע טרייעשאפט צו יהודית, מיט איהר פעסטען גלויבען אין איהר, און מיט דער שטילקייט און זיכערקייט פון איהר טאן. די אלטע מאמע האט זיך באוויזען ווי א מאיעסטעטישער שאטען אויפ'ן וועג צו איהר קארעטע, באגלייט פון איהרע באדינטע.

יהודית האָט איהם נישט אבגעשיקט זיין רינג. אנ׳אויסגעמאַטערטער האָט ווילבראהאם איפגעגעבען דעם קאַמף. און זיי זענען אלץ געבליבען חתן כלה.

ד.

פלוצים איז ווילבראהאמען איינגעפאַלען א געדאַנק. ער האָט פאַרלאָזט לאנדאן, און איז געפאָהרען צו יהודית׳ן. זיי װעלען גלייך חתונה האָבען.

זי איז געװען גליקליך איהם צו זעהן, און זיין רינג האָט געבלישטשעט אויף איהר פינגער. װען זי האָט זיך אבער װאָהלעריש געװעגדעט צו איהם, איז ער געבליבען א פאַרציטערטער. עס איז איהם נישט געפעלען געװארען איהר באהעמישקייט. ער איז אויך געקומען אין אנ׳אומגלקיליכע שעה, װייל זי האָט זיך געמוזט אײלען צו א ״מאַטינע״. ״קום מיט״, האָט זי איהם געזאגט, ״װעסט זעהן װי איך שפיל, און דערנאָך װעלען מיר גײן טרינקען טהע, און שמועסען.״

איז ווילבראהאם געגאַנגען, און האָט זיך געזעצט אין א לאָזשע. ער האָט זיך געפיהלט א סך רוהיגער װי פאַר די לעצטע צװעלף חדשים. אין אנפאנג האָט איהם די פיעסע נאך מעהר בארוהיגט. זי איז געװען שטיל און געלאסען, און האָט זיך אײנגעגעסען אין זיין צוטרוי. אָבער פלוצים אין צווייטען אַקט, האָט זי איהם גענומען ביים קאַרק און איהם אָנגעהויבען טרייסלען. זי איז געװאָרען ליידענשאַפטליך. ניקאָלס האָט גענומען יהודית׳ן אין זיינע אָרעמס, און זייערע ליפען האבען זיך באַגעגנט.

ווילבראהאם האָט אראבגעלאזט די אויגען. א אומענדליכע צייט איז פאַרביינגעגאַנגען. ער האָט ווידער געגעבען א קוק אויף דער ביהנע. זייערע ליפען זענען אָלץ נאך געװען אין באריהרונג. זיין מח איז געװען װי דורכגעלעכערט מיט א האַק. ער האָט געװאָלט ארױסלױפען פון טעאַטער, אבער ער האָט זיך נישט געקענט איפהויבען פון אָרט.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען צום לעצטען אַקט, און געװיזען א שלאָפצימער. יהודית איז געזעסען אויפ׳ן בעט, װי זי װאלט געװען אין איהר איינען אינטים חדר׳ל, אָנגעטאָן אין א לויזען שלאָפראָק, דורך װעלכע ס׳האָבען זיך געװיזען די שפיצען פון די אונטערשטע קליידער. איהרע האָר זענען געװען צולאָזט אזוי װי ער, איהר חתן, האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. עמיצער האָט געקלאַפט אין טיר — ניקאָלס איז אַריינגעקומען.

דאָס בלוט האָט ביי ווילבראהאם אנגעהויבען צו קאָכען. ער איז װי אַ צומישטער ארויס פון טעאַטער.



ער איז ארומגעלאָפען אין גאַס װי א װילדער. די גאַנצע פאַרנאַכט איז איהם װידער פאַרגעקומען. ער האָט רעװאָלטירט געגען יעדען שריט װאָס יהודית האָט געמאכט אויפ׳ן װעג צו דער ביהנע. ער איז געװאָרען אויפגעבראַכט געגען זיך אליין װאָס ער האָט איהר דאס ערלויבט. ער האָט פאַרשאָלטען די קאסטיומען-מענץ, די פאַרשטעלונגען ציליב צדקה-צװעקען, די דראַמאַטישע-קונסט—פאַראיינען, איהרע באָהעמישע חברים, איהר איינענע ניט-קאנװענציאנעלקיים, און די ביהנע אין אלגעמיין װאס האָט אַזוי באַפלעקט איהר װייבליכקיים.

װען יהודית איז ענדליך ארויסגעקומען פון טעאַטער, שוין נישט אנגעטאָן אין שלאָפראָק, נאר געקליידעט װי אנ׳אנשטענדיגע דאַמע, און מיט א שמייכעל װאס האָט געשטראַלט מיט ליבע פאַר איהם אויף איהר פנים, איז ער געבליבען שטום.

״זאָג״, האָט זי איהם געפרעגט, ״האב איך נישט פיין געשפילט?״

עס האָט זיך אויסגעװיזען ווילבראהאמען אַז דער גאַנצער ערדקוגעל ציטערט אויף. יהודית האָט זיך באַשייפערליך נישט געפיהלט אַז זי זאָל האבען געטאָן אזעלכעס װאס זי דאַרף זיך שעמען מיט דעם. אין יענעם מאָמענט, האָט ער געצװייפעלט אין אלעם—אין ליבע, אין װייבליכקייט, אין דעם עקזיסטענץ פון דער װעלט אפילו. זיין נישט ענטפערען האָט איהר געגעבען אנ׳ענטפער. זי האָט פלוצים געגעבען א דערשראָקענעם בליק אויף איהם. דער שמייכעל איז איהר אבגעשטאָרבען. איהרע אויגען זענען געװאָרען פאַרזאָרגט אזוי װי זיינע. עס איז געקומען דער קריזיס פון זייער לעבען.

מיט אמאָל האָט װילבראהאם אנגעהויבען צו רעדען. ער האָט זיך געבעטען ביי איהר, געשטאַמעלט פאַר איהר: יהודית, איך װאַרט אויף דיר שוין צװיי יאָהר. האָב חתונה מיט מיר, און פאַרלאָז די העסליכע ביהנע!״

״ס׳איז אוממעגליך״, האָט זי איהם געענטפערט. ״איך בין אינגאַנצען ערשט אלט איין-און-צװאנציג יאהר. איך הויב ערשט איצט אָן מאַכען א נאמען. און אחוץ דעם, בין איך געבונדען מיט א קאנטראַקט צו ניקאלס אויף דריי יאהר.״

״עס צושטערט מיין לעבען,״ האָט ער איהר געענטפערט, ״איך דארף דיך האבען נעבען מיר״.

״איך פאַרשטעה״, האָט זי צוגעגעבען, ״װען דו װאָלסט אבער געװען אביסעל סימפאַטישער צו מיינע שטרעבונגען—״ ער האָט נישט געװעהן װי זי װישט זיך די טרעהרען.

״שטרעבונגען!״ האָט ער מיט א ביטערען טאָן איבערחזרט, ״װען די פרוי װאָס איז מיר טייער—פאַר טויזענדער אויגען״—דער כעס האָט איהם געשטיקט.

זי האט איהם ערענסט אנגעקוקט. ”מיין אריטער ווילבראהאם“, האט זי געזאגט, ”איך גלויב ווירקליך אז דו פארשטעהסט מיך נים“.

”ניין!“ האט ער געענטפערט קורץ.

”עס איז מיין ארבייט—מיין הייליגע פראפעסיע—עס איז קונסט“, האט זי געזאגט.

”עס איז א פארשוועכונג פון דיין ווייבליסקייט,“ האט ער געענטפערט.

”ניין! ניין!“ דו פארשטעהסט עס נים“.

”מאקי נים“, האט ער געזאגט.

ביי דעם איז עס געבליבען.

## ה.

זי האט איהם אבגעשיקט זיין רינג, אלע זיינע געשאנקען, און יעדעס פיצעל פאפיר אויף וועלכען ער האט איהר ווען עס איז געשריבען. איהם האט געוואונדערט וואס זי האט די אלע קלייניגקייטען געהים. ער האט איהר אויך אלעס אבגעשיקט.

ענדליך זענען זיי געוואָרען אוים חתן כלה. א יאהר איז פארביינגעגאנגען, צוויי יאהר זענען אוועק, און ווילבראהאם איז געבליבען ווי אבגעשלאסען פון דער וועלט. אפילו אין הויז אריין איז ער מעהר נים געקומען. רהאָדאַ האט איהם פארשטאנען, און נים געשטערט.

ווילבראהאם האט אבער גלייך דערפיהלט אז זיין רעוואָלט איז געווען בלויז אויף א צייט. און ער איז ווידער געווען גרייט אראפצושלינגען יהודית'ס קונסט ביז צום לעצטען טראפען. ער האט זי ליב, און מעהר וויל ער נים וויסען. די אלע יאהרען וואס ווילבראהאם איז געווען ווי אבגעשלאסען פון דער וועלט, האט ער כסדר נאכגעזוכט יהודית'ס נאמען אין די טעאטער-צייטונגען, און געלייענט וועגען איהר מים דורשט.

ענדליך האט ער געלייענט אז ניקאלס האט גענומען א טעאטער אין לאנדאן. ”זי וועט זיך בדלות שטעלען צוליב איהם“, האט זיך ביי איהם ארויסגעכאפט בעת ער האט דאס געלייענט. אכטצעהן חדשים זענען פארביינגעגאנגען. ניקאלס האט אויפגעבליצט—א ששעני אהן שום געשעפטס-פעהיגקייטען—און יהודית'ס 100,000 פונט, האבען זיך אויסגעשעפט. דאס טעאטער איז דורכגעפאלען. ניקאלס איז אנטלאפען. יהודית איז געבליבען אהן א גראשען.

נאכ'ן קראך איז ווילבראהאם געגאנגען דאס ערשטע מאל זיך זעהן מיט רהאָדאַ'ן. זי האט זיך באקלאגט פאר איהם אז יהודית דערווייטערט זיך פון איהר משפחה. זי וויל נישט נים זייער פארוואורף, נים זייער



נעלט. וויפיעל זי וועט פארדינען אלס אקטריסע וועט איהר זיין גענוג. ווילבראהאם האט געוואוסט אז יהודית מיינט ערנסט וואס זי זאגט. ”אפשר וועט זי זיך דערטאָגען אן מיר“, האט ער זיך געטרייסט, ”אפשר וועט זי זיך ווענדען צו מיר“. נאר געגלויבט האט ער קוים אז זי וועט דאס טון.

די יאהרען זענען אכזריות'דיג פארביינגעגאנגען, און די טעג זענען געווען ווי אש אין א טויטען ים. ווילבראהאם האט אלץ נאכגעפאלגט איהרע באוועגונגען. אין די צייטונגען איז איהר נאמען איצט זעלטען געווען. דער דראנג פון נייע טאלאנטען האט זי פארשטעלט. חדשים לאנג האט ער נישט באגעגענט איהר נאמען. ”גאָט מיינער!“ פלעגט ער זיך טראכטען, ”דאס מיינט אז זי האט קיין שטעלע נישט. ס'קען זיין אז זי הונגערט!“ ער איז שיער משוגע געווארען. ער איז גאנצע נעכט נים געשלאפען, און ביי טאג פלעגט ער שפאצירען ווי א ווילדער איבער די גאסען. ענדליך האט ער איהר נאמען ווידער באגעגענט. ער האט אויפגעלעבט. עס האט זיך איהם דערמאנט אז ס'איז היינט פונקט זיבען יאהר ווי זיי האבען זיך צושיידט. ער וועט ווידער פאהרען צו איהר! יא! אט די רגע!

און ער איז גלייך געפאהרען. די באהנהויפען זענען איהם פארבייגעלאפען. ענדליך איז ער אנגעקומען אין א קליין פראווינציעל שטעדטעל. ער איז צוגעפאהרען צום טעאטער, און זיך דערפרעגט וואו זי וואוינט. ער האט זי געפונען אין א קליין ברודיג חדר'ל אין אנ'אָרימער, אפשטויסענדע געגענד. ער האט גלייך דערקענט אז זי הונגערט.

---

א ווייל זענען זיי געשטאנען און האבען זיך שטום אנגעקוקט.

”דו ביסט עס?“ האט יהודית ענדליך געפרעגט. ”וואס ביסטו געקומען, וויל?“

”ווי גוט עס איז דיך ווידער צו זעהן, יהודית“, האט ער געענטפערט, ”שוין זיבען יאהר ווי איך האב דיך דאס לעצטע מאל געזעהן“.

”זיבען יאהר צו שפעט, ווילבראהאם“.

”זיבען יאהר האב איך געבענקט נאך דיר, יהודית, און איצט בין איך געקומען צוריק צו דיר“.

”פארוואס ביסטו אוועק?“

”עס האט מיר וועה געטון דיין פארבינדונג מיט ניקאלס. איך האב דיך צופיל ליב געהאט“.

”ארימער ניקאלס. ארימער קינדישער ששעני... ער—אלע—ווי ששען געווען ביי מיר, ווילבראהאם, ווי די מאסקירטע ביי א קארני-

וואַל. זיי האָבן מיך באַצויבערט ווי מען באַצויבערט אַ קינד. איצט, דאַרטען ווי דער קאַרניוואַל איז געווען, ווי די מוזיק האָט געקרעשט און די באַסקירטע האָבן געשטיפט, איז געבליבן בלויז אַ שטיקעל בלאָטיגע ערד. דו האָסט רעכט געהאַט, ווילבראַהאַם. מיר אַקטריסעס פאַרשיכורען זיך מיט ווערטער. מיר פאַרגעסערען נישט די קונסט, נאָר דאָס וואָרט "קונסט". און אויב מען ברענגט אונז עפּעס מיאוסעס, און מען זאָגט אונז: "דאָס איז קונסט", לאָזען מיר זיך אַראָפּ ביז צום אָפּגרונד און מיר שטאָלצירען מיט דעם שמוץ. דו האָסט רעכט געהאַט ווילבראַהאַם".

ווילבראַהאַם'ס אויגען זענען פאַרלאָפען געוואָרען מיט טרעהרען. זיי האָבן איהם געשטיקט. "יהודית", האָט ער געשטאַמעלט: "איך בין געקומען אויפוועקען דיך פון דאָגען. איך וועל דיך אָפּהיטען. מיר פאַרשטעהן זיך שוין איצט".

און יהודית האָט איהם אָנגערירט זיינע ליפּען מיט איהרע, און מיט אַ קוש אָפּגעווישט די יסורים פון די אַלע פאַרגאַנגענע יאָהרען.





# די פּאָעטען פון גאַליציע.

## א.

גאַליציע וועלכע האָט באַגייסטערט און אָנגעפלאַקערט דעם גרעסטען אידישען פּאָעט פון דער גלות-צייט: ר' ישראל בעל שם טוב ז"ל איז ווידער יונג געוואָרען, ווערט ווידער גייסטיג אויפגערעגט און באַגייט מיט אַ גאַנצע רייהע יונגע אידישע פּאָעטען, וועלכע ווי שטראַהלענדע הויך פלאַטערנדע וועטערפאַהנען זאָגען אָן אַ וואונדערבאַרען בליהענדען פריהלינג פון יונגער פריש שמעקענדער אידישע פּאָעזיע אין יענעם מקום.

אַ טייל פון זיי שטעהען שוין ווי ארויף געשאָסענע יונגע בוימער מיט גרינע קרוינען אויף זייערע קעפּ, הינטער וועמענס שאַטען אַ מידער וואַנדערער קען זיך שוין אָפּרוהען פון זיין לאַנגען, שווערען און שטויביגען וועג.

פון זייערע וויקעל-טיכער אַרויס רייסען זיי זיך מיט פול בלוטיגע פריש צאַפּלדיגע אָרעמלאַך די מוזע קינדער פון אונזער ניי באַלעבטע שוועסטער גאַליציע, מיט אַזאַ געוואַלדיגען גרויס-מענשישען חשק און מיט אַזאַ שטאַרקען בראַוזגס און צושטערונגס באַגעהר.

די גרויסע רוהיגע ערד האַלטען זיי געוואָלט ווי אַ שפּיל באַלעמעל אויף די הענט האָפען שפּילען זיך מיט איהר און וואַרפען זיך מיט איהר און וואַרפען זי אַזש אין הימעל אַריין.

אויף פליהענדע פייער שפּריצענדע צולאַזטע פערד לאָזען זיך אוועק די יונגע גאַליציאַנער מיט נאַאיזוער זעלבסט זיכערקייט און גרויס יונגלישער דרייסטקייט מיט שווערד און שפּיז ווערטער בעוואָפענט אויסצופאָרשען דעם געהיימניספולען וועג וואו די שעהנע יונגע פּרינצעסען די אידישע פּאָעזיע געהט אַרום בלאָנדזשענדיג און בענקענדיג, זוכענדיג דעם יונגען פּרינץ איהרען, דעם אידישען פּאָעט.

מיט'ן גרעסטען איספּעט און גרעסטען ברען פליהט אין פאָראויס מלך ראַוויטש דער שטורעמדיגסטער און קאָכעדיגסטער פון זיי, איבער טאָלען און בערגער, טיפעניסען און הויכען, אַבגרונדען און פעלזען שפּיצען, איבער מדבריות און שטורעמדיגע ימים דורך אָנגעצונדענע וואַלקענס און ברענענדע הימלען, פערברענענדיג זיך אין די פלאַמען דורך וועלכע ער איילט, און צוקראַצענדיג זיין לייב אין די פעלזען צאַקען דורך וועלכע ער בלאָנדזשעט כדי צו געפינען זיין גרעסטע בענקשאַפט.

ער בלוטיגט אין זיינע לידער און טיזענדער וואונדען פלאַקערען אַרויס פון זיינע גאַנצע, האַלבע און פיערטעל נשמה אויסגעשרייען.

איינגעהילט אין אַ הייליג פייער איז שטענדיג זיין נשמה, זי ברענט און ברענט און ווערט פון פלאַם נישט פאַרצעהרט.

טיילמאָל לאָזט ער זיין געמיט אויף לייכטע פויגעל פליגלען שוועבען און טיילמאָל לאָזט ער אוועקטראָגען פון אַ ווילדען שטורעם זיין רוהלאָזען גאַמזוכענדען בענקענדען גייסט.

זייַנע לידער אין ש״י, איטבערס זאַמעלבוך ליריק INTER ARMA הויבען זיך אַ מיט:

”קום שטורעם !
מיין הארץ איז ווידער ווילד“
און אַ צווייט ליד:
”ווייל מיין נשמה׳ס סטרונעס
זענען הויך געשפּאַנט“

אין זיין ליד ”צו דיר“ בענקט ער שטארק נאך דעם ”גרויסען רוהען“ און זיין האַרץ וועוט פֿאר בענקעניש שיער נישט אויף טויזענד שטיקער צושפּרונגען.

”עפּעו איינער פֿון וועניגע וואָהר זיהן
עפּעו איינער וואס זוכט דאס גרויסע רוהן
נאך איינמאָל נאך דריימאָל עפּעו
ביז דער יאוש האָט אנגעצונדען דאס בלוט,
ביז די הענט האָבען אויפֿגעהויבען די פֿאקעל
שלאָגענדיג מאכטפֿול מיט איהר צו דעם אייזען
מאַכטפֿול און הויך ווי מיין האַרץ“.

און ווי אַ יונגער הערש לויפֿט זיין ליד מיט אַזאַ ווילדען אימפּעט צו אַ הויכען באַרג-שפּיץ און בלייבט פּלוצלינג שטעהן פֿאר אַ טיעפֿען אפּגרונט מיט אַזאַ שטאָלצען איינגעשטרעקטען האלז, מיט אַזאָלכע דרייסטע זיכערע הערצער, און מיט אַזאַ קלוג-נאַאיווען קוק אויף צוריק.

ווילד ארום געהאַקטע גראַניט-שטיינער זענען מלך ראוויטשעס לידער.
זייער רויהער פֿאָרם איז זייער חן.

דער אומגעהובעלטער שפּראך-אויסדרוק פּאַסט איהם בעסער ווי דער געהובעלטער און פּאלירטער, דאָרט וואו ער וויל פֿיילען און שלייפֿען, פּוצען און מאכען לייטיש זייַנע זאַכען, דאָרט הינקט ער אַתטער און איז נישט מעהר מלך ראוויטש.

זיין ”פּעסעמיסטיש ליד“ אין INTER ARMA וואלט געקאנט אַסך געווינען ווען ער וואלט זיין געפֿיהל נישט איינגעקאָוועט אין גראַמען און וואלט עס נישט אנגעטוהן אין געצעלטע שורות, ווייל דוקא די נייַנטע שורה וואלט דעקארירט זיין ליד, דוקא די איבעריגע שורה איז דאס חנדל פֿון מלך ראוויטשעס פֿארבענרייך און קרעפֿטיג געזאַנג.

אין געגענזאַץ צו ש. י. אימבער וועמענס רייץ ליגט דוקא באַהאַלטען אין די געצעלטע שורות און זילבען און אין דעם געפּוצטען געשליפֿענעם גראַם.

רייצענד זענען די סאמעטענע קליידער פֿון ש. י. אימבער׳ס לידער, שעהן זענען די זיידענע שאַלען פֿון זייַנע זאַצען, אנגעזעטיגט זענען זייַנע פֿערזען מיט די זיסע ראָפֿטען פֿון זיין אייגענער רייכער נשמה, דער טאָן אבער דערמאנט אונז שטאַרק, זעהר שטאַרק אין היינען.

און דאָך—

דער רויטער פֿאָדים פֿון בלוט מיט וועלכען ער בינדט צונויף זייַנע סטראָפֿען איז דאָך זיין אייגענער.



”ווי זיס וואלט געקלונגען דאָס וואָרט פֿון דיין ליפּ
גלייך זיס ווי דער הויך פֿון דער בליהענדער בלום
ביים סוף פֿון דעם זומער קוק איך מיך ארום
אַז כ׳געה אָהן דיין וואָרט צו די ווינטער טעג טריב“

אדער :

”מיין הארצענס ליכט האָט אויסגעברענט
און שוואַרצע שאָטענס שוועבען

אָ ליובע
דער טויט איז זיס פֿון דייַנע הענד
און גאָט וועט דיר פֿארגעבען“

אַזאָלכע לידער לאָזען אונז אַ רגע נישט צווייפֿלען אין ש. י. אימבער׳ס שעהנעם דיכטער טאלאַנט, אין זיין הארפֿען-שפּילען נשמה אויסדרוק און אין זיין מארמאר-ווייכע פּאלירטע טעכניק.

זיין ליריזם איז אין קיין פֿאַל נישט אַ צוקערדיגער און זייַנע ליבע-לידער זענען נישט גלאַט אַזוי ראזשענקע ווין-סענטעמענטען.

די רעדסט פֿון דאנטעס ווען דעם טויזענדפֿאַכען
און פֿון מיצקיעוויטשס בית׳דער ליבעס-פּיין
ווי קענסטו רעדען פֿון אַזאָלכע זאַכען
און קוקען גלייך אין ד׳אויגען מיר אריין ?

איז דיר נישט הונדערטפֿאַך געשריי מיין שווייגען
און איז מיין שווערע נויט אזוי פֿארדעקט
אַז זאַמלען געהסטו רויזען פֿון די צווייגען
וואו ס׳הענגט מיין הארץ אויף דערנער אויפֿגעשטעקט“.

הגם עהרליך דורכגעפֿילט און ס׳מאנגעלט נישט אין שפּראַך אויסדרוק דערמאנט עס אבער אין זיין פֿארם זעהר אסך אין היינען פֿון וועמענס געוואלטיגען כשוף עס קומט איהם אָן זעהר שווער זיך צו באַפֿרייען.

ש. י. אימבער׳ס שעהן געפֿיהל ליגט נאך ווי אַ בת מלכה אין אַ גאָלדען היינישׁ שלאָס געפֿאַנגען.

א. צ. גרינבערג, יעקב מעסטעל, און דוד קעניגסבערג, די אינטימען אריינגענוי-טענע דיכטער אין INTER ARMA פֿארמאגען אויך יעדערער נגנוג בלישצענדע ווערטער און פֿראַזען אין זייערע לידער מיט וועלכע ”אַ זאַמעלבוך ליריק“ ברויך זיך נישט צו שעמען.

דא און דאָרט בליצט ארויס פֿון זייערע געדיכטע אַן אמת נאַאיווער אויסדרוק, אַ ריטמיש קלוגער איינפֿאל און אַן עהרליך שטיל געפֿיהל.

א גלאַנציג שטריימעל פֿון הויכער בענקשאַפֿט באַשיינט זייערע לידער, ארום געבונדען מיט אַ גאַרטעל פֿון וועהמוט און מארטירער לידען איז זייער יונגער גייסט.

נישט זעלטען וועהט פון זייערע פערזען א רעזיגנירענדער לופטעל וואס אויס-הארעוועגדיג זיך אין אונזער פאנטאזיע וואקסט פלוצים אויס א גרויסער פרעסענדער יאוש.

"איינציגווייז, איינציגווייז ווערען זיי חרוב
די יוגענד פאלאצען,
איינציגווייז איינציגווייז געהען פארלוירען
די טייערסטע שאצען

איינציגווייז, שעה'ן-ווייז לעשען זיך, שטארבען
די זוניגע גליקען ;
און טויזענד טומאנען און שאטענס זיי נעמען
דאס לעבען פערשטריקען. — —

איינציגווייז, איינציגווייז, ווערען פערווישט דיר
די רויזענציים-וועגען —
די וואס דיין דמיון צום ווייסען טרוים-היכל
פארפיהרען דיך פלעגען

און איינציגווייז איינציגווייז צעהרען אין הארצען
די בלוטיגע טויען
און ס'בלייבט נור א ליידיגער חלל פאר נעפיל
א קבר צו בויען — —"

אזוי הייבט א. צ. גרינבערג אן זיין סעריע "לידער" און ענדיגט זיי מיט:

"און איך אין דער מיטען
מיט'ן הארץ אויפגעשניטען
חעל וואנדלען, באקוקען ;
אויף אל' מיינע וועגען
בלוט פאסען זיך לעגען..."

צוויי שעהנע שטארקע שורות אין זיינס א שוואך ליד געבען פלוצים א שפרונג ארויס מיט שוואונג און שטארקייט :

"כ'בין גלייך צו'ן א בוים מיט די צווייגען פול בליטען
פערלאזט אין מיט-וועג, אין די שטורעם'ס"

אינסטינקטיוו האט דער דיכטער נישט בלויז פון זיך אליין נאר אויך פון גא-ליציע איהר "איכה ישבה" ארויסגעיאמערט. ווער נאך פון אונזערע אנדערע גלות שוועסטערען זיצט אזוי "פארלאזט אין מיט-וועג, אין די שטורע'ס"?

---

ביז יעצט איז נאך נישט געקומען דער גרויסער פאנטאזיען רייכער פאעט וואס זאל אונזער געקרייציגטע בלוט-פערוואנדטע גאליציע שטארק באוויינען, באזינגען און באוואונדערען.



אפילו אזא ווי ביאליק האט אויך נאך גאליציע נישט ארויסגעגעבען.

יעקב מעסטעל'ס געדיכט אויס דער "צביא" איז בלויז א שוואכע פארמעסטונג.

קיינער וועט אפילו נישט אפלייקענען דעם גוטען עהרליכען ווילען וועלכער רייסט זיך ארויס דא און דארט פון זיינע קאפיטלען.

וואו איז אבער דער פלאסטישער כח און די איבערפלייצענדע פאנטאזיע פון א נביא ?

א צוגעזאגטע אונטערנעהמונג !

די שורות זיינע זענען די עהרליכסטע און האראקטעריסטיש פאר א דיכטער פון גאליציע וואו דער שטראהלענדסטער פון אלע שטראהלענדע פאעטען דער בעש"ט איז געקרוינט געווארען.

"און וועה צום אבל דעם
וואס ווערט אין יאוש בלייבען שטעהן
נישט האבענדיג בטחון מעהר !
און נישטקייט וועט זיין שם פערגעהן,
אויף אייביג שוין, אויף אייביג... דען
ער האט זיין הארץ אליין פערקלאגט
ביי דעם מזבח פון מיין גנאד ! ! — —
אזוי האט גאט געזאגט."

דוד קעניגסבערג'ס "נייע לידער" ענדיגען זיך מיט אזא קאפיטעל:

"דאך איז אפען מיין ברוסט
און ס'הארץ רעדט אליין און ס'ווייזט אייך די שניט
און ווייזט אויך דעם פיין און ס'ווייזט אייך זיין שיין
זיין בלוט און זיין רוט און זיין איינציגען גאט".

יוסף בלאנקעט.

# אידען אין דער ענגלישער פעריאָדישער ליטעראטור.

## ג.

איך האב פריהער בלויז דערמאנט דעם ערשטען נומער פונ'ם פערטעל-יעהרליכען זשורנאל, "דער אַפעל" און די נעמען פון זיינע אידישע מיטאַרבייטער. דער פאָרמאַט פון דעם זשורנאל איז איספּאָזירענד, געשמאקפול ארויסגעגעבען, און שיין געדרוקט אויף פיין פאפיער. עס געפינט זיך דאָ אַ כאראַקטעריסטישער האלצשניט פון פראַנק בראַנגווין, און עטליכע פיין-קאָמפּאָזירטע, פאראייפאכטע האלצשניטען פון מרס. ראוועראַט. ס'זענען אויך רעפּראָדוצירט צוויי יאפּאנישע צייכנונגען, איינס א וואונדערבארע צייכנונג פול מיט באוועגונג פונ'ם בארימטען יאפּאנישען מאָלער פון 11-טען יאהרהונדערט, טאָבאַה סאָהושא. אויך וויכטיג זענען די צוויי האלצשניטען פון מאַק-נייט-קאופער, "דעכער" און "פליהען", אגאָסטוס דזשאָנ'ס צייכנונג פון א מיידעל, דיסערטאָרי'ס ראדירונגען, פראַנק דאָבסאָנ'ס צייכנונג פאר א סטאטוע, וואָדסווארטה'ס האלצשניט "ריפּאָבליק", און דזשאָן נאש'ס קאַריקאַטור-צייכנונג. ביידע אידען וועמענס צייכנונגען זענען דא רעפּראָדוצירט, וואָלמארק און קאַפּ, צייכנען זיך ניט אויס. וואלמארק איז איבערהויפּט נישט קיין צייכנער. זיין פאַך איז מאָלען.

אין דער ליטעראַרישער אבטהיילונג געפינט זיך אנ'אויפרוף פון וו. ל. דזשאָרדזש צו שאַפען א "טרייד יוניאָן" פאר קינסטלער: "איך וויים", שרייבט ער "אַז "אַרבייטסלאָזיגקייט" איז אנ'אומבאשטימט ווארט בנוגע קינסטלער. זיי ארבייטען ניט וואָכען לאנג, און דערנאך שאַפען זיי פון זונען-אויפגאַנג ביז נאַכט מען קען אבער אויסרעכנען די דורכשניטליכע צאהל געשאפענע זאַכען אין פארלויף פון א יאהר, און די מינימום הכנסה וואס א פאמיליע קען לעבען און באשטימען אַז קיין בילד טאר ניט פארקויפט ווערען פאר ווייניגער ווי א פעסט-באשטימטען פרייז.... דער קינסטלער פאראיין וואלט אויך געקענט צווינגען דעם קונסט-הענדלער: אויב דו פאַרדינסט £1,500 פון א מאלער'ס ארבייט, מוזטו איהם געבען העלפט, אויב דו פאַרדינסט £3,000 מוזטו איהם געבען צוויי-דריטעל... מען דאַרף קיין מורא ניט האבען אַז די "טרייד יוניאָן" קינסטלער זאלען באַיקאָטירט ווערען. די וועלט מוז האבען קונסט. זי האט עס פיינט, אבער זי מוז עס האבען, ווייל נור די קונסט שאַפט א ווערט פאַר'ן לעבען..."

דער בארימטער פּאָעט סטערדזש-מאָר שרייבט וועגען דער שרייענדיגער קונסט: "לאַרמען הייסט נישט פעהיג זיין, און רעקלאַמע שאַפט נישט... די שרייען צוזאַמען וואס האבען מורא מען זאָל זיי הערען אליין... גוטע און שלעכטע קונסט ווערט געשאַפען פון מענשען וואס גלויבען אין איין און די זעלבע טעאָריען. קיין שום ארבייטען לויט טעאָריע קען ניט אפּטיילען גוטע פון שלעכטע קונסט..."






א. מאַדיגליאַני

א פּאָרטרעט פון אַ דיכטער

עזרא פאונד חזרט איבער דעם אלטען פוטוריסטישען געשריי: "מוזעאומס זענען די פעסט פון אונזער דור. א מוזעאום קען זיין א גוטע שולע, אבער קרוב איז דאס בלויז א קבר... ווען גאדיער-ברזשעסקא איז געווען צו ארים צו קענען קויפען שטיין, וואלט ער גערן געהאקט שטיינערנע סלופעס פאר א מויער, און קיינער האט איהם נישט געגעבען די מעגליכקייט. ווען דאנאטעלא איז אלט געווען זעכציג יאהר, האט איהם דער פלארענטינער שטאדט-ראט איבערגעגעבען די גאנצע מאכט צו בויען דעם גרויסען שטאדט טויער"...

פון די אידישע מיטארבייטער האט לואיס גאלדינג אנ'עסיי-ערצעהלונג: "א וואונדערבארער שפיגעל", דזשאן ראדקער האט א נאריש לידעל אויפ'ן פוטוריסטישען שטייגער, וואס הייבט זיך אן מיט דעם ווארט, "שלומיאל", מסתמא צו אינטריגירען די גוים וואס פארשטעהען עס נישט, און יוסף לעפטוויטש האט צוויי שעהנע לידער.

אין דעם מערץ נומער פון "קאלאר" זענען רעפראדוצירט צוויי פון דזשייקאב עפשטיינ'ס מייסטערהאפטע סקולפטורען פון קינדער-קעפ, און מאנדשיינ'ס בילד "דער צלם", וואס איז נישט לאנג צוריק געווען אויף דער אויסשטעלונג אין דער מאנסארד גאלעריע. יוסף לעפטוויטש דרוקט דא צוויי לידער.

אין דער אפריל אויסגאבע פון "דראאינג" (צייכנען) איז דא א נאטיץ וועגען קלארא קלינגהאפער, וואו זי ווערט באצייכענט אלס "א יונגער זשעניע", וואס "אנטוויקעלט א קרעפטיגע קינסטלערישע פערזענליכקייט, פון וועמען מען קען ערווארטען גרויסעס. א נייער שטערן איז אויפגעשטאנען אין דער קונסט-וועלט". עס זענען דא אויך רעפראדוצירט פון איהר ארבייט צוויי בליי-צייכנונגען, א זעלבסט-פארטרעט אין אויל און צוויי קליינע טינט-סקיצעס. קלארא קלינגהאפער וועט האבען אנ'אויסשטעלונג פון איהרע ווערק אין דער האמפסטעד קונסט-גאלעריע, 345, פינטשלי רויד, האמפסטעד, פונ'ם דריטען ביז דעם 29-טען מאי.

אין דעם מערץ נומער פון "וואויסעס" איז איבערגעדרוקט אנ'עסיי פון אסקאר ווילד—א פאררעדע צו א באנד לידער פון זיין פריינד רענעל ראד. ער ערקלערט דארט די כאראקטעריסטישע שטריכען פון דער אסקאר ווילד שולע אין דער קונסט: "קוקענדיג אויף א קונסט-ווערק דארף מען נישט קלעהרען וועגען דעם וואס עס סימבאליזירט, נאר ליבען דאס וואס עס איז. דער מעטאפיזישער אזיאטישער געדאנק קען זיך שאפען זיינע מאנסטערהאפטע, פיעל-ברוסטיגע געצען, נאר דעם העלעניסטישען קינסטלער איז נאהענטער צום גייסטיגען לעבען דאס וואס איז אויך אמנאהענסטען צום פיזישען לעבען. די מאלעריי האט נים קיין גרעסערע גייסטיגע באדייטונג ווי א בלויער ציגעל פון דער וואנד פונ'ם אלטען דמשק, אדער א וואזע. עס איז א שעהן-קאלירטע פלעכע, נישט מעהר, און עס ריהרט אונז נישט מיט קיין פילאזאפישע געדאנקען, אדער ליטעראַרישע געפיהלען, נאר מיט דעם ארטיסטישען הויך— דעם אויסוואהל פון אמת וואס מיר רופען אן סטיל, דעם צוזאמענהאנג פון ווערטהען וואס איז די צייכנונג-קראפט פון מאלעריי, די גאנצע ארט פון דער ארבייט, דער אראבעסק פון דער קאמפאזיציע און די פארבען-פראכט. דאס אלעס איז גענוג צו ריהרען

די געטליכסטע אקארדען וואס שאפֿען נגינה אין אונזערע נשמות, און די פֿארב אליין איז אַ מין מיסטישע אמוועזנהייט, און דער טאָן א מין געפֿיהל"...

דזשאן מידעלטאן מורי דרוקט א גרויס ליד וואס פֿארנעמט ניט װעניגער װי 9 דרוק־זייטען. איך ציטיר איין סטראָף:

"האט ער באשלאסען ער וועט שווייגען,
און דאס, האט ער געזאגט, איז ווי
איינהאלטען אין זיך דעם אטעם צוויי יאהר לאנג,
און ליגען איינגעקארטשעט אויפֿ'ן גרונד פֿון ים,
און מאכען זיך ווי טויט,
כדי ניט אויפֿצוואוועקען
קיין איינציגען פֿון צוואנציג מיליאן שלאַנגען,
וואס יעדער האט א מיליאן אויערען
אויף יעדען מילימעטער..."

די אידישע מיטארבייטער פֿון דעם נומער זענען ש. ווינסטען און זיין פֿרוי מרס. קלאַראַ ב. ווינסטען. זי רעפּראדוצירט צוויי צייכנונגען, איינער א שטאַרק, מענליך־געצייכענטער קאָפּ, און ווינסטען שרייבט װעגען דזשייקאב עפּשטיינ'ס "קריסטוס" און װעגען די "מלחמה בילדער" אויסשטעלונג—באַארבייט פֿון דעם ארטיקעל וואס ער האט גלייכצייטיג געדרוקט אין דעם מערץ נומער פֿון "רענעסאנס".

דער אַפּריל נומער פֿון "וואויסעס" (ערשט ערשינען) מאכט נישט אזאַ גוטען איינדרוק. עס געפֿינען זיך דא צוויי צייכנונגען—איינער פֿון גאָדיער ברזקא, וואָס שיינט צו זיין פשוט אנ'עקספּלוטאַציע פֿון זיין נאמען, רעפּראדוצירט נור דערפֿאר ווייל עס איז פֿון ברזקא. עס אז אנ'אומרעכט געגען א געשטאָרבענעם זשעניע צו דרוקען זיינע אַ רויהע עקספּערימענטאלע סקיצע וואס ער וואלט קיינמאל נישט ערלויבט צו רעפּראדוצירען ווען ער װאלט געלעבט. די צווייטע צייכנונג פֿון ראבערט גיבינגס איז אַ שוואַכע, סענטימענטאלע זאַך, וואס װאלט ניט געדארפֿט האבען קיין אָרט אין "וואויסעס".

אין דעם נומער זענען פֿארהאן א סך אידען מיטארבייטער און א סך וועגען אידען. צווישען די אידען מיטאַרבייטער זענען לואיס גאלדינג, ש. װינסטען, פֿיליס מארקס און יוסף קאהען. און װעגען אידען—א רעצענזיע פֿון "די מאסקע", א ראמאן פֿונ'ם אידישען נאַציאָנאַליסט, דזשאָן קורנאס, א רעצענזיע פֿון עדמאנד קאפּ'ס בוך "קאריקאַטורען", און א לענגערע און זעהר גינסטיגע רעצענזיע פֿונ'ם רעדאקטאר פֿון "וואויסעס" טאָמאַס מאָלט, וועגען דעם "רענעסאנס".

ש. ווינסטען האָט א קורצע ערצעהלונג—"די צוויי קינדער" זעהר צאַרט און געפֿיהלפֿול אנגעשריבען און א קריטיק פֿון די מארגארעט מאריס טאנץ־שוהלע; פֿיליס מארקס דרוקט אַ לענגער ליד—"די ערשטע פֿארצווייפֿלונג"—אין װעלכער ס'געפֿינען זיך איינינע שטארקע שורות:



"איך קען ניט פֿארשטעהן
װי מען קען הייראַטען א צובראכענע זאַך,
באַקרוינט מיט דערנער, מיט דורכגענעגעלטע הענט,
אַ טויטע זאַך.

נישט וויסען די וועהען פֿון געבוירען,
נישט קענען גוט צו שלעכט,
דאס דורכאויס ערדישע,
די טיפֿענישען פֿון מיין פֿרויענשאַפֿט."

לואיס גאלדינג שרייבט א לויב־געזאַנג צו אנ'ענגלישע אקטריסע, טעדי דזשעראוד. דורך אגב שרייבט ער: "שטעלט אייך פֿאָר איינע פֿון באמבערג'ס ליוועגסטען פֿאַרוואנדעלט אין א וועלט וואו עס געפֿינען זיך נישט קיין שום עקען, קיין איין גלייכע ליניע און וואו ס'זענען נאר פֿארהאן קרייזען־בויגונגען".

די שענסטע זאַך אין דעם נומער "וואויסעס" איז א ליד פֿון דזשאָן אנדערסאָן.

אין די "ניישאן" פֿון היינטיגע וואָך, געפֿינען זיך צוויי כאראקטעריסטישע לידער פֿון ש. ווינסטען—דאס "ליד פֿון א לעהרער", און "מיר הויבען זיך". אין איהר "אמעריקאַנער ליטעראַרישער ביילאַגע" איז פֿארהאן אנ'ארטיקעל פֿון מאָריס ר. כהן װעגען "פֿילאָזאָפֿיע אין אמעריקאַ", און אין אנ'ארטיקעל וועגען "היינטיגער אַמעריקאנער קריטיק", ווערט דערמאנט דער אמעריקאַנער אידישער דיכטער, לואיס אונטערמייער, וועמענ'ס "נייע ערא אין דער אמעריקאנער פּאעזיע" איז קלאר, סימפּאַטיש, און אָפּט גלענצענד. ער האט אן אויער און אן אויג פֿאר יעדען נייעם זינגער, ווי אומזיכער זיין קול זאל ניט זיין".

י. כלאנקעט.

## וועגען קורנאס בוך. *

„אַ מאַסקע באהאלט מעהר ווי זי אַנטפּלעקט... זי קען אויסדריקן אַ גוואַלד-גען קאַמפּף, אונטער אַ אויסערליכער רוהיגקייט. און לויט דער מאָס פון אויסערליכער רוהיגקייט קען מען דערקענען אויף וויפיעל דער גייסט האט באהערשט דאס לעבן... די ערצעהלונג שילדערט דאס בילדען זיך פון אַ מענשליכע מאַסקע“.

דזשאָן קורנאָס האָט געליטען. ער איז אַ געפּייניגטע נשמה, וואָס ברענט מיט פייער. אבער דאס פייער פלאַקערט נישט. עס סמאליעט זיך בלויז אונטער'ן אַש.

ער האָט זיך ערצויגען אויף די רוסישע נאָוועליסטען, און פאַר דער ערשיינונג פון דער „מאַסקע“, איז ער היפּסטועכליך באקאנט געווען מיט זיינע איבערזעצונגען פון רוסיש; זיין סטיל איז אַ שווערער און זיינע שילדערונגען דעטאַליזירט, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר אַ תלמיד פון די רוסישע נאָוועליסטען. זיין ענגליש דערמאַנט עפּעס אין רוסיש, און ס'שיינט ווי ער וואלט זיך געמאַטערט איינצולעבען זיך אין דער אַטמאָס-פערע פון דער ענגלישער שפּראַך.

דער גאַנצער סטיל שמעקט מיט אַנ'איבערטריבענעם רעאַליזם, און אַ פאַרבי-מערטע, איינגע'עקשנ'טע שילדערונג פון פאַרוועהטאגטע פאַקטען, וואָס צווינגען כמעט צו גלויבען אַז דאס בוך איז מעהר אדער ווייניגער אַנ'אמתע באַשרייבונג פונ'ם מחבר'ס אייגענע איבערלעבונגען.

די קאַפּיטלען זענען רויהיג און בייסען אין די אויגען. זיי זענען האַרב, און באַ-טאַגען צופיל די מיאוסע זייט פונ'ם לעבן.

קורנאָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע „אַנטבלויזען מענער און פרויען פאַר דער וועלט מען זאל זיי זעהן ווי זיי זענען אין דער ווירקליכקייט“, אבער עס איז איהם געלונגען אויפצודעקן נור זיין העלד'ס יסורים און נשמה-בויגונגען. ער שיל-דערט דאס לעבן פון אַ אידיש אינגעל וואס קומט קיין פילאַדעלפיאַ, „די שטאָדט פון שטיין און אייזען. ער קומט פון די שטילע ווייטע וועלדער און לאַנקעס, זיין גאַנצער גוף דורכגעדרונגען מיט דעם געוויש פון בוימער, און דעם שטילען מאַ-נאָטאָנעם געברום פון רוסישע פאָלקס-לידער, און זיינע אויגען צוגעוואוינט נור צו

*) 1he Mask. By John Cournos. (Methuen 6s. net.)



זונען-בלומען און גאָלדענע תבואה-פעלדער. ער הערט פּלוצים אריינגעוואָרפען אין אַ רעשיגער באוועגונג און אַ שרייענדיגען טומעל... אַ שטיינערנע שטאָדט... אויך די מענשען האבען הערצער פון שטיין...“

קורנאָס גיט איבער אייניגע עקזאָטישע עפּיזאָדען, ווי למשל, אַ לוסטיגע באַנדע צווינגט דעם קליינעם אידישען ציימונגס-פאַרקויפער צו ווייזען זיין מילה.

דאס בוך לאזט איבער אַנ'איינדרוק פון דריקענדע עפּיזאָדען צונויפגעשנידט מיט בליצען-אַרטיגע פּסיכאָלאָגישע פאַרטראַכטונגען. די רוסישע מייסטער האבען געגעבען דעם מאַן פאַר אַזאַ מין איינגריבלען זיך אין די טיפענישען פון לײדען זיי זענען פאַרציים דורך זייער גאונות.

קורנאָס איז אַ זעהר פעהיגער יונגער שריפטשטעלער, אָבער די באַטאָנונג פון די געפּייניגטע, אפּשטויסענדע פאַקטען פונ'ם לעבן איז שוין איבערהויפּט צופיעל. „לאָמיר זיך אוועקדרייען פון אונזער אומעטיגער פינסטערניש, און נישט טיפער זי אריינלאָזען אין איהר.“

## די מלחמה-לידער פון זיגפריד סאסון און לואיס גאלדינג.

איך האב אין א פריהערדיגען ארטיקעל באמערקט אז מיר זענען נאך צו נאהענט צו דער מלחמה צו ערווארטען איהר אמת'ן אויסדרוק אין דער קונסט. מלחמה איז ניט קיין סאלאן-טהעמא און לאזט זיך ניט אויסדריקען אין לירישער פארם. ריינע פאֶרם נעמט אוועק די ביטערקייט און שוואכט אפּ. אין דער צוקונפט וועלען געשריבען ווערען גרויסע מלחמה-עפּאָסען און די יונגע וועלען רעדען פון זיי פונ'ם טעכנישען שטאנד-פונקט אזוי ווי מען רעדט היינט וועגען האַרדי'ס "דינאסטען" אבער איצט געבען ניט לידער איבער דעם מלחמה-רעאליזם. עס פעהלט דער טיפער מענשליכער געפיהל וואס שאפט ווירקליכקייט.

די מלחמה ערפאהרונגען זענען צו שוידערליך געוועזען מיר זאלען שטוינען וואס ביי איינזיגע יונגע האבען זיי זיך אויסגעדריקט אין דעם מיאוסען רעאליזם, אין א האַס, אַ פאראכטונג צו די עלטערנטען וואס האבען זיך ניט באטייליגט אין די שלאכטען און גע-צוואונגען בעסערע פון זיי צו טהאן די שמוציגע ארבייט, און א מין חיה'שער אינ-סטינקט פון לייב-ברידערשאפט צו די אַלע וואס האבען יא זיך באטייליגט אין זיי...

"ס'טעאַטער איז געפּאַקט, פארנומען אלע ביינק
און יעדער איינער קייכט און יעדער איינער קוועלט
כ'זינגען קורוועס שיכור'ע פאר געלט
"א ווי ליב דער דייטשע האט אונזער ליבען "טענק"ן".

"הלואי וואלט א טענק אין טעאַטער אריינגעהען
קלעטערען צום טאקט פון די מלחמה-לידער
און דערשטיקען די לוסטיגע געשרייען
וואס מאכען חוזק פון די אויסגעשלאכטע ברידער".

און ס'איז קיין חדוש וואס עס פיהלט זיך ביי זיי א מאנגעל אין גלויבען און האָפען
"שטאק פינסטערניש פון גהינום... גהינום וואס שטייגט איבער
ווארט און געדאנק
דאס איז די וועלט וואס א טרוימלאזער דור האט געשאפען".

זיגפריד סאסון איז דער סאלדאט וואס האט לשון באקומען. ער איז דורכגעגאנגען דורך די מלחמה-פייערן און זיי האבען איהם דורכגעברענט, ער דריקט אויס וואס יע-דער זעלנער האט ארויסגעשפּיגען אין מארק-שפּראך און סאלדאטסקע לידער. זיינע סטראפען זענען ביטער, קלאר, שרעקליך קלאָר, זיין הומאר איז דער פארגליווערטער שמייכעל פון א מענשען וואס שטעהט מיט'ן רוקען צו אַנ'אָפענעם קבר. זיין קוויטש קומט פון די פינסטערסטע ההומען. קיין הילף. ער האט געהאַט מוט אריינצוגעהן אינ'ם גהינום.



"צו די וועגר איך זיך, אין די גלויב אין—
ברודער קויל און שוועסטער שטאל..."

מיט א פלוצים'דיגען רעוואלט רייסט ער זיך ארויס פון גהינום נור ער שלעפט זיך באלד צוריק.

"און זוכט מחילה אין זיינע ברידערס אויגען"

דאס שרעקליכסטע איז וואס די געליטענע קענען זיך אליין די מלחמה ניט ער-קלערען, קענען זיך גייסטיג ניט צופּאסען צו איהר—

"די מלחמה נעהמט אָן און ער ווייסט ניט פארוואס".
זייער איינציגע רוה געפינען זיי אינ'ם טויט.
"צום דער טויט האט געענטפערט: איך וועל איהם אויס
און ער איז געגאַנגען
און ס'איז געווען א שטילקייט אין דער זומער-נאכט
שטילקייט און זיכערקייט."

לואיס גאלדינג האט ניט ווי סאסון פיזיש דורכגעמאכט די מלחמה. ער איז אבער גע-ווען א נאהענטער אקטיווער באָבאַכטער און האט טיעף געפיהלט. ער האט געזעהן לידען און דעם טויט פון אַנדערע —

"ליליען, ליליען, לבנת רויזען
פאר וואס וואַקסט איהר ניט פייערדיג רויט?".

ער פיהרט אריין אין גהינום ניט פלוצים ווי מען פאַלט פון א לופט-שיף אראפ, נור בהדרגה דורך פעלדער פון לאכענדער סאטירע. זיינע בעסטע זאכען זענען סאטיריש.

און זיין סימפּאטיע נעהמט אלעס ארום "דאס דייטשע אינגעל" און די עלענדע פרויען וואס שרייען—

"שיקט אונז צוריק אונזערע געליעבטע
וואס איהר האט גע'גנבה'ט פון אונז..."

עס זינגט ניט אין איהם קיין האפנונג.

"זייט פארשאלטען גלייכגילטיגע בלומען! איהר וואַקסט אזוי שען
און שפּאט פון אונזער געוויין..."

ס'איז וואונדערליך ווי די צוויי פּאעטען זענען איבערגעקומען די מלחמה. ווען מיר וואלטען געקענט לייענען אין זייערע הערצער, וואלטען מיר דארטען געפונען א פונק פון אבונה וואס וועט אמאל עפענען די ליכטיגע הימלען פאר זיי. מיר ווייסען אז זיי פעהלט ניט קיין האפנונג. זיי זענען נור צו פלוצים געפאלען פון גן-עדן אין גהינום אראפ, און די גאנצע פארגאנגענהייט איז געווארען ביי זיי בלויז א זיסע ערינערונג און די צוקונפט א אויסגעגאַנגענע שווארצקייט.

זיי זינגען איצט ווידער פון פריהליכערע זאכען. מיר זענען זיי אבער דאנקבאר וואס זיי האבען געהאַט דעם מוט צו נעהענען צו דעם מלחמה-רעאליזם. זיי האבען ניט געלייקענט כדי באַהערט צו זיין מיט קרוינען א געשהטש'ען יונגעל מיט א קרוין פון דערנער...

# די אויסשטעלונג פון דער מאנארא גרופע.

יעדע באוועגונג הויבט אן מיט א רעוואלוציע, און ווערט ביסלעכווייז בעל הבית'יש. דאס איז אויך געשעהן מיט די אימפרעסיאניסטען. אזוי ווי יעדע באוועגונג האט זי אנגעהויבען מיט א רעוואלט. די מאלער פון זייער צייט זענען געווען צו ווייט אוועקגעגאנגען פון דעם קוואל פון קונסט—די נאטור. זיי האבען שוין געהאט צוטיף געקליבען און פארמולירט די רעגלען פון זייערע פארגענגער, און האבען לויט זיי געמאלט.

די אימפרעסיאניסטען זענען געגאנגען צוריק צו דער נאטור. זיי האבען איגנארירט די אנגענומענע געזעצען וועגן ליכט און שאטען, און האבען געמאלט דאס וואס זיי אליין האבען געזעהן אין דער נאטור.

צוערשט האבען זייערע אויסגעשטעלטע ווערק נישט געצויגען קיין גרויסע אויפמערקזאמקייט. זיי זענען געהאנגען ווייט איינער פון צווייטען, און די קריטיקער האבען נים באמערקט די קרובה'שאפט צווישען זיי. ביסלעכווייז אבער האבען זיי עס דערזעהן, און אנגעהויבען שטורמען.

די יונגע מאלער זענען מעהר נישט צוגעלאזט געווארען צו די אלגעמיינע אויסשטעלונגען און האבען ענדליך געמוזט גרינדען אַן אייגענע גאלעריע. דער נאמען "אימפרעסיאניסטען" אפילו איז געווען א סארקאסטישער טיטעל מיט וועלכען זיי זענען געקרוינט געווארען—און זיי אליין האבען זיך געשעמט דערמיט.

איצט אבער פארנעמען זיי כמעט א גלייכען ארט מיט די אלטע מייסטער. זייערע בילדער געפינען זיך אין די וויכטיגסטע מוזעאומס, און מען צאהלט גרויסע סומעס פאר זיי. איינציגע האבען איצט אייגענע פליאדען פון נאכפאלגער. און אזוי ווי תמיד, זענען די נאכפאלגער מעהר פארנומען מיט נאכמאכען זייער סטיל, ווי מיט שאפען קונסט-ווערק.

אזוי איז שטענדיג. א גרופע ענטוזיאסטען געהן דירעקט צו דעם קוואל פון דער נאטור, און דערזעהן דארט די רעפלעקסיעס פון זייער אייגענעם איך. און דערנאך קומען נאכאהמער און אימיטירען דעם סטיל.

יעדע באוועגונג שאפט אן אקאדעמיע. און די אקאדעמישע אקאדעמיע איז נים ערגער פון די אימפרעסיאניסטישע אדער אפילו די פוטוריסטישע אקאדעמיעס.

"דער וואס געהט נאך א מייסטער צו נאהענט, זעהט נישט מעהר ווי זיין רוקען".

---

א נייע גרופע האט זיך איצט ארגאניזירט פון קינסטלער וואס ערקלערען אז זיי זענען באאיינפלוסט פון די צוויי אימפרעסיאניסטען—מאני און פיסארא. זיי האבען



אפילו קאמבינירט די נעמען פון די צוויי מייסטער, און געשאפען א ניי ווארט—מאנארא, אלס נאמען פאר זייער גרופע.

עס זענען אויף דער אויסשטעלונג פארהאן פיינע זאכען. קלאד מאני אליין האט א וואונדערבאר בילד, מיט א ווייט-געבעלדיגען עפעקט, א טייך מיט וואסער-ליליען, און קאמיל פיסארא ווייזט א פיין-געמאלט, שטיל, אינטים ווינקעל אין א גארטען. אט די צוויי בילדער גיבען דעם טאן צו דער אויסשטעלונג. נים ווילענדיג משפט'ען מיר די איבריגע בילדער לויט זייער עהנליכקייט צו זיי. אין זעלבען צימער געפינט זיך א בילד פון דעגא—אויך איינער פון די אימפרעסיאניסטישע מייסטער, און אנ'אויסגעצייכענט גוטע סקולפטור פון א פרויען-קערפער פון מעסטראוויטש—הגם וואס פאר א שייכות מעסטראוויטש האט מיט מאני און פיסארא איז גאר נישט קלאר.

אויך אין זעלבען צימער געפינט זיך א גרויס ווערק—"סטאמבול", פון דעם איינציגען אמת לעבעדיגען נאכפאלגער פון די אימפרעסיאניסטען, סיניאק, וועלכער האט נישט בלויז איבערגענומען זייערע מעטאדעס, נאר האט זיי אויף דאס ניי אליין געפיהלט, און איז אפילו ווייטער געגאנגען מיט זיין "פוינטעליזם", דאס זוכען איבערצוגעבען ליכט און שאטען דורך פינטעלאך. ער האט שוין געפונען אייגענע נאכאהמער.

איינער פון אט די נאכאהמער איז דע סמעט, וועלכער האט דא א חוצפה'דיג בילד מיט א נאך מעהר חוצפה'דיג גרויסען פרייז.

עפעס ווי א פארטזעצונג פון קאמיל פיסארא, איז זיין זוהן לוסיען פיסארא. עס געפינען זיך דא עטליכע פיינע לאנדשאפטען פון איהם געמאלט אין "קיו גארדענס". אזוי ווי סיניאק איז מעהר אדער וועניגער די פארטזעצונג פון קלאד מאני, איז ער די פארטזעצונג פון זיין פאטער, נאר שטייפער, מעהר דרך-ארץ'דיג געטריי צו זיין מאדעל. ער איז א גוטער ערנסטער קונסט מאלער, נאר ס'ווילט זיך איהם זעהן נים אזוי שטארק באשאטענט פון זיין פאטער'ס גרויסקייט. ער איז גענוג פעהיג זיך צו פארלאזען מעהר אויף זיך אליין. כמעט אלע איבריגע אויף דער אויסשטעלונג זענען נים וויכטיגע.

די איינציגע אידען אויף דער אויסשטעלונג זענען די פיסאראס. און אט איז א וואונדערליכע זאך—דוכט זיך א "רעקארד" פאר א אידישע משפחה—ס'געפינען זיך דא די בילדער פון נים וועניגער ווי 5 פיסאראס—קאמיל פיסארא, זיינע דריי זיהן לוסיען, פואל-עמיל און לודאוויק רארא, און זיין איניקעל, לוסיען פיסארא'ס טאכטער ארארווידא.

און אלע זענען זיי קינסטלער וואס מען דארף זיך רעכענען מיט זיי, קינסטלער וואס פארנעמען אנ'ארט אין דער מאלעריי. איבערהויפט ווייזען זיי אלע א גרויסע פעהיגקייט אין האלץ-שניט צייכנונגען.

און נאך די עטליכע גרויסע ווערק וואס זענען פריהער דערמאנט, זענען די האלץ-שניט צייכנונגען פון לוסיען פיסארא, פאול עמיל און לודאוויק רארא די בעסטע זאכען אויף דער אויסשטעלונג.

ארארווידא ווייזט אויך צוויי אינטערעס-ארויסרופענדע זאכען—א פיינע גראטעסקע אין דריי טיילען מיט גאלד אויסגעארבייט, און א ראדירונג

צווישן די איבריגע וואס מוזן נאך דערמאנט ווערן זענען י. ב. מאנסאן—וועל-כער האט דא א ניט זעהר-געלונגענעם פארטרעט פון לוסיען פיסארא, וואס ער האט מיט עטליכע יאהר פריהער געהאט אויף דער אויסשטעלונג פונ'ם ניי-ענגלישען קונסט-פאראיין. זיינע לאנדשאפטען זענען בעסער—טהעא פאן ריסעלבערג און קלעמענטס האסעל.

קאמיל פיסארא איז איינער פון די איינצעלנע אמת גרויסע מאלער וואס מיר אידען האבען ביז איצט ארויסגעגעבען. און נאך גרעסער איז זיין איינפלוס אויף דער אייראפעאישער קונסט-מאלעריי. אט איז ערשט אנ'אויסשטעלונג פון א נייע גרופע מאלער וואס באריהמען זיך אז זיי זענען באאיינפלוסט פון איהם—פון איהם און זיין חבר, קלאד מאנעי, און רופען זיך מיט זייער נאמען—די "מאנארא".





# דער נייער קונסט-סאלאן. *

נאדעלמאן, פלאמינק, פריעז, נעווינסאן, פארטער, ק. ב. ווינסטען, גרא, ל'האט, לע סקוועק, מעניגסקי, בעל קראמער, זאוואדא, נינא האמנעט פאנקעוויץ, האליצקא, פארעש, סטריזשענסקא, ראוועראט, דזשאן נאש, כיראף, ג. סמיטה, זאדקין, בעוואן, א. י. רייס, בלאקער, מארי לארענסין, ראדזשער פריי, סעזאן, פורניער, דעריין, מאדיגליאני.

דער נייער קונסט-סאלאן איז א נויטוועגדיגע אינסטיטוציע אין ענגלאנד. ביז איהר גרינדונג איז נישט געווען קיין גאלעריע אין ענגלאנד וואו מען זאל קענען כסדר זעהן די איצטיגע אייראפעאישע קונסט. פון צייט צו צייט פלעגען מיר קענען כאפען א בליק אויף די ווערק פון די בעסערע פראנצויזישע קינסטלער, צום ביישפיל, מאטיס, אבער ס'פלעגט פעהלען די פערספעקטיוו. מיר פלעגען איהם נישט זעהן צווישען די אנדערע אייראפעאישע קינסטלער. איז קיין וואונדער נישט וואס דער פשוטער ענגלענדער איז געקומען צום באשלוס אז וואס איז שלעכט אין דער ענגלי-שער קונסט איז גוט נאכגעאהמט דער אויסלענדישער, און אלעס וואס איז גוט אין דער אויסלענדישער קונסט איז א שלעכטע נאכאהמונג פון דער ענגלישער קונסט.

דא אין דעם נייעם קונסט-סאלאן זעהן מיר אבער אז אלע קונסטען זענען פאר-וואנדעט, אז קינסטלער עקספערימענטירען אויף דעם זעלבען אופן אין אלע לענדער, אז דאס וואס זעהט אויס צו זיין עקסצענטריש צו איינעם וואס איז נישט באהבנ'ט אין קונסט, איז נור אנ'אינטערעסאנטער עקספערימענט פאר איינעם וואס שטודירט עס פון דער נאהענט.

פארגלייכט פלאמינק מיט נאש. ביידע זוכען איבערצוגעבען דאס געפיהל פון אטמאספערישער באוועגונג אין זייערע ווערק; ביידע ארבייטען אין מאסען (ניט אין ליניען), און דאך איז פארשידען דער רעזולטאט. דאס קען זיך ערקלערען אויף פארשידענע אופנים. ערשטענס, די פארשידענהייט פון די לאנדשאפטען איז זעהר וויכטיג, און ס'באמערקט זיך באלד אז דער פארבען-חוש אויפ'ן קאנטינענט איז א סך שארפער.

איצט פארגלייכט ק. ב. ווינסטען'ס ארבייט מיט זייערע, און איהר וועט באמער-קען זעהר דייטליך די פארבען-שפראך. דורך די העלע פרעהליכע קאלירען איז אלעס געטאנט איבערצוגעבען דאס געפיהל פון וואקסען, און נישט נאש, און נישט פלאמינק, באוויזען דאס.

אויך מיט די פארטרעטען קען מען מאכען אינטערעסאנטע פארגלייכונגען. דערען איבערראשט אונז מיט א פארטרעט פון א יונגען מאן וואס מאכט דעם איינדרוק אז

*New Art Salon, 160 Shaftesbury Avenue, W.C.

דער מאדעל איז געזעהן געווארען דורך א שפיגעל, אז זיין גאנץ לעבען איז פון איהם צוגענומען געווארען און בלויז א טויטע פארב איז איהם געבליבען. דאס אייגענע קען אויך געזאגט ווערען וועגען ראוועראט'ס זאכען אויף דער אויסשטעלונג און וועגען מעגינסקי'ס פארטרעט פון א מיידעל. פון דער צווייטער זייט, זעהן מיר גערווינסאנ'ס שאפער, א קלוגער מין פוטוריזם. דער מאן איז צואווארפען אין באוועגונגען און דער רעזולטאט איז א קלוגע, נישט-רעאליסטישע קאמפאזיציע. אין מאָדיגליאני'ס ארבייט דערקענט זיך א מייסטער. מיט'ן שוואונג פון א ליניע ווייזט ער אייך א לעבעדיגען פארטרעט, און מיט דעם שוואונג פון א פענזעל אן אינטערעסאנטע פיגור, נאר זיין שטרעבען איז נישט זעהר טיעף. ער האט זיך באנוגענט צו בלייבען א קליגער ארטיסט. אינטערעסאנט איז דער קליינער עטיוד פון א קאפ געמאלט פון ק. ב. ווינסטען. ער איז רייך אין פארב. די באארבייטונג איז זעלטען, און עס איז אן אינטערעסאנטער פרוב צו באטראכטען דעם מענשען אלץ מעהר ווי א דומם, (שטיל לעבען). דער מענש האט געפיהלען און איבערלעבונגען וואס פאדערען אויסדרוק-פעהיגקייטען פון דעם וואס געהט איהם שילדערען.

אין די קאמפאזיציעס צייכענט זיך אויס בלעקער. עס שטראמט דורך זיינע פיגורען א רייהע פון דינאמישע ליניעס וואס איבערצייגען מיט א ריטמישער גאנצקייט.

אויף די ענגלענדער ווירקט די באארבייטונג אריגינעל.

ס'זענען אויך דא אנדערע וועלכע גרייכען צו דראמאטישע עפעקטען, אבער זייער קונסט-ווערטה איז צווייפעלהאפט. נאר אויך זיי טאר מען נישט מבטל מאכען. יעדער קינסטלער אין זיין אנטוויקלונג מוז פריי עקספערימענטירען מיט פארב און קאמפאזיציע. איידער ער קען ווערען א שאפער מוז ער קענען פארגעסען אין אויסערליכקייטען. ער מוז א טייל פון זיך אבגיבען זיין ארבייט, און דאס קען ער טון נור ווען ער האט באגריפען די טיפערע ווערט פון פארם און פארב. ערשט דאמאלט ווערען זיי אונטערטעניג צו דעם קינסטלער'ס ציעל. אט די באהערשונג צייגט זיך ארויס בולט אין דעם קליינעם מייסטערווערק פון סעזאן.



י. פאדרוזשניק.

# די "יונגע" פון אמעריקא.

## ניסענזאנ'ס "הונדערט לידער".

די ניו-יארקער יונגע האבען בלי גוזמא פאר דעם לעצטען יאהר ארויסגעגעבען אפשר צוואנציג ביכער מיט פאעזיע. דאס איז נים געווען עפעס א פלוצלינגער וואולקאנישער אויסברוך פון געזאנג; מען האט זיך געקענט ריכטען דערויף. א סך פון די לידער זיינען נישט פון היינט, זיי זיינען געשריבען געווארען אין פארשידענע גוטע און שלעכטע צייטען, נאר היינטיג יאהר האט זיך מסתמא איינער אויפ'ן אנדערען פארקוקט און מען האט אנגעהויבען איינזאמלען אין שייער די תבואה וואס איז געווען צעווארפען אויף אלע פעלדער פון די טעגליכע צייטונגען און זשורנאלען. אודאי האבען זיך ביי דער איינזאמלונג אריינגעכאפט א שפאר ביסעל אומגעדרוקטע און אפשר אומדרוקבארע זאכען. א בוך דארף האבען אזויפיעל און אזויפיעל זייטען, מען דארף איהם אנפילען. און ווען עס בלייבען פארט עטליכע אומגעדרוקטע זייטלאך, דארף מען זיך אוועקזעצען און מיט גרויס אימפעט דערשרייבען, דערזינגען.

אזא איינדרוק מאכט יעדענפאלס א. ניסענזאנ'ס "הונדערט לידער".

ניסענזאן איז פון די יונגסטע צווישען די יונגע. אין פארגלייך צו איהם איז שוין אט דער יונגער קרעפטיגער משה לייב האלפערין באלד א "זיידע". ער איז זייער אלטעמענס לעהרער. זיי די "יונגסטע" האבען פון איהם געלערנט א סך זאכען א חוץ איינע: זיין אפיקורסות. מ. ל. האלפערין איז א איד מיט א שמייכעל, וואס קיינער קען איהם נישט נאכמאכען. זיי געהען אויפ'ן זעלבען וועג וואס ער; נאר ער איז א שטארקער געהט ער אויפגעשטעלט און קוקט ארויף צו די וואלקען-הייזער און ער לאכט אזוי געזונד; זיי, אבער, זיינען א ביסעל שוואכער, יונגער אנגעשראקענער און ווען זיי קוקען ארויף צו די "וואלקענקראצער" הויבט זיי אן שווינדלען דער קאפ און ווען זיי דערזעהן די טענעמענט הייזער—זיינען זיי גאר.

עס איז כאראקטעריסטיש וואס קיינער פון די יונגע האט נישט ליעב ניו-יארק; און שוין דערפאר, זעהט אויס, שרייבען זיי וועגען איהר.

מיר זיינען, דוכט זיך אידען; האבען דען אונזערע טאטעס אדער זיידעס געפאשעט די שאף און די רינדער אויף לאנקעס און פעלדער? שטאדט מענשען זיינען מיר געווען און שטאדט מענשען וועלען מיר פארבלייבען—טא פארוואס זאלען מיר זיך שרעקען פאר... אן אויטאמאביל? עפעס אזוי ווי דער וואלד און דאס גראז מיט די קאטשקעס אויפ'ן וואסער וואלטען געווען די איינציגע קוועלעס פון אינספיראציע.

האלפערין האט פיינט ניו-יארק, איז ער אבער שטארקער פאר איהר, גיט ער איהר א זעץ מיט אן אייזערנעם שטיוועל גלייך אין דער נאז אריין—און ער ווערט פריי און זינגט זארגלאז. ניסענזאן פלאנטעט זיך צווישען די מויערן אומעטום פארטשעפעט ער זיך און כסדר זאגט ער, אז ער איז "געפאנגען". דאס איז אן אויסרייד—א טעמא מיין איך—פאר די מעהרסטע פון די "יונגע" לידער.

איהר האט דעם איינדרוק ווי זיי זאָגן: "איך קען שוין גאר זינגען פֿיין, נאָר דאס געוויש פֿון שטאדט, די אויטאָמאָבילען, די עלעווייטערס, דער שטויב—דאס אלץ לאזט ניט. גלייך ווי עס וואלט גאר קיינמאל קיין ווערהאָרן נישט געלעבט.

ניסענזאָן'ס ביכעל הייסט "הונדערט לידער".— א רונדע גלייכע סומע! מיט פֿאָציג לידער וואלט ער א סך אַ בעסערען איינדרוק געמאכט, שוין דערפֿאר אליין וואס ער וואלט זיך ניט געקענט אזוי אפֿט איבער'חזר'ן. איהר האט דארט עטליכע מאל אזעלכע אויסדריקען ווי "דער טאג האט זיך מיט דער נאכט געטוישט"—אזוי סטערעאָטיפּיש, ווי ער וואלט עס געקענט פֿון אויסווענינג. דער בעסטער טיטעל פֿאר זיין ביכעל וואלט געדארפֿט זיין נאַכט. דאס איז א וואָרט וואס ער געברויכט עס אזויפֿיעל מאל, אז ווען איהר וואלט אויף טשיקאוועס אנהויבען צעהלען—ווערט איהר מיעד.

ניסענזאָן איז נאָך ניט אזוי קרעפֿטיג, אז ער זאָל ארויסהילכען מיט א דונער, ער האט זיך נאך אויך ניט גענוג איינגעלעבט אין זיך אז ער זאל קענען זיין שטיל און טיעף; שחיטס ער דערפֿאר אויף דער אויבערפֿלאך; ווען ער שרייט—ווייסט איהר אַז ער סטראשעט בלויז; ער מאכט אן אָנשטעל פֿון "וועלט-שמערץ", אבער זיין וועלט איז אַזאַ קליינטשיקע אז עס ווערט שוין באלד דערפֿון א "דאָרף-שמערץ"; ער מאכט אויך א סך חנ'דלעך; אָט פֿליהט ער מיט זיבען אדלערס—און די וועלט קניהט פֿאר איהם, אָט שפּרינגט ער אויף א פֿערד און רייסט אראפּ די זון און דא פֿאדערט ער פֿון גאָט, אַז ער זאל געבען אַזאַ גרויסען דונער, אַז די וועלט זאל זיך איבערקעהרען. און פֿארוואָס אזוי גרויזאַם? פּשוט—ווייל ער לאנגווייליגט זיך. צוליעב דעם זאָל די וועלט זיך איבערקעהרען איז איינפֿאך א קאפּריז, איהר גלויבט ניט אַז ער וויל דאָס, ס'איז אַ חנד'ל, א ביסעל א חוצפּה'דיגער חנד'ל.

די "הונדערט לידער" זיינען צוטיילט אין ביכעל אין פֿיער חלקים. קודם כל באזינגט ער די שטאדט, און דאָ איז זיין שטימע שוואַך און ער דערזעהט ניט קיין סך; ער ד ע ר ז ע ה ט ניט ניו-יאָרק, נאר אבגעבראָכענע שטיקלעך; א רעסטאראן, א קאבארעט, פֿאר וועלכען ער רויטעלט זיך, אויטאָמאָבילען—און די שאטענס, נאַכט, פֿייערלאַך—גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין. אנדערש איז אבער ווען ער זינגט וועגען דער מיידעל. דא ווערט ער קלאהרער, מחמת זי איז ניט אזוי אלזייטיג ווי די גרויסע ברייטע וועלט, וואס מאכט איהם שווינדלען פֿאר די אויגען. ער קען דאס מיידעל אויפֿפאַסען, לייכטער באגרייפֿען, און וואס נאך מעהר: דאָ קומען זיינע לידער אין דירעקטען קאנטאַקט מיט זיינע געפֿיהלען, ניט קיין צוגעטראַכטע, נאר שטראמענדיגע פֿון אַן אייגענעם קוואַל.

און דאָ אנטפּלעקט זיך ניסענזאָן'ס שענע זייט. אין זיין לידער אבטיילונג "ביי מיין שוועל" שפּיעלט זיך אב א שענער ראמאנס. ער הויבט זיך אָן פֿארטראכט, פֿארליעבט, גלויביג, און ענדיגט פֿארביטערט, ענטוישט, ציניש. איהר לייענט זיין לעצטע סטראפֿע:

ניט הייליגקייט וועל איך דיך רופֿען
ווי ס'טוען דיר ביכער אָן דארט
דו שקלאַפֿין פֿון ריזיגע יונגען
דו פֿלייש פֿון דעם ביליגסטען סארט.



און דאך: איהר קענט זיך ניט גלויבען אז ער זאל פֿעהיג זיין אזוי צו ריידען. ער ווייזט זיך אייך אויס מעהרסטענס פֿאר א שטילען גוטען בחור, א האלב-שעמעוודיגער, און אזאַ געטרייער, א גוטהערציגער. אבער ער קען זיך נישט העלפֿען, אזוי האט ער דעם ראמאנס געענדיגט און נישט אנדערש. און נאך די אויבענדערמאנטע שורות שרייבט ער שוין וועגען ליעבע ווי וועגען א חלום,—ער מאכט זיך א הארץ, כדי איהר זאָלט איהם גלויבען, אז ער קען זיך אָהן איהר באַגעהן:

ז' וועט ניט קומען; ווער דארף זי?
רייך איז מיין אייגענע וועלט;
וויל איך—צושפּרייט זיך א הימעל
א בלויער אריבער א פֿעלד.

וויל איך נעמט רוישען ארום מיר
מיט פֿרויען און שיכור'ע רייד,—
טרינקט זיך, פֿארטרינקט מיין נשמה
אין גרויסער, אין שטאַטיגער פֿרייד.

און אט דער "ווער דארף זי?" פֿיהלט זיך אין די מעהרסטע פֿון זיינע לעצטע לידער. ניסענסאָן וויל זיך אפֿט מאכען פֿאר א ציניקער, אבער קיינער גלויבט איהם נישט. ער איז א פֿרומער בחור, א גלויביגער, אפֿילו ווען ער הערט שוין אויף גלויבען אין דער מיידעל. ער איז הארציג און אידיש און דערפֿון נעמט זיך עס וואס זיינע בעסטע לידער טראגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פֿון דעם פֿאלקס-ליד. זיין "אויף א פֿארלאזענעם וועג" איז מסתמא דאס בעסטע אין ביכעל. זאל איינער מאַכען מוזיק דערצו, וועט זיך עס זינגען אזויפֿיעל ווי מען זינגט אַנדערע אידישע פֿאלקסטימליכע ראמאנסען.

דוכט זיך, אז דאס איז דער פֿיינסטער וועג וואו ער וואלט געקענט געהן—זאל ער איבערלאזען זיינע טענות און זיין האַס צו דער וועלט פֿאר אנדערע, וואס קענען מעהר האַסען; ער קען די וועלט נישט איבערקעהרען; ער ווייס ניט ווי אזוי. ער קען אבער דערצעהלען פֿארטראכטע מעשה'לעך גאר שען. האָט ער אבער אין זיינע "הונדערט לידער" ווענינ פֿון זיי דערצעהלט. ניסענזאָן איז א סך פֿעהיגער ווי ער ווייזט עס אין זיין ביכעל. אין פֿאלקס-מאָטיוו געפֿינט ער זיך אין דערהיים. וועט ער פּראָבירען זיך דארט צו געפֿינען? אונזערע ברכות צו איהם.

# נאָטיצען.

— איבערצודרוקען פֿון "רענעסאנס" איז פֿארבאָטען אהן ערלויבניש.

— די רעדאקציע נעמט ניט די אחריות פֿאר די ארויסגעזאגטע מיינונגען פֿון איהרע מיטאַרבייטער.

— דער "רענעסאנס" גרייט צו אין גיכען אין לאנדאן אַ גרויסע אויסשטעלונג פֿון די ווערק פֿון אידען-קינסטלער. אלע קינסטלער וואס זענען פֿאראינטערעסירט אין דעם זענען געבעטען זיך צו שטעלען אין פֿאַרבינדונג מיט אונז.

— די רעדאקציע בעט אלע מחברים און פֿארלעגער זיי זאָלען צושיקען זייערע נייע ווערק פֿאר רעצענזיעס.

— פֿאלגענדע ביכער און זשורנאלען זענען ערהאלטען געוואָרען:

— נפתלי גראס: לידער; פֿארלאג "פֿייער" ניו-יארק 1920.

— נפתלי גראס: פסאלמען; פֿארלאג "אמעריקאַ" 1919.

— י. ניסענזאן: הונדערט לידער; ניו-יארק 1919.

— הרב דר. יהודה לנדא: דן יצחק אברבנאל. חזיון היסטורי; ניו-יארק 1919.

— רחל לוריע: מאדנע מענשען; ניו-יארק 1918.

— ז. ברכות: אונטער דעם שאטען פֿון חרמון. ניו-יארק 1918.

— ביי די ברעגען פֿון פלאטא: זאמעלבוך; פֿארלאג אידישע צייטונג; בונעס איירעס 1920.

— Los Cabalistas פרץ'ס חסידישע ערצעהלונגען איבערזעצט אויף שפאניש פֿון סאלאמאן רעזניק: בוענאס איירעס 1919.

— Vida Nuestra חדש-שריפֿט. בוענאס איירעס, דריי יאהרגאנגען. "אין זיך", נומער 2, ניו-יארק. "די פֿעדער" נומער 10-11 ניו-יארק.

— אונטער דער לייטונג פֿון לאזאר סאמינסקי דער געלעהרטער אידישער מוזיקער און געוועזענער פרעזידענט פֿונ'ם קאמיטעט פֿון אלע אידישע קאָמפאזיטארס אין רוסלאַנד האט זיך אין לאנדאן געגרינדעט א געזעלשאפֿט צו לערנען און פֿאר-שפרייטען אידישע רעליגיעזע און פֿאלקס-מוזיק.

— די געזעלשאפֿט אפעלירט צו אלעמען צו שטיצען איהר אַרבייט וועלכע שטרעבט צו א רענעסאנס פֿון "דוד המלך'ס קונסט."

— אלע וואס זענען פֿאראינטערעירט זענען געבעטען זיך צו ווענדען צום דירעק-טאָר ל. סאמינסקי, 357, Camden Road London N.

— די רעדאקציע פֿון "רענעסאנס" באַגריסט די גרינדונג פֿון דער געזעלשאפֿט, וועלכע איז אַזוי קרוב'יש צו אונזער גייסט און טהעטיגקייט.

— אין דיוק אף יארקס טעאַטער, לאנדאן ווערט אין גיכען אויפֿגעפֿיהרט ווערען אַ אידישער באלעט "דאס געזיין פֿון רחל" פֿארפֿאסט פֿון ל. סאמינסקי, וועלכער איז אויך איינער פֿון די דירעקטארען פֿון דעם איצטיגען באַלעט-סעזאָן אין דעם זעלבען טעאַטער.



— דעם צווייטען טאג פסח, דעם 4-טען אפריל, איז אין לאנדאנער פֿאראיין 6, Houndsditch געעפֿענט געוואָרען פֿון דר. מאקס נאָרדאו. אַ'אויסשטעלונג פֿון מאריס אפעלבוים'ס בילדער. די אויסשטעלונג האט געמאכט א רושם אויף דער אידי-שער גאַס. מיר ווינשען דעם יונגען מאָלער א געהעריגע אנטוויקלונג.

— דעם דריטען מאי וועט זיך עפֿענען אין דער העמסטעד גאלערי א בילדער און צייכנונג אויסשטעלונג פֿון דער יונגער קינסטלערין קלאַרא קלינגהאָפֿער.

— אין לאנדאן האט ווידער אנגעהויבען ערשיינען מאנאטליך "דער אידישער אַרבייטער פֿריינד."

— די רעפּראָדוקציעס פֿון מאָדיגליאני'ס צייכנונגען אין דעם נומער "רענעסאנס" זענען געמאכט געוואָרען פֿון די אריגינאלען מיט דער ערלויבניש פֿון די אייגענטי-מער פֿונ'ם נייעם קונסט-סאַלאָן, צו וועמען זיי געהערען.

— עס ווערען אנגענומען אבאָנעמענטען פֿאר'ן חדש-זשורנאל "רענעסאנס". פרייז 16 שילינג א יאהר פּאָסט-פֿריי. איינצעלנע עקזעמפלאַרען 1ש. 6 פענס.

אַדרעס פֿון דער אַדמיניסטראַציע: 21, Commercial Street, London, E.1.

אַדרעס פֿון דער רעדאַקציע: 77, Blenheim Crescent, W.11.

פאר מענשען מיט געשמאק און ניט שטארק רייך, איז :

# גוד'ס קאמיא קארנער



## ווי געוואונשען

אמת, ס'איז ניט דאָס גוטע אָרט פאַר שווערע גאָלדענע זייגערס מיט־קייטען און פאַר נייע פאַבריצירטע דזשולערי, פון וועלכע ס'ווערט ניט גוט.

ס'איז, אָבער, שוין איינמאָהל דער פלאַץ פאַר אמת־שעהן אַלט צירונג, געפּאַסט מיט דיאַמאַנטען און פערעל'ן. יעדעס שטיקעל צירונג האָט טויזענד חן.

ס'איז דאָס אָרט פאַר מיניאַטיורען און סקולפּטור און פאַר אַנטיק ענגליש זילבער. און הויפּטזעכליך פאַר אַלטע קעמיאָס און קאָראַלען, קאָלעקטירט פון אַלע ווינקעלאַך פון דער גרויסער וועלט.

GOOD'S CAMEO CORNER, 1, New Oxford Street, London, W.C. 1.



# ארוים פון כאָאָס.

## פון משה עובר.

דר. מאקס נארדא'ס בריעף צום מחבר:

"טייערער הער,

ענדליך האב איך געפונען די נויטיגע צוויי שעה איבערצולייענען און הנאה האַבען פון אייער בוך "ארוים פון כאאס". איך האב עס געלייענט אין ענגליש ווייל איך בין נישט גענוג באקאנט מיט אידיש צו פיהלען אין דער שפראך ריכטיג. די איבערזעצונג אבער מוז זיין א מייסטערהאפטע, משפט'ענדיג פון דעם וואונדערבארען ליעד "א געזאנג צו דער מאכטער פון ציון" (קאפיטעל 20). דאס ליעד אנטפלעקט א גרויסען פאעט.

איהר האט געמאכט אויף מיר א טיפען איינדרוק. איך קען ניט אויסדריקען מיט ווערטער מיין איבערראשונג. איך זעה דאס אויפלעבען אין אייך יענעם אויסערגעוועהנליכען גייסט, אנ'אומפארגלייכליכע צוזאמענמישונג פון עקסטאטישער ליריזם אומגעהייער טיפען מיסטיציזם, און פראפעטישע אויסברוכע וואס כאראקטעריזירען אונזער תהלים, אונזערע נביאים און אפשר מעהר פון אלע יעזוס.

שרעקט זיך נישט פאר דעם ווארט, אייער געדאנקען־ארט און געפיהל איז מערקווירדיג עהנליך צום נוצרי. אייערע תפילה צו גאט, די ווערטער וואס איהר מאכט גאט רייהען, אייערע לירישע־פאטליכע אויסגעשריען, אייער ערהאבענקייט, אייערע דרשות, אייער שפראך. און פרייסטען דערמאנען אין "די רעדע אויפ'ן בארג" און די ליעבע ווערטער פון דעם גליל'שען רעפארמער צו זיינע טאכפאלגער.

דאס וואונדערבארע איז וואס עס ווייזט זיך ארויס גאנץ קלאר אז איהר האט נישט געשעפט אייער אינספיראציע פון דער קריסטליכער לעהרע. איהר האט עס געפונען אין אייער אייגענעם איבער־בעוואוסטזיין, אין אייער יודישען שטאם, פון אייער מויל רעדט דער נישט ענדערנדיגער אייביגער גייסט פון ישראל, וואס האט אויך באלעבט יעזוס'ען, ישעיה, אבן גבירול און יהודה הלוי, פון וועלכען עס איז אויך פארהאנען א פונק אין די בעסטע שאפונגען פון היינע.

יא, דער גייסט האט אונז דערהאלטען ביים לעבען אין די שרעקליכסטע יאהרהונדערטער, עס גיט נייע האפנונג און כח צו זעהן ווי דער גייסט לעבט אין א היינטיגען איד, אין אייך. איך וואלט געוועהן אריטער ווען איך וואלט ווייטער איבערגעזעטצט אייער בוך. איך דאנק אייך וואס איהר האט עס פאר מיר אנטפלעקט.

אייער מיט באוואונדערונג,

דר. מ. נארדאו.

"ארויס פון כאָאָס", פון משה עובר. געבונדען. פרייז: אידיש 3/-, ענגליש 2/6.

צו בעקומען ביי: The Minerva Publishing Co., Ltd.,

144, High Holborn, London, W.C. 1.

מיליאן פעני פאנד און נערסערי.

# א גרענד קאנצערט

וועט פארקומען

זונטאג אבענד דעם 2-טען מאי, צו גונסטען דער נערסערי

## אין פיפעלס פעלעס.

די פאלגענדע בארימטע קינסטלער וועלען אנטהייל נעהמען:

**מיסס דזשיען באלא,** פרימאדאנא פון קאווענט גארדען.

**מיסס דזשאון אשלי,** די בארימטע ענגלישע זינגערין.

**ליידי טרי,** די גוט באקאנטע שוישפילערין.

**מר. פרענק וועבסטער,** אפערא זינגער.

**מר. מעלזאק,** דער גרויסער פוילישער וויאלאניסט

**מר. מאנוקי,** דער גרויסער איטאליענישער טשעליסט.

**מר. פ. קריש,** דער גוט באקאנטער פיאניסט.

**ד"ר גאסטער,** וועט זיין אין די טשער.

באזארגט אייך מיט טיקעטס פאר דעם וואונדערבארען קאנצערט.

אנפאנג פון קאנצערט 7,30 פונקט.

Offices: 10, Gt. Garden St., E.1.

---

העלפט די מלחמה-ליידענדע אידען.

---

א גרויסער

מארדים מאשקאוויטש

## קאנצערט

וועט פארקומען

זונטאג דעם 16-טען מאי

אין די

פיפעלס פעלעס, מייל ענד

צום גונסטען דעם אידישען ארב. פאנד.

די גרעסטע קינסטלער וועלען אנטהייל נעהמען אין דעם קאנצערט.

ערווארטעט אונזערע פויסטערס.

מ. זוסמאן, האנ. ארג.

---

פאהרט צום ים!

און שטעהט איין אין

## גראדעל'ס כשר „באָרדינג-הויז"

Albert House,
5, Sweyn Road, Cliftonville,
MARGATE.
Proprietor: L. Gradel.

דאס הויז שטעהט ביים ים, שרייבט זיך שוין איין פאר אייערע „האלידייס"



# גראדעל'ס רעסטאראנט

**2, 3, 4, אלדגייט איסט טשיימבערס,**
**אלדגייט איסט.**

א אידישער רעסטאראן, וואו מ'קען פארברענגען אנ'אנגענעהמען אבענד און אבעסען א געשמאקען מיטאג אדער סאפער. א פלאץ וואו עס טרעפען זיך די לעזער פון „רענעסאנס".

---

זעהר א באקוועמער פלאץ פאר

פארטיעס, חתונות און אנדערע פארוויילונגען

---

## זעקס מאכלים פאר 3/3

---

כשר אימפיריאל כשר

## קאפע-רעסטאראן

דער בארימטער וועסט-ענדער

## רעסטאראן

וואס צייכענט זיך אויס מיט געזונדע מאכלים, דער ריינסטער און פיינסטער רעסטאראן

עס טרעפען זיך דארט משכילים, חכמים, כלל-טהוער און שרייבער.

אייגענטימער:

**H. STEINWOLF,**

26, Noel St., Wardour St., Oxford St., W.1

---

דער גרויסער

## קונדס

איינציגער אידישער הומאריסטישער זשורנאל אין דער וועלט.

און רייך אין אינהאלט.

זייט איהר א לעזער?

אויב ניט, אויף וועו ווארט איהר? איהר קאנט עס קריגען איבעראל.

אדער אין הויפט-פארקויף ביי

**א. גאלוב,**

**10, Osborn St., Whitechapel,**
**LONDON, E.1.**

דורך גאלוב'ס בוכהאנדלונג קריגט איהר „אידישע גאזעטען", „דער אמעריקאנער", „פאלקס-אדוואקאט", „פרייע ארבייטער שטימע" און „רענעסאנס"

# „רענעסאַנס"

## אינהאַלט פון די דריי ביז איצט ערשינענע נומערן :

### יאַנואַר 1920

לעאָ קעניג . . . . . רענעסאַנס-מאָטיוואַן
ז. ווינפער . . . . . ירושלים (לידער)
לואיס גאָלדינג — רבי יוסף'ס שוהל (ערצעהלונג)
ח. נ. ביאַליק . און ווען איהר געפינען (ליד)
לואיס זאַנגוויל . . . . . רוי-מאַטעריאַל
דוד ווידענפעלד . . כ'שפיל זיך מיט ליים (ליד)
לעאָ פיליכאָווסקי . . . . . מאריץ גאָטליב
אלפרעד א. וואלמארק . . . לעאָן באקסט
לוסיען פיסאַראָ . . . . . די קונסט פון דרוקען
דר. י. מ. זאלקינד . . די געשיכטע פון אידישע בוך-דרוקעריי.
ש. ווינסטען . . . . אין געפענגעניש (ליד)
משה עובד . . . . . (ליד) פאלקסטימליך
ש. שערמאן . . . . איינשטיין און זיין טעאָריע

יוסף לעפטאָוויטש . . . . . דער אטעם פון גאט
יהושע פאדרושניק . . . די בלינדע און דער עלעפאנט.
נ. פאלסקי . . . בריף וועגען העברעאישער ליטעראטור.
דוד ווידענפעלד . . . . . . לאנדאנער גרופע אויסשטעלונג.
ישראל זאַנגוויל . . וועגען שמריהו לעווין'ס בוך
ש. ווינסטען . . . באמבערג'ס אויסשטעלונג
י. ל. . . . . . וואלמארק'ס אויסשטעלונג
ח. עפשטיין . . . אידישער באלעט אין פאריז
לעאָ קעניג . . . . . . יעקב פ. אדלער
י. פ. . . . . . . . מאשקאָוויטש'ס שיילאָק
יעקב קראמער . . . . . . }
לוסיען פיסארא . . . . . } רעפּראָדוקציעס

### פעברואַר 1920

ברוך גלאזמאן . פארשונקעלט גאלד (ערצעהלונג)
לואיס גאלדינג . . . . . . אוואלאָן (ליד)
לעאָ קעניג . . . . . נאציאנאלע עסטעטיק
דר. שמריהו לעווין . . . דער טעות פון גרויסע
משה עובד . . . . . . אידיש (אַ געזאַנג)
י. ליכטענשטיין אידישע פלאסטיק אין אמעריקאַ
א. קריטשמאר אויראעלי . . . דאס ערוואכען פון'ם אריענט.
רודיארד קיפלינג . . . מאמעניו מיינע (ליד)
דר. י. מ. זאלקינד . . אידישע בוך-דרוקערייען

יוסף בלאנקעט . . . אידען אין דער ענגלישער פעריאָדישער ליטעראטור.
נ. פאלסקי . . . וועגען דער העברעאישער ליטעראטור.
דוד ווידענפעלד . . די מאריאנעטען-קינסטלערין (וועגען פראדעל שטאק'ס בוך)

ב י ל ד ע ר.

סימיאן סאלאמאן . . דער רב; יהושע הנוצרי
לוסיען פיסארא . . . . . . דרשה; רות.



### מערץ 1920

ל. ק. . . . דער אויפגעשטאנענער קריסטוס
ברוך גלאזמאן . . . Resurgam (ערצעהלונג)
מלך ראוויטש . . אקעגענאיבער מיין פענסטער (ליד).
לעאָ קעניג . . . . . אידיש און העברעאיש
יוסף לעפטאָוויטש . . . . . סימיאן סאלאמאן
משה עובד . . . . . דאס ליד פון זיין (ליד)
דר. י. מ. זאלקינד . . אידישע בוך-דרוקערייען
ל. אלבערט . . . . . . שטילקייט (לידער)
לעאָ קעניג . . . דער ווייסער שאטען (מאטיוו)

ד. ווידענפעלד . . . . בין השמשות (לידער)
לואיס זאַנגוויל . . וועגען ענגלישען טעאטער
ש. ווינסטען . . . . . "מלחמה בילדער"
ח. עפשטיין . . . קיזלינג'ס אויסשטעלונג: אמאדעא מאדיגליאני ז"ל.
יוסף בלאנקעט . . . אידען אין דער ענגלישער פעריאדישער ליטעראטור.

ב י ל ד ע ר.

דוד באמבערג . .דער שרייבער, מוטער און קינד
קיזלינג . . . . . . . . צוויי בילדער.


## צום ערשטען באנד.

קינסטלער-מיטאַרבייטער פון „רענעסאַנס" גרייטען צו אַ צייכנונג פאַר אַן איינבאַנדס-מאָוועל פאַר אונזער זשורנאַל. באַשטעלונגען קענען געמאַכט ווערען דורך דער אַדמיניסטראַציע :

**21, COMMERCIAL STREET, LONDON, E.1.**

# רענעסאנס

א חודש זשורנאל.

רעדאגירט פון לעא קעניג.

מאי 1920. באנד 2. נומ. 2. לאנדאן.

אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| לעא קעניג | ... ... ... | פאלעסטינא און אידישע פארמען |
| א. ראובני | ... ... ... | (פאעמא) א ירדן-מעשה |
| מסעות הים | | ווי אזוי אונזער רבי ר' נחמן ז"ל איז געפאהרען קיין ארץ-ישראל |
| נפתלי גראס | ... ... ... | א חלום פון א פריהלינג-פארנאכט |
| דוש, מענסאן | ... ... ... | קאמיל פיסארא |
| לוסיען פיסארא | ... ... ... | קאמיל פיסארא |
| דוד באמבערג | ... ... ... | מליזמה-לידער |
| ש. ווינסטאן | ... ... ... | אין אבענד |
| בעסי מאלט | ... ... ... | וועגען רוסישען באלעט |
| ל. קעניג | ... ... ... | בין קודש לחול |


פעריאדישעס:


| | | |
|---|---|---|
| יצחק אבנר | ... ... ... | סעזאן אויסשטעלונגען נאטיצען. |


בילדער:


| | | |
|---|---|---|
| קאמיל פיסארא | ... | פארטרעט פון לוסיען פיסארא (פאסטעל); א וואסער טרעגערין. |
| יצחק ליכטענשטיין | | אין א ירושלים'ער געסעל; א „נעבי מוסא" מאטיוו |


# „רענעסאנס"

## א חודש זשורנאל.

רעדאגירט פון לעא קעניג.

די אידישע שעפערישע כחות זיינען צושפרייט נים נור אין פארשידענע לענדער, נאר אויך אין פארשידענע שפראכען און קולטורען, און מיט ווייערע בלאנדזשענישען און זוכונגען צו באקענען דעם אידישען לעזער, איז די אויפגאבע פון דעם "רענעסאנס".

צווישען אונזערע מיטארבייטער געפינען זיך אידישע קינסטלער און שריפטשטעלער וואס שאפען סיי אין אונזערע אייגענע, סיי אין פרעמדע שפראכען.

דער "רענעסאנס" באשעפטיגט זיך מיט קונסט און שענע ליטעראטור, און אויך בנוגע אלע אנדערע פראבלעמען מעסט ער ווי נים לויט ווייערע ריכטונגען, נאר לויט זייער נאציאנאל-עסטעטישער ווערט.

צווישען אונזערע מיטארבייטער געפינען זיך קינסטלער און שריפטשטעלער פון אלע אידעען-ריכטונגען.

דער "רענעסאנס" גיט אין יעדען נומער רעפראדוקציעס פון די ווערק פון פארשידענע אידישע מאלער און בילדהויער.

מיר האפען אז איהר וועט אונטערשטיצען דעם "רענעסאנס", מיט דעם וואס איהר וועט זיך אויף איהם אבאנירען.

אבאנאמענט פרייז 16 שילינג א יאהר פאסט פריי.

איינצעלנע עקזעמפלארען ווענען צו באקומען פאר 1 שילינג און 6 פענס פאסט פריי דורך דער אדמיניסטראציע.

"Renaissance," 21, Commercial Street, London, E.1.

צו דער אדמיניסטראציע פון "רענעסאנס"
"Renaissance," 21, Commercial Street, London, E.1.

אבאנירט מיך פארן „רענעסאנס" אויף 6 12 חדשים.
(מעקט אויס דאס וואס איהר ווילט ניט)

איך שיק צו: 8 16 שילינג.
(מעקט אויס דאס וואס איהר ווילט ניט)

נאמען ........................................

אדרעס ........................................

לעאָ קעניג.

## פאלעסטינא און אידישע פארמען.

ווען רענאן האָט געוואָלט שרייבען איבער די אידישע נביאים איז ער געפאָרען לערנען דאס לאנד פון די נביאים...

מיר אידען אויב מיר ווילען זיך קענען מוזען מיר קענען דאס לאנד וואו דאס אידישע פאלק איז אַ פאלק געוואָרען.

איינע פון די גרעסטע ווידערואגאנדען אינ'ם מאדערנעם אידישען שאַפען, וועלכע כאראקטעריזירט אויך אונזער ארטיסטישע אריסטקייט איז וואס דער אידישער קינסטלער פון הייגט קען נים ארץ-ישראל. דער רוב פון די היינטיגע אידישע דיכטער און שריפטשטעלער האבען נאָך נים געטאָסטען זייערע שעפפערישע זוכונגען ביי דער ליכט פון דער ארץ-ישראל זון...

ארץ-ישראל דארף זיין די שולע וואס יעדער אידישער קינסטלער מוז דורכמאכען, האָטש ווי פון יעדער שולע קען דער קינסטלער אוועק-געהן און בלאנדזשען אין די פארשידענע גלות-מדבריות'ן..

אָבער די מאדערנע אידישע קינסטלער, דיכטער און דענקער זענען נאָך נים הערוואקסען צו פארשטעהן אט די נאַציאנאלע שולע אונזערע...

זיי האבען אפילו אונזער ביבעל אָט דעם ארצר פון ארץ-ישראל לאנדשאַפטען און בילדער נים געלערנט..

און אבגעריסענע פון דער אריגינעל נאציאנאלער שולע זענען זיי גוטע תלמידים פון פרעמדע אקאדעמיעס, און אייפעריגע טריבונען אין פרעמדע רעוואלוציעס..

איז דאס נים איינע פון די הויפט סבות פאר וואס מיר האבען נאָך נים קיין נאציאנאלע ליטעראטור און קונסט אינ'ם אמת'ן זין פונ'ם ווארט...

אינ'ם מיטעלאלטער ווען דער אידישער קינסטלער איז געהענ-טער געווען צו ארץ-ישראל און נאָך מעהר צו דער ביבעל איז אונזער פאעזיע פיעל אריגינעלער געווען און אויך נאציאנאלער אינ'ם עסטע-טישען זין.

הענריך היינע איז פיליכט דער לעצטער אידישער דיכטער וועל-
כער האט דורכגעמאכט די אידיש נאציאנאלע קונסט-שולע מיט דער
הילף פון דער ביבעל...

חאטש ער איז געווען א אמת'ר שאפער פון נייע פארמען אין דער
ליטעראטור איז אבער דער טראדיציאנעלער תנך שטענדיג געווען
פאר זיינע אויגען...

ווען ער האט א אידישע קאריקאטור אפילו געוואלט שאפען, האט
ער געוויסע ליניען און פארמען קאפירט פונ'ם תנ"ך; מעגרעלי ווידער
ווען ער האט געוואלט שילדערן דעם חורבן בית-המקדש האט ער גע-
זעהן אידען מיט צופלאשטעטע קאפאטעס, בערד און פאות, לויפען און
שרייען גוואלד...

אפילו צו שילדערן א עכטען-גלות-איד מוז דער אידישער קינסט-
לער קענען ארץ-ישראל...

פאלעסטינא איז די אנאטאמיע פונ'ם מאדערנעם אידישען טיפ
און האראקטער.

2

ארץ-ישראל קען אויך ווערען דער גרויסער רעוויזירענדער פאק-
טאר וועלכער וועט איבערשאצען אלע אונזער ווערטען וואס זענען
געשאפען געווארען אין גלות; און נים אזוי איבערשאצען ווי איבער-
מעסטען זיי.

ביי דער גרויסער שטארקער ליכט פון דער ארץ-ישראל-זון, ווע-
לען מיר קענען דערזעהן דאס אמת'ע און ארגינעל אידישע אינ'ם
אידישען שאפען אין גלות. פון ארץ-ישראל וועט קענען קומען די ליכט
וועלכע וועט העלפען אין דער גרויסער כנוס-ארביים, צו וועלכער עס
שטרעבט איצט דאס גאנצע באוואוסטזיניגע אידענטום..

ביי דער אריגינעלער ליכט פון ארץ-ישראל וועלען אסך פון
אונזערע קאנאניזירטע ספרים ווערען ספרים חצונים און אסך פון די
אידישע שאפונגען וועלכע מיר האבען געהאלטען פאר נוי'עשע ווע-
לען פון אונז פארהייליגט ווערען..

דאס אידישע גלות-שאפען, וואס איז ביז איצט געווען אימפולסיוו
און אינסטינקטיוו איז איצט געקומען צו דער מדרגה ווען עס וויל
ווערען באוואוסטזיניג..

דער איד האט נאך קיינמאל אזוי זיך נים געוואלט קענען ווי איצט..
קיינמאל נאך איז ער נים געווען אזוי צעריסען און אין יאוש ווי
איצט..



וועט ארץ-ישראל נים זיין דער הויפט פסיכאלאגישער מאטיוו
אין אונזער זעלבסט-אנאליז?

מעג דען נים דער פרייסטער און נעפלינעלסטער גאנג אפילו,
פון ציים צו ציים נים געמאסטען ווערען אין א אקאדעמישער ליכט?..

טאר דען נים די שענסטע און אריגינעלסטע סטאטוע נים גע-
מאסטען ווערען אנאטאמיש?

און באזונדער ווען מען איז אין יאוש, ווען מען בלאנדזשעט אין
דער מדבר פונ'ם אייגענעם איך און אייגען מיט פרעמדס, און פרעמדס
מיט אייגען זענען אריבער די גרעניצען..

3.

פון ארץ-ישראל וועט אויך קענען קומען די גרויסע אידישע רע-
פארמאטארישע באוועגונגען און וועלכע מיר נויטיגען זיך אזוי... דאס
וואס ארץ-ישראל קען ווערען פאר'ן אידישען קינסטלער, קען עס אויך
ווערען פאר'ן אידישען כלל..

ארץ-ישראל וועט באנייען און אבפרישען די פארמען וואס דער
אידישער קינסטלער זוכט און שאפט; ארץ-ישראל וועט באנייען און
אפפרישען די פארגליווערטע נאציאנאלע פארמען פונ'ם גלות-אי-
דענטום. נאטירליך וועט עס געשעהן איב ארץ-ישראל וועט ווירקליך
ווערען א לעבעדיגער שאפונגס מרכז..

אונזערע נאציאנאלע גלות-פארמען זענען פארגליווערט געווא-
רען און די גלות-פסיכאלאגיע צוזאמען מיט דעם אינסטינקט אפצו-
היטען דעם נאציאנאלען קיום האבען אונז קאנסערוואטיוו געמאכט און
נים געלאזט די פארגליווערטע פארמען דורכלופטערען און באפרייען..

דערפאר איז דער אידישער אינטעליגענט א רעוואלוציאנער
*אין דרויסען* און א קאנסערוואטאר *ביי זיך אין דער היים*.. דערפאר זענען אלע רעפארמען דורכגעפאלען אינ'ם
גלות-לעבען.. דערפאר אויך אנטלויפען די בעסערע פון אונז צו פרעמ-
דע זוכען פארמען און ימים-טובים.— מיר בענקען נאך א נייער אידי-
שער שול, וועלכע זאל זיין ניי און אריגינעל-אידיש סיי אין דער ארכי-
טעקטור, סיי אין גייסט און סיי אין פרומקיים..

די אידישע יוגענד בענקט נאך א שול, נאך א מקום תפלה.. דער
גלות וועלכער מוז בטבע קאנסערווירען קען עס נים געבען.. פון ארץ-
ישראל איב דארט וועט ווירקליך געשאפען ווערען א נאטירליך אידיש
לעבען, וועט קומען דער *גרויסער מבשר*...

אין ארץ-ישראל וועט רעפארמירט ווערען אויך דער אידישער
סדור, נאטירליך אפשר אהן רעוואלוציעס..

די אידישע יוגענד בענקט נאך אזא סדור!.. דער איד האט אין גלות פארגעסען צו דאוונען, צו בעטען גאט.. און עס קען זיין אז דאס וואס אונזערע גרויסע צדיקים דער בע'ש'ם, ר' נחמן, דער בערדיטשעווער רב און אנדערע גרויסע און פרייע אידען, האבען נים געקענט פועלן, וועט פועלן דאס לאנד..

דאס וואס דאס הארץ האט נים געקענט אויספירען, וועט אפשר אויספירען דאס ארט...

און נאך עכט-אידישע ימים-טובים בענקט דאס מאדערנע אידענטום—ימים טובים נים קאפיעס פון ימים-טובים נור מאקע עכט-אידישע פול מיט אריגינעלער ליכט און פארב..

ארץ-ישראל וועט זיי אפשר באנייען.. נים נייע נור באנייטע.. (אלע רעוואלוציעס און רעפארמעס זענען נור באנייאונגען).

אין גלות וואגט מען נים.. אין גלות שאפט מען אימפולסיוו און אינסטינקטיוו נים באוואוסטזיניג און פריי..

און דער גרויסער שאפענדיגער אידישער גלות וועט קלארער, ליכטיגער פארביגער און פרייער ווערען ווען דאס גרויסע אריגינעלע ליכט וועט אויפשיינען..

ארץ-ישראל קען ווערען דער גרעסטער רעפארמאטארישער פאקטאר אינ'ם גלות-לעבען פונ'ם אידישען פאלק..

.4

און דאס אלעס קען געשעהן ווען ארץ-ישראל וועט דינען דעם אידישען פאלק און דעם אידישען שאפען און נים פארקערט ווי דער אפיציעלער ציוניזם שטרעבט..

און דאס אלעס וועט געשעהן ווען ארץ-ישראל וועט ווערען א מרכז פאר לעבעדיגע אידען און נים פאר העברעאיזירטע מומיעס... דאס לאנד אליין וועט נאטירליך פסקנען העברעאיש אדער אידיש, ווייל נור אין פרייהיים איז די ווערט פונ'ם לאנד..

אויף פיל הארבערע פראגען דארף ארץ-ישראל ענטפערען—צו מיר זענען אידען אדער נים; צו אונזער גייסט איז אידיש אדער ניין; וועט דאס לאנד נים ענטפערען נאטירליך אויף דער פראגע: צו אידיש צו העברעאיש.

אויפ'ן וועג צו זיך ווילען מיר קומען דורך דער ליכט פון ארץ-ישראל, דורך דעם פרייען קריטישען געדאנק וועלכער וועט דארט אויפלעבען, נאך וואס זשע ברענגען אהין די אלע פארטייאישע פרינציפען און מלחמות און פארשידענע פאראורטיילען..



מיר נעהען צום גרויסען שפיגעל זיך צו קענען אדער זיך צו נארען?

ווען אין ארץ-ישראל ווערען א גלגול מחילות פון אלע פארגליווערטע טויטע גלות קאנסערוואטיזמען.. אדער עס וועט דארט ווערען א לעבעדיגער פרייער אידישער שאפונגס-צענטער וואס וועט מחיה זיין דעם גאנצען גלות, דאס גאנצע פאלק...

די מאדערנע פאלעסטינא-פראבלעמע איז דער גרעסטער און קריטישסטער עקספערימענט וואס איז ווען עס איז געמאכט געווארען אין אונזער געשיכטע. — —

א. ראובני.

# א ירדן-מעשה.

ביים ירדן-ברעג, ארויף פון ים-המלח,
וואו ס'וואסער גליטשט זיך טורמלענדיג פאמעליך,
דער ברייטער טייך—ווי אנ'אומשולדיג שטרעמעל,
פארזוינט, פארגעסן זיך אין מידען דרעמעל,
און ס'רירט זיך קוים דער גרינער שימעל-שילד,
וואס דעקט זיין ברוסט—א, דארטען איז ער ווילד!
דארט טיפער, אונטער יענעם גלאטען אויבען,
וואס נארט דאס אויג און פעלשט אין פרעמדענ'ס גלויבען—
יאגט אן א פראסט, אין מיטען הייסען זומער,
א קאלטער אונטערשטראם, א בייזער און א שטומער,
אין שווימער'ס הארץ, און שוואכט דעם שווימער'ס האנד,
און מאכט איהם אויסשטרעקען דעם קאפ צום לאנד
מיט אויגען בעטענדע, מיט וועה געפילטע—
דער וועה פון האפנונגען, אהן זין פארשפילטע—
און רייסט איהם ווייטער, ווייטער פון דעם ברעג,
און שלעפט איהם טיף—צום חושכ'דיגען רעק...
די קליינע וועלען ווידער פרידליך שפילען,
און דעקען צו מיט זייער לאך און שטילען—
דעם גרויל, וואס ליגט און לויערט פון דער טיף...

צו יענעם ברעג—האט זיך אמאל געמאכט
די היץ פון מיטטאג האט אהין געבראכט,
אין קילען שאטען פון די בוימער-צווייגען,
צוויי בעדואינער-פוסגעהער, און שווייגען
געלעגען זיינען זיי דארט אויף דער ערד,
דעם טורמעל פון דעם וואסערשטראם געהערט,
געזעהן די ברעגען, זומפיגע און גרינע,
דאס וואסער-גראז מיט העלולאך לאנגע, דינע,
וואס וויגען זיך פאמעליך מיט'ן וועל,
און ציהען זיך—און בלייבען אויפ'ן שטעל:
א יאשטשערקע, וואס טוליעט זיך צום בוים,
און איז ווי ער—דאס אויג דערקענט זי קוים;



זי גנב'עט זיך ניט זיכער—און דערנאך
פארשווינדט זי פלוצלונג ערגיץ אין א לאך,
און לאזט נאך זיך א שארכענדיגען קלאנג—
א שלאנג מיט פיס—א לויפענדיגע שלאנג!...
די מענשען רוהען. איינער—אלט און טרוקען,
ער שפארט צום בוים זיין אויסגעדארטען רוקען;
זיין לייב איז ברוין און ברודיג ווי זיין קלייד—
א גראבע העמד, וועלכע ווייס ווי לאנג געטראגן—
געגארטעלט לויז, די אלטע ברוסט איז הויל,
מיט האר באוואקסען ווילד—א גרויער קנויל...
דער אנדערער—א בווינינער, א יונגער,
זיין קוק איז שארף. דער ערשטער לעבענס-הונגער
פון זיינע אויגען אומרוהיגע ווערט—
דאס לעבען שמידט די אלטע וואונדער-קייט
פון גליק און לייד אין ניט-געפרובטען הארץ...
דער יונג איז הויך, און דין, און פעכיג-שווארץ,
א שטארקער נוף, א פלינקער און א שלאנקער;
א שטארקע האנד, די פינגער ווי אנ'אנקער,
ער דרעמעלט גרינג און וואכיג, ווי א הונד,
וואס היט געטריי דעם אלטען קנעכטשאפטס-בונד—
און זעהט זיך פיטערען דעם פאטער'ס שאף...
ער כאפט זיך אויף אין מיטען פון זיין שלאף
און טוט דאס אויג פאמעליך-קלוג אנ'עפען:
גנבים? פייגד?—עס קען זיך אלעס טרעפען!...
ס'איז שטיל. ס'איז הייס. די זון איז הויך אין הימעל.
די שטראלען שפיגלען זיך אין גרינעם שימעל
פון קאלטען שטראם—און קילען זייער ברען.
דאס לאנד ארום—ווי ווייט דאס אויג קאן זעהן—
איז זאמד און שטיינער, גליהענדיג, און וויסט.
די מיטען-זומערדיגע זון פארגיסט
דעם ירדן-טאל מיט פייערדיגע וועלען.
דער פאסטוך זעהט ווי בעסער צו פארשטעלען
די הוילע פיס פון באקאוויזען אין הימעל...
די היץ יאגט אן אויף איהם פון ס'ניי א דרימעל.

און זעהן, צולעצט, זיי זעצען זיך אנידער,
און ציהען אויס די שלאף-געלעהמטע גלידער,

זיי זעהען דאן: די זון צו מערב נייגט זיך,
פון בארג צו טאל א לאנגער שאטען לעגט זיך,
די צונגען, קריכענדיג, דעם בארען לעקען
און מאלען טונקעלע און קילע פלעקען.
א ווינטעל וועהט און פרישט די מדבר-לופט;
די שעה פון רוה די שעה פון מאלציים רופט.
זיי פיהלען דורשט און הונגער, און אין שווייגען
איעדער נעמט זיין פתא מיט די פינגען.
דער טיש—די ערד, די שטולען—אייך די ערד.
מען עסט און הערט—א רויש פון טריט מען הערט.
מען עסט נים מעהר—מען ווארט: די אויגען—שפיזען..
עס האט א מענש—א פרעמדער זיך באוויזען.
פארשוויצט און מיד, נים קוקענדיג ארום,
האט ער צום ברעג דערנעהענטערט זיך שטום
און גלייך געווארפען זיך אין מוטנעם וואסער;
און רויטליך האט געגלאנצט דער לייב דער נאסער
אין מיטען טייך, אין שפיל פון זילבער-שטראמלאך,
און שאטענס בלוויליכע, און זונענפלעמלאך...
פארטראכטערהייד האט דאן געטאן א פורקע
דער אלטער מאן ביי זיך אין בזיום: "טורקי!"—
האט ער געזאגט.—איי, טורקי!..—האט דער צווייטער
איהם נאכגעזאגט.—איי, אסקארי!.. וואו גייט ער?—
זיי זעהען אנ'ענדערונג אין יענעם'ס שטימען:
אהן הילף די גלידער בויגען זיך און קרימען,
די אויגען דרעהען זיך—עס רוכט, ער ווינקט.
דער פרעמדער ראנגעלט זיך.. דער פרעמדער זינקט..
ווי ס'נים אמאל א שטורמווינט א בלאז—
אזוי האט דאן געגעבען זיך א לאז
פון ברעג צום טייך דער יונגער בעדואינער.
עס הוידעט זיך דער שימעל-שילד דער גרינער.
עס שלאגט די מוטנע וועל דער שטארקער ארעם,
און ווי א בויגיג-לאנגער, ברוינער ווארים,
דער שווימער שניידט דאס וואסער פונ'ם טייך.
איהם רייסט דער שטראם. דאך גייט ער פיילען-גלייך,
און גרייכט זיין ציעל, און מיט א מידער האנד
דעם פרעמדען שלעפט ער שווער צוריק צום לאנד.
דער מענש איז לאנג—א זינלאזער, א בלינדער—
געלעגען שטום, פון ביידע מדבר-קינדער



געטרייסעלט און געהייבען, ביז צולעצט,
געקומען דאך צו זיך, און זיך געזעצט,
געאטעמט שווער, געגוסען שפעט רעדען—
נאר פרעמד איז זיי זיין שפראך געוועזען ביידען,
די הארטע שפראך פון ווייטען אנאטאל,
און ווי אין מדבר פירט זיך פון אמאל—
צו זייער סעודה בעטען זיי דעם גאסט.
און ער האט זיך געגעהנט, און מיט א האסט,
ווי איינער, וועלכער הונגערט פיעלע וואכען,
האט ער די פתות טרוקענע געבראכען...
און נאך דעם עסען, לאנגזאם און צופרידען,
צום טייך געגאנגען מיט א טראט א מידען,
און אויף די קני געשטעלט זיך, און פון הויפען
דאס ברעג-וואסער דאס ברודיגע געזויפען...
די ביידע זיצען תמיד נאך געזעסען
אויף זייער ארט, געריכערט נאכ'ן עסען,
און אויף דעם זעלנער טערקישען געקוקט,
ווי ער—ביים ברעג—האט זיך צום שטראם געבוקט...
די ברעג-ביימער, אויך זיי זיינען—פון דאנען—
ווי בוקענדיג זיך נידעריג, געשטאנען,
געבויגען זיך צום וואסער מיט די שפיצען.
עס האט געהוכט, די וועלען צייכענס קריצען
ארום די גלאט-געשווענקטע ביימער-פיס,
און יעדער גלעט און קוש איז ווי א ביס,
וואס רייסט אראפ—א ברעקעל נאך א ברעקעל—
די נאסע ערד פון דינעם ווארצעל-שטעקעל,—
און מאכט דעם ווארצעל אנגעשטרענגטער וויגען,
און מאכט דעם בוים זיך נידעריגער בויגען,
ביז ער פארלירט צולעצט זיין לעצטען האלט,
און גליטשט זיך אויס, און פון דעם ברעג ער פאלט,
און ווערט פון שטראם געטראגען אין דער נידער—
אום זיך קיינמאל נים אומצוקעהרען ווידער..
דער מענש האט פול פון פולען שטראם גענאסען,
און מיט דעם טרונק דעם קילענדען פארגאסען
דעם הייסען דורשט, וואס דורך דעם הייסען טאג,
איז ער געווען זיין מאטערניש און פלאג,—
און זיך געוואלט א הייב טאן פון דער ערד—
נאר יענער הייב איז נים געווען באשערט...

דער ברעג, וואו ער האט טרינקענדיג געקניט,
האט איהם געהיט—קען זיין, שוין לאנג געהיט,
און שטום געלעגען—רוי, און קוימינ-פייכט...
דער מענש האט זיך א גלימש געגעבען לייכט—
און קאפ-אראפ געזונקען אין דעם תהום...
ס'איז אלץ געשעהן אזוי ווי אין א טרוים—
ווי ס'וואלט די טיף צו זיך איהם טאן א שלעפ...
מען האט געזעהן צוויי מורא'דיגע קלעפ
פון ווילדע פיס אין מוטנעם וואסער-שפיגעל...
און ווידער האט דער ירדן, ווי א וויגעל,
די קליינע כוואליעס דרעמלענדיג געוויגט,
און זיי צום ים פאמעלינקעס געשיקט...

דער יונגערער—דאס פנים ווייס ווי קרייד—
האט בלויז איין טראט געמאכט און יענער זייט
און שטרויכלענדיג דעם צווייטען טראט פארהאלטען,
און שטאמלענדיג זיך אויסגעדרייהט צום אלטען:
—וואס איז דאס זיידע?.. זיידע, וואס?... — "דערטרונקען!"
דעם אלטענ'ס קול האט מאדנע דין געקלונגען.
דעם אלטענ'ס אויג האט שארף געפארשט דאס וואסער.
"פון גאט!"—האט ער געזאגט. דער יונג, א בלאסער,
האט שטיל, אהן ווילען, נאכגעזאגט: — פון גאט!—
און צו זיין ארט צוריק געמאכט א טראט.
דער אלטער מאן האט שווייגענדיג געטראכט,
געקוקט אין ברוין-צושוואומענעם פארנאכט,
און מיטאמאל צום צווייטען זיך געווענדעט:
"באשערט איז א י ה ם געווען, פאר'ן ענד,
צו ע ס ע ן נאכאמאל—און נאר דערפאר
האט איהם, צו-שם, געראטעוועט גאט דער האר!"

און האסטיג זייען זיי פון דארט אוועק,
פון יענעם שטילען, דרעמלענדיגען ברעג,
און זיך געמיהט אהינטער נים צו קוקען,
און דאך געקוקט, און מיט א פראסט אין רוקען,
געלאפען ווייטער, ווייטער זייער וועג—
אוועק פון שטילען—צופיעל שטילען ברעג...

י"ד כסלו, התרע"ט.
ירושלים.



# ווי אונזער רבי ר' נחמן ז"ל איז געפארען קיין ארץ-ישראל.

פונ'ם ספר'ל "מסעות הים."

**פלוצלונג** האט ער געזאגט אז ער האט א וועג פאר זיך און ער איז אוועק פון זיין הויז און האט געזאגט אז ער ווייסט נאך אליין נים וואוהין ער פארט. און ער איז געפארען קיין מעזיבוזש. און דארט האט ער געזאגט אז ער האט זיך דערוואוסט אז ער דארף פארען קיין קאמעניץ. און זיין גאנצע נסיעה איז געווען ווי דער וועג פון פשוטע מענשען—אהן קיין שום התנשאות. כאטש ער איז שוין געווען מפורסם אין דער וועלט, האט ער פונדעסטוועגען מזהיר געווען זיינע מענשען וואס זענען געפארען מיט איהם זיי זאלען נים אנטפלעקען אז ער פארט עס. און ער איז געפארען פארשטעלט אזוי ווי געוועהנליכע סוחרים. און ער איז געקומען קיין קאמעניץ און רבנו ז"ל איז אריינגעגאנגען אין שטאדט מיט איין מענש פון זיינע מענשען און האט באפוילען דעם מענש ער זאל ארויסגעהן פון שטאדט ווייל אין יענער צייט האט א איד נים געטארט וואוינען און נעכטיגען אין שטאדט, נייערט אידען האבען נעמוזט וואוינען אויסער דער שטאדט.

און ער איז געבליבען דארט און האט אנגעזאגט דעם מענש פון זיינע מענשען אז מארגען זאל ער קומען אין שטאדט און ער וועט איהם געפינען. און אויף מארגען איז דער דאזיגער מענש אריינגעקומען און האט איהם געפונען דארט.

דערנאך איז ער מיט דעם דאזיגען מענש אריינגעגאנגען אין א צאל הייזער און האבען זיך געמאכט אנ'אויסרייד אריינצוגעהן דארט. און קיינער האט נים געוואוסט וואס איז זיין כונה געווען און וואס ער האט דארטען געטאן, און ער איז אורעקגעפארען אהיים. און זיין נסיעה איז געווען וואונדערליך און אפילו די צוועלכע ער האט אנטפלעקט אין א רמז האבען פונדעסטוועגען נים געוואוסט זיין גאנצע כונה.

איינינע האבען געזאגט אז ער איז געפארען קיין קאמעניץ צו געפינען דארט דעם בעל שם טוב'ס כתבים וואס ער האט זיי פארשלאסען אין א שטיין. און ער ז"ל האט געזאגט אז זיי ווייסען נארנים, ווייל ער דארף זיי (די כתבים) נים און ווען ער וואלט זיי געדארפט וואלט ער זיי אהיים געבראכט.

**ערב** פסח (דאס יאהר תקנ"ח) איז דער רבי ז"ל ארויסגעגאנגען פון דער מקוה און האט געזאגט צו דעם מענשען וואס איז געגאנ-

גען מיט איהם אז אין דעם יאהר וועט ער אודאי זיין אין ארץ-ישראל. און פסח האט ער געזאגט תורה אויפ'ן פסוק "ושבילך במים רבים ועקבותיך לא נודעו" (דיין סטעזשקע איז אין פילע וואסערען און דיינע טריט זענען ניט באוואוסט) און פון די תורה-רייד איז אלעמען באוואוסט געווארען אז ער וועט פארען קיין א"י.

און אז זיין פרוי האט דאס דערהערט האט זי געשיקט איהר טאכטער צו פרעגען ווי וועט ער זיי איבערלאזען און ווער וועט זיי מפרנס זיין. האט ער זיי אזוי געענטפערט: דו וועסט פארען צו דיין מחותן, דיין עלטערע שוועסטער וועט עמיץ נעמען אין זיין הויז פאר א דינסט, דיין קלענערע שוועסטער וועט איינער נעמען פון רחמנות וועגען און דיין מאמע וועט ווערען א קעכין. און וואס איך האב וועל איך פארקויפען אויף הוצאות הדרך. און אז זיינע בני בית האבען דאס געהערט זענען זיי זיך פארגאנגען אין געוויין עטליכע טאג. און ער האט געזאגט: וואס זאל ניט זיין וועט ער פארען געווים ווייל דער רוב פון איהם איז שוין דארט און זיין טעות געהט נאכ'ן רוב. און נאך האט ער געזאגט: איך ווייס גאר פאר א מניעות און אבהאלטענישען איך וועל האבען אהן א שיעור, אבער כל זמן די נשמה און א לעבעדיגער אטעם איז אין מיינע נאזלעכער וועל איך זיך מיט מיין גאנצען כח מוסר נפש זיין און דער גוטער גאט וועט שוין טאן, און אזוי ווייטער...

און נאך האט ער געזאגט: אין יעדען טראט פון זיין נסיעה קיין א"י האט ער מסירת נפש און ער וויל פארען באלד אפילו אהן געלט.

זענען תכף געפארען אנשי שלומנו אין די נאהנטע שטעדטלאך און האבען געזאמעלט אביסעל געלט חאטש אויף די הוצאות פונ'ם אבפארען, ווייל זיי האבען געזעהן אז ס'איז אוממעגליך איהם לענגער אבצוהאלטען.

און ער האט אבגעמאכט בסוד מיט איין מענש פון זיינע מענשען ער זאל פארען מיט איהם אינאיינעם.

**דעם** אכטצענטען אייר איז ער געפארען פון זיין הויז אין מעדוועדיווקא קיין ניקאלאיעוו, דארט האט ער געכאפט א שיף און איז מיט איהר געפארען קיין אדעס.

און ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האט אנגעהויבען פארען קיין א"י דורך אדעס, ווייל פריהער האט דער עולם מורא געהאט צו פארען דורך דעם וועג ווייל מען האט געזאגט אז דער ים איז מסוכן אויף יענעם וועג, און ער האט באלד פארשטאנען אז ס'איז אסך בעסער



צו פארען פון אדעס ווייל מען פארקירצט דעם וועג פון אונזער מדינה קיין גאלאץ. מען נעהמט אויך ארויס פון דער סכנה, וואס איז דא פארענדיג פון גאלאץ, ווען מען נידערט פונ'ם טייך דונא צום ים; ווי ס'איז באקאנט... דאריבער איז ער געפארען מיט'ן וועג פון אדעס קיין סטאמבול און ער האט דעם מענש וואס איז געווען מיט איהם אנגעזאגט ער זאל מיטנעמען פאפיר און טינט, און באלד ווי זיי זענען ארויף אויף דער שיף, האט ער געשריבען תורה און האט מזהיר געווען דעם דאזיגען מענש ער זאל ניט אריינקוקען אין די כתבים...

ווי זיי זענען ארויס פון אדעס אויפ'ן שווארצען ים, באלד אויפ'ן ערשטען טאג, איז געווארען א שטורעם-ווינט, בליצען און דונערען אהן אנ'ערך און ס'איז געווען א גרויסע שרעק פונ'ם רעש און געשריי פון די חוואליעס אז ס'איז אפילו אוממעגליך געווען צו שלאפען ביינאכט. און נאך פיער טאג זענען זיי געקומען קיין סטאמבול און זענען געזעסען אויפ'ן ברעג ווייל זיי האבען ניט געוואוסט אין וועלכען הויז אריינצוגעהן, מחמת ס'איז ניט געווען צו דערקענען צווישען א ישמעאל און א איד און דאס לשון מיט זיי צו רעדען האבען זיי ניט געוואוסט—ביז זיי האבען געפונען איינעם א טאלמעטשער וועלכער האט אויך זייער לשון פארשטאנען און ער איז זייער מליץ געווען, און זיי האבען זיך געדונגען א'ן אכסניא אינ'ם חלק שטאדט וואס ווערט אנגערופען גאלאטא. נאך א שעה אדער צוויי האט ער געזאגט אז ער וויל דארטען ניט איינשטעהן. האט איהם דער טאלמעטשער געפרעגט,—אפשר וועט אייך געפעלען איינצושטעהן אינ'ם עיקר סטאמבול, וואו דער טערק וואוינט און קיין אשה טאר אהין ניט קומען נייערט זכרים. האט ער געענטפערט אז דארטען וועט איהם גוט זיין, און ער האט פאר איהם אנגעפלעקט אז דארט געפינען זיך איצט משולחים פון ארץ-ישראל, און מיט זיי זענען צוויי מענשען פון אונזער מדינה וועלכע זענען געווען אין א"י און קערען זיך איצט אום אהיים אין חוץ לארץ. און אז ער האט דאס דערהערט, האט דער רבי ז"ל געזאגט צו זיין מענש—איך ווארען דיר זאלסט גארניט זאגען ווער איך בין... און זיי זענען אוועק צו דער שטאדט.

און אז זיי זענען אהין געקומען האט איינער פון די צוויי מענשען דערקענט דעם מענש וואס איז געפארען מיט אונזער רבי'ן זכרונו לברכה און זיי האבען איהם געפרעגט: וואס טוסטו דא? האט ער זיי געענטפערט, אז ער פארט מיט אט דעם קיין ארץ-ישראל. האבען זיי איהם געפרעגט—ווער איז ער? האט ער זיי געענטפערט אז ער האט א בילעט פונ'ם קארדאן מקיר"ה פון עסטרייך. און אז זיי האבען דאס געהערט איז זיי איינגעפאלען אויפ'ן רבי'ן ז"ל אז ער פארט פונ'ם

"קארדאן" צו קריגען אויפ'ן הייליגען רב אברהם קאליסקער ז"ל, און גרויסע שטראָף האבען זיי געהאט איבער דעם דאזיגען טעות.

און זיי האבען ווייטער געפרעגט: וואס פאר-אַ כונה ער האט מיט דער נסיעה קיין א"י, האט ער זיי געענטפערט אַז ער ווייסט נים. האבען זיי איהם ווידער געפרעגט: האסטו געפרעגט דיין רבין ר' נחמן צו דו זאָלסט פאָרען מיט דעם דאזיגען מענשען? האט ער געענטפערט—יא.

אָבער זיי האָבען נים געגלויבט אין זיינע רייד ווייל עס האט זיך זיי קלאָר אויסגעוויזען אַז דער רבי ז"ל איז א פאלשער מענש חס ושלום און ער פאָרט צו קריגען אויף די מענשען פון א"י, זענען זיי עס געגאַנגען אויספאָרשען פונ'ם רבין ז"ל אליין, ווער ער איז. און זיי האבען מיט איהם קלינעריש גערעדט אויף פארשידענע אופנים כדי ארויסצוציהען פון איהם אַ וואָרט וואס זאָל זיי קלאר מאכען ווער ער איז, און ער האָט געענטפערט אויף זייער פרעגען און האָט צומישט זייער געדאַנק אזוי אַז זיי האבען שוין גארנים געקענט וויסען. און אלע מאָל האָט ער זיי אויסגעוויזען ווי אַן אַנדער מענש.

זיי האָבען איהם געפרעגט צי ער איז א כהן, האָט ער זיי געענטפערט אַז ער איז אַ כהן; דערנאָך, האָבען זיי איהם פלוצים א פרעג געטאן צו ער איז אַ ישראל, האָט ער זיי געענטפערט אז ער איז א ישראל. האבען זיי איהם געפרעגט, האָסט דאך ערשט געזאָגט אַז דו ביזט א כהן. האט ער זיי געענטפערט: כהן איז די מדה פון חסד און ישראל איז אַ אַנדער מדה און מיט דעם בורא'ס הילף זענען אין מיר דאָ ביידענס מדות...

האבען זיי איהם געזאגט: זעהסט אויס צו זיין פון די חולקים...

און זיי האבען איהם אנגעהויבען פיינט האָבען, און האבען איהם מבזה געווען און געשאלטען, און איינער פון די צוויי מענשען האָט איהם נאך מעהר מבזה געווען. און ער זכרונו לברכה האָט זיי געבעטען כאטש ער וועט זיי געוויס נים מגלה זיין די כונה פון זיין נסיעה פונדעסטוועגען, די גוט און וואויל איז ווען ברידער זיצען אינאיינעם, האָטש איינער ווייסט נים די כונה פון זיין חבר... האבען זיי איהם געענטפערט: אויב דו וועסט אונז אויסזאָגען די כונה פון דיין נסיעה וועלען מיר דיר אַ גרויסע טובה טאָן.

האָט ער געענטפערט: איהר קענט האבען פון מיר א טובה אויב איהר ווילט, איך פון אייך וויל קיין טובה נים, האבען זיי איהם ווידער געענטפערט: עפּעס רעדסטו מיט'ן לשון פון מפורסמים ווי ר' ברוך, ר' שלום און ר' נחמן וואָס זייער וועג איז געווען צו רעדען גרויס אין אַ פארבאָרגען לשון. אבער דו ביזט נים איינער פון זיי, דו ביזט איינער

פון די וואָס קריגען אויפ'ן צדיק הנ"ל. און אידער ער וועט קומען קיין א"י, האבען זיי געזאגט, וועט שוין דארט זיין א בריף אז ער איז פון די חולקים און מרגלים כדי ער זאל זיי נים קענען אפנארען. זיי זענען אויך געגאנגען צו דעם מעקלער פון די שיפען וואָס ער איז געווען פון די פוילישע מענשען און גענומען א ווייב פון די פראנקישע מענשען און זיין שווינער איז געווען א אריינגעהערקע אינ'ם הויז פונ'ם מערק, און דער דאזינער מענש איז געווען גרויס דארט. און זיי האבען ביי איהם געבעטען למען השם ער זאל נים לאזען דעם דאזיגען מענשען פאָרען קיין ארץ־ישראל, ווייל ער איז פון די חולקים, און אויב ער קען איהם נאָך טאָן א רעה וועט זיין שכר זיין דאָפעלט. און אונזער רבי זכרונו לברכה האט דערפון גארנים געוואוסט און ער האָט זיי אפגענאַרט מיט א כונה ביז ס'האָט זיי אויסגעוויזען אז ער איז דער זון פונ'ם קאמארנער מגיד, וועלכער איז דעמאלט געווען אין א גרויסער מחלוקה, ווי ס'איז באוואוסט; און דערנאָך האָט ער אנגעהויבען שעלטען דעם זעלבען קאמארנער מגיד, און יעדעס מאָל האט ער געהאָט א אַנדער נאמען און מיט יעדען נאָמען וואס זיי האבען איהם גערופען האָט ער זיי גענענ־פערט. פלוצים האבען זיי איהם גערופען מיט דעם קאמארנער זונ'ס נאָמען צו פרובען איהם צו ער איז זיין זוהן איז ער תיכף געקומען צו זיי; האבען זיי געטראַכט אויף געווים אז ער איז זיין זוהן. דערנאך האט ער זיי באוויזען אַז ער איז נים זיין זוהן. אין מיטען דריינען האבען זיי אנגעהויבען רעדען פון דער מתנה וואס דער קאמארנער האט געשיקט זיין זוהן, האט ער זיי גענומען בעטען זיי זאלען איהם ווייזען די מתנה, האָט זיך זיי ווידער אויסגעדאַכט אַז ער איז זיין זון. דערנאך האָט ער איהם געשאָלטען, האבען זיי זיך דערשראָקען פאַר איהם, און אַז זיי האָבען איהם געפרעגט: פאַר וואָס האסטו געזאָגט אַז דו הייסט אַזוי אָדער אַזוי? האָט ער זיי געענטפערט: יעדער נאמען איז לויט דער מרה און ספירה וואס איז אין איהם און איך ברוך השם בין זיי אלע טולל.. און אַלעס צו באשרייבען פון דעם ענין וועט אויספעלען פאַרמעט.. און ער האט זיי געבעטען זיי זאָלען איהם פאַרבעטען אויף שבת, האבען זיי נים געוואָלט. איז ער אליין אריין צו זיי, האָבען זיי זיך מיט איהם געקריגט און געוואָלט איהם ארויסוואַרפען אין דרויסען.

כלל הדבר ער האָט מיט א כונה געלאָזט זיך מבוזה זיין מיט כל המינים בזיונות.

און ער האט געזאגט צו דעם מענשען וואָס איז געווען מיט איהם אַז אָט די בזיונות וועלען זיין פאַר איהם א גרויסע טובה, געהענדיג און צוריקקעהרענדיג, ווייל גרויס איז די שטאַרקייט פון די מניעות וואָס זענען אויף זיין וועג קיין א"י. עס איז נאר אוממעגליך זיי אפצו־





קאַמיל פיסאַראָ

פאָרטרעט פון לוסיען פיסאַראָ (פאַסטעל)

מעסטען. ווען נים די בזיונות, האבען מיר געהערט פון זיין היילינ טויל בפירוש, וואלט ער געווען געצוואונגען צו בלייבען און שטארבען דארט אין סטאמבול און די דערנידערונגען האבען איהם געראטעוועט.

זענען די מענשען אוועקגעפארען אהיים און זיי האבען נים געוואלט מיטנעמען א בריף פונ'ם רבי'ן זכרונו לברכה נייערט פון זיין מענשען האבען זיי גענומען, און ער ז"ל האט אריינגעלייגט זיין בריף אין זיין מענשענ'ס בריף. און די מענשען האבען געוואלט עפענען די בריף אפשר וועלען זיי זיך דערוויסען ווער ער איז. נור זיי האבען נים געקענט געפינען די בריף ביז זיי זענען געקומען אויפ'ן "קאמער פון וואלחיי", האבען זיי געפונען די בריף און דערזעהן אז ער איז אונזער רבי זכרונו לברכה. האבען זיי זיך זעהר דערשראקען.

און דער מענש וועלכער האט איהם אסך פארשעמט, איז געשטארבען ביים אריינקומען אין זיין הויז.

**און** באלד נאך זייער אוועקפארען איז צו איהם געקומען דער מעקלער פון די שיפען און האט איהם באוויזען בריף פון די צדיקים פון אונזער דור, וועלכע בעטען איהם ער זאל העלפען די לייט וואס פארען אהין.. בכן, אויב ער וועט זיי מגלה זיין ווער ער איז, איז גוט און אויב נים האט ער כח אין זיין האנט צו טאן מיט איהם שלעכט.

ווייל דער זעלבער מעקלער איז א חשוב ביי די הארען פון סולטאן. און אז ער האט דאס געהערט האט ער זיי באלד אויסגעזאגט דעם אמת. האט באלד דער מעקלער געענטפערט מיט הכנעה: איהר זאלט וויסען אז אלע טובות קענט איהר פון מיר האבען און א גרויסען דאנק וואס איהר האט אויסגעזאגט דעם אמת, ווארום ווען נים דאס, וואלט איך אייך אריינגעזעצט אין תפיסה, און איך בעט פון אייך איהר זאלט אנגעדענקען מיין טובה און איך בין בארייט אייך צו באדינען.

**און** אויף מארגען איז געקומען דער רב דער מפורסם מוה' זאב וואלף, פון טשארני אסטראה און נאך חשובים. און אונזער רביג'ס ז"ל מענש האט פאר זיי אנטפלעקט דעם אמת, האט תיכף ר' זאב געשיקט צו איהם א בקשה ער זאל קומען אין זיין אכסניא, זיין אורח צו זיין, האט ער נים געוואלט און געזאגט אז דא איז גוט פאר איהם, ווייל ער האט זיך דארטען געלאזט טאן פארשידענע דערנידערונגען—ער געהט



בארוועס, אהן א גארטעל, אין א צוריסענעם מלבוש און נאך אזעלכע ענינים פון שפלות..

**דערנאך** האט פאסירט עפעס רחמנא לצלן אין הויף וואו ער איז איינגעשטאנען און ער איז געווען געצוואונגען צו אנטלויפען און אריין אין ר' זאב'ס אכסניא. האט ער איהם אפגעגעבען גרויס כבוד, און ער זכרונו לברכה האט געטאן כמה זאכען געגען דעם ווילען פון ר' זאב. נייער פארקרימטע ליבשאפט... א.ז.וו., און ער איז גאר נים נתפעל געווארען, חאטש ס'איז געווען א וואונדער אין זיינע אויגען ווייל שטענדיג ווען ר' זאב פלעגט דאווענען פאר'ן עמוד, האט ער זכרונו לברכה געגעסען, ווייל ער האט געדאווענט פריהער. און אזוי איז געווען אין דער נאכט פון שבת און צו שחרית, און ווען ר' זאב האט זיך געזעצט צו דער דריטער סעודה, האט ער שוין געהאט אבגעבענטשט און באפוילען זיין מענש ער זאל זעהן צו ס'איז דא שטעקען און ער האט געדאווענט מעריב, הבדלה געמאכט און אריינגעגאנגען מיט דער ליולקע צו ר' זאב'ן. און ער זיצט נאך ביי דער דריטער סעודה. און תיכף האט איהם ר' זאב אויפגענומען מיט גרויס כבוד; אפגעבענטשט, געדאווענט און הבדלה געמאכט. דערנאך האט ער גערעדט מיט אונזער רבי'ן זכרונו לברכה א גאנצע נאכט. און ס'איז געווען א גרויס ליבשאפט צווישען זיי. אויך איז ער געווען אויפ'ן קבר פון ר' נפתלי ז"ל, און אז ער איז געקומען פונ'ם קבר, איז ער פלוצלונג געפאלען אויף דער ערד און אפגעלעגען עטליכע שעה. דערנאך איז ער געלעגען אין בעט א מעת לעת אזוי ווי א געפלעפטער, ביז נאך האט איהם געהאלפען און ער איז צוריקגעקומען צו זיין שטארקייט..

און ער איז געשטאנען אין גוואלדיגע סכנות אהן א צאל. און ער האט געזאגט אז די בזיונות און די קלייניגקייטען האבען געהאלפען...

**און** געזאגט האט אונזער רבי, זכרונו לברכה, אז ער האט זיך אזוי צוגעשטעלט צו קליינקייט אז אפילו ווען ער איז דערנאך געקומען קיין ארץ-ישראל, האט ער זיך מיט כח גענומען צווינגען צו ברעכען די קליינקייט הנ"ל, ווייל עס איז איהם געווען שווער מחמת דער קראפט פון רגילות.

און דער עצם פון זיין חכמה אין דעם ענין איז געווען גוואלדיג טיף. ווייל ווי ס'איז באוואוסט איידער מע נעהמט פון טרעפ צו טרעפ מוז זיין

אַ ירידה, אַ דערנידערונג פאַר דער עליה. צו זיין אַ פשוטער מענש מוז מען האבען קליינקייט. און אונזער רבי זכרונו לברכה איז קיינמאל אין זיינע טעג נים געשטאַנען נייערם אין יעדער שעה פלעגט ער שפיי־נען פון טרעפ צו טרעפ...

דערפאַר איז זיין חכמה אין די ענינים געווען זעהר טיף.

**און** דעמאלט אין יענער צייט איז געווען אַ מלחמה. דער פראַנצויז איז געגאַנגען צום לאַנד פונ'ם טערק קיין ארץ-ישראל, און אז די איינוואוינער פון סטאַמבול האבען דערהערט אַז דער פראַנצויז נעהם און קומט פונ'ם ים, האבען די מענשען פון סטאַמבול קיין מענש נים נע-וואלט ארויסלאָזען פונ'ם שטאָדט-מויער. און ער, זכרונו לברכה, האט געזאגט צו זיין מענש: זאלסט וויסען אז איך וויל זיך שטעלען אין גרוי-סע סכנות אבער דיין זעלע וויל איך נים מפקיר זיין, בכן, אייב דו ווילסט, קער זיך אום אהיים, און איך וועל אליין פאָרען, אויסבאַהאַל-טענדיג זיך פון די היגע מענשען; עס מעג זיך זיין וואס עס וויל, האט איהם דער מענש געענטפערט: וואו מיין האר וועט געהן וועל איך געהן צו ס'איז צום לעבען... א.ז.וו., און השם יתברך האט אין זיין רחמנות געלאָזט פאַסירען אַז אין אַ צייט ארום, האט זיך געלאָזט הערען: היות אין סטאַמבול זיצט אַ גרויסער חכם וואס זאַמעלט נדבות פאַר די אָרימע לייט פון ארץ-ישראל. האט ער זיך פלוצלונג נתעורר געווען און גע-זאָגט: איהר זייט וויסען אַז איך מוז באַלד פאָרען קיין א"י, ווייל ער זעהט ווי עס דערנעהענטערן זיך די טעג און ער וועט מוזען שטאַר-בען... זאָלט איהר נים מורא האבען פאַר'ן פראַנצויז און דאַנהט נים איבער די אידען, וואס ווילען געהען אהין, ווייל ס'וועט זיי קיין שלעכטע זאַך נים טרעפען מיט'ן בורא'ס ווילען. און זיין קבר איז שוין אויך אָנגע-צייכענט געווארען אין ירושלים...

האָבען זיי באַלד פאַרנומען זיינע רייד, געדונגען אַ שיף און אויס-גערופען—ווער ס'וויל געהן זאל געהן!.. זענען געגאַנגען אסך מענשען פון ספרד און פון אשכנז און אויך אונזער רבי, זכרונו לברכה, איז גע-פאָרען מיט דער דאָזיגער שיף קיין ארץ-ישראל.

האָט ער ז"ל גערעדט מיט'ן חכם הנ"ל און ס'איז געבליבען אַ סוד צווישען זיי..

אין אַ צייט ארום איז די שיף געבליבען אהן וואַסער צו טרינקען, איז געווען די סכנה פון דורשט גרעסער פון אלע סכנות. האבען מתפלל געווען די לייט פון שיף פון די וועגען פון זייערע הערצער, האָט זיך



אויפגעוועקט אַ גרויסער שטורעם און האט געבראַכט די שיף נאך צוויי טאָג צום הייליגען ברעג פון יפו. האָט ער זכרונו לברכה געוואָלט אראָפּ פון שיף און געהן קיין ירושלים מיט'ן חכם הנ"ל צוזאַמען, האָט זיך אב-ער געמאכט אַ סבה פון גאָט און די ישמאלים האבען איהם נים געלאָזט ווייל זיי האבען געזאגט אז ער איז אַ פראַנצויזישער מרגל, ווייל זיינע מלבושים, דאס געשטאַלט פון זיין פנים און זיין לשון, זענען פרעמד געווען אין זייערע אויגען, און ס'האָט נים געהאָלפען קיין בקשה. איז ער זכרונו לברכה געבליבען אויף דער שיף. און ס'איז געווען אין דער רשה פונ'ם קאַפּיטאַן צו רוהען דארטען איינינע טעג און ס'איז געווען צוויי טאָג פאַר ראש השנה.

האָט אבער די שיף נים געקענט דאָרטען שטעהן מחמת די חוואַ-ליעס פון ים האָבען זי געוואָלט איבערקערען. און ס'האָט קיין עצה און תחבולה נים געהאָלפען דערצו, איז דאס געווען אַ וואונדער אין די אוי-גען פונ'ם קאַפּיטאַן און ער האָט געפרעגט וואס דאָס באַדייט. האָבען די חכמים פון ספרד איהם געענטפערט: באשר זיי האבען אַ קבלה אין זייערע הענט אַז אין דעם פלאַץ איז יונה אריינגעוואָרפען געוואָרען אין ים.

האבען זיי געלאָזט פאָהרען די שיף פון דאָרט און זי איז געקומען אין דער נאַכט פון זכור ברית אין דער הייליגער שטאָדט חיפה. פאַר טאָג האבען זיי סליחות געזאגט, געדאַווענט שחרית און דערנאָך זענען אלע אראָפּ צו דער הייליגער שטאָדט חיפה.

און די גרויס און די שטאַרקייט פון זיין שמחה וואָס ער האט געהאַט אין דער רגע וואס ער איז געשטאַנען אויף דער הייליגער ערד איז אוממעגליך אויסטייטשען אפילו אַ ברעקעלע דערפון. ווייל ער האָט געזאָגט ווי באַלד ער איז געגאַנגען פיער איילען אין ארץ-ישראל, האט ער געפועלט וואס ער האט געוואָלט משיג זיין... און נאך האַלבען טאָג זענען; זיי געגאַנגען אין דער מקוה און פון דאָרט אין שול און האבען זיך דארט געזאַמט ביז נאַכט. און אַז ער ז"ל איז געקומען צו דער אכסניא, האָט ער געזאגט צו זיין מענשען: וואויל איז דיר וואָס דו האָסט זוכה געווען צו זיין מיט מיר דאָ.

און האָט איהם אויך געהייסען דערמאָנען איהם דאס צעטעל פון די וואָס זענען מיטגעפאָרען. און ער האָט געגעסען די נאַכט-סעודה פון ראש השנה און ער איז געווען אין אַ גרויסער פרייד. אין דער פריה זענען זיי געגאַנגען אין שול און ווען ער איז געקומען פון שול האָט זיך ביי איהם אויפגעוועקט די דאגה. דאָס הארץ האָט איהם זעהר געבראָ-כען און ער האָט מיט קיין בני-אדם נים גערעדט.

און תיכף נאך ראש השנה איז זיין ווילען געווען באלד צו פארען אהיים, נור דער מענש זיינער האט געבענקט צו זעהן די ערטער פון ארץ-ישראל, האט ער געזאגט צו אונזער רבי'ן ז"ל אז ס'איז דא א שיירא, וואס פארט קיין טבריא. האט ער איהם געפרעגט, צו ער האט א גלוסטונג צו פארען. האט ער איהם געענטפערט אז יא. האט ער איהם געזאגט, ער זאל דינגען אייזלען. האט ער אזוי געטאן, און געגע- בען אן אדרעיף. און ווען דער מענש האט זיך צוריקגעקערט האט איהם רבנו ז"ל געזאגט: געה שוין און נעם צוריק דעם אדרעיף און אויב זיי וועלען נים וועלען צוריקגעבען, לאז איהם פארלירען געהן, ווייל איך וויל נים פארען אהין. און אין א פאר שעה ארום איז דער מענש זיינער געווארען קראנק, און זיי האבען געגעבען א לויב צו השם יתברך וואס ער האט זיי אבגעהאלטען פון פארען..

בייערט ווען די מענשען פון צפת און טבריא האבען דערהערט אז אונזער רבי ז"ל איז אין חיפה, זענען די מענשען פון טבריא געקומען צו איהם אויף יום כפור מיט בריוו פון די דארטיגע צדיקים וואס בעטען איהם צו קומען קיין טבריא אויף סוכות. און ער האט דערויף נים אכ- טונג געגעבען און געזאגט צו זיין שמש ער זאל קויפען אתרוגים..

איז ער אוועקגעגאנגען אין פעלד פון ישמאל און געקויפט דריי אתרוגים מובחרים פאר צוויי פארעם...

און אין דער צייט וואס ער איז געזעסען אין חיפה, איז צו איהם געקומען איין ישמאל און האט אסך צו איהם גערעדט, און ער האט איהם נים פארשטאנען. און אזוי יעדער מאל. און ער האט איהם גע- לייטזעליגט... איינמאל איז ער געקומען צו איהם מיט כלי זיין, מיט כעס און א גרויס געשריי, און תיכף ווי דער ישמאל איז אוועקגעגאנגען, האט איין מענש וואס האט פארשטאנען דעם ישמאל'ס רייד געזאגט צו אונזער רבי'ן ז"ל ער זאל למען השם אנטלויפען פון דאנען, ווייל דער ישמאל האט געזאגט אז ער וויל מיט איהם פעכטען...

איז ער באלד אנטלאפען צום חסיד ר' זאב הנ"ל און האט זיך אין זיין הויז באהאלטען. דערנאך איז דער ישמאל ווידער געקומען צום הויז פון אונזער רבי'ן זכרונו לברכה און האט געזאגט—ס'איז באוואוסט צו אַלאָה אז איך האב איהם ליב און איך וויל איהם געבען מיין פערד ער זאל פארען קיין טבריא.

און אזוי איז געווען, ווען ער זכרונו לברכה איז געקומען אין זיין הויז, האט ער איהם זעהר ליב געהאט...——און דער ענין פונ'ם ישמאל איז א גרויסע פליאה. און רבינו ז"ל האט געזאגט אז פון זיין אהבה האט ער געהאט מעהר יסורים ווי פון זיין שנאה... און ווי מען האט גע-



הערט פון זיין מויל איז איהם געשטאנען א גרויסע סכנה אין דעם ענין.

חול המועד סוכות איז דער עולם מיט אונזער רבי'ן ז"ל געגאנגען צו דער הייל פון אליהו הנביא. דארט האט דער עולם זיך משמח געווען און געטאנצט און ער איז געזעסען אין הכנעה, מיט א צובראכען הארץ.. אויף שמחת תורה האבען זיי געפראוועט הקפות מיט שמחה ווי גע- וועהנליך בפרט אז זיי זענען געווען פון די אנשי מעשה... און ער זכרונו לברכה איז געזעסען אין שול און האט נים געוואלט נעמען א הקפה, בייערט ער איז געזעסען אין הכנעה מיט אנ'אראפגעלאזטען קאפ. ווי דער שטייגער זיינער איז געווען ס'רוב, איידער ער האט זוכה געווען צו פועלן דאס וואס ער האט געוואלט, האט ער געהאט א צובראכען הארץ..

און נאך יום טוב האט ער געזאגט צו זיין שמש: בעזרת השם האב איך געפועלט וואס איך האב געוואלט אויפ'ן בעסטען אופן, און איצט איז מיין ווילען צו פארען אהיים. דאריבער, געה דיר און דינג א שיף קיין סטאמבול. האט דער מענש געבעטען זיך אז ער וויל נאך זיין אין טבריא. האט ער איהם געענטפערט: ווי באלד דו ווילסט עס, געה דינג אייזלען צו פארען. ווייל זיין שטייגער איז געווען נים צו איינ- עקשנען זיך. זענען זיי געפארען און געקומען קיין טבריא אבענד צו און ער איז איינגעשטאנען אינ'ם הויז פונ'ם רב ר' צבי הארקער. און די גאנצע שטאדט האט איהם מקבל פנים געווען מיט גרויס כבוד.

האט צו איהם געשיקט דער רב ר' אברהם קאליסקער ז"ל זאגען מיט די ווערטער: היות ס'איז ביי איהם אזא טאג וועט ער דען געמי- דען ווערען צו געהן און איהם שלום געבען. האט ער איהם געענט- פערט אז סיי ווי האט ער גערעכענט צו געהן צו איהם. איז ער געגאנ- גען צו דעם זעלבען ר' אברהם, און ער האט איהם אויפגענומען מיט שמחה און זעהר גרויס ליבשאפט וואס איז אוממעגליך איבערצוגעבען. און ער האט געבעטען ביי איהם ער זאל ביי איהם איינשטעהן. האט ער געענטפערט אז עס איז איהם אוממעגליך בקביעות צו זיין ביי איהם נור אויף שבת וועט ער ביי איהם בלייבען. און ס'איז אזוי געווען, שבת פרשה נח איז ער ביי איהם געווען, און שבת ביי נאכט האט אונזער רבי זכרונו לברכה געבויגען דעם קאפ ער זאל איהם בענשען..

איז הרב ר' אברהם אפגעשפרונגען הינטערהיילעכץ אין א צי- טערניש, גערעדט עפעס אין התלהבות און ס'נים מעגליך געווען צו פארשטעהן זיינע רייד. נור דאס האט מען געהערט: ווי שעמט מען זיך עס נים פאר דעם בעל שם טוב'ס קינדער... און ער האט איהם נים גע- וואלט בענשען.

און ס'איז דארט געווען א גרויסע שמחה; און ביי אלע דריי סעודות האט הרב ר' אברהם געבעטען פון אונזער רבי'ן זכרונו לברכה ער זאל זאגען תורה. און ער האט נים געוואלט. האט הרב ר' אברהם געזאגט תורה. און דאס זאגען תורה פון הרב ר' אברהם הנ"ל איז געווען אין גרויס התלהבות און כמעט האט נים געהערט צו פארשטעהן. נור צום סוף האט ער געענדיגט: אזוי איז דער עיקר עבודת השם יתברך.

און אונזער רבי זכרונו לברכה האט געליבט און געריהמט זיין תורה, וועלכע האט צו זיך כמעט קיין גלייכנג נים. און ער האט גע-זאגט: הגם איך האב שוין געזעהן אסך צדיקים אבער אזא שלימות איז נור ביים צדיק ר' אברהם הנ"ל.

**נאך** שבת האט אונזער רבי ז"ל זיך געמוזט אוועקלעגען. און דער דיין האט געשיקט צום רב ר' אברהם, און ער איז אויך געגאנגען יעדען טאג איהם מבקר חולה זיין.

דערנאך האט דארט פאסירט די געוויסע מעשה מיט דעם שאלק-האפטען מאן, וועלכער האט געטאן גרויסע רעות צו די טבריאר איינ-וואוינער און אלע גדולים פון דער שטאדט זענען ארייננעפאלען אין געפענגעניש. די גאנצע שטאדט איז זיך צולאפען און ס'זענען דארט געווען געוויינען און געשרייען...

אויך אונזער רבי זכרונו לברכה האט געוואלט אנטלויפען האט ער נים געקענט מחמת זיין שוואכקיים. און גאט האט געמאכט אז דער שאלקהאפטיגער מענש איז אונטערטעניג געווארען צו אונזער רבי'ן ז"ל. און דער ענין פון זיין קלוגער הנהגה מיט דעם דאזיגען מענשען, וועט אויספעלען פארמעט אנצופילען. און ער האט באפוילען אונזער רבינס שמש זיי זאלען צוריקקערען אהיים. און אזוי איז דאס געווען.

און אונזער רבי זכרונו לברכה, האט מיט איהם גערעדט מיט חכמה און איהם געזאגט אז ס'איז גוט און שוין א קהל'שער מנהיג זאל מתפלל זיין פאר די אידישע צרות און ער זאל זיין א עניו...

און דער מענש הנ"ל איז געווען א צבוע'ק. האט ער זיך פאר-שטעלט פאר א צדיק און גערעדט מיט אונזער רבי'ן ז"ל וועגען ענינים פון צדקות און ס'האט זיך איהם געדאכט אז אונזער רבי האלט איהם פאר א צדיק. און ער האט איהם געזאגט ער זאל זיך צוזאמענעהמען זאגען תהלים. און ער האט איהם אויך געזאגט: דערמיט וועל איך וויסען אז די האסט נים קיין גאוה, ווען דו וועסט זאגען תהלים אין מיין הויז מיט א גרויס געוויין.. און אזוי איז געווען. ער האט תהלים געזאגט מיט א גרויס געוויין און מיט טרערען.



האט זיך מיט אונזער רבי'ן זכרונו לברכה געפרעהט די גאנצע שטאדט פאר דער טובה וואס איז ארויסגעקומען פון זיין האנט. דער-נאך זענען זיי געפארען צו זיין זיידענ'ס ר' נחמן ז"ל'ס קבר, דערנאך צו די אנדערע היילען. און ווען זיי זענען געקומען צו ר' שמשון בן יוחאי'ס הייל, האבען זיי זיך עוסק געווען אין תפלות און זוהר, ווי אונ-זער רבי זכרונו לברכה האט זיי געהייסען, און ער האט זיך געפרעהט ביז אין דער מארגען ליכט און ווען דער טאג האט אויפגעשיינט האט ער עטליכע שעה געדאווענט אין טלית און תפילין...

דערנאך זענען זיי אוועק צו הלל'ס הייל און ער האט געזאגט די דריי און-פיער-און-דרייסיגסטע קאפיטלען מיט א שמחה. פון דארט צו שמאי'ס קבר און ס'איז אויף איהם דארט אנגעפאלען אנ'עצבות.. און ער האט געזאגט אז ס'איז א גרויס וואונדער אין זייער אריגען און באלד דערנאך האט ער געזאגט אז ער האט א תירוץ דאריף.

און פון דארט זענען זיי אוועק צו דער הייל פון א ינוקא און אין דער הייל, האבען אלע מורא געהאט ארייגצוגעהן. און אונזער רבי זכרונו לברכה איז געווען דער ערשטער ארייגצוגעהן; נאך איהם זענען אלע ארייננעגאנגען. דערנאך האבען זיי זיך אומגעקעהרט קיין טבריא. האט רבנו ז"ל געשיקט זיין מענשען קיין חיפה צו דינגען א שיף אהיים צו פארען. איז דערווייליע געקומען קיין חיפה דער שפיטופקער גאון מיט ארץ-ישראל געלט, האט ער געגעבען דאס געלט צו דעם שמש הנ"ל ער זאל עס צוטיילען אין טבריא. און ווען ער האט זיך אומגעקערט קיין טבריא האט ער געזאגט: ס'איז מן השמים מיר זאלען נאך זיין אין ארץ ישראל און ער האט געוואלט פארען קיין ירושלים.

נור דער רב ר' אברהם האט איהם געבעטען ער זאל נאך בלייבען, און אז דער שפיטופקער רב איז געקומען קיין טבריא, האט ער זיך מיט אונזער רבי'ן זכרונו לברכה זעהר געפרעהט. און זיי האבען ביידע א סוד גרונדפעסטיגט און רבנו ז"ל האט שלום געמאכט צווישען דעם שפיטופקער רב און הרב ר' אברהם זכרונו לברכה.—

און דערנאך האט וואס פאסירט אין שטאדט און ער איז געצווינגען געווען צו אנטלויפען; אבער דער טויער פון שטאדט איז פארשלאסען געווען, איז ער אנטלאפען דורך א הייל ביז ער איז געקומען צו א טויער ביים ברעג פון טייך. איז ער ארויף אויפ'ן טויער און אראפגעגנידערט. און ווען ער איז געקומען צו דער צווייטער זייט האט ער דערזעהן דעם ים אונטען. פון איין האנט פון אויבען איז געהאנגען דער טויער און פון אונטען—דער ים... האט ער אויפגעהויבען זיין הארץ צום הי-מעל, איז ער ארויסגעגאנגען בשלום און געקומען צו דער הייליגער שטאדט צפת.

דערווײלע האָט זיך געהערט אז דער פֿראנצויז קומט, האָט ער געדונגען א שיף פֿון דער מדינה הענז, וועלכע איז געווען אין שלום מיט אלע מדינות און אז די קריג-שיפֿן זעהען די פֿאהן פֿון דער מדינה רעגיז, לאָזן זיי זי געהן..

האָט זיך רבנו ז"ל געאײלט און פֿון דאָרט ארויסגעגאנגען ערב שבת פרשה זכור, און ווען ער איז געקומען צו דער שיף איז געווען נים מעגליך זיי צו נעהמען, ווייל די שיף איז שוין לאנג איבערפֿול געווען. איז ער געצוואונגען געווען אריינצוגעהן אין דער שטאָדט עכו און דאָרט דעם שבת צו בלייבען.

און דאָרט אין דער שטאָדט האָט געהערשט א גרויסער פחד, מחמת דאָרט איז געווען א גרויס חיל פֿון די ישמאלים און דער מויער פֿון שטאָדט איז פֿארשלאָסען געוואָרען. שבת אין דער פֿריה איז געקומען דער טאלמאטש אז אַ שיף פֿון רעגיז איז שוין נים צו קריגען, חאָטש ס'איז אַ סכנה צו געהן מיט די שיפֿען איז אבער א פֿיל גרעסערע סכנה צו בלייבען דאָ, ווייל ס'איז געקומען דער באַפֿעהל אז נאך צוויי טאָג וועט זיין מלחמה; דאריבער איז מותר מן התורה צו דינגען א שיף אום שבת ווייל "פקוח נפש דוחה שבת" און אזוי איז געווען: ער האָט געדונגען א שיף פֿון ווייערטערוועגען. דערווײלע, זענען אנגעקומען שיפֿען מיט ענגלישע-זעלנער און דער פחד איז זעהר גרויס געוואָרען. און די ענגשאַפֿט איז געוואָרען גרויס אין שטאָדט, צוליב די גרויסע חילות וואָס זי האָט נים געקענט אריינעמען, האָבען זיי זיך אביסעל געטריסט וואָס זיי האָבען שוין געדונגען א שיף... זיי האָבען זיך נור מיטער געהען לונג האָט זיך דאָס אַלעס געטראָפֿען. און מען האָט אויך נים געקענט קריפֿען דעם ערשטען טאג. רבנו ז"ל איז געשטאַנען אייגעוויקעלט אין טלית און תפילין און זיין מענש איז אנשלאָפֿען געוואָרען פֿון גרויס צער-פלוצלונג איז געוואָרען א גרויס רעש, ווייל ס'איז געקומען אנ'אוקאַז פֿון פאשאַ, וועלכער האָט געגעבען צייט צוויי שעה אז יעדער ס'קען נים האַלטען קיין געוועהר זאָל אנטלויפֿען מיט'ן ים, ווייל אלע טויערן זענען פֿארשפאַרט; אויב נים וועלען איהם די ישמאלים שעכטען, מחמת זיי האָבען געוואָלט מאַכען גרויסער אין שטאָדט אויסקוילענדיג אלע וואָס געפֿינען זיך דאָרט. איז געווען א רעש, א שרעק און א גרויסע אימה און בשעת'ן רעש איז רבנו ז"ל אנטלאָפֿען, נים קוקענדיג אויף זיין מענשען, וואָס איז געשלאָפֿען. דערנאך האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דער מענש פֿונ'ם גרויסען רעש, געוויין און מהומה און די בעל'הבית'טע פֿון דער אַכסניא האָט צו איהם געזאָגט: איך באַרוויער אייער יונגער איהר



זאָלט דאָ געהרגעט ווערען. מיר האָבען מקבל טובה געווען, מוזען מיר אייך מקבל זיין פֿון גאָט'ס גור... און נאך אזעלכע רייד.

איז אויף איהם אריינגעפֿאלען אַ זעהר גרויס ציטערניש און ער האָט געפֿרעגט אויף רבנו ז"ל וואו ער איז, האָט מען געענטפֿערט אז ער איז דאַכט זיך אנטלאָפֿען אויפֿ'ן ים. אז ער האָט דאָס דערהערט האָט ער געוואָלט לויפֿען און געמען דעם קאסטען מיט די זאַכען, האָט ער זיי נים געקענט אליין טראגען. האָט גאָט אנגעברייט איינעם א פֿרעמדער וועלכער האָט געטראגען מיט איהם די זאַכען... מחמת גרויס מהומה האָט אײנער דעם צווייטען מיט מעסער טמעט געשטאָכען, דורכשטופענדיג זיך אין גאָם. אָבער גאָט האָט זיך דערבארימט און ס'האָט זיך געמאַכט אַז פונקט אין דער שעה זענען די ישמאלים געשטאַנען אויפֿ'ן מויער און עפּעס אַ פֿרעהליכע בשורה אויסגערופֿען, און אלע מענשען האָבען זיך אַהין פֿארזאַמעלט צו הערען, איז צוליעב דעם געוואָרען א וועג צום ים.

און ווען דער מענש איז געקומען צום ים, האָט ער געזעהן אסך שיפֿען האָט ער געזוכט אונזער רבי'ן ביז ער האָט איהם געפֿינען זיצענדיג אין א שיף פֿול מיט ישמאלים. האָבען זיי זיך זעהר געפֿרעהט זעהענדיג זיך צוזאַמען.

דערנאָך האָבען זיי זיך דערוואוסט אַז די שיף איז א מלחמה-שיף און פֿול מיט האַרמאַטען און זעלנער. האָבען זיי זיך געזעהן אין א גרויסער סכנה צו פֿאָרען אויפֿ'ן ים מיט אַזעלכע ווילדע ישמאלים, און אונזער רבי ז"ל איז אריינגעגאַנגען אין שיף און האָט בשעת בהלה נים געוואוסט וואָס דאס איז. האָבען זיי גענומען די ישמאלים און אריינגעבראַכט אין דער גרויסער שיף, זיי געגעבען א באַזונדער חדר און צו זיין שמש האָבען זיי אויך געגעבען א אנגעלאָדענעם פֿייער שטעקען.. און זיי האָבען נים געקענט רעדען מיט זיי, ווייל זיי האָבען נים געוואוסט זייער לשון. נאך צוויי בייגאַכט איז די טיר פֿון זייער חדר פֿארשלאָסען געוואָרען און זיי זענען געלעגען אהן א טעם פֿון עסענוואַרג, וואָס זיי האָבען גארנים געהאַט. נאך איינינע שעה האָט איינער געעפֿענט די טיר און זיי געזאָגט אינ'ם פוילישען לשון: וואָס טוט איהר דאָ, די שיף איז דאָך א קריג-שיף און איהר וועט חס ושלום פֿארלירען געהן. האָבען זיי זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף אין א בהלה און איהם געבעטען ער זאל זיי ארויסלאזען פֿון שיף, האָבען זיי געזעהן אז זיי זענען אין א סכנה און זיי האָבען געהערט קולות און בליצען פֿון די האַרמאַטען. דאַריבער, האָבען זיי געזאָגט איז אסך בעסער זייערע בייגער זאָלען פֿוילען אין ארץ-ישראל.

האט ער געענטפערט אז זיי מוזען איהם געבען געלט און ער וועט רעדען מיט'ן קאפּיטאן וועגען דעם ענין און דער מענש וואס האט אזוי גערעדט איז אוועקגעגאנגען, דערווייל האט דער שמש גענומען געלט פונ'ם קאסטען און יענער מענש האט זיך פאַרזוימט. איז געגאנגען דער שמש צום קאפּיטאן און אויסגעשטרעקט די האנט דעם קאפּיטאן צו געבען דאס געלט, ווייל ער האט געמיינט אַז יענער מענש האט שוין געבעטען פאַר זיי דעם קאפּיטאן, ער זאָל זיי אַרויסלאָזען. נור דער קאפּיטאן האט אויף איהם אנגעשריגען מיט צאָרן. האָבען זיי געזוכט יענעם מענש וואָס האט גערעדט מיט זיי, האָבען זיי דארט קיינעם ניט געפונען וואס זאל קענען רעדען אחוץ טערקיש און אַראַביש. האָט זיי אנגעכאַפּט אַ גרויס ציטערניש, ווייל זיי האבען געזעהן אז זיי זענען אויף א קריגס-שיף און זיי ווייסען ניט ווער ס'זאָל רעדען פאַר זיי אַז זיי זענען אין א גרויסער סכנה. אין דער פריה זענען זיי ווידער געגאַנגען צו פאַלען און בעטען דעם קאפּיטאַן ער זאָל זיי אַרויסלאָזען. האבען זיי דערווייל ארויסגעריסען די אַנקערס און די שיף איז אַוועקגעפלויגען.. די מלחמה האָט זיך געשטאַרקט און עס איז דערהערט געוואָרען דאס קול פון האַרמאַטען און באָמבעס. און ס'איז געפאַלען אויף זיי אַנ'אימה און א פחד ניט צו משער זיין און זיי זענען ביידע געפאַלען קראַנק, ווייל זיי האבען אפילו ניט געהאַט קיין וואַסער צו טרינקען. נור דער גוטער גאָט האט זיי געגעבען חן אין די אויגען פונ'ם קאַפּיטאַנ'ס קעכער, און ער האט יעדען פון זיי געגעבען א שאָל שוואַרצע קאַווע אין דער פריה און אין אבענד. און מחמת זיי זענען געלעגען קראַנק פון שלאַפקייט און אויך פאַרשלאָסען אין חדר, האבען זיי ניט געוואוסט וואו זיי זענען. זיי האָבען נור געהערט א שטורעם ווינט, וואָס האָט געטראַגען די שיף, זיי האָבען ניט געוואוסט וואוהין. נור ווען זיי האבען געהערט אז זיי זענען געקומען צו אַ ברעג, זענען זיי ארויס צו זעהן דאס אָרט וואוהין זיי זענען געקומען. האָבען זיי געזעהן אז דאס איז ניט סטאַמבול. האבען זיי גע-פרעגט און דער קעכער האָט זיי געזאָגט אַז די מדינה ווערט אנגערופען אדאל. און וויבאלד זיי האָבען געהערט אז דאס איז אדאל, זענען זיי באלד געלאָפען אין גרויס שרעק צו זייער חדר און זיך דארט פאַרשפּאַרט און באַהאַלטען.

איז די שיף דארט געשטאַנען דריי טאָג, און פלוצלונג איז געקומען א שטורעם ווינט און אפגעריסען די שרטיק און די אַנקערס זענען געבליבען אין ים... איז די שיף אַליין פון זיך ארומגעפלויגען. עס איז געוואָרען א גרויס געשריי צווישען די ישמאלים. א פאַרצוקטע איז די שיף געווען א גאַנצע נאַכט אויפ'ן ים. ביי דער ליכט פונ'ם מאָרגען איז דער



ים שטילער געוואָרען. אָבער ער האָט זיי ניט געבראַכט צו זייער באַגעהר נור זיי צוריקגעבראַכט קיין עכו.

אין האַלבען טאָג האָט זיך נאָך א שטורעם-ווינט אויפגעהויבען און האָט אַוועקגעטראָגען די שיף, און זי איז געווען פאַרצוקט און צומישט עטליכע טאָג. ארויף צום הימעל און אראָפּ... און ס'האָט ניט געהאָלפען קיין מיטעל [illegible] צו רעטען. אויפ'ן פינפטען טאָג האָט מען אנגעהויבען ארויסצושעפּען דאס וואַסער פון שיף און דאס וואַסער האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און [illegible] און אויך אנגעפילט דעם חדר פון אונזער רבי'ן זכרונו לברכה. זענען זיי געצוואונגען געווען צו לעגען זיך אויף א העכערען פּלאַץ, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט ארויסגעהן און באַווייזען זיך פאַר די ישמאלים. און די וואַסערן האָבען זיך זעהר געשטאַרקט און דער שטורעם-ווינט האָט זיך געשטאַרקט און געהויבען ביז'ן האַרץ פונ'ם הימעל, צו שטורעמען. און אַז ס'האָט אנגעהויבען טאָגען האָט אונזער רבי זכרונו לברכה געזאָגט צו זיין שמש אַז דאס האַרץ חלשט איהם זעהר פון גרויס שרעק... איך זעה אַז איך בין אין א גרויסער סכנה, ווייל איך קען שוין מעהר ניט איבערטראָגען דעם גרויסען פחד און האָטש איך זעה ניט וואָס זיי טוען, זעהט עס פונדעסטוועגען דאס האַרץ... און זיין שמש האָט איהם געלייקענט, זאָגענדיג אַז ס'איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען ווייל אַלעס געהט צו ווי מען דאַרף. איז געגאַנגען דער שמש הנ"ל צו זעהן ווי מען שעפּט דאס וואַסער פון שיף, האָט ער געזעהן אַז אויף דער שיף זענען דאָ אַזעלכע קליינע כוואַליעס ווי אויף קליינע טייכען — און אַז מען האָט שוין אראָפּגעוואָרפען אַלע סחורה אין ים און די שיף איז אָנגעלאָדען מיט וואַסער. און דערפאַר האָט דער מענש געזעהן אַז ס'איז שוין ניט מעגליך על פי דרך הטבע ניצול צו ווערען, איז ער געקומען צו אונזער רבי'ן ז"ל און פאַר גרויס צער און בהלה האָט ער גאָר ניט געקענט רעדען.

האָט איהם רבנו ז"ל געזאָגט: וואָס איז דאס, האָסט ערשט גע-זאָגט אַז אַלעס איז בשלום און איצט ביזטו אַליין אין א גרויסען פחד. האָט ער געענטפערט אַז ס'איז שוין בסדר ניטאָ קיין אויסוועג על פי דרך הטבע ניצול צו ווערען, ווייל די וואַסערן מעהרען זיך אין שיף און דער כח פון די וואָס שעפּען איז [illegible] — ס'איז שוין באַלד א מעת לעת זיי האָבען גאָרניט געגעסען און ניט געזעהן קיין שלאָף מיט זייערע אויגען. אויך האָט איהם דער מענש געזאָגט אַז ער האָט נאָך ניט געדאַוונט. האָט איהם רבנו ז"ל געענטפערט: איצט דאַרפסטו ניט דאַווענען נייערט זיין מקבל דעם על מלכות שמים מיט'ן ערשטען פסוק אַליין; וואָלסט מתפלל זיין די ערשטע ג' ראשונות ואחרונות און דערנאָך וואָלסטו נעמען דאס געלט און צוטיילען אויף צווייען — האַלב

וואָלסטו אנבינדען אָן דיר, און האלב וועל איך אָנבינדען אויף מיין גוף. האָט איהם דער מענש געפֿרעגט: נאָך וואס, דען די פֿיש פֿונ'ם ים וועלען אונז קענען איינשלינגען אהן דעם געלט. האָט ער איהם געענטפֿערט: טו ווי אַזוי איך זאָג דיר. אידען זענען געווען אין ים און ניט דערטרונקען געוואָרען און מיר זענען נאָך דערהיילע אויפֿ'ן שיף... אויך האָט ער געזאָגט דעם מענש זיינעם, ער זאל זיך אָנטאָן און זאל אנבינדען דעם גארטעל אויפֿ'ן טליפֿ. און אויך ער האָט אזוי געטאָן, ווי מע גרייט זיך אין וועג. האָט איהם דער מענש געפֿרעגט: פֿאַר וואס ער איז ניט מתפלל אצונדערט, האָט ער איהם געענטפֿערט אַז איצט איז ער געמינערט און ווייט פֿון השם יתברך, נור קיין ברירה איז ניטאָ, מחמת אזאַ געהאלדיגע סכנה. השם יתברך ווייסט, דאס אלע טעג פֿון מיין לעבען, האָב איך זיך ניט משתמש געווען מיט זכות אבות... נייערט איצטער, בין איך געצוואונגען צו בעטען פֿון השם יתברך ער זאל טאָן אין דעם זכות פֿון מיין זיידען ר' נחמן פֿון הארידאנקי און מיין באבע מרת אײדעל און אינ'ם זכות פֿון מיין זיידען דעם בעש"ט זכרונו לברכה. און מעהר האָט ער ניט מזכיר געווען.

און דערנאָך האָבען זיי געזעהן אזוי ווי א גרויסען וואלקען פֿון ווייטען און א זעהר שוואַרצען... איז געפֿאַלען אויף זיי א גרויסער פחד מחמת, עס טרעפֿט זיך אַז אַ וואלקען שעפּט וואַסער פֿון ים, מאַכט זיך אזאַ מין טאָל... און אַז די שיף פֿאַלט אריין אינ'ם טאָל, ווערט זי דערטרונקען דאָרט. און די תקנה דערצו איז צו שיסען מיט האַרמאַטען און צוברעכען דעם וואלקען.. אבער זיי האָבען קיין צייט ניט געהאַט דערצו, זייענדיג פֿאַרנומען מיט'ן וואַסער-שעפּען, איז טאַקע געווען צרות צרורות...

נור השם יתברך האָט זיך דערבאַרימט און מחמת דער שטאַרקייט פֿונ'ם שטורעם-ווינט איז די שיף געפֿלויגען ווי א פֿייל פֿון בויגען און איז איבערגעפֿאָרען דעם וואלקען בשלום. און דערווייליע האָט גאָט ליכטיג געמאַכט זייערע אויגען און זיי האָבען דערזעהן דעם לאָך דורך וועלכען דאס וואַסער געהט אריין אין שיף, האָבען זיי גענומען א צאָפּ, געקוילעט און אראָפּגענומען זיין פֿעל און צורעכט געמאַכט די שיף; און נצול געוואָרען פֿון די ראַזיגע שרעקליכע סכנות. און דאס אלעס איז געווען ערב שבת קודש, האָט רבנו ז"ל געזאָגט הודו מיט א גרויסער שמחה, און זייער עסען איז געווען פֿונ'ם קעכער'ס רחמנות; סחאָרען מיט קריכענדיגע ווערים אויף זיי, האָט ער זיי געגעבען נאָך דעם ווי זיי האָבען אויסגעשטרעקט די הענט ווי אַנ'אָרימאַן ביי דער טיר... און אַז זיי האָבען זיך דערמאָנט אַז ס'איז שוין נאָהענט צו פסח, האָבען זיי זעהר געטרויערט. ווארום צו פֿאַסטען אַכט טאָג איז ניט מעגליך. נאָך



עטליכע שעה זענען זיי געקומען צו אַ שטאָדט אין מיטען ים, האָבען די ישמעאלים געקויפֿט אסך פירות און זיי געגעבען באַקסערען פֿאַר איין מאָלער. האָט רבנו ז"ל געזאָגט, לעת עתה איז דאָס אויך גוט וואָרום מיר וועלען איבערלעבען די טעג פֿון פסח מיט באַקסער... נור הלואי וואָלט השם יתברך אונז זוכה געווען צו מקיים זיין די מצוה פֿון מצה און די אנדערע מצוות וואס מען איז מחויב צו האַלטען אום פסח.

און די גרויס און שטאַרקייט פֿון די סכנות אין זייער אומקערען זיך איז ניט משער צו זיין, ווייל דער וועג פֿון די ישמעאלים און בפרט וועלכער איז געווען צו כאַפּען אידען און זיי פֿאַרקויפֿען אין דער פֿרעמד. האָבען זיי דערפֿאַר זעהר מורא געהאַט. און ער האָט געטראַכט, האָט ער געזאָגט, אַז אויב מען וועט איהם פֿאַרקויפֿען אין אַ אָרט וואו ס'איז ניטאָ קיין איד, ווי וועט ער קענען מקיים זיין די מצוות און ער האָט גרויס צער געהאַט דערפֿון. האָט ער אריינגעטראַכט אין דעם ענין און זוכה געווען משיג זיין אַז ער וועט קענען דינען גאָט אפֿילו ווען ער וועט חס ושלום ניט קענען מקיים זיין די מצוות, ווייל ער האָט משיג געווען די עבודה פֿון אונזערע אבות פֿאַר מתן תורה, וואס זיי האָבען מקיים געווען אַלע מצוות, כאָטש זיי האָבען ניט געטאָן די מצוות אין זייער פשטות; ווי יעקב אבינו, וועלכער האָט מקיים געווען די מצוה פֿון תפילין אויף א גאַר אנדער אופֿן, ווי ס'איז באַוואוסט... און תיכף ווי ער האָט אזוי געטראַכט איז די שיף דעם פֿערטענטען טאָג אין דער פֿריה געקומען צו א גרויסער פֿרומער שטאָדט וואס שטעהט אויף די אינזלען פֿון ים און איהר נאָמען איז ראָדעס. האָבען זיי זיך זעהר געפֿרעהט וואס זיי וועלען קענען קויפֿען אויף פסח אלעס נויטיגעס. אבער אַז דער קאַפּיטאַן וועט זיי לאָזען געהן אין שטאָדט אריין איז זיי ניט געקומען אויפֿ'ן זינען, ווייל זיי האָבען פֿאַרשטאַנען אַז די ישמעאלים וועלען זיי פֿאַנגען און אפשר נאָך זיי פֿאַרקויפֿען..

אין דעם פֿריה-מאָרגען פֿון ערב פסח, איז דער קאַפּיטאַן אויף א קליין שיפֿעל געפֿאָרען צו דער שטאָדט; און קומענדיג צוריק האָט ער זיי געזאָגט מיט א רמז אַז ס'זענען דאָ אידען אין שטאָדט. און השם יתברך האָט אין זיין רחמנות צומישט זיין געדאַנק און ער האָט אָנגעווינקען אַז איינער פֿון זיי קען געהן און קויפֿען שפּייז. איז געפֿאָרען

דער שמש אין שטאדט. אום איהם צו היטען ער זאל נים אנטלויפען איז נאכגעגאנגען א ישמאל. איז ער געקומען צום חכם הכולל און דערצעהלט אלעס וואס האט פאסירט, אז זיי זענען געפאנגען אין א קריגסשיף און ס'איז נים באוואוסט דעם קאפיטאנ'ס כונה וואס זיין ווילען איז צו טאן מיט זיי... נור בדרך כלל, האט ער דערצעהלט אז זיי זענען אין געפענגעניש און אין א שטארקער סכנה. און דער חכם האט געלוסט צו הערען מעשיות פון דער מלחמה; און ביי איהם איז יעדע רגע גערעכנט פאר וויפיל שעה. און אלע מאל האט צו איהם דער חכם געזאגט: האב קיין מורא נים, האב קיין פורכט נים...

דערווילע האט ער זיך דערמאנט אז ער האט געהערט אין טבריא פון ר' צבי הארקער אז זיין ווייב האט א ברודער אין ראדעס און ער איז א חכם און א צדיק. איז ער געגאנגען צו איהם. און דער דאזיגער חכם האט שוין געהערט אז צוויי אידען זענען אין געפענגעניש. און תיכף ביי זיין קומען, האט ער צו איהם געזאגט: זאלסט גארנים קיין מורא האבען, איך האף מיט דער הילף פון השם יתברך צו הערען אייערע מעשיות אין דער נאכט פון סדר. איז ער געשטאנען פארוואונדערט, ווייל ער האט נים געגלויבט אזוי גיך געהאלפען צו ווערען, נאך אין דעם זעלבען טאג, און צו זיין ביי איהם ביים סדר. האט דער חכם צו איהם געזאגט: זאלסט וויסען אז מיר האבען שוין געפועלט ביים קאפיטאן ער זאל אייך לאזען פריי. נור געלט מוז מען איהם געבען וויפיל ער וועט וועלען. און לויבט צו גאט וואס ער טוט מיט אייך נסים, וואס איהר זענט געקומען אהער. און דער קאפיטאן איז א באריהמטער גזלן און זיין יחוס איז פון די פינף הארען פון פלשתים. אזוי איז זיין חתימה. און איצט איז נים די צייט צו הערען מעשיות, קום מיט מיר צום רופא ער זאל אפגאלען די האר פון מיין קאפ לכבוד יום טוב. האבען זיי אזוי געטאן.

און ער האט איהם געפרעגט: ווער איז דער אנדערער מענש וואס איז געבליבען אויף דער שיף? האט ער איהם געענטפערט: איהר האט געהערט פונ'ם בעל-שם-טוב?—האט ער איהם געענטפערט אז די ספרים פונ'ם פוילישען רב זענען דא נמצא. האט ער איהם געזאגט אז ער איז זיין אייניקעל און אויך א אייניקעל פון ר' נחמן הארידאנקי און אייך ער אליין איז א חכם אזוי ווי אייערע אויגען וועלען עס זעהן. האט זיך דער חכם זעהר געפרעהט און האט געטראכט: אפילו אויסצולייזען פשוטע ערליכע מענשען איז א גרויסע מצוה און בפרט נאך אזעלכע צדיקים. האט ער זיך מיט נאך מענשען געאיילט צו געהן צו איהם.

נור אין מיטען דערינען האבען זיי באגעגענט ישמאלים, וואס האבען זיך געקריגט ביז זיי האבען אייניגע דערהרגעט, זענען זיי אנטלא-

פֿון אינ'ם הויז פֿונ'ם חכם און פֿארשלאסען דעם הויף. און קיין צייט איז דערווייל ניט געווען, ווייל דער טאג האט זיך אפגעקערט. האט דער חכם געזאגט: זיי וויסען אז פֿון מיין יוגענד אָן בין איך עוסק אין תורה און מעשים טובים און מן הסתם האב איך שכר דארויף אחוץ דעם חלק עולם הבא וואס יעדער איד האט; דאס וועט זיין פֿאר אייך א משכון אויב איך וועל זיך ניט משתדל זיין און זיך באמיהען אייך ארויסצונעמען איז עס פֿארלוירען.. אבער דער טאג האט זיך שוין אפגעקערט. ראריבער נעם מצות שמורה, גוטען וויין און די גרינסען וואס זענען נויטיג צום סדר. און אזוי איז געווען און דער מענש איז געפֿארען צו רבנו ז"ל אויף דער שיף.

ווען ער איז אהין געקומען און דער רבי זכרונו לברכה האט דערהערט זיין קול איז ער איהם געלאָפֿען מיט א שמחה אנטקעגען און געזאגט: דאנקען השם יתברך וואס איך זעה דיך לעבעדיגערהיים, ווייל איך האב געמיינט אז זיי האבען דיך דערטרונקען אין ים. און געבענשט איז זיין נאמען וואס ער גיט דעם מידען כח צו לידען ביז דיין קומען.. האבען זיי מתפלל געווען, געפראַוועט דעם סדר ווי עס דארף צו זיין און דער מענש האט איהם דערצעהלט אלעס וואס איז מיט איהם געשעהען אין שטאדט. און ער האט זיך זעהר געפֿרעהט.

און אויף מארגען איז געקומען דער באַפֿעהל, מען זאל פֿיהרען די שיף צו דער שטאדט. האבען זיי צוגעבונדען די שיף צום ברעג, און ער איז אויך געווען די צווייטע נאכט אויפ'ן שיף. און אויפ'ן צווייטען טאג איז געגאַנגען דער מענש אין שול אריין דאַווענען אין שטאדט און נאך דער תפלה, איז ער געגאַנגען מיט'ן חכם אהיים עסען און אין מיטען דער סעודה האט דער חכם געזאגט תורה-חדוש און אויך פֿון אנדערע צדיקים.

און ער האט געבעטען פֿון דעם מענשען ער זאל זאגען תורה פֿון אונזער רבי'ן ז"ל. האט ער איהם עפעס געזאגט, ס'איז גוט געווען אין זיינע אויגען.

און דערנאך איז געגאַנגען דער מענש מיט'ן גבאי, מיט גוטע מאכלים און האבען עס דערצעהלט צו אונזער רבי'ן ז"ל. האט ער זיך זעהר געפֿרעהט.

**דעם** עשרטען טאג חול המועד איז דער מענש געגאַנגען צום חכם. האט איהם דער חכם אנגעזאגט, ער זאל שטילערהייט נעמען זיין געלט פֿון שיף און ברענגען אין שטאדט, כדי מען זאל דאס געלט ניט אוועק'גזלן. האט ער אזוי געטאן. דערנאך איז געגאַנגען דער חכם





יצחק ליכטענשטיין

אין א ירושלים'ער געסעל

מים צוויי גבירים צום קאפיטאן און איהם געזאגט: גיב אונז די צוויי דאזיגע מענשען. האט ער געענטפערט: וואס קערט איהר זיך אן מיט זיי, איך האב זיי זוכה געווען פון הפקר.. און ער האט זיי דערציילט אלע פירינקייטען פון וועג, ווען ס'איז נים געווען קיין רגע אהן א פלאג. איך האב זיי געקענט דערטרינקען אדער פארקייפען און אלע חפצים זייערע וואלטען געהערט צו מיר און קיינער וואלט נים געוואוסט. נור וואס זאל מען טאן ווען זייער מזל איז הויך ביז'ן הימעל און לא די וואס ס'האט זיך געמאכט א נס און די שיף איז געקומען אהער האט זיך נאך א נס געטראפען און מיין שכל און הארץ זענען צומישט געווארען און איך האב געשיקט איינעם פון זיי אהער. און איצט מאר איך געוויס נים נעמען זייער געלט. נור די קנעכט וועלען נים פאריבעל האבען נים צוויי הונדערט ר"ט.—

האבען זיי איהם געגעבען באלד ווי זיין חילען און האבען זיי גערעטעט פון טויט צום לעבען, פון קנעכטשאפט צו גאולה.. און זיי זענען געקומען אין שטאדט. און ווי אזוי זיי זענען געקומען אין שטאדט, האבען די ישמעאלים אויף זיי געזאגט אז זיי זענען מרגלים, איז געפאלען א גרויסער פחד אויך אויף די ספרדים, האבען זיי געבראכט מלבושים אזוי ווי זייער מנהג און זיי געמאכט אנטאן.

רבנו ז"ל האט דערפון צער געהאט, און זיין מענש האט געלאכט.. איז אויף איהם אין כעס געווארען אונזער רבי און געזאגט, אז ס'איז דא אויף זיי א קטרוג...

און ער איז דארט געווען אין גרויס כבוד ביז איבער יום-טוב. און די צוויי הונדערט ר"ט, האבען די מענשען פון שטאדט געגעבען פון זייער קעשענע און נים געוואלט ביי זיי צוריקנעמען.

און נאך יום טוב האבען זיי געדונגען א שיף קיין סטאמבול. זענען אין דער שיף געווען גרעקען אסך און אויך א גרויס עפוש.. און א גרויסער שטורעם-ווינט איז געווען און חאטש זיי האבען געהאט צער פונ'ם שטורעם, האבען זיי זיך אבער געפרייהט וואס זיי זענען געקומען אינ'ם צעהן טאג. און אויך דארט זענען זיי געווען אין סכנה צוליב די פאסען און מען האט זיי באשטראפט מיט א גרויסען סך... זיי האבען אבער נים געקענט געבען אזוי פיל. האט השם יתברך זיי אנגעברייט א מענש וואס האט זיי נים געקענט און ער האט זיך אויסגעגליכט מיט'ן שר פון די ישמעאלים, און ס'איז נים באוואוסט וויפיל ער האט געגעבען ביז'ן היינטיגען טאג. און ער האט גענומען א קווימעל פון שר, זיי צו רוה לאזען. און האט זיי אנגעזאגט זיי זאלען די זאך האלטען בסוד, און זיי זענען בשלום אנטרונען,



און פון דארט זענען זיי געפארען מיט'ן ים אהיים און זענען געקומען אין א שטאדט אויף די איזולען פונ'ם ים, און דארט האט מען זיי געפאנגען, האבען זיי געגעבען פיער רענדלעך פאר יעדען באזונדער און מען האט זיי באפרייט.

פון דארטען זענען זיי געפארען און ס'האט זיי גארנים געטראפען אויסער דאס צירענען פון ים, און איין שיף וואס איז געגאנגען צוזאמען איז צובראכען געווארען און אלע זענען כמעט דערטרונקען געווארען.

און זיי זענען געקומען בשלום קיין גאלאץ אויף שבועות.

און פון דארט זענען זיי געפארען מיט'ן וועג פון יאסי און ס'איז דארט געווען א גרויסער עפוש רחמנא לצלן. זיי האבען געהאט יסורים אין יעדער שטאדט, און מחמת דעם איז זיי שווער געווען אריבער דעם גרענעץ...

און השם יתברך איז געווען אין זייער הילף און זיי זענען געראטעוועט געווארען פון אלע אומגליקען—פון מארד, הונגער און געפענגעניש...

מים גאט'ס גנאד זענען זיי פון אלעם אנטרונען געווארען און ער איז געקומען אהיים גאנץ מיט'ן גוף און מיט זיין געלט, גאנץ אין זיין תורה, ווייל ער האט זוכה געווען אין ארץ-ישראל צו א יאהר וואונדערליכער השנה.

**נפתלי גראָס.**

# אַ חלום פֿון אַ פֿריהלינג-פֿאַרנאַכט.

די לייכטע פֿרישקייט פֿון דעם פֿריהלינג ווינט,
די פֿוילע ערד, וואָס האָט ערשט אויפֿגעריננט,
די וואַרעמקייט און פֿרישע ליכטיגקייט,
זיי האָבען ביז דיין חורבה-שטוב פֿאַרוועהט.
שפּאַצירסט אַרויס. ביסט דאָך אַ לעבענלאַנג
אין גאָרטען ניט געווען. און אויף דיין גאַנג
קוקסטו צו יעדער זאַך זיך צו,
און אַלץ זעהט אויס גלייך וואָלסט עס שוין געזעהן אַמאָל,
כאָטש אַלץ איז יונג און נייַ, אָט ערשט פֿון פֿעלד
און בוים אַרויסגעוואַקסען אויף דער וועלט,
און וועהט מיט אַזאַ פֿרישקייט איבעראַל.
אַזוי איז אויך דער זונענאונטערגאַנג
סוף זומער אין די בערג; דער וואַסערפֿאַל,
דער שנעלער שטראָם, וואָס קומט און געהט זיין גאַנג
און בלייבט דער זעלבער אַלץ. און דו אין מיט
שפּאַצירסט זיך לאַנגזאַם אום. און ווערסטו מיד
פֿון גאַנג, זוכסטו אַ באַנק אויף ערגיץוואו
און אַ געמיטליכער זעצסטו זיך צו;
שפּרייטסט אויס די הענט פֿון ברעג צו ברעג
און לייגסט זיי אויף דעם אָנלעהן פֿון דער באַנק אַוועק.
פֿאַרקוקסט זיך—דאָך, ווער ווייסט אויף וואָס, אַז וואָס
דו זעהסט באַקומט אַן אַנדער פֿאַרב און מאָס...
די הייזער קעגען פּאַרק—אַ קינדערשפּיל
פֿון קעסטעלעך פֿון יעדער פֿאַרב און גרויס,
און דו—אַ קינד, אַ גאָט—דו שפּילסט דיין שפּיל.
באַפֿעהלסט—אַ בליק—ס'געשעהט: מען בויט דיר אויס
אַ טורעם—אויף דער וועלט איז ניט געווען
נאָך אַזאַ ווערק. מען קומט פֿון ווייט עס זעהן,
באַוואונדערט מען און אַלע רימען דיך:
ס'אַ וואונדערווערק די האָסט באַשאַפֿען זיך.
געפֿעלט דיר אָבער ניט. צו דאַרפֿסטו דען,
אַז יעדערער זאָל קומען ס'ווערק דיינס זעהן
און גרויסען דיך, און לויבען דיך דערפֿאַר,
און זינגען לויבלידער ווי צו אַ האַר?—



באַפֿעהלסט אויפֿסניי—אַ בליק—ס'געשעהט:
מען רייסט דעם טורעם איין, און אַלץ פֿאַרוועהט,
ווערט ניט. און גאָרניט, גאָרניט איז צו זעהן,
גלייך ס'וואָלט קיין טורעם קיינמאָל ניט געווען,
נאָר קעסטעלעך, ווי פֿון אַ קינדערשפּיל
צעוואָרפֿען דאָ און דאָרטען אָהן אַ ציל;
נאָר קעסטעלעך פֿון יעדער פֿאַרב און מאָס,
מיט געלע פֿענסטערלעך פֿון ריינעם גלאָז,
מיט טירעלעך, וואָס שלינגען מענשלעך איין
און שפּייען זיי אַרויס אין גאַס אַריין.
און דו—אַ קינד, אַ גאָט—דו שפּילסט דיין שפּיל,
געפֿעלט דיר אָבער ניט אַזאַ מין שפּיל...
וואָס טויג דיר טאַקע קעסטעלעך, צו וואָס,
מיט געלע פֿענסטערלעך פֿון ריינעם גלאָז,
מיט טירעלעך, וואָס שלינגען מענשלעך איין
און שפּייען זיי צוריק אין גאַס אַריין?
צי וואָלט דען גלייכער ניט געווען, עס זאָל
בלויז גרינער גאָרטען זיין מיט באַרג און טאָל?
אַז יעדער באַרג זאָל קוועלען קוואַלען ריין,
דורך טאָלען זאָלען ברייטע טייכען געהן
באַוואַסערען די פֿעטע פֿלור און פֿעלד,
און דאַן פֿאַרפֿאַלען ווערען איז דער וועלט?
און ברויט פֿאַרפֿול, און רויטער וויין אין קרוג
זאָל זיין און זיין פֿאַר אַלעמען גענוג.
און דו—אַ קינד, אַ גאָט—דו קוועלסט און קוועלסט,
און אַלעס ווערט אַזוי ווי דו באַפֿעהלסט.
און אַלץ איז אומעטום שוין, דאַכט זיך, גוט,
שפּאַצירסט זיך אום, און זעה—נאָר איין מינוט—
אַז ערשט—די מאַנעלעך און ווייבעלעך
אין בונטע קליידעלעך און הייבעלעך,
וואָס וואוינען אין די טאָלען, אויף די בערג,
אָט זיי געפֿעלט נאָך ניט אַזאַ מין ווערק...
צו אַלדי יאָהר!—דו ציה זיך ליבערשט אויס
אָט אויף דער באַנק, ווי לאַנג דו ביסט און גרויס,
און אָטעם מיט דעם אָטעם פֿון דער וועלט—
ביסט דאָך אַ לעבענלאַנג שוין ניט געווען אין פֿעלד.

דזש. ב. מאנסאן.

# קאמיל פיסארא.

## אפשאצונג.

קאמיל פיסארא האט פארנומען אנ'איינגעארטיג ארט אין דער פראנצויזישער אימפרעסיאניסטישער באוועגונג. זיינע ווערק זענען ווייניגער ארטיסטיש, אבער דערפאר מעהר פאעטיש ווי די פון זיינע חברים. ער איז געווען פארליבט אין נאטור און מענש—ער האט זיך נישט באנוגענט מיט מאלען דאס איבערפלעכליכע אויסזעהן פון זאכען—מאמענטאלע עפעקטען פון ליכט און פארב. ער האט געזוכט טיפער. ער האט מיטגעפילט און זיך צוגעהערט צום לעבען, און דאס גיט זיינע ווערק דאס שטארקע געפיהל פון אינטימקייט. דער וואס קען זיינע בילדער פארשטעהט זיין ליבע צו אלעם וואס לעבט. און אין דעם איז זיין גרויסקייט.

ווי פיין עס זענען זיינע מעלות אלס מאלער—זיינע אידעלע, לייכ-טענדיגע קאלירען, זיין סובטילער טאן, דאס כמעט ליבליך-גלעטענדיגע אין זיין צייכנען וואס גיט א דעליקאטע לעבעדיגקייט צו אלעם וואס ער שילדערט, איז עס אבער די טיפקייט פון זיין פיהלען וואס שטעלט זיינע ווערק אזוי הויך און באזונדער.

אנדערע האבן אויך געקענט האבן אזעלכע גלענצענדע טעכ-נישע פעהיגקייטען, אבער אין געפיהל—אין דעם מהות פון הארץ און פארשטאנד, וואס איז דער תוך פון יעדער גרויסער קונסט, האט קיי-נער נים דערגרייכט קיין העכערע מדרגה.

און דוקא אט די סגולות זיינע האבן פארהאלטען די אוניווער-סאלע אנערקענונג פון זיין גאונות, ווייל זיי זענען שטילע, סובטילע, נים-שרייענדיגע. מען דארף זיי זוכען און דערפיהלען; זיי רעדען נור צו דעם וואס פארשטעהט זיי און פיהלט זיי מיט. זיי רייסען נים די אויגען, זייער ארט איז נישט אויפ'ן מארק.

די געשיכטע פון קאמיל פיסארא'ס אנטוויקלונג איז אויסערגעוועהנ-ליך אינטערעסאנט. ער האט נים געהאט קיין אקאדעמישע בילדונג. גלייך פון אנהויב איז ער געגאנגען דירעקט צו דער נאטור נאך אינ-ספיראציע, און געצייכענט די רעאלע לעבעדיגע זאכען ארום איהם. ווען ער איז געקומען קיין פאריז איז ער געוועהנליך מושפע געווארען פון קארא און קורבע, די רעאליסטישסטע מאלער דארט צו יענער צייט. די ראפינירטע איידעלקייט פון קארא האט איהם געפאנגען; קורבע'ס



כח האט אפעלירט צו זיין חוש פאר'ן רעאלען. ער האט פאראייניגט בײדע עלעמענטען, ער האט זיי פארדייעט און געשאפען ווערק וואס זענען שוין געווען באלעבט מיט זיין אייגענעם גייסט. מיט זיין פרייעם, עהרליכען פארשטאנד און זיין זוכען דעם נאטירליכען אמת, האט ער נישט געקענט נים זעהן אז דער קאנווענציאנעלער ברוינער קאלארים וואס איז נאך אלץ געווען אין קורבע'ס ארבייט, קען נישט איבערגעבען די אמת'ע פארב פון דער נאטור. אזוי ווי געוויסע אנדערע מאלער מיט גלייכע צילען האט ער געזוכט מעהר פאסענדיגע און נייערע אויסדרוקס וועגען. פון אט דער צוזאמענדיגער ארבייט איז ארויסגעוואקסען די אימפרעסיאניסטישע באוועגונג. עס האט זיך געעפענט א נייע וועלט פון קונסט-אויסדרוק מיט אומענדליכע מעגליכקייטען, און פיסארא'ס לעבען איז פון איצט און געווארען א פארשונג פון אט דער נייער וועלט. ביז דעם טאג פון זיין טויט, האט ער אלץ גע-לערנט און דערגרייכט נייעס און בעסערעס.

ווען ער האט זיך גענומען מאלען פויערים ארבייטענדיג אויפ'ן פעלד, האט מען איהם באשולדיגט אז ער מאכט נאך מילע. עס איז אבער פאראן א גרונד-חילוק וואס באלייכט זעהר אינטערעסאנט די פארשידענע כאראקטערען פון די צווי מייסטער. מילע האט גע-שטרעבט צו מאלען זיינע פויערים הערא'יש, זיי זענען געווארען איבער-פויערים. פיסארא האט פארשטאנען אז זיי זענען א טייל פון דער גאנ-צער נאטור. ס'איז איהם געווען גענוג וואס זיי זענען פשוטע מענער און פרויען. זיין סימפאטיע האט איהם געהאלפען זיך צו אידענטיפיצירען אזוי צו זאגען, מיט זיי, צו טיילען זייער גורל און פיהלען זייער פרייד און שמערץ. מילע האט געקוקט אויף זיי ווי אויף עפעס אויסער איהם, און זיך באמיהט זיי צו מאלען אבסטראקט. דעריבער איז אין זיי פאר-לארען געווארען זייער עיקר און די פאעזיע וואס איז אין אלעם לעבע-דיגען.

יעדער פארם פונ'ם לעבען האט געהאט אנ'אינטערעס פאר פיסארא. זיין ערשטע און דויערענדיגסטע ליבע איז געווען צום פעלד און צום פשוטען פרימיטיווען לעבען פונ'ם לאנד. אט דאס לעבען האט ער געמאלט אזוי ווי ס'איז נאך קיינמאל פריהער נישט געמאלט געווארען, אבער געמאלט האט ער כמעט אלץ וואס ער האט באגעגענט. זיינע מאלערייען און צייכנונגען פון די טייכען און האפענס פון צפון פראנק-רייך און די גאסען פון רואן און פאריז, האבען אלע כאראקטעריסטישע שטריכען פון זיין פערזענליכקייט און זיין בליק אויפ'ן לעבען. מיט יעדען נייעם מיטעל וואס ער האט געברויכט, האט ער געפונען נייע וועגען פון אויסדרוק און אנטפלעקט פרישע מעגליכקייטען אין וואסער-פארב, אין אייל-פארב, אין ליטאגראפיע, און אין ראדירונג.

לוסיען פיסארא*

# קאמיל פיסארא.

## ביאגראפיע.

קאמיל פיסארא איז געבארען געווארען אין סיינט טאמאס (אין דענישען וועסט-אינדיען) אין 1830. זיין פאטער איז געווען א דארטיגער סוחר. מען האט איהם געשיקט לערנען קיין פאריז, וואו ער איז אריין אין דער "אינסטיטוט סאווארי" אין פאסי. ער האט זעהר פריה געוויזען א פעהיגקייט פאר צייכנען און מאלען.

סאווארי אליין איז געווען דער לערער איף דעם, און ווען פיסארא איז צוריק געפאהרען אהיים, האט ער איהם געראטען ער זאל דארט אויסנוצען די קאקאסנוס-ביימער, און זיי מאלען דירעקט פון דער נאטור. פיסארא האט איהם געפאלגט און זעהר שנעל באקומען א געוויסע געשיקטקייט אין צייכנען.

זיין פאטער ווי סרוב עלטערען פון יענער צייט האט ניט געהאלטען פון קונסט אלס אנ'ערנסטע מלאכה און ער האט איהם געשאפט א שטעלע אין א ביורא. איינע פון זיינע ארבייטען איז געווען צו פארצייכנען די שיפ-פראכטען בשעת זייער אויסלאדונג. דארט האט ער געקראגען די מעגליכקייט צו צייכנען די האפען-ארבייטער.

אין 1852 איז דורכגעפאהרען דורך סיינט טאמאס, א דענישער מאלער, פריץ מעלבי, אויפ'ן וועג קיין ווענעזוילא וואו די דענישע רעגירונג האט איהם געשיקט שטודירען און צייכנען די דארטיגע געוויקסען. פיסארא האט איהם דערצעהלט וועגען זיינע שוועריגקייטען, וועגען דעם וואס זיין משפחה לאזט איהם נישט ווערען א מאלער. מעלבי האט איהם געמאכט א פארשלאג אז ער זאל מיטפאהרען מיט איהם קיין ווענעזוילא און איהם העלפען מיט זיין ארבייט. פיסארא האט מיט פרייד אנגענומען דעם פארשלאג, און איבערלאזענדיג א בריף פאר זיין משפחה, איז ער אוועקגעפאהרען מיט מעלבי. ער האט געמאכט א סך פון די צייכנונגען וואס געפינען זיך איצט אין דער קאלעקציע פון דער דענישער רעגירונג.

אין 1855, איז זיין משפחה אוועק פון סיינט טאמאס, און זיך באזעצט אין פאריז, און דארטען איז קאמיל פיסארא געקומען צו זיי.

אין פאריז איז ער געווארען מושפע פון קארא, און ער האט זיך אויך באקענט מיט מאנעי, רענואר, סעזאן, סיזלי און זשילאמין. אט די

* לוסיען פיסארא וועלכער איז אליין א באוואוסטער קונסט-מאלער, איז דער זוהן פון קאמיל פיסארא.



גרופע התלהבות'דיגע יונגע מאלער האט געשאפען אונטערן איינפלוס פון דעם הערשענדען אין יענער צייט, רעאליזם פון קורבע. זיי האבען שטודירט די נאטור און דאס לעבען ארום זיי, און זיי האבען געמאכט פארשידענע וויכטיגע ערפינדונגען וואס האבען א שייכות צו פארבווערטען אין היפוך צו ליכט און שאטען. אט די ערפינדונגען האבען געשאפען דעם יסוד פון דער שולע אין דער מאלעריי וואס איז שפעטער באוואוסט געווארען מיט דעם נאמען "אימפרעסיאניזם".

אזוי ווי דער פאריזער סאלאן האט זיך יאהר יעהרליך אפגעזאגט אויסצושטעלען זייערע בילדער, האבען זיי באשלאסען צו מאכען אנ'אייגענע אויסשטעלונג אין א פאר שעהנע צימערען אין א גוטע געגענד. זייער נייקייט פון גרופירען און סטיל פון מאלען האט געמאכט א רעשם, און שטארקע ויכוחים זענען אנגעגאנגען אין דער פרעסע וועגען זייער ארבייט. ביסלעכווייז אבער זענען זייערע אידעען פארשטאנען און אנגענומען געווארען, און זייער השפעה האט מיט דער צייט רעוואלוציאניזירט די מאדערנע קונסט אין דער גאנצער וועלט.

קאמיל פיסארא, איינער פון די וויכטיגסטע מיטגלידער פון דער גרופע, איז געווען דער איינציגער איד צווישען זיי. עס פיהלט זיך זיין אריענטאלער שטאם אין זיינע ווערק, האטש זיינע טעמאן זענען מייסטענס לאנדשאפטען און פויערים אויפ'ן פעלד.

אין 1870 איז קאמיל פיסארא געקומען קיין ענגלאנד. די דייטשען האבען פארנומען זיין הויז אויף זייער וועג נאך פאריז, און צושטערט אלע זיינע בילדער. דאריבער ווייזט אויס קאמיל פיסארא צו זיין זעהר א רייפער קינסטלער, ווייל נאר ווייניג פון זיינע פריהערדיגע בילדער זענען געבליבען.

קאמיל פיסארא איז געשטארבען אין פאריז אין 1903. ער האט איבערגעלאזען א סך ווערק אין אויל, טעמפערא, גואש און וואסער-פארב, און אויך א סך צייכנונגען און 170 ראדירונגען און ליטאגראפיעס.

# מלחמה - לידער.

## א.

א קאַנאָן שיסט אויס— —און דער וואָס שיסט,
ווייס אדער ווייס נישט פון די לעבער וואָס ער מאַכט
אויף די וועגען אדער אין די פעלדער וואַליענדיגען
נעלען קאָרן,
אדער אין די הייזער וואו די מענשען וואָהנען.
אדער אין אונזערע הערצער — —
און די וואס שטעהן אָדער געהן אויף די וועגען,
קוקען ווי עטליכע פיפציג וושאַבעס שפּילען זיך,
און זיי טראַכטען וועגען אַזוי פיעל געטויטע נשמות — —
א קאַנאָן שיסט אויס.

## ב.

## פרייד.

ווען די פרייד רופט די שטילע,
די נישט-צו-קבורה-געבראַכטע ליבעס,
פון די נאַקעטע מיט דורות-באַלאָדענע בערג,
פון די הייטע מדבר-טאָלען,
וואו זיי רוהען צווישען די הויכע אייביגקייטען—
ווען די פרייד רופט זיי,
פרעסען זיי זיך צונויף
אויף א שרעקענדיג האַרץ.
הויינענדיגע, אייביג יונגע, נישט-פאַרביטערטע טעג,
ברענגט צוריק דעם צער,
עס זאָל נים זיין אַזוי שווער
זיך צו זאַמען דאָ.



## ג.

## ווינטער-נאַכט.

דיקע קאָלדרעס הילען איין די ערד.
די נאַכט ליגט אין א פאַרזינגעלטען פּאָס,
טראַכטענדיג אומעטיג.
פעך-שוואַרצע אויל-פלעקען צוקריטען איהר געשטאַלט.
בלויז איין פלעק וועניגער שוואַרץ ווי די איבריגע
באַווייזט זיך, און דעקט אויף די שפּיצען פון די ווייטע בוימער.
איבעראַל הערשט א טיפער, טעמפער, סאַזשע-טויטער גרין.

דער פאַרריגעלטער באַלקען פון דער נאַכט,
ליגט אויף אונזערע קעפ,
אַזוי ווי די דעכער פון די אייזערנע ביידלאַך
וואו די וועלפער וואָהנען—נישט-באַלויכטענע ביידלאַך.
שטרעקט אויס בלינד אייערע הענט,
און פיהלט די אייזערנע ווענט, ווי זיי זענען פאַרראָסט.

עס זעהן זיך דתרכ'ן געפּעל,
זעקס שטאַנגען,
אריינגעקלאַפּט טיף אין דער ערד,
איינגעבויגען, אפגעזונדערט איינער פון צווייטען.
טייוולאָנים שלעפען דראָהטען וואָס וואַרגען.
א ברענענדיג ליכט, ביים אויסגעהן,
צופלאַקערט זיך דערשראָקען;
אויסשפּרייטענדיג איהר פלאַם, באַגעגענט זי שאָטענס,
וואָס קלעטערען אויף די הויס-געקאַלכטע ווענט.

און די שאָטענס זענען ווי שלעפערינע וועכטער
וואָס כאַפּען א דרימעל,
איינגעבויגען שטעהענדיגערהייט.
זיי גלייכען זיך פלוצים אויס,
קוקען זיך ארום דערשראָקען,
און ווערען ווידער אַנטשלאָפען.

די קאַנאָנען שלאָפֿען אַזוי ווי קראַנקע אין א שפּיטאל,
נאָך א שווערער אָפּעראַציע.
נים גויים צוהוסט זיך א קראַנק קינד.
א קליינע קול רייסט אויף.
א שטילער טראָט הערט זיך פֿון דערווייטענס.

א האַסיצער צורייסט די נאַכט אויף צוויי.
הינטער איהם שטעהן אַנדערע נאָך
מיט צופֿענעטע פּיסקעס, מיט אויפֿגעריסענע העלזער,
און זיי בילען כסדר ווי הונגעריגע הינט.
זיי סאָפּען, און אָטעמען מיט פֿיבער-היץ.
און קילען הערלען זיך,
אין דער פֿאַרפֿראָרענער לופֿט.

ערגעץ זענען קאַנאָנען באַהאַלטען,
מען הערט זיי נים.
זיי דרעהן זיך ווי מאַריאָנעטקעלאַך
אונטער א גרויער וואַנד פֿון גלאַז.
דער שנעע ליגט אויף זייערע קעפּ,
און זיי טאַנצען קאָמיש ווילד,
אויף דעם גלייבען ברעג פֿון דעם שלאַכט-פֿעלד.

דער שונא האָט אויסגעשפּרייט זיינע צוויי נאַקעטע אָרעמס,
מיט חייכע, זילבער-איינגעהילטע פֿינגער-שפּיצען,
זוכט ער פֿיש אין הימעל—אונזערע לופֿטשיפֿען.
ער פֿאַרמאַכט איין האַנט,
און נעמט ארום א אָנגעשוואָלענעם וואָלקען.
ער בלייבט פּלוצים דערשראָקען,
זיינע צוויי אָרעמס ציטערען נערוועז, און פּלוצים — —
נאָרנישט.

אַ געפֿלעפֿטער, וואַרפֿט ער זיינע אָרעמס איבער'ן קאָפּ,
אַן'אויפֿגערעגטער.
ביסלעכווייז אָבער בארוהיגט ער זיך.
פֿלעמעלאַך לויפֿען ארום אויף דער לופֿט,
ווי געשנירטע פּערל,
און בלאַשטשענדיגע ראָקעטען פֿאַלען אויף אונזערע קעפּ.



ש. גוינסטען.

# אין אבענד.

שבת איז ער אויפֿגעשטאַנען שפּעט. ער האָט פּוצט זיך נעהאָט זיך זעצען צום טיש צו דעם שווערען מיטאָג וואָס איז שוין געשטאַנען גרייט. ער האָט געגעסען גיך, און וואָס מעהר ער האָט געגעסען אַלץ מעהר אַפּעטיט האָט ער געקראָגען. ער האָט עסענדיג אריינגעקוקט אין אַ צייטונג, און גאָרנים באַמערקט וואָס ס'טוט זיך ארום איהם. זיין אַלטער טאַטע האָט אויך געגעסען שטיל, און די מאַמע איז געווען פֿאַרנומען מיט'ן דערלאַנגען צום טיש. די איבריגע צוויי קינדער זענען באַלד אין דער פֿריה אַוועק אין א פּאַרק, און זענען איצט מסתמא געזעסען הינטער א בוים און געגעסען זייער פּוטער ברויט מיט אייער וואָס די מאַמע האָט זיי מיטגעגעבען.

נאָך מיטאָג האָט זיך דער טאַטע צוגעלעגט, די מאַמע האָט אָבגעוואַשען דאָס געפֿעס, און דער זוהן האָט זיך געוואַשען און אנגעטון שבת'דיג. אַז ער איז שוין געווען אינגאַנצען איבערגעטון, האָט ער זיך געפֿיהלט צופֿרידען וואָס ער איז ריין. דערווייל האָט איהם די מאַמע צוגעגרייט אַ גלאָז טהעע. ער האָט דאָס אויסגעטרונקען שטעהענדיגערהייט. איצט איז ער געגאַנגען גרייט ארויסצוגעהן אין גאַס. אַנשטאָט דעם אבער, האָט ער זיך געזעצט ביים פֿענסטער און ארויסגעקוקט.

אין גאַס האָבען זיך די קינדער געשפּילט. אַלע זענען געווען ריין אָנגעטון. די יונגלאַך האָבען זיך געריצט מיט די מיידלאַך. פּלוצים פֿלעגט זיך הערען א מיידעלשער קוויטש, און מען האָט געזעהן ווי אַ אינגעל לויפֿט נאָך א לאַכענדיג מיידעל. די פֿרויען זענען געזעסען אויף די שטעלען פֿון די הייזער, און די מענער זענען געשטאַנען מיט איבערגעלעגטע אָרעמס און ארויסגעקוקט אין גאַס און געשמייכעלט. אפֿילו די פֿייגלאַך האָבען אויסגעזעהן גליקליך, און האָבען ווי געדאַנקט פֿאַר די קרישלאַך חלה וואָס מען האָט זיי אַזויפֿיל צוגעוואָרפֿען, מאַכענדיג קולות ווי פֿון פֿאַרראָסטעטע דרעהענדיגע רעדער. אויב די וועגנס וואָלטען פּלוצים געוואָרען דורכזיכטיג, וואָלט מען אין די ענגע הייזער אויך דערזעהן אומבאַגרענעצט גליק.

ער האָט נאָך אַלץ ארויסגעקוקט פֿון פֿענסטער בעת די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבען אראָפּרוקען אויף דער גאַס און אַלץ געמאַכט אויסזעהן פֿאַרחלומט. די מענשען זענען אַריין אין שטוב.

אַז ער האָט זיך אויסגעדרעהט און אריינגעקוקט אין שטוב, האָט איהם אַלץ אויסגעוויזען אַזוי היימליך, דאָס ווייסע טיש טוך, די גלאַנצענ-

רינע צעראַטע, און דאָס רויטע פּאַפּיר וואָס האָט פֿאַרשטעלט דעם קאַמין. דער טאַטע איז געזעסן בײַם עק טיש, דרעמלענדיג איבער׳ן חומש, און די מאַמע האָנעבען ווי אַ בודהאַ. דאָס קעצל האָט זיך אויך אָנגעשטעקט מיט אַם דער רוהיגער שטימונג און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מין היגער-פֿלעם.

אין דרויסען האָט מען שוין אָנגעצונדען די לאַמטערנס. ער האָט לענגער נישט געקענט איינזיצען אין שטוב. ער האָט נאָך אַמאָל אָבגעבאַרשט זיין אַנצוג און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. ער איז אַריין אין דער ברייטער הויפּטגאַס, וואו ס׳האָבען שפּאַצירט לוסטיגע יונגע פֿאַרלאַך, געבלאַשטשעט די העל באַלויכטענע פֿענסטער פֿון די גרויסע געשעפֿטען, און עס האָט אָפּגעקלונגען דאָס פֿרעהליכע לאַכען פֿון די פֿאַרבייגעהער. נאָר ער איז געגאַנגען איינער אַליין און שטיל. אַז ער איז שוין געווען אָבגעגאַנגען אַזוי עטליכע מייל, איז איהם פּלוצים באַפֿאַלען אַ שרעקליך געפֿיהל פֿון איינזאַמקייט. ער האָט מורא געקראָגען דערפֿאַר. ער האָט זיך געפֿיהלט געפֿאַלען און אַנטוישט, און ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, אויסמיידענדיג די טומלענדיגע טיילען פֿון דער גאַס. אין דער היים זענען שוין געזעסן זיין יונגערע ברידער און שוועסטער, און האָבען געלאַכט הויך און געפּלאַנעוועט ווי אַזוי צו פֿאַרברענגען. קיין עצות וועגען דעם האָבען זיי נישט געפֿרעגט נישט ביי די עלטערן און נישט ביי זייער עלטערן ברודער. האָבען ווי דען נישט ערשט פֿאַרלאָזט די הויך-שולע, און זענען זיי נישט צוליב דעם אַ סך העכער פֿון די איבריגע אומוויסענדע מיטגלידער פֿון זייער משפּחה? און די עלטערן און דער עלטערער ברודער האָבען טאַקי געהאַט אַ געוואַלדיגען דרך-ארץ פֿאַר זיי, און האָבען זיי אַלץ צוליב געטין.

ווען ער איז געבליבען אַליין מיט זיינע עלטערן, האָט ער באַמערקט ווי זיי זעהען אויס אַזוי נעבאַכדיג און פֿאַרעלטערט. קיינמאָל פֿריהער האָט ער זיי נישט געזעהען אַזוי קלאָר ווי איצט. זיי האָבען אַזוי געבענקט נאָך דרך-ארץ פֿון זייערע קינדער. און איצט דערשטיקען ווי אין זיך זייער צער וואָס זיי זענען געבליבען אַליין אויף דער עלטער. עס איז קענטיג אַז די צוויי יונגערע קינדער האָבען בלויז אַ געפֿיהל פֿון פֿאַראַכטונג פֿאַר זייערע עלטערן. זיי האָבען זיך קיין זאַך נישט אויסגעלערנט ווערענדיג עלטער. אַז זיי האָבען אַמאָל אַהיימגעבראַכט זייערע פֿריינד האָבען זיי געוואָלט אַז די עלטערן מיט דעם ברודער זאָלען זיך נישט ווייזען פֿאַר זיי. זיי האָבען זיך אַפֿילו געשעמט אויסצוזאָגען אַז זיי זענען אידען. זיי זענען געזעסן אַרום דעם פֿייער און דער טאַטע האָט געזאָגט: ״מיינע קינדער וועלען ניך אויסגעפֿינען אַז וואָס מעהר ווי



פֿאַראַכטען אידען אַלץ מעהר וועט מען זיי אַליין פֿאַראַכטען. מען וועט וויסען אַז זיי זענען אידען. ס׳איז אַמאָל געווען אַ איד, אַ משומד, וועלכער האָט געוואוסט אַז ס׳גרייט זיך אַ פּאָגראָם האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אָן די שוואַרצע מאות און זיי אַליין אויפֿגערייצט צו הרג׳ענען די אידען. און אַז ס׳איז געוואָרען דער פּאָגראָם, האָט מען איהם געהרג׳עט דעם ערשטען. חושבענדיג אַז ער אַליין איז אַ איד, האָט מען איהם געגלויבט אַלדאָס שלעכטס וואָס ער האָט אויסגערעדט אויף די אידען, ווייל ער דאַרף דאָך וויסען—און גלויבענדיג אַז אַלע אידען זענען שלעכט האָט מען ערשט געגלויבט אין זיין אייגענער שלעכטקייט.״

די מאַמע האָט צוגעגעבען ״ס׳איז זעהר פֿיין פֿון מיינע קינדער זיך אָנצוטון אין פּאַראַד, און זיך מאַכען ווי זיי וואָלטען געווען ענגלישע, אָבער ווען איך בין געווען אַ מיידעל בין איך געווען שטאָלץ מיט מיין אידישקייט, און אַלע האָבען געהאַט צוטרוי צו מיר. מען האָט געוואוסט אַז איך מאַך קיינעם נישט קיין חניפֿות, אַז איך גיב זיך נישט אָן פֿאַר דעם וואָס איך בין נישט. ווען איהר מאַכט נאָך אַנדערע, זעהען זיי בלויז דאָס ערגסטע אין אייך, דאָס נאָכמאַכענדיגע.״

״איז דען נישט געווען אַזוי שטענדיג, און איז נישט אויך איצט אַזוי?״ האָט דער טאַטע אומעטיג צוגעברומט.

און דער עלטסטער זוהן האָט געזאָגט: ״חכמה באַווייזט זיך נור צו די וואָס זענען אַלט, און איך פֿיהל זיך עלטער פֿון אייך ביידען. איך בין אַמאָל געווען מיט גוישע פֿריינד. זיי זענען שטענדיג אויפֿגעשטאַנען לאַכענדיגע, נאָר מיר אידען זענען באַלאָדען מיט אַ שווער געמיט. די עלטער האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אונזער פֿאָלק, און אונזערע יונגע מוזען געהן צו פֿרעמדע זוכען פֿרייד״.

זיי זענען אַלע דריי געבליבען זיצען שטיל, און די פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט איז געווען אין זיי.

די מאַמע האָט ענדליך געבראָכען דאָס שווייגען. ״איך מיין מיר זענען אַלע געווען גליקליכער בעת מיר זענען געווען אין דער היים און האָבען באַאַרבייט די ערד. די שטאָדט און די פֿאַבריק נעמט אַרויס דעם מאַרך פֿון אונז. מיר זענען אַ גוסס׳דיג פֿאָלק.״

״מיר דוכט זיך״, האָט געזאָגט דער טאַטע, ״אַז ווען די אידען וואָלען האָבען אַנ׳אייגען לאַנד, וואָלטען אַלע יונגע געוואָלט זיין שרייבערלאַך אין די ביוראָען.״

זיי האָבען געקוקט אין פֿייער. עס איז געווען אַ פֿייער פֿון קויק, וואָס האָט געגעבען אַ טעמפּע ליכט און אַ קאַלטע וואַרעמקייט. קיינער האָט זיך נישט גערירט אָנצינדען די גאַז אָדער אויפֿרודערן דאָס פֿייער. זיי האָבען זיך צוגעקוקט אַזוי ווי הילפֿלאָזע מענשען קוקען זיך

צו ווי א הילפלאז באשעפעניש גוסס'ט. און דאס גוסס'דיגע איז געווען
אין זיי אליין. די זאמען פונ'ם אידישען פאלק זענען צעווארפען איבער
דער גאנצער ערד, אבער זיי ווארצלען זיך נישט איין און בלוהען נישט.
זיי נערען מיט זייער כח בלויז די איינגעבארענע געוויקסען. עס האט
זיך דערהערט א לאכען און א לויפען פון יונגע פיס. די צוויי יונגערע
קינדער זענען אריינגעקומען. ביידע האבען ארויסגערופען פארוואונ-
דערט : ווי ארומעטיג עס איז דא! וואס איז דא געווען?" דאס איננעל
האט אנגעצונדען די גאז און דאס מיידעל האט אריינגעקוקט אין שפי-
געל.

"ס'איז געווען א מאדנע זאך," האט זי פלוצים ארויסגערעדט אזוי
ווי צו די לעדיגע ווענט, "מיר האבען אזוי געלאכט פון די אידען".
"דו ביזט נים שולדיג וואס דו ביזט געבארען א אידישע, פונקט
ווי דו ביזט נים שולדיג וואס דו ביזט נישט געבארען א איננעל," האט
לאכענדיג געזאגט דאס איננעל.
"מיר מיידלאך זענען גליקליכער פון איך," האט דאס מיידעל
געענטפערט, "מיר קענען כאטש חתונה האבען מיט א מאן וואס האט
נישט אזא שרעקליך אידישען נאמען."
"וואס איז מאמע? וואס זענט איהר אלע אזוי טרויעריג? ניב
עסען וועטשערע. מיר זענען נאך נישט געשטארבען. נו, לעבעדיג!
ריהר זיך!"
די מאמע האט געדעקט דעם טיש און אלע האבען זיך ארומגע-
זעצט. דאס שווייגען האט געבראכען נור דאס הויכע לאכען פון די אינ-
גערע צוויי קינדער.

בעסי מאלט.

# דער רוסישער באלעט.

מען קען אפשר צווייפלען אין דער פארדארבענקייט פון אונזער דור, אָבער די וואס זענען איבערצייגט אין דעם, קענען קיין בעסערען באווייז נישט האָבען דערפאר, ווי די עקסטרעמע שטעלונגען וואס ווערען איצט אנגענומען בנוגע צו קונסט, און בפרט צו דער טאנץ-קונסט. עס געפינט זיך א גרופע אין דער געזעלשאפט, די יורשים קען זיין פון דעם אלטען פוריטאניזם וואס פלעגט באטראכטען אלץ וואס האט א שייכות צו טאנצען אלס זינדיג, וואס קוקט אפילו אין אוהרע טאלעראנטעסטע מינוטען אויף אָט דער קונסט ווי אויף עפעס וואס איז אויסער אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, און איז אין א שטענדיגער סכנה אריינצופאלען אין אן ארגיע. עס איז פארהאן נאך א טייל פון דער געזעלשאפט מיט וועמענס שטעלונג מיר ווילען זיך איצט נים אפגעבען, אויסער צו באמערקען אז אויך איהר פעהלט דער היסטאָרישער חוש אָהן וועלכען עס איז אוממעגליך צו דערגרייכען א ריכטיג-באלאנסירטען שטאנדפונקט, נישט נור מכח טאנצען בכלל, נאר אויך וועגען יענע אינדיווידועלע און געזעלשאפטליכע ערשיינונגען דערפון, וואס אויב זיי געפעלען אונז אדער נישט, ווערען זיי מעהר און מעהר אן אנגענומענער טייל פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען. אויב מיר וועלען אריינקוקען אין דער געשיכטע, וועלען מיר גלייך דערזעהן אז אויסער דעם וואס טאנצען איז א פרימיטיווער געפיהל ביים מענשליכען מין, נעמט ער זיך אויך פון דער פסיכאלאגישער און פיזיאלאגישער באדערפניש אויסצודריקען זיך אויף א געוויסען אופן. טאנצען איז א אוניווערסאלע זאך. עס איז אלט ווי דער מענש אליין, און וועט אנהאלטען אזוי לאנג ווי דער מענש וועט זיך געפינען אויף דער וועלט—און אפשר נאך לענגער.

די פורימאנישע שטעלונג תאלט געקענט האבען א ווערט ווען זי וואלט זיך גערעכענט מיט אָט דעם פאקט. דעמאלט וואלט זי געזוכט נים אויסצוראָטען דאס געפיהל פאר טאנצען, נאר צו מאדיפיצירען זיין אויסדרוק אזוי אז די ווייטערדינע און מעהר קאמפליצירטע באוועגונגען זאלען זיך אנטוויקלען אויף א געזונטען אופן.

דאס צונויפשטעלען פון דעם טאנץ דארף איינגאנצען זיין די ארביים פון דעם קינסטלער. אנדערע קענען זיך בלויז באטעפטיגען מיט דעם גייסט מיט וועלכען דאס פאלק נעמט אן דעם קינסטלער'ס אויפפאסונגען.





יצחק ליכטענשטיין

„געבי כוסא" מאטיוו

עס ווערט איצט כמעט איבעראַל אנגענומען אַז די מח אַנשטרענ-
גונגען וואָס ווערן ארויסגערופן דורך אינערע עמאָציאָנעלע איבער-
לעבונגען, ווערן פאַרלייכטערט פון געווויסע מוסקל-באַוועגונגען.
דער טאַנץ איז ענטשטאַנען צוזאַמען מיט דער ערפינדונג אין דער
פאַרגעפעלטער פאַרגאַנגענהייט אַז פיזישע באַוועגונגען וואָס זענען
שטאַרק עהנליך צו די באַוועגונגען פונ'ם מאָדערנעם טאַנץ קענען
פאַרלייכטערן אָט די גייסטיגע אנשטרענגונגען. פון דעם נעמען זיך
די צערעמאָנישע טענץ פונ'ם ווילדען שבט ביים אומקעהרען זיך פון
געיעג אדער ביי דער חתונה פון זייער עלטסטען, אדער ביים נעצען-
דינסט. דער פרימיטיווער מענש האָט שוין פאַרשטאַנען אַז דורך איבער-
חזר'ן געוויסע מוסקל-באַוועגונגען קען ער ארויסרופן אַ גייסטיגע
אויפרעגונג, און פאַרשטעהענדיג דאס, האָט ער געהאַט אַ מיטעל אויפ-
צוועקן ווילד דעם גייסט וואָס האָט געפיהרט דעם שבט אין מלחמה
אַריין אָדער צום געיעג.

טאַנצען קען פאַררעכענט ווערן אלס דאָס זוכן צוריקצושטעלן
דעם וועלט-ריטם וואָס איז געשטערט געוואָרען דורך אויסערגעוועהנ-
ליכער אויפרעגונג אינ'ם אינדיווידועלען אדער געזעלשאַפטליכען מח.
אין פאַרלויף פון דורות איז אויך צוגעקומען די מוזיק.
דער מוזיקאַלישער קלאַנג בלויז באַגוצט געוואָרען אנצוהייזען דעם
ריטם פונ'ם טאַנץ, מיט פרימיטיווע פויקען אדער קאַסטאַנעטען—שפע-
טער אבער איז די מוזיק געוואָרען אַ טייל פונ'ם גאַנצען.
מען מאָר דערפאַר נים באַטראַכטען דעם באַלעט ווי אַן אפגעזונ-
דערטע ערשיינונג אין דער אנטוויקלונג פונ'ם טאַנץ, נאָר אלס אַ באַ-
זונדערער אויסדרוק פון איהם.
געהענדיג פון דעם שטאַנדפונקט ארויס, דערזעהן מיר דעם באַ-
לעט אלס אַ שטיק תמצית פון דער מענשליכער אנטוויקלונג. ער איז
שטאַרק צונויפגעבונדען מיט דער רעליגיע, פּאעזיע, געזאַנג און מלחמה,
און איבערהויפּט מיט דער גאַנצער אקטיוויטעט פונ'ם מענש. כאָטש
מיר זענען געצוואונגען צוליב געשיכטליכע באַשרייבונג פעסטצושטע-
לען אז דער באַלעט הויבט זיך אָן אין איירָאפּא אומגעפער ערשט אין
פופצענטען יאהרהונדערט, מוזען מיר אבער דאָך געדענקען אַז באַלע-
טען-פאַרזוכען זענען געמאַכט געוואָרען שוין אין פריהערדיגע צייטען.
דער ערשטער ארגאַניזירטער באַלעט ווייזט אוים צו זיין דער וואָס
איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין הויף פונ'ם הערצאָג פון מילאַן אין
1489. אַ זעהר לעבעדיגע באַשרייבונג פון אָט דער פאַרשטעלונג גע-
פינט זיך אין איינעם פון די ראָמאַנען פון דעם רוסישען שריפטשטע-
לער, דמיטרי מערעזשקאָווסקי. אָט דער באַלעט אונטערשיידט זיך פון



די איבריגע, מיט דעם וואָס ער איז מיט אַ כיון געשריבען געוואָרען אי-
בערצוגעבען אַנ'ערצעהלונג דורך בלויז באַוועגונגען און מוזיק. אויף
ווי ווייט ער איז געווען אַנ'ערפאָלג אדער אַ דורכפאַל אלס אמת'ער
קונסט-אויסדרוק, איז שווער צו זאָגען. עס איז אבער יאָ באַוואוסט אַז
ער איז געוואָרען שטאַרק פּאָפּולאַר און געוואָרען אַ מאָדע אין אַלע
איירָאפּעאישע קעניגליכע הויפען.
די קינסטלער האבען זיך גלייך גענומען שאַפען נייע באַלעטען
אויף דעם זעלבען שטייגער, און אפילו די אלט-רוימישע פּאַנטאָמימען
זענען צוריק אויפגעלעבט געוואָרען. די הויפט סבה פון אָט דער פּאָ-
פּולערקייט איז געווען וואָס די הויף-אַריסטאָקראַטיע אַליין האָט גע-
שפּילט אין די פאַרשטעלונגען. לואיס דער דרייצענטער און לואיס דער
פערצענטער פון פראַנקרייך און העגרי דער פערטער פון ענגלאַנד
זענען געווען זעהר פעהיגע באַלעט-טענצער. און דער אמת איז אַז דער
באַלעט איז פאַרגאַכלעסיגט געוואָרען אַלס אַ קונסט, דעמאָלט ווען לואיס
דער פערצענטער איז געוואָרען צו פעט און האָט מעהר נישט געקענט
טאַנצען! דער פאַרזוך אויפצוהאַלטען דעם באַלעט דורך יעהרליכע
פּרייז-פאַרטיילונגען איז אויך דורכגעפאַלען. ערשט מיט דעם אריי-
ברענגען דעם באַלעט אויף דער ביהנע (אין ענגלאַנד אין 1702) האָט
ער געפונען אַנ'אָרט. פון דעמאָלט אָן איז דער באַלעט געבליבען אַ
ביהנע-קונסט.
כאָטש דער באַלעט איז געווען צוערשט אין די איטאַליענישע קע-
ניגליכע הויפען, האָט ער אָבער באַלד געפונען אַנ'אָרט פאַר זיך אויך
אין פראַנקרייך, און ער איז פון דאָרט אריינגעטראָגען געוואָרען אין
איין צייט אין ענגלאַנד און אין רוסלאַנד, און די מוזיק און די באַוועגונ-
גען זענען געבליבען פראַנצויזישע.
פראַנקרייך איז איינציג אין דעם זין: זי ווייזט צו האָבען טאַלאַנט
אַריינצונעמען פאָלקס-לידער און פאָלקס-טענץ פון אַנדערע לענדער,
זיי צו מאָדיפיצירען לויט איהרע אייגענע באַדאַרפעניש'ען, און דער-
נאָך זיי צוריקצושיקען אין די לענדער פון וואַנען זי האָט זיי גענומען,
אַלס עפּעס נייעס. דערפאַר כאָטש פראַנקרייך איז נים רייכער אלס אַ
שאַפענדער עלעמענט ווי די איבריגע לענדער, איז דאָך איהר קולטור
די שטאַרקסטע אין איירָאפּא. אפילו הייגט געפינען זיך זעהר וועניג
לענדער וואָס פאַרמאָגען אַ באַלעט וואָס זאָל נישט זיין שטאַרק עקזאָ-
טיש און פראַנצויזיש סיי אין אנטשטעהונג סיי אין דורכפיהרען.
למשל אין רוסלאַנד איז געווען נישט נור דער באַלעט, נאָר אויך די
ליטעראַטור ביז דאָסטאָיעווסקי'ן, די מוזיק ביז ס'איז געקומען גלינקא
וועלכער האָט אין 1825 געשריבען די ערשטע אָפּערא וואָס האָט אַ נאַ-

ציאנאל-רוסישן אינהאלט, און די פּאָעזיע אפילו נאך פושקין, כמעט
איננאנצען פראנצויזיש אדער פראנצויזיש-איטאליעניש.
אין גוטע ווירקונג פון דעם איז אפשר געווען וואס די קונסט איז
אין רוסלאנד זעהר פריה לויט איהר אנטוויקלונג, געבראכט געווארן
צו א גלייכער שטופע חי אין די איבריגע אייראפעאישע לענדער, כמעט
ס'האט דארט געפעהלט דאס אינדיווידועלע וואס איז דער תמצות פון
גרויסקייט.

דאס נאכמאכען פראנצויזישע און איטאליענישע מאדעלען האט
געמוזט פיהרען צו א געוויסער אומנאטירליכקייט, און אזוי ווי דער
יסוד פון קונסט ווי פון אלעס, איז אמת, איז נים שווער צו דערקענען
די חסרונות פון דעם אלטען קייזערליכען רוסישען באלעט. דאך איז
דער באלעט געבליבען לעבען אין רוסלאנד. דער קייזער-
ליכער הויף האט געקוקט אויף איהם מיט ערנסטקייט. יעדער יאהר
איז באשטימט געווארן א געוויסע סומע אויפצוהאלטען דעם באלעט,
און כאטש פון דעם קינסטלערישען שטאנדפונקט האט ער נים געהאט
קיין ווערט, איז ער דאך געבליבען לעבען.
אין 1865 איז דאס גאנצע רוסישע סאציאלע לעבען באגייסטערט געוואָ-
רען דורך דער באפרייאונג פון די פויערים. אם דער פרייהייטס-גייסט
האט ניך דורכגעדרינגען די גאנצע רוסישע קונסט און פאליטיק, און
איינער פון די הויפט רעזולטאטען, איז געווען די באוועגונג צום נאציאָ-
נאלען אין דער מוזיק, און דער באלעט איז דאס ערשטע מאל געקו-
מען אונטער דער לייטונג פון א "פעטיפא". דער רוסישער גייסט איז
באפרייט געווארן פון דער פריינדליכער פראנצויזישער אונטער-
דריקונג.

אם די באפרייאונג האט געפיהרט צו דער אנטשטעהונג פון דעם
רוסישען באלעט אין דער פארם אין וועלכער מיר האבען איהם געזעהן
אין משך פון די לעצטע זיבען יאהר.
אין פארגלייך צו דעם איינפאכען טאנץ איז דער באלעט אזוי ווי
אנ'ארקעסטער צו אנ'איינצעלנעם אינסטרומענט. ער פאָדערט איצט
א באזונדערע טעכניק, און דער מוזיקער מיט דעם טאנץ-מייסטער
מוזען אלץ מעהר און מעהר צוזאמענארבייטען.
דער באלעט איז שוין נישט מעהר קיין פארזוך פארצושטעלען דעם
רעאליזם פון א געשעהעניש. די רוסען האבען אריינגעבראכט אין איהם
נייע מאסען וואס פאדערען א גייסטיגע איסטיימונג פון א טעמא,
אין וועלכער ס'פאראייניגען זיך די אינטעלעקטועלע מיט די עסטעטי-
שע חושים.



די וואס שאפען די נייע באלעטען מוזען האבען א שטארקע פאָר-
שטעלונגס-קראפט בכלל, אויסער דעם וואס זיי פארשטעהן די טאנץ-
קונסט. די רוסען זענען דערפאר ווי געווינשען. זיי זענען א פאלק פון גע-
בוירענע באלעטען-טענצער, כאטש מיר פארשטעהן אז ביים אויסלער-
נען זיך דאס פאך, מוזען זיי דורכמאכען א שטרענגע דיסציפלין. מען
קלויבט אויס צוליב פיזישע פעהיגקייטען, קינדער פון אכט ביז צעהן
יאהר אלט, און מען לערנט זיי אהן אויפהער ביז זיי ווערען אלט צוואנ-
ציג יאהר. פאראייניגט מיט דעם נאטירליכען חוש פונ'ם רוסישען פאלק
פאר'ן באלעט, שאפט אם די שטרענגע לערע, אזא פאלקאמענע טאנץ-
טעכניק וואס איז נאך קיינמאל פריהער נישט געווען.
אין די הענט פון די רוסישע באלעטען-טענצער איז דער באלעט
אויסגעוואקסען אין א מין איינענארטיגע טעאטער-אינסטיטוציע. ער
קען וואונדערליך שילדערען כאראקטער, ווי למשל אין ניזשינסקי'ס
סובטילע אויפפאסונג אין "שעהערעזאדע." די מענשליכע געפיהלען
וועלכע מען האט פריהער געקענט נור אויסדריקען דורך דעם געוועהנ-
ליכען מיטעל פון דער דראמאטישער פארשטעלונג, ווערען איצט געווי-
זען דורך א נייעם מיטעל וואס איז נישט ווייניגער שעהן און דראמאטיש
ווי די בעסטע עפעקטען פונ'ם דראמאטישען טעאטער. די טעכנישע
פעהיגקייט איז נישט די איינציגע סבה פון דער עסטעטישער וויכטיג-
קייט צו וועלכער דער רוסישער באלעט איז אויסגעוואקסען. די פאָר-
שטעהער פונ'ם מאדערנעם באלעט האבען געמאכט א געלונגענעם
פארזוך צו שטעלען זייער פאך אויף איין ליניע מיט דעם עסטעטישען
פארטשריט וואס איז געמאכט געווארען אין אנדערע פאכען. די היינ-
טיגע מאלעריי ווערט צום באלעט אויסגענוצט פון באקסט, פאקין און
אנדערע, איבערהויפט פון ניזשינסקי'ן אליין, און די היינטיגע מוזיק
איז דער מאטיוו פונ'ם היינטיגען באלעט. דער באלעט האט דורך דעם
אלעם באקומען א לעבעדיגקייט און אנ'אלגעמיינע פארקייטעלטקייט
מיט דער מאדערנער קונסט בכלל. ניזשינסקי ווייזט אין יעדער זאך
וואס ער טוט, א טיפען און נים-שרעקענדיגען בליק אויפ'ן לעבען
וואס באטראכט די קלענסטע באוועגונג אינ'ם באלעט ווי עס וואלט
געהאט א וועלט באדייטונג. עמאציאנעל שטרעבט ניזשינסקי תמיד
צום פונדאמענטאלען. עס קען זיין אז דאס איז ניזשינסקי'ס אמת'ע
מתנה צו דער מאדערנער באלעט-קונסט.

די טענצער וועלכע ניזשינסקי האט גרופירט ארום זיך זענען
שטארק באאיינפלוסט פון זיינע אידעאלען. צווישען זיי און אפשר
טאקי די בעסטע צווישען זיי, איז מאדאם קארסאווינא. מען ברויך זיך
נור דערמאנען איהר שפילען אין "קארניוואל" אדער אין "שעהערע-

ואַדע" אדער אין סיי וועלכען פֿון די באַלעטען אין וועלכע זי האָט אָנטייל גענומען. כדי צו באַגרייפֿען ווי אויסגעהאַלטען און ווי אויסערגעוויינליך שען איז איהר כח פֿון סוגעסטירען. די ווירקונג פֿון די רוסישע טענצער, איז שוין אַן אָנגענומענע זאַך, און זייער איינפֿלוס פֿיהלט זיך שטאַרק אינ'ם אלגעמיינעם טעאַטער, בפרט אין אמעריקאַ. אָט דער נייער איינפֿלוס מוז האבען א ריכטיגע ווירקונג אויף דער אַלטער קונסט פֿון וועלכער דער באַלעט איז אויסגעוואַקסען. ס'איז נישטאָ קיין שום גרויסע קונסט וואס זאָל נישט האבען א ווירקונג אויפֿ'ן אַלגעמיינעם געשמאַק פֿונ'ם פֿאלק.





# בין קודש לחול.

## א

מען פֿאַרליבט זיך אמאל אין אַ פֿרוי צוליב דער געגענד אין וועלכער זי וואָהנט. דאָס האָט פּאַסירט מיט שמעונאָוויטשען.

שמעונאָוויטש איז געווען אַ דיכטער און ער איז געפֿאָהרען קיין ארץ ישראל זיין אָנגעפֿאַנגענעם ביבלישען ראמאן "דוד און יונתן" מיט ליכט און פֿאַרב און פּאלעסטינער לאַנדשאַפֿטען צו באַצירען און באַלעבען.

ער איז געווען אַ מאדערנער ראַפֿינירטער יונגער-מאַן: ליעב געהאַט מאגערע קערפּערס, שטאַרק באַאיינפֿלוסט געווען פֿון אסקאַר ווײַלד און ווערלען און האָט געגלויבט אַז ער פֿאַרשטעהט דעם סוד פֿון זייער לעבען און ליעבען.

ער איז אויך פֿאַרשטעהט זיך אַ ציניק געווען און גענומען שרייבען דעם ראמאן "דוד און יונתן" ווייל עס האָט זיך איהם געחלומט אז זייער ליבע איז געווען ענליך צו דער פֿון ווערלען און ראמבו... און אַז ער פֿלעגט רעדען פֿון דעם פֿלעגט ער זאָגען:

ס'איז שוין געווען א אמת'ע "אהבה שאינה תלויה בדבר"..

און צוליעב דעם לאַקאַלען ארץ ישראל קאלאריט און די מזרחישע פּארפֿומען מיט וועלכע ער האט געוואלט זיין ראמאן ווירצען איז ער געפֿאהרען קיין ארץ ישראל.

די מיידעל ווידער—שרה טרויב איז געווען אַ אַקושאַרקא און האָט געהאַט א רובענס-קערפּער. זי איז געווען בלוט, מילך און פֿלייש. די רויטקייט פֿלעגט איהר שפּריצען פֿון די באַקען און א זאַטער הייבליכער געלעכטער פֿלעגט שטענדיג שטיקען און קיילערן זיך אין איהר ווייסען פֿולען האלז. זי איז געווען העל בלאנד. און איהרע עמהאָס שאַקעלדיגע אויגען האבען אויסגעזעהן ווי צוויי גרוי-בלאָהע לאַכענדיגע וואַסערלעך. איהרע פֿולע קיילעכיגע היפּטען פֿלעגען זיך וויגען אין איהר קעצישען אַרט געהן..

ווען שמעונאָוויטש פֿלעגט אַזאַ "אונעסטעטיש בורזשואַזע" פֿרוי —אַזוי פֿלעגט ער זיי רופֿען—באַגעגענען אין אייראפּא אויף די בולוואַרען פֿלעגט איהם אָבעקלען, חאטש דער עקעל איז געווען א סענסועלער, א תאוה'דיגער.

ב.

אין שמעטאוויטש דער ראפינירטער דעקאדענטישער דיכטער (ער פלעגט שטאלצירען ווען מען פלעגט אויף איהם זאגען אז ער איז א דעקאדענט) האט זיך פארליבט אין דער רובענס-ארטיגער פרוי, וועלכע האט אויסגעזעהן ווי א לאגעל פול אנגעגאסען מיט הייבליבקייט.

און פארליבט האט ער זיך אין איהר צליב'ן פענסטעריל וואס זי האט געהאט אין איהר צימעריל אין דער אלטער שטאדט ירושלים.

און דאס איז געווען א פענסטעריל ביי וועלכען עס איז ווערט געווען צו זיצען. עס איז טאקע געווען א פענסטעריל וואס האט זיך געעפענט אין א גרויסער אלטער ראמאנטישער וועלט.. עס האט אזוי פיעל געוויזען און נאך מעהר געמאכט פיהלען.. אויפ'ן ערשטען פלאן האט מען דורך דעם געזעהן א שטח פון פלאכע דעכער, וואס האבען אויסגעזעהן ווי גרויסע ווייסע קעסטעלדיגע טרעפ... אויפ'ן צווייטען פלאן האט מען ארויסגעזעהן די אויבערשטע העלפט פון דער כותל מערבי מיט די פאר שפיצען פון די טונקעל-סאמעטענע צעדערן.. דעם "אמאר מעטשעט" און אונטער איהם די גרויסע קירכע מיט די גאל-דענע קופאלען אינ'ם טאל פון די מצורעים.. די בערג פון גאלד און בלאה, וועלכע זענען געלעגען אויפ'ן האריזאנט ווי פארגליווערטע חוואליעס.. די זענען די הויפט-פלעכען וועלכע האבען זיך געזעהן דורך דעם קליינעם פענסטעריל.. און אויף די פלעכען האבען זיך אלע מאל אנדערע פאנאראמעס און בילדער ווי אין א פאנטאזיע אנט-פלעקט.

אין א פרייטאג, פלעגען אלט-מאדישע פרענקען זינגען שיר-השירים אויף די דעכער און שטיפערישע ווייסע ציגעלעך ארומהאפסען און בוצקען זיך אין די שטערענדלעך..

דריי מאל א טאג פלעגט פון דעם שכנישען מינארעט הערען זיך דאס חזנישע נארגלען זיך פונ'ם מועדזין אויפ'ן קליינעם אויבערשטען גאניקעל.. און זיין רופען צו תפילה פלעגט זיך דרעהען אין דער לופ-טען ווי א גאלדענער עקבער....

א וויינענדיגער געברום פלעגט זיך הערען פון דער מערבי מנחה-צייט.. און פון ווייטען פלעגט אבהילכען דאס איבערשרייען זיך פון די אראבער אין די בערג..

און נאר פון ווייטען ציהט זיך א קאראוואן פון קעמלען ווי א שנור פון קרעלען אין די בערג און דאס מאנאטאנע קלינגען גיט זיך אפ ווי א מין צובאמקען צו אלעם וואס מען זעהט און מען טראכט.. און אזא מאדנע ליכט פלעגט זיך דורכן קליינעם פענסטעריל אריינגיסען צו



איהר אין צימער און ס'איז דארט אי ליכטיג אי דונקעל געווען צו דער זעלבער צייט.. און אפילו שרה'ס פיגור פלעגט גיט אזוי מגושם אויס-זעהן דארט.. איהר פול זאפטיג לייב האט ווי געטראגען א טונקעל זיי-דען העמד.. און איהר קיילעכיגער הייבליכער געלעכטער האט עפעס אנדערש אין צימער ביי דעם פענסטער געקלונגען.. עס איז ניט גע-ווען גלאט נאריש נור ווי דאס קול פון לעבען אין א מוזעאום אדער ווי די שטימע פון א קינד אין א וואך-נאכט.

ג.

און שמעטאוויטש האט זיך שטארק פארליבט אין שרה'ן. דער תאוה'דיגער עקעל וואס ער פלעגט פיהלען צו דעם סארט פרויען איז פאראיבער און ווי בוימאייל אויפ'ן וואסער איז ארויפגעשוואומען די ליבע..

און ווען ער פלעגט דארפען געהן צו איהר (ער איז כמעט יעדען נאכמיטאג ווען די היץ איז געשטילט געווען צו איהר געגאנגען) פלעגט איהם דאס הארץ קלאפען..

אמת, דער וועג צו איהר אליין איז געווען גענוג ראמאנטיש און עקזאטיש ער זאל מאכען קלאפען דאס הארץ פון א דיכטער.. אבער ער האט שוין דאס ניט באמערקט.

כמעט די גאנצע אלטע שטאדט האט ער געמוזט דורכגעהן ביז ער איז געקומען צו איהר אין שפיטאל וואו זי האט געארבייט. פונ'ם יפו'ער טויער ביז איהר וואהנונג האט ער געמוזט דורכגעהן א גאנצען לאבירינט פון לאנגע שמאלע און קרומע געסלעך מיט געוועלבען פון אריענטאלישער ארכיטעקטור...

הונדערטער מאלערישע מאטיווען און עטיודען האבען זיך איהם געווארפען אין די אויגען.. און דער אריענטאלישער געפילדער א געמיש פון פארבינגע קולות, האט געמאכט אויף איהם דעם איינדרוק ווי גליהענדיגע קוילען וואלטען געשליידערט געווארען אין דער לופטען פון די בראנזע-פיגורען אין ווייסע טורבאנען ווי קונצענמאכער... און א געדרענג איז געווען אין די געסלעך אייזלען מיט זייערע שטארק שמוצערענדע אנטרייבער, גרויסע פארוייגטע קעמלען שטופען זיך דורך דער ענגשאפט וואונדערליך ווי דורך א לעכעל פון א נאדעל... אראבער מיט די גרויסע מעשענע קרוגען אויף די פלייצעס רופען אויס זייערע קאלטע געטראנקען קלאפענדיג מיט מעשענע טעצלעך וועלכע רייסען די אויגען ווי זונען.. און א וואקכאנאלי פון פארבען סטארעט זיך ווי איבערצושרייען די וואקחאנאליע פון האלז-קולות..

איינס שרייט איבער דאָס צווייטע ווי אין א מין מלחמה.. גאלדענע עפּעל, טיכער פאַרשידענע זענען צוואַרפן אויף די קליים-טישן אויף וועלכע ס'זיצען די סוחרים מיט די פּיס אונטער זיך און שרייען, דינגען זיך—אדער גאר שווייגענדיגע ווי אבגעטער זופּענדיג פאַר-חלומט פון די נארגילעס..

און נאך מעהר אייפגערעגט ווערט שמעטנאוויטש ווען ער קומט נעהענטער צו זיין געליבטע און ער נעהמט שוין דורך די שטילערע געס-לעך. דאס הארץ הויבט איהם אָן נאך שטאַרקער צו קלאַפּען.. דאָ איז שוין מאָדנע שטיל און א פליגעל פון מורא גיט א פּאָך ביי איהם אין הארצען... פרויען אין שוואַרץ-זיידענע מיט פאַרהאַנגענע פּנימער, שוואַרצע "חאדושען" מיט טיגרישע שטילע טריט ברומענדיג פאר זיך "אלאה"... א אַלטער איד מיט א חייסער באָרד נעהמט דורך און דערמאָנט אָן אליהו הנביא.. ער געהט צו כותל מערבי מן הסתם.. און ער דערמאָנט זיך שארפער אין דער אויבערשטער העלפט פון דער וואנט וואָס ער זעהט דורך איהר פענסטעריל, און איהר לייב...

און אַז דער שווארצער "חאדוש" דער שומר פון שפּיטאל עפענט פאַר איהם דעם טויער צוזאַמען מיט די בליץ ווייסע ציינער, לאַכט ער פאַרשעמט ווי א פאַרליבט יונגעל.

ד.

און צוזאַמען מיט שמעטנאוויטשעס רעאַליסטישען ראמאן דער געזונטער ווייבליכער שרה, האָט אויך פראגרעסירט דעם דיכ-טער'ס פלאטאנישער ראמאן "דוד און יונתן"..

ער באַארבייט שוין די לעצטע קאפיטלעך און באלד וועט ער זיין פאַרטיג צום דרוק.

ער האפט אז דער ראמאן וועט האבען א געוואלדיגען ערפאלג און אַזוי האפט אויך שרה, פאַר וועלכער ער האט איהם געלייענט קאַפּי-טעל נאך קאַפּיטעל און וועלכע האט הערענדיג געהורושעט פון גרויס פאַרגעניגען.

באַזונדערס האבען זיך שמעטנאוויטשען איינגעגעבען די קאַפּיט-לען וואו ער האט געשילדערט יונתן'ס אייפערזוכט צו זיין שוועסטער מיכל ווען זי איז געווארען זיין געליבטען דוד'ס ווייב..

און שרה האט זיך נאך קיינמאל אזוי ניט געשטיקט פון געלעכ-טער און פאַרגעניגען ווי ווען ער האָט איהר געלייענט די פּאָר קאַפּיטלעך...



אינ'ם טייל פון דוד האט שמעטנאוויטש אריינגעלייגט די דאָזיגע ווערטער:

...דיין פאָטער ליידט... מעהר זענען די שוואַרצע וואָלקען אויף זיין שטערען ווי איפ'ן ווינטערדיגען הימעל.. ניט די פּרוכט פון זיין דיך וועט ירשנען זיין מלוכה און זיין הארץ ברענט פון קנאה ווי א קאַלך-אויווען.. ווייל איך איהם גרינג מאַכען דעם נביא'ס שטראָף.. אפשר וועט זיין צאָרן שטילער ווערען ווען ער וועט וויסען אז זיין טאָכטער מיכל וועט זיין דעם קומענדען מלך'ס ווייב...

און האָט ער טיר אליין ניט צוגעזאָגט זיין עלטערע טאָכטער מיט דער שטילער טרייסט און נאך שטילערער כונה? און דו יונתן, וועלכער ביזט דער קוואַל פון מיין ריינסטער ליבע קענסטו זיך אפילו פאָרשטע-לען אַז דיין שלאַנקער בראנזען-גוף וועטענס גלידער פליסען אַראָפּ ווי די בוימלען פון די הייליגע קרוגען אינ'ם משכן זאל פאַרגעסען ווע-רען פון מיין הארצען צוליעב דער זינדיגער ליבע צו אנ'אשה, ווען זי איז אפילו די טאָכטער פון א מלך, די שוועסטער פון א געליבטען פרינץ..

אָ וועה געשריגען... ביזטו דען ניט מיין ברודער און זי מיין שוועס-טער און וועל איך דען מיט עפּעס פאַרשוועכען דעם כבוד פון אונזער שוועסטער.

און אַז ס'וועט זי עמיצער א זאָטער א בעל תאוה נעהמען פאַר א ווייב און קענען זי, וועט דיין שוועסטער גליקליכער זיין ווי צו זיין אין די פּאַלאַצען פונ'ם יונגען מלך און פון איהר ברודער'ס בעס-טען פריינד"..

און ווען שמעטנאוויטש איז געקומען צום שלום פון דער סצענע וואו "זיי פאַלען זיך ארויף אויף די העלזער און הויבען אויף זייערע קולות אין א גרויס געוויין" האט שרה זיך שוין ניט געקענט מעהר איינהאַלטען, פאַרוואַרפען אויף זיין האלז איהרע דיקע רובענס-פליי-שיגע ארעמס און איהם געקושט און געלאַכט פונ'ם גאַנצען האַרצען...

פונ'ם שכנה'שען מינאַרעט האט מען גערופען די גלויביגע צו מנחה. אין צימעריל איז געווען האלב טונקעל און עס האָט זיך נור געוויסט דאס איבערציעבץ פונ'ם בעט. דורכ'ן פענסטעריל האט מען געזעהן ווי די שכנים דרעהען זיך ארום אויף די דעכער ווי שאָטען-זיילען... זיי כאַפּען לופט און פאַרשטעלען און צושניידען דעם וואונ-דערליכען לאנדשאַפט..

ה.

פֿאַרשטעהט זיך אַז שמעטנאַוויטש האָט חתונה געהאַט מיט דער דיקער אקושארקא שרה טרויב. אין ארץ ישראל מוז מען חתונה האָבען... און זייערע ירושלימער פֿריינד זענען גאָרניט איבערראַשט געווען וואָס עס איז אַזוי גיך געשעהן. (זיי האבען זיך געקענט ווענינער ווי א יאָהר).

שרה האָט איהם געגעבען אין נדן אַ פּאָר טויזענד פֿראַנק וואָס זי האָט אַליין אָבגעשפּאָרט אין די עטליכע יאָהר פֿון איהר פּראַקטיק. שמעטנאַוויטש האָט איהר במתנה געווידמעט זיין נייעם ראמאַן ”דוד און יונתן“ וואָס ער האָט אַליין זעהר שען און אויף אַ מאָדערנעם שטייגער ארויסגעגעבען.



יצחק אבנר.

# סעזאָן-אויסשטעלונגען.

ווי ס׳זעהט אויס איז דער היינטיגער סעזאָן פֿון קונסט-אויסשטעלונגען אין לאנדאָן אַנ׳אומערשעפּליכער. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ס׳האַלטען זיך שוין אין עפֿענען אַ גאַנצע רייהע זומער-אויסשטעלונגען, זענען נאך נישט איינגאנצען געענדיגט די אויסשטעלונגען פֿונ׳ם פֿריהלינג-סעזאָן.

כמעט אויף די אלע אויסשטעלונגען זענען פֿאַרהאַן אידען. בלויז אויף דער אויסשטעלונג פֿון דער ”עקס גרופּ“ וועלכע באשטעהט פֿון די צעהן מיטגלידער וואס זענען ארויסגעטראָטען פֿון דער ”לאנדאָן גרופּ“ מיט ווינדהאם לואיס בראש, זענען ניטאָ קיין בילדער פֿון קיין אידען. ס׳איז דאָ אַ סברה אז די ”עקס גרופּ“ איז איבערהויפּט בעגרינדעט געווארען ווייל איהרע מיטגלידער האבען לענגער נישט געקענט פֿארטראָגען די ”געמישטקייט“ און דעם ”קאזמאפאליטיזם“ פֿון דער ”לאנדאָן גרופּ.“

ווינדהאם לואיס זעהר מעגליך זוכט א געוויסען איינהייטליכען ”אמת ענגלישען“ אויסדרוק. אין זיין ארבייט אבער פֿיהלט זיך א גרויסער צומיש פֿון פסעוודא-נאָוואַטאָרישע פֿראַנצויזישע מעטאָדען, דער אפּקלאַנג פֿון זיין נאך-קוביסטישען-וואָרטיציזם.

צווישען די איבערגעבליבענע קינסטלער פֿון דער ”לאנדאָן גרופּ“ וואס שטעלען אויס אויף איהר איצטיגער אויסשטעלונג, פֿארנעמען צוויי פֿון די דריי אידען וואס געפֿינען זיך דארט, דוד באמבערג און יעקב גערטלער דעם אויבען אָן. בערנארד מענינסקי— דער דריטער—ווייזט זיך אויף דער אויסשטעלונג א סך שוואַכער ווי געוועהנליך.

באָמבערג, גערטלער, עטלעבערט ווייט, נאש און אדעני זענען די וויכטיגסטע קינסטלער אויף דער היינטיגער אויסשטעלונג.

דעם שטאַרקסטען איינדרוק פֿון אלע מאכט באמבערג. ניט קוקענדיג וואס ער איז איבערהויפּט נישט קיין לאנדשאפֿט-מאלער, און האט דאך אויסגעשטעלט צוויי נישט-געלונגענע אבער שטאַרק-אינטערעסאַנטע לאנדשאפֿטען, ווייזט ער אפֿילו אין זיי זיין פֿיינעם, ניט-קאנווענציאנעלען געשמאק. ער ווייזט אויך צוויי אינטעריאָרען— די געדערים פֿון אַ טעאַטער, און אַ בין השמשות׳דיגען סטודיא-מאָטיוו. די ”פּיט“ און ”גאלעריע“ וואס באמבערג באהאנדעלט ווייזט זיך נישט נור גראָטעסק, נאר זי איז אויך פֿול מיט שטימונג און ווארמקייט. די איבערראשענדיגע ווארמקייט פֿונ׳ם רויטען טעאַטער-בילד, קאנקורירט זעהר שטאַרק מיט די שמוציגע, במעט שווארצע גראהקייט פֿון זיין סטודיא-אינטעריאָר. אפגערעדט פֿון די שטימונג וואס אט די צוויי בילדער פֿארמאגען, קענען זיי באַטראַכט ווערען פֿאר די רעאַלסטע אויף דער גאַנצער אויסשטעלונג. ס׳איז אבער אַ שאָד וואס באמבערג קערט זיך צוריק צום רעאַליסטישען. דאס אבסטראַקטע קינסטלערישע שאַפֿען איז באמה מעהר רעאליסטיש און נעהענטער צו דעם אין-זיך פֿארבארגענעם קינסטלערישען אויסדרוק ווי די נאטוראליסטישע אויפֿפֿאַסונג. ביי באמבערג ווייזט זיך דאס שטאַרק.

ער וואלט ניט בלויז געדראפט קאלארירן זיינע "דעזיינס". א ריכטיגער מאלער "דעזיינט" נישט און קאלארירט נישט. ער מאלט "סאנגוויניש", מיט פליש און ביינער. דערפאר איז גערטלער מעהר מאלער. ער געהט ארויס פונ'ם עכט מאלערישן שטאנדפונקט, און אויב ער באנוצט נישט א ברייטע פאלעטע, איז דאס נור דערפאר ווייל ער באנוגענט זיך מיט אנ'אנגענומענעם טאן וואס פאסט זיך צו דער שטימונג פון דער קאמפאזיציע. זיינע צירק-מענשען האבען נישט אזוי פיל באוועגונג ווי זיי וואלטען באדארפט האבען. מען זעהט ניט דאס פייער פון דער ארענא, ניטא די בליצענדיגע באוועגונגען און אויך ניט די שמינקע אויף די פנימער. נאך אלעם אבער, שפילען די קלייניגקייטען ביי גערטלער קיין שום ראלע ניט. ער זוכט אטמאספערע. זיין ליבע צו דער פראנצויזישער קונסט ווייזט זיך זעהר בולט. גראהע סעזאניסטישע טענער און טולוז-לאטרעק'ס חאראקטער-סביבה זענען גערטלער'ן זעהר צום הארצען. עס פעהלט איהם נור די פראנצויזישע לייכטקייט און די "שארמאן פיקאנטעריע" פון די מאנטמארטיסטען, מיט וועלכע ער ווייזט א שטארקע קרובה'שאפט.

סיי באמבערג, סיי גערטלער זענען אויף דער "לאנדאן גרופ" אויסשטעלונג איינציג. ניט דאס זעלבע קען מען זאגען וועגען מעגינסקין. ס'איז ניט וויכטיג וואס ער באהאנדעלט מוטער און קינד מיט אזא גרויסע ליבע, און ס'איז אויך ניט וויכטיג וואס ער מאלט זיי אין אזעלכע זיסע טענער. די ליבע צום מאלען און צו באצוקערען די טענער הייסט נאך ניט אידעאליזירען. עס ווייזט זיך אז מעגינסקי וויל זיין ליריש. אבער עס זעהט זיך נישט די מוטער-ליבע אין זיינע בילדער, נאר די מאדעלען פון א פרוי מיט א קינד. ס'איז ניטא קיין סביבה, קיין שטימונג. בלויז א טרוקענע, פאכמאנערישע באהאנדלונג.

א קאנטראסט צו מעגינסקי'ן איז קלארא קלינגהאפער, וועלכע האט איצט א זעלבסטשטענדיגע אויסשטעלונג אין די האמפסטעד גאלעריע. זי באהאנדעלט די זעלבע מאטיוון ווי מעגינסקי.

ביי איהר הערשט די ווארעמקייט און אין א געוויסער מאס די נייאיווקייט פון די אמאליגע איטאליענער. אויב מען באטראכט קלארא קלינגהאפער פאר א וואונדער-קינד איז זי טאקי וואונדערליך. מען קען זי אבער נאך ניט שטעלען אויף א גלייכע שטופע מיט אלע רייפע קינסטלער, און זי באטראכטען פון דעם שטאנדפונקט. זי ווייזט נאך ניט די פערזענליכע רייפקייט. א קינסטלער מיט איהרע פעהיגקייטען און קענטעניש דארף עפעס זאגען און אנטדעקען.

קלארא. קלינגהאפער שילדערט מיט א געוויסער לייכטער געשיקטקייט לויט דער מעטאדע פון דער "פלענער" שולע. איהר צייכנען און אפט אויך איהר אויפפאסונג דערמאנט די אלטע איטאליענער און אין דעם ליגט איהר כח—אין איהר אינסטינקטיווען דראנג צו דעם איטאליענישען סטיל פון פערצענטען יאהרהונדערט. זי פארמאגט אבער בלויז די ווייכקייט פון די איטאליענער. צו זייער גבורה איז זי נאך ניט דערוואקסען. זייענדיג ערשט אויף דער שוועל פון איהר אנטוויקלונג, קען מען נאך נישט פארדערען פון איהר די רייפע פעסטקייט פון א מייסטער. מייסטערהאפט איז נור א פערזענליכקייט. קלארא קלינגהאפער האט גרויסע מעגליכקייטען. דעמאלט ווען זי וועט עס באגרייפען, וועט זי עס קענען אויסנוצען.



# נאטיצען.

— איבערדרוקען פון "רענעסאנס" איז פארבאטען אהן ערלויבעניש.

— די רעדאקציע נעמט ניט די אחריות פאר די ארויסגעזאגטע מיינונגען פון איהרע מיטארבייטער.

— דער "רענעסאנס" גרייט צו אין גיכען אין לאנדאן א גרויסע אויסשטעלונג פון די ווערק פון אידען-קינסטלער. אלע קינסטלער וואס זענען פאראינטערעסירט אין דעם זענען געבעטען זיך צו שטעלען אין פארבינדונג מיט אונז.

— די רעדאקציע בעט אלע מחברים און פארלעגער זיי זאלען צושיקען זייערע נייע ווערק פאר רעצענזיעס.

— פאלגענדע ביכער און זשורנאלען זענען ערהאלטען געווארען:

— שריפטען—זומער 1919. פערלאג "אמעריקא".

— שריפטען—הערבסט 1919 „ „

— דוד איגנאטאוו—צווישען צוויי זונען. „ „

— „ „ אין קעסעל גרוב „ „

— „ „ דאס פארגארגענע ליכט „ „

— א. מ. דילאן— געלע בלעטער. מיט צייכנונגען פון ז. מאוד. פערלאג אמעריקא.

— ל. מילער— אויף גאט'ס וועלט. מיט צייכנונגען פון דוש. טאפעל. פערלאג אמעריקא.

— ש. צ. זעצער— ר' ישראל בעל שם טוב. צוויי בענדער. פערלאג אמעריקא.

— יצחק בלום— פון ברעג צו ברעג. פערלאג "פאעזיע און פראזא".

— „ „ — אין דער שטיל. „ „

— יחזקאל בראנשטיין און מרדכי מילער— צוויי וועלטען. פערלאג "וויניפעג."

— קריטיק— א מאנאטליכער זשורנאל. רעדאק. משה זילבורג. חיען. נ.1. נ.2.

— לעבען— העפטען פאר קונסט, ליטעראטור און פובליציסטיק, רעדאק. משה שאלעט. ווילנא.

— אין זיך— מאנאטליכער זשורנאל פאר אונטראספעקטיווער ליטעראטור. ניו-יארק.

— זאנגען— ארויסגעגעבען פון שעלא-בעלא-קלוב. ניו-יארק.

* * *

— די פארשידענע פארזעצונגען האבען צוליב דוחק אין פלאץ ניט געקענט אריין אין דעם נומער.

— די רעדאקציע פון "רענעסאנס" האט ברעה פון דאס כ'י ארויסצוגעבען אלטע אידישע ספרים, וואס געפינען זיך אין "בריטישען מוזעאום". פארלעגער, וואס זענען פאראינטערעסירט אין דעם, זענען געבעטען זיך צו ווענדען צו אונז.

— עס איז ערשינען אין ענגלאנד א בוך פון וואן דירען וועגען יעקב עפשטיין, מיט א סך רעפראדוקציעס פון עפשטיינ'ס סקולטארען.

— אין פראנצויזישן פערלאג Action איז ערשינען א בוך פון מאריס רייגאל וועגן דעם יונגען אידישען סקולפטאר זשאק ליפשיץ מיט איין און צוואנציג רעפראדוקציעס.

— דער באקאנטער ענגליש אידישער מאלער—וויל ראטענשטיין קונסט-פראפעסאר אין שעפילד אוניווערזיטעט איז איינגעלאדען געווארען פון דער שטאדט לידז צו דעקארירען דאס ראט-הויז. צווישען אנדערע באטייליגען זיך אין דער ארבייט די אידען-קינסטלער ראדערסטאן און אונזער מיטארבייטער—יעקב קראמער.

— פראפ. שץ פארט איצט ארום אין איירפא און זאמעלט קונסט-ווערק פאר'ן בצלאל-מוזעאום.

— ה' מארק שווארץ האט איצט א אויסשטעלונג פון זיינע ווערק אין פאזען.

— צו דעם ניינציג-יעהריגען יובילעאום פון קאמיל פיסארא האט די לעסטער-גאלעריע פאראנשטאלטעט אין לאנדאן א גרויסע מעמאריאל אויסשטעלונג פון זיינע בילדער.

— דער ארטיקעל וועגען פיסארא אין דעם נומער "רענעסאנס" איז געשריבען פונ'ם דירעקטאר פון דער לאנדאנער נאציאנאלער גאלעריע—דזש. מאנסאן. גלייכצייטיג ערשיינט דער ארטיקעל אין ענגליש אין "The Studio"

— די ביאגראפישע נאטיץ וועגען קאמיל פיסארא איז געשריבען פון זיין זוהן—לוסיען פיסארא, דער באקאנטער מאלער.

— ה' ל. בלומענפעלד—Paris, 102, R. Monge שרייבט אונז אז ער הויבט אן אין Mercure de France סעריע אפהאנדלונגען וועגען דער אידישער ליטעראטור און ער בעט די אידישע שריבער זיי זאלען איהם צושיקען זייערע ווערק אויפ'ן דערמאנטען אדרעס.

— ל. בלומענפעלד'ס איבערזעצונגען (אין פראנצויזיש) פון מענדעלי, פרץ, שלום עליכם, אש, רייזען, שאפירא און אנדערע, וועלען אין גיכען ערשיינען אין א בוך-פארם.

— דער אידיש נאציאנאלער קונסט-פאראיין בן-אורי האט געקויפט פאר זייער קאלעקציע פיער בילדער פון אונזער מיטארבייטער—דוד באמבערג..

— דעם איין און צוואנציגסטען יוני וועט פארקומען א גראנדיעזער קאנצערט-מיטינג אונטער דער לייטונג פון לאזאר סאמינסקי, דער דירעקטאר פון דער אידישער פאלקס-מוזיק געזעלשאפט. די בעסטע מוזיקאלע קרעפטען פון לאנדאן וועלען איינטייל נעמען.

* * *

ר' מאטעלע ראחמיסטריווקער (ר' מרדכי טווערסקי) איז נפטר געווארען, צו צוויי און אכציג יאר אין ירושלים א קורצע צייט נאכ'ן פאגראם, א קרבן פון די אבזוריות. ער איז אויך באקאנט געוועהן אלס קונסט-ליבהאבער.

אדרעס פון דער רעדאקציע: 7", Blenheim Crescent, W.11.

## דער פועלי-ציון ביורא
## און די אדמיניסטראציע פון „אונזער וועג"
## האבען זיך איבערגעצויגען.

---

אַלע בריעף, צייטונגען א. א. וו. דאַרפען געשיקט ווערען אויף דער נייער אַדרעס:

**27, Sandys Row,**

**Bishopsgate, London, E. 1.**


WRITE TO US
THE
WAYNER STUDIOS
FOR

POSTERS
SHOWCARDS
BANNERS
BOOK PLATES
ILLUMINATED
ADDRESSES
FRAMING
ETC. ETC.

6. LUKE St CURTAIN Rd E.C.2

פאָהרט צום ים!
און שטעהט איין אין
גראדעל'ס
כשר
„באָרדינג-
הויז"

Albert House,
5, Sweyn Road, Cliftonville,
Proprietor: L. Gradel. MARGATE

דאָס הויז שטעהט ביים ים, שרייבט
זיך שוין איין פאַר אייערע „האָלידייס"






קאַמיל פיסאַראָ

אַ וואַסער-טרעגערין

# ארוים פון כאאָס.

פֿון משה עובר.

דר. מאקס נארדא'ס בריעף צום מחבר:

"טייערער הער,

ענדליך האב איך געפֿונען די נויטיגע צוויי שעה איבערצולייענען און הנאה האָבען פֿון אייער בוך "ארוים פֿון כאאס". איך האב עס געלייענט אין ענגליש ווייל איך בין נישט גענוג באַקאַנט מיט אידיש צו פֿיהלען אין דער שפּראַך ריכטיג. די איבערזעצונג אבער מוז זיין אַ מייסטערהאַפֿטע, משפט'ענדיג פֿון דעם וואונדערבארען ליעדעש געזאַנג צו דער מאכטער פֿון ציון" (קאפיטעל 20). דאס ליעד אנטפּלעקט א נהי-סען פאעט.

איהר האָט געמאכט אויף מיר א טיעפֿען איינדרוק. איך קען נים אויסדריקען מיט ווערטער מיין איבערראשונג. איך זעה דאס אויפֿלעבען אין אייך יענעם אויסערגעוועהנ-ליכען גייסט, אנ'אומפֿארגלייכליכע צוזאַמענמישונג פֿון עקסטעטישער ליריזם אום-געהייער טיעפֿען מיסטיציזם, און פּראָפֿעטישע אויסברוכע וואס כאראקטעריזירען אונזער תהלים, אונזערע נביאים און אפֿשר מעהר פֿון אלע יעזוס.

שרעקט זיך נישט פֿאר דעם וואָרט, אייער געדאנקען-אַרט און געפֿיהל איז מערק-ווירדיג ענהליך צום נוצרי. אייערע תפילות צו גאט, די ווערטער וואס איהר מאכט גאט דרשות, אייער שטראַפֿען און טרייסטען דערמאַנען אין "די רעדע אויפֿ'ן בארג" און די ליעבע ווערטער פֿון דעם גליל'שען רעפֿארמער צו זיינע נאכפֿאלגער.

דאס וואונדערבארע איז וואס עס ווייזט זיך ארוים גאַנץ קלאָר אז איהר האט נישט געשעפּט אייער אינספּיראציע פֿון דער קריסטליכער לעהרע. איהר האט עס געפֿונען אין אייער אייגענעם איבער-בעוואוסטזיין, אין אייער יודישען שטאַם, פֿון אייער מויל רעדט דער נישט ענדערנדיגער אייביגער גייסט פֿון ישראל, וואס האט פֿאַרהאַנגען א פֿונק אין די בעסטע שאפֿונגען פֿון היינע, פֿון וועלכען עס איז אויך שם, דער גייסט האט אונז דערהאלטען ביים לעבען אין די שרעקליכסטע יאהר-הונדערטער, עס גיט נייע האפֿנונג און כח צו זעהן ווי דער גייסט לעבט אין א היינטיגען איד, אין אייך. איך וואלט געוועזן ארימער ווען איך וואלט ווייטער איגנארירט אייער בוך. איך דאַנק אייך וואס איהר האָט עס פֿאר מיר אַנטפּלעקט.

אייער מיט באוואונדערונג,

ד ר. מ. נ א ר ד א.

"ארוים פֿון כאאָס", פֿון משה עובר. געבונדען, פּרייז: אידיש -/3, ענגליש 2/6, צו באַקומען ביי:

The Minerva Publishing Co., Ltd.,

144, High Holborn, London, W.C. 1.




... פאר מענשען מיט געשמאק און נים שטארק רייך, איז

# גוד'ס קאמיא קארנער



## ווי געוואונשען

אמת, ס'איז נים דאָס גוטע אָרט פֿאַר שווערע גאָלדענע זייגערס מיט קייטען און פֿאַר נייע פֿאַבריצירטע דזשולערי, פֿון וועלכע ס'ווערט נים גוט.

ס'איז, אָבער, שוין איינמאָהל דער פּלאַץ פֿאַר אמת-שעהן אַלט צירונג, געפֿאַסט מיט דיאַמאַנטען און פּערעלין, יעדעס שטיקעל צירונג האָט טויזענד חן.

ס'איז דאָס אָרט פֿאַר מיניאַטיורען און סקולפּטור און פֿאַר אַנטיק ענגליש זילבער. און הויפּטזעכליך פֿאַר אַלטע קעמיאָס און קאָראַלען, קאָלעקטירט פֿון אַלע ווינקעלאַך פֿון דער גרויסער וועלט.

GOOD'S CAMEO CORNER, 1, New Oxford Street, London, W.C. 1.

# גראדעל׳ס רעסטאראנט

## 2, 3, 4, אלדגייט איסט טשיימבערס, אלדגייט איסט.

א אידישער רעסטאראן, וואו מ׳קען פארברענגען אנ׳אנגענעהמען אבענד און אבעסען א געשמאקען מיטאג אדער סאפּער. א פלאץ וואו עס טרעפען זיך די לעזער פון „רענעסאנס״.

---

זעהר א באקוועמער פלאץ פאר פארטיעס, חתונות און אנדערע פארוויילונגען

---

## זעקס מאכלים פאר 3/3

---

כשר אימפּיריאל כשר

## קאפע - רעסטאראן

דער באריהמטער וועסט-ענדער

## רעסטאראן

וואָס צייכענט זיך אויס מיט געזונדע מאכלים. דער ריינסטער און פיינסטער רעסטאָראַן עס טרעפען זיך דאָרט משכילים, חכמים, כלל-טהוער און שרייבער.

אייגענטימער:

**H. STEINWOLF,**

26, Noel St., Wardour St., Oxford St., W.1

דער גרויסער

## קונדס

איינציגער אידישער הומאָריסטישער זשורנאַל אין דער וועלט.

**און רייך אין אינהאלט.**

זייט איהר אַ לעזער?
אויב ניט, אויף ווען וואַרט איהר?
איהר קאָנט עס קריגען איבעראַל,
אָדער אין הויפּט-פאַרקויף ביי

## א. גאלוב,

**10, Osborn St., Whitechapel,**
**LONDON, E.1.**

דורך גאָלוב׳ס בוכהאַנדלונג קריגט איהר „אידישע גאַזעטען״, „דער אַמעריקאַנער״, „פאָלקס-אַדוואָקאַט״, „פרייע אַרבייטער שטימע״ און „רענעסאַנס״



## ENGLISH & HEBREW on the same TYPEWRITER

ענגליש און אידיש אויף דער זעלבער שרייב-מאשין.

# די בליק שרייב - מאשין

איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרען צו העלפען די וואָס דאַרפען שרייבען פון ביידע זייטען. די מאַשין שרייבט פון רעכטס צו לינקס אָדער פון לינקס צו רעכטס ווי איינער דאַרף. די מאַשין האָט צוויי רייהען אותיות (אידישע און ענגלישע, צום ביישפּיל) אין פאַרשידענע פאַרבען, כדי דער שרייבער זאָל ניט פאַרמישט ווערען. ווען מען וויל קען מען בייטען די שריפט פון ענגליש אויף אידיש, און פאַרקערט.

## THE BLICK TYPEWRITER Co., Ltd.

איז באוואוסט שוין מעהר ווי 25 יאָהר און די דאָזיגע מאשין איז דער סך-הכל פון איהר לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק. זי האָט אַלע מאָדערנסטע אײַנריכטונגען, און איהר קענט מאַכען אויף איהר די גרעסטע אַרבייט מיט דער גרעסטער שנעלינקייט און די בעסטע רעזולטאַטען.

שרייבט און פאדערט דעם קאטאלאג נומער 8 און דארטען וועט איהר געפינען אלע איינצעלהייטען וועגען דער מאשין.



די אָריענטאַל שרייב-מאַשין.

די גרויס פון דער שייד איז 7¼ x 11½ x 13¾. די וואָג מיט דער שייד איז 14 פונט.

**THE BLICK TYPEWRITER Co., Ltd.**

**9 and 10, Cheapside. London, E.C.**

## הוצאת הספרים „אחדות־העבודה", יפו, א"י

(מרכז לפעולה ספרותית לצרכי חיי העובד בארץ)

**ACHDUTH-HAAVODAH Publishing Co., Jaffa, Palestine.**

מראשית שנת תר"ף התחיל לצאת בארץ־ישראל ע"י הסתדרות הפועלים „אחדות העבודה", ירחון

# „האדמה"

בעריכת י. ח. ברנר.

בלחוברת מחזיקה שמונה גליונות דפוס.

מחיר החתימה:

לשנה . . . שתי לירות

כבר יצאו 6 החוברות

לחדשי תשרי, חשון וכסלו. טבת, שבט ואדר.

כמו כן יוצא לאור

# „קונטרס"

לידיעות שיחות ומכתבים

מופיע פעם בשבוע.

מחיר החתימה:

לשנה . . . . £1.6.0

הכתבת לחתימה באנגליה:

C. C. Poale-Zion, 27, Sandy's Row, Bishopsgate, E.1.

---

אבאנירט

# „התקוה"

ארגאן פון דער בעלגישער ציוניסטישער פעדעראציע.

# HATIKVAH

**Organ of the Federation of Zionists of Belgium.**

APPEARS TWICE MONTHLY.

**Frs. 15.— per year.**

Administration: 12, Rue Gretry, Antwerp, Belgium.



## דאס אידישע נאציאנאלע פראבלעם ווערט פיעל זייטיג באהאנדעלט אין

# „א אידישע אוטאָפּיע"

פון

**מאררים מייער.**

ארויסגעגעבן פון „די צייט", לאנדאן.

דאָס בוך איז אינטערעסאַנט פאַר יעדען אידען צו לעזען.

---

**פרייז: בראשירט 2/6, געבונדען 3/6**

צו באַקומען דורך אידישע בוכהענדלער פון לאָנדאָן,

אָדער דירעקט פון „די צייט":

**"Jewish Times," 325, Whitechapel Rd., London, E.1.**

# רענעסאנס

אַ חודש זשורנאַל.

רעדאַגירט פון לעאָ קעניג.

יוני 1920. באנד 2. נומ. 3. לאנדאן.

## אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| לעאָ קעניג | Quo Vadis |
| א. מ. דילאָן | צוויי לידער |
| ברוך גלאזמאן | (אפּוס) אבענט |
| יעקב קראמער | פאָרם און געשטאַלטונג |
| נחום י. | דער אקאמפּאניםענט; צוויי לידער |
| יוסף לעפטוויטש | סימיאָן סאָלאָמאָן |
| מלך ראַוויטש | דיכטער-יונגער |
| ז. ווײנפּער | (ליד) אויף אונזער שיף |
| משה עובר | (פּאָעמע) דער געבורט פונ׳ם מאָרגען |
| ל. בלומענפעלד | אַנדרע ספּירא |
| יוסף לעפטוויטש | דער-שיר |
| דר. י. מ. זאלקינד | די געשיכטע פון דער אידישער בוך-דרוקערײ |


### פּעריאָדישעס:


| | |
|---|---|
| ל. ק. | „שריפטען,“ „אין ויך.“ ז. ווײנפּער, „פון אונזער לאגער.“ א. מ. דילאָן, „געלע בלעטער“ |
| יוסף בלאנקעט | וועגען ש. ווינטשעג׳ס לידער |
| אינהאַלט פון רענעסאנס | באַנד 1, 2—זעקס נומערן |


### רעפּראָדוקציעס:


| | |
|---|---|
| יעקב קראמער | מיין מוטער׳ס פאָטער. |
| לוסיען פּיסאַרא | אסתר המלכה |
| יעקב עפּשטיין | קריסטוס—סקולפּטור |
| א. מאָדיגליאַני | צייכנונג |
| מאַרק שאַגאַל | איך און דאָס דאָרף |
| בערנאַרד מענינסקי | מוטער און קינד |
| דוד באָמבערג | שער-בלאַט |



## אוצר מדרשים

בית עקד למאתים מדרשים קטנים (שלמים) ואגדות ומעשיות בסדר אלפא ביתא.

מחירו בשני כרכים יפים $6.00

## אוצר דרושים נבחרים

והוא ילקוט לתורה נביאים וכתובים, וכולל בו אגדות נבחרות מן תלמוד בבלי וירושלמי, מחילתא ספרא וספרא.

מחירו בכריכת בד טוב $4.00

## אוצר דינים ומנהגים

כולל כל מצוות עשה ולא תעשה מדאורייתא ומדרבנן, גם מצות שאינו נוהגין בזמן הזה, וכל הדינים הנהוגים בישראל.

מחירו בכריכת בד טוב $4.50

## אוצר דרשות

מאתים דרשות מגדולי הדרשנים בספרות ישראל האוצר הזה הוה בכרך אחד אך נחלק לשלשה חלקים.

מחיר אוצר דרשות בכריכות בד טוב $4.50

**OZAR MIDRASHIM**

A Library of Two Hundred Minor Midrashim. Edited with introductions and Notes by J. D. Eisenstein.
Vol. I. א—ל Vol. 2. מ—ת Price 30/-

**OZAR DRUSHIM NIBHARIM or YALKUT**

An anthology of the Midrashic Literature according to the order of the Hebrew Bible, compiled and edited with notes by J. D. Eisenstein. Price 22/6

**OZAR DINIM-U-MINHAGIM**

A Digest of Jewish Laws and Customs in alphabetical order compiled by J. D. Eisenstein. Price 22/6

**OZAR DERASHOTH**

An anthology of Two Hundred Hebrew Sermons & Lectures by Medieval and Modern authors on Festival and other occasions. Edited by J. D. Eisenstein. Price 22/6

**ADOLF GABLE**

86, Cornwall Road, Grangetown, Cardiff, S.W. England

לעאָ קעניג.

# "QUO VADIS"?

א איד איז געשטאָרבען.

און די שטאָלצע סינכען די קרוין-שטאָרם פון בייערן איז אין פּולען פּראָיעד. גרויסע שוואַרצע מאַסען, ווי גרויסע שכמען ווערד רירען זיך אין די גאַסען. די קאַטאָלישע קירכען-גלאָקען קלינגען טרויעריג.

פאַר וואָס קלינגען זיי אַזוי טרויעריג?—א איד איז פּרעזידענט געוואָרען.

א איד איז געשטאָרבען—קלינגען די קירכען-גלאָקען אַזוי טרויעריג און וויינען זיך אין דער לופטען ווי מאַן-רוחות פון א ווייטען לענגע-ראַר ים... און אַטמען ריהרען זיך קיים שוואַרצע שכמען שוואַרצע ערד. — —

און אין דער וועלבער וואָך.

נעלע ליסעניקס ווי כינעזישע לאַמפּען באַוועגען זיך און שווינדלען אין די גרויסע שפּיטלען, גלייך ווי א ווינט האַלט פלויצלונג א יאָג געטאָן צווישען זיי. פון וואַנען איז דער ווינט, דער היסטאָרישער ווינט? וואָס האָט אַזוי ניינדיג געמאַכט די קלוגע, קאַלטע דיפּלאָמאַטען פון דער שלום-קאָנפערענץ?

א איד דאַרף רעדען פאַר זיי און דער וועלט-אַלטער שפּראַך פון די העברעער.

א נייע נאַמען פון ראָמאַנס און ווייטע ראָמאַנטישע קאַריערע, נאָך א קורצע צווישען אַזוי פיל אַריסטאָקראַטישקייטען. שטעלט דער איד אַזוי קאַלט מיט די נאָך קעלטערע אויגען און די זיבעטע וואָרטער פון אַמאָל פאַלען זיי אויסגעגליטשטע קוילען. הערען אבער אָט די היסטאָרישע קלאַנגען א פאַר הייכטטשטעלטע אויגען פון אונטער די פּליצעס פון דער ערשטער שורה דיפּלאָמאַטען, און ווי ווייסען נים וואָס צו פיהלען.

א אפּשיין פון א רוחקייט פאַלט אויף ווייסע באַקען... און ווי דער-מאָנען זיך אָן א יום כפּור...

2

קומט צוגעהן א "אידישער" איד צו א "נייעשער" איד און בעט:

— אייער עקסעלענץ, איך קום צו אייך װײַל ס'איז נאָמען פונ'ם אלטן ישראל, איהר אלס פארשטעהער פון דער גרעסטער גרופע טאקע װאָלט אונז העלפן צוריקקריגן פאלעסטינע..

— אין'ם נאָמען פונ'ם אלטן ישראל?

— יא..

— פאלעסטינע?

— יא..

קריימט דער "נייעשער" איד מיט'ן שטערן. א גאנצע מלחמה קומט אין איהם פאר: ער איז געשטאנען די גרעסטע פיינדליכע װעלט װאָל איהם באטראכטן אלס א פארשטעהער פון ישראל... װער איז דער פארשטעהער? און ער װייסט אז ער װיל נים פאלעסטינע.. פאלעסטינע איז אין זיין פריװאטן מוזעאום װאו עס געפינט זיך אויך די אלטע ספר תורה װאס ער האט גע'ירשנט פון זיין רייכן עלטער זיידען.

האוסדערט ער זיך: און װי פון א פלוצלונגען חזיון הערשלאגען שטאמלט ער אהן זיין װיסן:

"די גאלגאטא".. — —

3

װעט דער קומענדער אידישער היסטאריקער-ראמאנטיקער פאר-צייכענען:

"אין יענער צייט װען משוגענע אידען האבען אויף אלע פיער ארום-געפוילעט אין די גרויסטע װעלדער פונ'ם קאלטן צפון און װי עפילעפ-טיקער געמורמעלט:

שמ-ע.. יש-ר-אל..—

און דער װעלבער צייט זענען אין מערב איראפא פארגעקומען גרויסע באגייסטערטע אסיפות פון אידען װאו מען האט הויך און היס-טעריש געשריגען:

די גאולה האט זיך אנגעפאנגען... משיח קומט..

היסטעריע און עפילעפסיע....

4

דער "לייב" אין דער הויכער ענגלישער געזעלשאפט איז דער יונ-גער סאסון.. די אריסטאקראטישסטע און נאבעלסטע פרויען שרכנען זיך צו איהם...

זיין שלאס אין לאנדאן איז דער פראכטפולסטער אין ענגלאנד.. דער הייסער פראכט פונ'ם אריענט מיט דער קיהלער װייסער קארעקטהייט פונ'ם מערב האבען זיך דארט פאראייניגט..



און מארמארנע טערעסען און טרעפ-זעגען דא און דעם שלאס פון װעלכע מען זעהט די גרעניצלאזע ים-גרויסקייטן פון גרויס-גראסאגיק.. פון די טרעפ זעגען נאך נים פארטיג אין דער הויך.. דער יונגער סאסון װעלט אפשר א צװייטער ביקאנספילד געװארן װען די װעלט װאָל נים זיין עלטער מיט א יאהר הונדערט..

קלויבען זיך דער פערװיילט און זיין שלאס ערװארטען די גרעסטע שטאטס-לייט און פעלד-הערן פון דער זיגרייכער איראפא צו באשטימען די גרעסטע פראבלעמען פון שלום און קריג.

אין'ם פראכטפולען שלאס פונ'ם יונגען סאסון איז אבער דאס ראָ-מאנטישסטע נאך נים געשעהן..

עס איז געװען א פאלשער קלאנג נור אז ס'איז געשעהן: שלעכטע צייטונגען האבען אויסגעטראכט אז נאך א יונגער איד האט געװאלט זיין אין דעם "אידישן" פאלאץ, װאו די גרעסטע שטאטסלייט און פעלד-הערן זענען געװען אין בעראטונג..

דער צװייטער יונגער איד האט געװאלט זיין לעבן קאמעניעהו..

א שאד װאס ער האט זיך נים באגעגענט מיט'ן יונגען סאסון און סאסון גיט מיט'ן יונגען קאמעניעהו.

און נאך א גרעסערע שאד װאס ס'איז נים באשערט געװען א פעטש װאָל זעהן אט די באגעגעניש מיט דעם חוזק פון קלוגע שארפע אידישע שמייכלען.. —

די װייסע מארמארנע טרעפ און טעראסען זענען נאך נים אויפגע-בוים אין דער הויך.

5

אין דער חורבה-שול איז געװען יום-טוב און גאנץ ירושלים זאט מיטגעהאלטן דעם יום-טוב.

די שטרייכערגע שטרציגע געסלעך אין "מאה-שערים" זענען פון אַ-דישע פרויען און אידישע שען-אויגיגע מענטשן געשליערט און געטאנצט געװארען.

א אידישער נציב, א שני למלך דארף דורך זיי גהן אין שול אריין, אין דער אלטער חורבה-שול פון ר' יהודה החסיד און נאך מעהר איז די שול געשייערט און געהייליגט געװארען: נייע זילבערנע לייכטער האט מען אויפגעהאנגען, נייע פרוכת'ן אנגעטאן אויפ'ן הייליגען ארון און די אלע באװאהרטע ספרי-תורות מיט נייע סאמעטענע מענטעלעך באַ-צוינען.

און א חופה מיט שטערן האט מען אויפגעשטעלט נעבען ארון קודש..

דער אידישער נציב וועט דערמאָנען שבת נחמו ווינען און רעמענען..
און באַגייסטערט פון פרייד האָבּן דערפרעהט פון גרייזן און רבנים
ערב דעם הייליגען שבת און ווייטער לאַנגע בשרד האָבּן זיך מיט הדרת
געקליידעט:

און די פרומע כשרע רביצינס האָבּן די רבנישע שבת'דיגע
שטריימלען און נייע סאַמעטענע זשופּעצעס געבּאַרשטעט און געפּרייזט.
דער נציב וועט שבת זיין אין שול, און דער חורבה שול פון ר' יהודה
החסיד.

און אַז ער איז געגאַנגען מיט זיין פּסיעה רחבה ווי ס'פּאַסט פאַר'ן
שבת און פאַר'ן האַר, זענען די גאַסן געפּאַקט געווען מיט יום-טוב'דיגע
פּנימער און שטראַלנדיגע אויגען..
און אין שול זענען בלויז רבנים און גדולי הדור געזעסן..
און הערט נור הערט: וועמענ'ס שטימע וועקט די אַלטע חורבה-
שול?

ווער איז דער געבּענטשטער חתן וואָס זאָגט אַזוי שיין די מפטיר-
שענע הפטורה? —
— דער נציב העליון איז מפטיר.
"נחמו, נחמו עמי"—ציטערט די געניטע און פרומע שטימע און
די עדה פון רבנים וויינט פאַר פרייד און פיהלט זיך געטרייסט. — — —
און אין דעם זעלבּען שבת אפשר (שבת נחמו) איז אינ'ם מאָסקווער
קרעמלען א ידיעה פון אַנטסעריטעט ווידבּמינקיים געווען..
עס האָט זיך געהאַנדעלט אום דער ווייטערדיגע פון א דרים-שטראָ-
לענדיגע ספק-פרייהייט... דער נייציגער און פּאַריסענער פּינגער איז שוין
טיף אין לאַנד אריין... דאָס לאַגער איז אין געפאַהר: שטעהט דער אידי-
שער קריגס-מיניסטער אינ'ם פּאַלאַץ-קירכע פון די אַלטע הייליגע רוסי-
שע צאַרען און רעדט פאַר דעם "קאַמיטעט פון ווידערהייט".
זיינע שוואַרצע ביסטערע אויגען בליצען מיט פייער, און זיין שטימע
קלינגט אָט דער מענטשען פון די אור-אַלטע נביאים...
און דער אַלטער פריועד-קאַמינער קרעמלין האָט נאָך אַזאַ שטימע
קיינמאָל אין זיינע מויערן שטייענדיגע געהערט ניט געהערט...
א שטימע פון דער חורבה-שול אין קרעמלין.
איז דאָס געווען דעם זעלבען "שבת נחמו"?





# צוויי לידער.

1.

ניט איהר און ניט זיי,
וועלען אויסלייזען אונז און די וועלט.
ניט איהר און ניט זיי,
וועלען ברענגען די געבענטשטע פרייד אויף דער וועלט.

עס מוזען די אויסלייזער גליטערטע זיין,
מיט הייליגע טריט אויף דער זינדיגער ערד—
נאָר איהר האָט פאַרבלוטיגט אונז און די וועלט.
ווי קען מען מיט בלוטיגע הענט ברענגען די וועלט?

2.

איך ווייס; מען האָט אונז אָפּגענאַרט,
און די פרייד איז נאָך נישטאָ.
ניט איין זון וועט אויפגעהן און פאַרגעהן,
ביז ס'וועט קומען יענע שעה.

וועלען מיר דערווייל וואַרטען,
אַנבעטען דאָס שלעכטס פאַר גוט?
ליבען נאָך, און לײַדען, לײַדען,
ווען עס ווייזט אין אונז דאָס בלוט?!

ווערט ווי א בליץ פאַרשווינדען?
צעגאַנגען ווערען ווי א רויך?
די וועלט זאָל זיך פון אונז באַפרייען,
און מיר אויף אייביג פון איהר אויך!

# אוועגט.

## (אן עפּאָס).

שטילער, שטילער, רוקט זיך צו
ס׳קומט דער אווענט מיט׳ן רוה.
פון אן אווענט־ליד.

א.

## וועגען דעם בערגעל פון די צוויי פנים׳ער.

**זומערדיגע** טעג וויגען טאקי לאנגע און זיך־שלעפּעדיגע, אבער
זיי פריזען דאך סוף־כל־סוף צו צום ענד פון זייער לאנגען,
ווארימען וועג.
**אזוי** ווי אונזערע טעג.
**ווען** אבער די זון ברענט נאך און דער טאג איז נאך הייס—ווער וויל
עס טראכטען פון די שפּעטע פונ׳ם אנקומענדיגען אווענט?
— —
**נאר** צי מען טראכט פון זיי, די שפּעטע פונ׳ם זיכער־אנקומענדיגען
אווענט, צי ניין—אנקומען קומען זיי שוין סיי ווי סיי אן,
די שפּעטע פונ׳ם קילען און קיל־טאכטעגדיגען אווענט. איז ווען מען הייבט
אן צו דערפילען די נאענטקייט פון זייער קילען וויינען, די נאענטקייט
פונ׳ם קילען טויט פון אוועקדינקייט, דאמאלס נעהמט מען ארויף אויף
א הויכען בארג פון וואנען מען קען נאך א לייכגערע צייט זעהן די פלא-
מען פון דער זון, מיט וועלכער עס וועלט זיך קייקען ניט אזוי גיך שיי-
דען.
**דאן,** ווען עס קומט אן דער אווענד.
**און** ווילט איהר ארויפקומען אויפ׳ן הויכען בארג, הייבט איהר זיך
אויף אויף ברייטע, ריין־געשייערטע מארמארנע טרעפּ, און וויל
דער מארמאר איז אזוי דורכזיכטיג און כוואליע־ארטיג מיט זיינע גע-
דרייטע אדערלאך, דיינקט איהר, אז איהר שטייגט צווישען פארגלי-
ווערטע בלאקען ים־וואסער און געפרוירענעם מעטעאר־שוים.
**און** אליעמאל שיינט דארט די זון, דארטען, אויף די טרעפּ, די מאר-
מארנע,—און ברייט זיינען די טרעפּ, און קאלט־קלאר, און שווי-
נענדיג. און מיט אן ערפורכטיגער הנעה, זיך קניענדיג און בוקענדיג
פאר אייערע פיס, פירען זיי אייך בארג ארויף, בארג ארויף, בארג
ארויף: ריינע טרעפּ דורך א ברייט־שטילער עזרה צו א ווייסליכען היי-
ליגען היכל.

אונ זוי היכל געפינט זיך טאקי אויפ'ן שפיץ בארג, אויף א פלאכער
טעראסע. אגרופען העלפען מיר דאם דאזיקע היכל: דער פאלאץ
פון דער *שפעטער* - פארנאכטהערגרינגער זון, און ווען דער אווענט
הויבט אן צוצופאלען, ציען זיך אהינצו מחנות פילגרימען, וואס הויבען
זיך און הויבען זיך אלץ העכער איבער דעם שלייגלענדיגען טרעפּע-
וועג, אלץ העכער צום היכל. און דארט מוזן זיי א לאנגע צייט דאווענען
און קוקען אויף דער זון, אויף דער זון, וועלכע מען זעהט שוין לאנג נים
אין טאל.

דאן, ווען עס קומט אן דער אווענט.

און עס קומען אהינצו פארשידענע מענשען.

יונגע פארלאך, נאך ערשט ביים אנהויב וועג, און עלטערע פארלאך,
שוין איינגעבויגענע און אויסגעדרישטע, זוי צופאלענדיגע
שטאמען פון בוימער. די וויינען שוין צום ענד וועג. דערגאנגען אין
כמעט דעם אנהויב פארגעסען... נאר מעהרער קומען אהינצו מיטעל-
יעהריגע, *עלטער-ווערענדיגע* פארלאך, וואס שטייען אויף
א בערגעל אין מיטען וועג. און הייסען הייסט דאס בערגעל: *דאס
בערגעל פון די צוויי פנים'ער.*

היינגען זיי דארט אויף א משקולת, אין מיטען, צווישען דעם אנהויב
און דעם סוף-וועג, שאקלען זיי זיך אויפ'ן שמאלען קאם—
אהין און אהער, אהין און אהער, און האלטען זיך אן מיט אלע זייערע
כחות אן דעם שפיץ בערגעל. קאנען זיך זאט נים אנקוקען מיט זייערע
פיל, בריים-פונאנדערגעשפרייטע און גיריג-אריינשטעכנדיגע אויגען אויף
דער נאך אלץ ליכטיג-שיינענדיגער זון. איידער דער שטילער אווענט
ווינטעל וועט זיי פון שמאלען קאם ארונטערבלאזען אויף יענער זייט,
וואו מידע פארלאך ציהען זיך אזוי מיד צום סוף-וועג, צום צווייטען סוף-
וועג, צום טאל-ווייטען סוף-וועג, וואו אן איינזאמער אויסגעדארטער
בוים צערגליט אינ'ם שיין פון די שקיעה'דיגע פלאמען.

אונ אהין, אויפ'ן בארג, קומט מען סיי זומער און סיי ווינטער, סיי
פרילינג און סיי הערבסט. *אלעמאל* קומען פארלאך אהינצו
—דערהויפט אבער אווענט-צייט.

ווארום דער אווענט ברענגט מיט זיך אויסער שטילקייט אויך קיל-
קייט. ווילט זיך דאמאלט טוליען אייגער צום אנדערען און
זיך צוזאמענגעהן אין דער אראפנידערגנדיגער קילער רוה.

די רוה, וואס האלט זיך אן אן די בלייע ווימען פונ'ם אווענט.

דאן, ווען עס קומט אן דער אווענט.





לוסיען פיסארא — אסתר המלכה,

ג.

## עס האָבן געלעבט אַמאָל אין אַ שטעטל...

הערט אַ מעשה.
אין אַ שטעטל האָבן געלעבט צוויי מענטשן, אַ מאַן מיט אַ פֿרוי, און
ווײַערע שירה'ן אײנער צום אַנדערן זײַנען באַשטאַנען אין
דעם, וואָס זיי זײַנען געווען מאַן און ווײַב.
מיט פֿילע יאָרן פֿריִער, שוין לאַנג צוריק, זײַנען זיי געווען יונג,
עס ווי אַלע מענטשן אין זייער פֿריִען לעבן.
ווען זיי האָבן חתונה געהאַט. נאָר שפּעטער, מיט יאָרן שפּעטער, און ד אַ ן האָ-
זיי עלטער געוואָרן און האָבן זיך טאָג-אײַן, טאָג-אויס, פּאַמעליך און
אומגעזען געקײַקלט באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ, צום שטיל-גרייען
מאָל.
ווי געוויינטלעך.
און אָנשלאָגן וועלן זיי זיך סוף-כל-סוף אָן דער הויך פֿון'ם שטיל-
גרייען מאָל... נאָר די מעשה קומט פֿאַר דאַן, ווען זיי זײַנען נאָך
געהאַלטן אויף אַ משקולת אויס'ן בערגל און מיטן וועג, און האָבן
זיך מיט אַלע כּוחות אָנגעהאַלטן אָן דעם קאַנט, כּדי דער אָרעם-פֿינגער
נאָך ווי נים אויסגעפּרובלעט אויף יענער זײַט, וואָס אָפֿט
פֿאַרלאָך ציִען זיך פּאַמעליך און מיר צום אויסגעדריקטן סוף-ווערט.
פֿלעגן זיי זיך אַזוי לעבן צוזאַמען: דער מאַן פֿלעגט אַרבעטן
עדגיץ צו פֿאַרדינען אויף אַ לעבן, און די פֿרוי פֿלעגט זיין
פֿאַרנומען מיט הויז-אַרבעט, ווי אַלע פֿרויען.
פֿלעגן זיי לעבן צוזאַמען — טייגעם יעם: בלויז אין איין הויז. וואָרום
שוין לאַנג האָבן זיי דערקענט אײנער דעם אַנדערן און
עולטען געהאַט פֿון וואָס צו רעדן, און צוליב וואָס אײנס דעם אַנדערע-
רען געכאַנטער אין די אויגן קוקן. שוין צופֿיל געקענט אײנס דאָס
אַנדערע.
פֿלעגן זיי זיך לאַנגווײַלינען.
זאַלבענאַנד.
און דאָמאָלסט, ווען עס פֿלעגט זײַן אַזוי אומעטיק ווערן, פֿלעגן זיי
אַריבערקוקן הינטער'ן פֿענצטער און זען:
יונגע, לעבעדיקע פֿריידיקע פֿאַרלאָך שפּאַצירן אין גאַס, לאַכן, רוי-
שען, קוקן אײנע אויף די אַנדערע מיט גליקלעכע, נאָרנים-
זשהענדיקע אויגן.
פֿלעגן דער מאַן און די פֿרוי, וואָס האָבן געוואוינט אין יענער
שטעטל, בײדע צו זיך אין דער שטיל אַזוי זאָגן:



[illegible]
אוי, סײַן פֿריערט.
אוי, סײַן פֿריערט.
און [illegible]

[illegible]

ד.

[illegible]

נאָר [illegible]
ווײַל [illegible]
[illegible]
א [illegible]
אַמאָל [illegible]
— ווען דער [illegible]
און [illegible]
און אַמאָל [illegible]
— ווען דער [illegible]
און [illegible]
נאָר [illegible]
און דער [illegible]
פֿלעגט [illegible]

פארפיום. איהרע בלאנדע האר אין א הויכער פריזור פארפלאכטן און
זיך ארייננעפלאכטן אין א קלייד פון שיפאן-זייד.
זיי פלעגן שוין געפינען אויסריידן איינער פאר'ן צווייטן.
נער פלעגט נישט וועלן צופיל פרעגן און חושד זיין דעם פרעמדן
היזל ווי זיינען ביידע נערן געווען זיך ארויסרייסן פון זייער אומעטיקן
היים, וואס האט זיך געפונען אויפ'ן עק פון צוויי גאסן, צוויי וועגן.
דעריבער האט עס אויך געהאט צוויי נומערן. נומער 247 דער-
שליאך-צו-דער-זון. און נומער 742 צום-אווענט.
מיט שמחה און מסירת-נפש פלעגן זיי זיך ביידע ארייננווארפן און
די איינגעווייד פון דער טומלדיקער שטאט, מיט'ן שטארקן
ווילן דארט דערטרונקען צו ווערן.
אבער—הדרך צוויי באזונדערע וועגן.
זי פלעגט זיך לאזן מיט דער גאס: צום-אווענט.
און ער—מיט דער גאס: דער-שליאך-צו-דער-זון.

ה

## וועגן דעם אייביגן יום-טוב אויף יענעם בארג

די גאסן פון יענער שטאט זיינען געווען אומרעגעלמעסיג. פלעגן זיך
קרייצן אין דער קווער און אין דער קרום און נאר פילע פלעצער.
אלטע, אמאלינע, קאפריזנע גאסן. פלעגט שוין אויסקומען, אז ביידע
זעלבער גאס: דער-שליאך-צו-דער-זון צום בארג מיט דער
נאר געהן פלעגן זיי אויף צוויי באזונדערע טראטוארן. און פלעגן
זיך אויסהיטן איינער פאר'ן צווייטן. געפילט האבן זיי אום-
געוועהנליך אנגענעם און גוט, ווי אנגענעם און גוט עס איז פאר מאן און
ווייב צו פילשן איינער דעם אנדערן.
און לסוף פלעגן זיי אייטס דאס אנדערע פארלירן פנ'ם אויג.
שמעון פלעגט צום בארג אנקומען דער ערשטער. מיט א בייקענ-
דיגער, אין דער הויך אויפגעהויבענעם קאפ פלעגט ער זיך
לאזן שטייגן מיט גרויסער און שטילער פרייד ארויף, ארויף,—ארויף
די ברייטע טרעפ, די מארמארנע. און די, וואס שטייגן אונדערמידליך,
קומען ענדליך אן אין דער הויך.
ער זעצט זיך אוועק אויף א באנק, פלעכט איין די פינגער איינע אין
די אנדערע, קוקט שטאם אומגעדולדיג אין אלע זייטן, און
ווארט.



נאר די וועכטער און קלאוקייט, וואס פלעגן ארומציקלען יענעם
איינעם, ווייסן גור ער האט זיך אויפגעהויבן אויף די ברייטע
מארמארנע טרעפ צו דער טעראסע אויפ'ן שפיץ בארג, פלעגן באלד
אויף איהם ארומנעמען. ווערט ער רוהיג. לאזט ער זיינע בליקן גליט-
שן זיך איבער'ן פייערדיגן באל, ווי א פארליבטער אויגן איבער
דעם מיידעלס צוגליטן קערפער.
א הייבע, שלאנקע דאמע קומט ענדליך צו. זיי גריסן זיך, זיי לאזן
זיך שפאצירן איבער די שטעלאך, מיט רויטן ציגל אויסגעפלאס-
טערטע, וואס געפינען זיך אויפ'ן שפיץ בארג. דורך דער וועכטער און
קלאוקייט, וואס איז געווען די איינציגליכע לופט, וועלכע האט אנגע-
פילט די ארומיקייט דארט,—אויפ'ן בארג.
ווארום דער גאנצער בארג איז דאן געווען איינגעטונקט אין יום-טוב-
דיגקייט און פרייד. פון דער סאמע נידער, ביז'ן טאל, האבן
זיך איבער די מארמארנע טרעפ געצויגן מתנות, שורות, פארלאך,
שווארצע פלעקן, קליינינקע, שווארצע, פרומע מילבן.
נאר וואס נעהענטער זיי זיינען צוגעקומען צום הייכן שפיץ בארג,
אלץ גרעסער זיינען זיי געווארן און אלץ ליכטיגער. און נאר אין
דער הויך זיינען זיי שוין געווען פארפלייצט פון דער זון, דער זון, וועל-
כע איז אויפ'ן בארג נאך נים געווען אונטערגעגאנגען.
א יום-טוב איז געווען אויפ'ן בארג, א יום-טוב א גרויסער און זונינער.
מען האט נישט געזען קיין אלטע פארלאך און קיין יונגע. אלעמענס
רוקן איז אויסגעגלייכט געווארן. און אלע האבן מיט פארבייגקטע
אויגן געקוקט אויף דער זון, אויף דער זון, וועלכע איז שוין לאנג אונ-
טערגעגאנגען אין טאל.
און שטעהן מיט זיין ראטע זיינען געווען צווישן די שפאצירערינע.
און זיי האבן ווייניג גערעדט, ווי ווייניג מען רעדט דאן, ווען דאס
הארץ איז פול. איינער ביים אנדערן האבן זיי גים געפרעגט, ווער
זיי זיינען, פון וואנען זיי זייען און וואס זיי טוען. אט ווי מען טוט
דארט אונטען אין טאל. נייערט זיי האבן איינס אויף דאס אנדערע גע-
קוקט מיט טרייע און איבערגעבענע בליקן, און זייערע פנים'ער זיינען
געווען באלויכטן מיט א שטילער פרייד, מיט א פרייד פון אן אנדער
וועלט.
און ווען אלע האבן זיך אזוי געצויגן שטיל און פרום אין לאנגע
פראצעסיעס אהינצו, צום היכל פון דער שפעטער-פארגייענ-
דיגער זון, האט מען שטיל געזונגען.
עמיך—אלע.
נאר מען האט נים געזעהן—ווער. אויף שטיל און איינגעהאלטן איז
געזונגען געווארן. און אלץ, ווי די דינע, קוים-באמערקבארע

**ווער** איז זי, די שטילע דאמע, מיט די פּיטשע, זייגע שמעקענדיגע
בלעקענדיגע אויגען?

**די** טאל-לייט האט שוין אנגעשריבען שמעקען אויף רעם בארג.

**האט** ער ביי דער דאמע געפרעגט, ווי מען רופט זי.

**דבורה**, האט זי געענטפערט.—און אייך?

**שמעון**, זאגט ער, איז ווין נאמען.

**אין** עס אבער נים געווען גענוג. די טאל-לייט, די טאל-לייט...

**נעוואוסט** האבען ווי מאקי, אז אונטען אין טאל וועלען ווי זיך
מעהר נים בעגעגענען.

**עס** האט זיך אבער געוואלט זיך זעלבסט אפנארען.

**פרעגט** ער ווייטער: וואו וואוינט איהר? געענטפערט זי:

**נומער** 742 צום-אוועגס.—און איהר? זאגט זי:

**נומער** 247 ריער-שליאך-צו-דער-זון.

**דאמאלס** פלעגען ווי איינער דעם אנדערען א וואריסען שמייכעלע
צוואהרפען און זיך פאנאנדערגעהן, דורך צווי באזונדערע
ראד וועגען.

**ער**—מיט דער נאמ: צום—אוועגס.

**זי**—מיט דער נאמ: רעה שליאך-צו-דער-זון.

**ווייל** זיי האבען געהאט א באהאלטענעם מיין דארט אונטען אין טאל
איינער דעם אנדערען באגעגענען.

**אבער** דארט אונטען אין טאל פלעגען זיי זיך שוין קיינמאל נים בא-
געגענען.

**ווייל** דארט אונטען אין טאל...

## ז.

## יענע שטילע דאמע...

**אין** יענער שטאדט, וואו א מאן מיט א פרוי האבען געלעבט, וויינען
די גאסען געווען אויסגעגלעטענע און פלעגען זיך קרייזען אין דער
קיזער אין גאר פילע פלעצער. פלעגט שוין אויסקומען, אז אלע פלעגען
זיך דערהיימערען פונ'ם בארג מיט דער זעלבער נאמ: צום-אוועגס.

**שמעון** פלעגט קומען אהיים. ווין ווייב פלעגט שוין פון לאנג ווארטען
אויף איהם.

**זי** האט שוין געהאט אנגעקלאנדען די לאמפ. עס איז געווען ווארעם.

**זיי** פלעגען זיך באמיהען ראן צו זיין פריינדליך איינער צום אנדערען,
ווי וועלענדיג פארגלעטען און געהיים באהאנגענע עוולות, פון וועל-
כע עס איז גלייכער נים צו שמועסען. ראן פלעגען די ריידען מעהר



מוסקול-ריידען, איז געווען גליך און געלענג און בליט-פארהאלט
פאר-באשרעגונגען.

**ביז** וואנען זיי זייגען אנגעקומען אהם באטבטאל.

**און** אז זיי פלעגען ארייגקומען איגנאיינאנ אין מוסקעל, פלעגט
פאלען אויף די הארמע, קאלטע פלוזומס פון די ריילען, און
ערגיץ אין די מוטקעלע היכל-ווינקלען, און מען פלעגט אזוי א
א לאנגע צייט, מיט פארשטאכטע און אויסגעצויגענע פנים'ער, און
כען, און חלום'ען, און בעטען צו דער זון...

**און** לאנג פלעגט דער דאזיגער יום-טוב געדויערן, און קורץ. א לאנג
קורצע צייט. און די בארג-פילגרימען פלעגען שפעטער,
אין א צייט ארום, עס אנרופען:

—די קורצע אייביגקייט.

**אט** אזוי פלעגט עס פארקומען איפ'ן הויכען בארג.

## ח.

## דארטען, אונטען אין טאל—

**און** דער "שפעטער" פלעגט ענדליך אנקומען.

**עס** קומט אן ענד צו אלע אונזערע פריידען.

**אונטען**, אין טאל, איז שוין געווען שטארק פינסטער און נאכט.
שטיל-בלייכע אוועגרינגע שלוחים פלעגען אנהויבען אנקלאפ-
פען אין די פארהוילטע נשמות-קעמערלאך פון די פילגרימען איפ'ן
בארג. שטיל פלעגען זיי אין די קלארע פענצטערלאך, אין
וועלכע עס האט זיך שוין אנגעהויבען לויכטען דאס שקיעה-ליכט,
אנקלאפען:

**וואכט** אויף... וואכט אויף... אין טאל הערשט שוין לאנג די נאכט.

**און** עס פלעגט הערען אוועגדיג אהין איפ'ן בארג. ווארטען און ווארטע-
לאך פלעגען זיך אנהויבען שטעגען אויף די שטערנס: מען האט
איבערגעלאזען לעבעגס אין טאל.

**האט** מען זיך אנגעהויבען פונאנדערגעהן.

**און** אז עס איז געקומען די צייט פון צושיידען זיך, האט שמעון'ן
שטארק וועה געטהון דער געדאנק, וואס אלץ איז שוין פאראיבער.

**עס** איז שווער געווען צו פארשטעהן, אז זי, די שטילע דאמע, מיט וועל-
כער ער האט צוזאמען יום-טוב געהאלטען, וועט שוין באלד לעבען
איהם נים זיין.

**האט** ער איהר נאך שטילער און פארוואונדערטער אין די אויגען
געקוקט.

ווי געוויינהליך און זיך באמיהען מאַכען איינם דעם אַנדערען באַקוועם.
און יעדערער פּלעגט אין דער זעלבער צייט וואַרפען ווייסינע בליקען
אויפ'ן צווייטען, זעהן, צי איז איהם דער אַנדערער אין עפּעס חושד.

זיי זיינען אָבער ביידע נאָר געווען פאַרנומען מיט טראַכטונגען וועגען
דעם שטילען אווענט אויפ'ן באַרג, וועלכער איז געווען געגליכען
צו טאָג, און וועלכער איז שוין געווען פאַרשוואונדען.

זיי זיינען געזעסען מיט פאַרמאַכטע אויגען.

און שטען פּלעגט טראַכטען וועגען דער שטילער אומבאַקאַנטער דאַ-
מע, וועמעס געשטאַלט פּלעגט נאָך שענער אויפבליהען אין דער
טונקעלהייט.

די דאַמע מיט דער הויכער, בלאָנדער פריזור, אינ'ם קלייד פון גרינען
שיפאָנ-זייד, פון וועמען עס האָט אַזוי אָנגענעם און פרעמד-ליי גע-
שמעקט מיט'ן בלומען-דופט 'דושערקום.“

איצט איז געווען נאַכט, מיט א ברענענדיגער לאַמפּ, וואָס האָט גע-
שפּרייט אַרום זיך וואַכעדינקייט.

און אין מח פּלעגען זיך לויכטען ברייטע טרעפּ מאַרמאָרנע, ווי גרויסע
בלאַנקען פאַרגליווערטען ים-שוים, אויף וועלכע עס שפּריצט א
גרויסע זון, און איבער די טרעפּ שטייגט אין דער הויך א שלאַנקע און
שטאָלצע געשטאַלט, א בת-מלכה, א קעניג'ס טאָכטער, און שטייגען
שטייגט זי שטייף, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

א גריכישע יונגפרוי אויף די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ צו א היכל
אין ע ל ל א ד א , צום פאַרטענאָן.

פּלעגט שטעהן אַרומטערלאָזען דעם קאָפּ, דרעמלענדיג.
יענע שלאַנקע, שטילע דאַמע...

ז.

## נעילה.

ווען עס קומט אָן דער אווענט.

וואָרום עס זיינען פאַראַן צוויי אווענטען.

דער אווענט אין טאָל, ווען מען הויבט זיך אָן צו קייקלען באַרג אַרונ-
טער אויפ'ן זאַמדיגען אווענדיגען שליאַך, וואָס פיהרט צום סוף
וועג צו.

דער אווענט אויפ'ן באַרג, צו וועלכען עס פיהרען די ברייטע מאַרמאָר-
נע טרעפּ. ד ע ר איז געגליכען צו אַן אייביגען טאָג.

**און** ווען עס קומט אָן דער אווענט אין מאָל, הייבט מען זיך אויף אויפ'ן היימען בארג, פון וועלכען מען קאָן נאָך אַ לייגנערע צייט זעהן די פלאַמען פון דער זון,—דער זון, וועלכע איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען אין טאָל.

**און** דאָרט אויפ'ן בארג, האַלט מען זיך און מען קושט זיך, און מען פרעהט זיך אין דער שטיל, און מען דאַווענט אין דעם טעמפּעל פון דער זון.

**ביז...**

**ביז** די שטיל-בלייכע אווענדיגע שלוחים הייבען אָן אַנצוקלאַפּען אין די פאַרהוילענע נשמות-קעמערלאַך פון די פּילגרימען אויפ'ן בארג.

**דאַן...**

**דאַן** ניזערט מען ווידער אין טאָל.

**און** אין טאָל זיצט מען איינע לעבען אַנדערען, מען לאַנגווײַלינט זיך און מען שווייגט.

**סײַ** בייטאָג, ווען מען קאָן אַרויסקוקען דורכ'ן פענסטער און זעהן, ווי יונגע לעבענספריידיגע פּאָרלאַך שפּאַצירען—נאָך ביים אָנהויב ווען.

**און** סײַ בײַנאַכט, ווען דורך די אויגען-לידלאַך שפּאַרט זיך מיט געוואַלט אַריין דאָס געלע ליכט פון דער וואַכעדיג-ברענענדיגער לאָמפּ.

**אבער** ביידע מאָל, ווען עס ווערט שטאַרק אומעטיג אויפ'ן האַרצען און עס טראַכט זיך ניט וויילענדיג פון טעג, זומערדיגע און לאַנגע, וועלכע פרייען דאָך סוף-כל-סוף צו צום ענד פון זייער לאַנג-וואַרימען וועג, דאַן פאַרמאַכט מען די אויגען שטאַרקער. אונטער זיי טראַכט זיך אַזוי באַרוהיגענדיג און שטיל :

—ווען דער אווענט וועט קומען...

**דאַן**, ווען עס קומט אָן דער אווענט.





יעקב עפשטיין קריסטוס—סקולפּטור

בערפֿלעכע פֿון דער רעאַליטעט, אָדער בעסער געזאָגט, די געשטאַלטונגען און ניט די פֿאָרם פֿון דער רעאַליטעט.

פֿאָרם און קאָליר ווידער באַהאַנדלען דעם טראַנסצענדענטאַלען תמצית פֿון דער רעאַליטעט אַזוי אַז אָט דער תמצית ווערט געפֿילט און עמפּפֿינדען ניט נור פֿון אונזערע אויסערליכע אָרגאַנען נור פֿון אונזער אינערליכען גייסטיגען איך. אָט די עמפּפֿינדונג פֿון אונזער אינערליכען איך איז קודם כל אינטואיטיוו און עמאָציאָנעל. עס קען זיך אָפֿט מאַכען אַז אונזערע אינערליכע און אויסערליכע עמפּפֿינדונגען פֿון רעאַליטעט זאָלען זיך פֿונאַנדערגעהן. נור אַזוי ווי אַ אמת'ער קינסטלער פֿיהלט שטענדיג אינסטינקטיוו די אידעע און דעם דין פֿון פֿאָרם, זוכט ער שטענדיג די צופֿעליגע אויסערליכע געשטאַלטונגען אונטערצוטענען דער אידעע.

וואָס מעהר ער דערנעהענט זיך אין זיין אַרבייט צו דער אידעע אַלץ מעהר איז זיין קונסט סימבאָליש.

קענען מיר איצט הייסט עס אונטערשיידען דעם חילוק צווישען רעאַליסטישער און סימבאָלישער קונסט.

רעאַליסטישע קונסט באַהאַנדעלט די געשטאַלטונגען פֿון רעאַליטעט, די סימבאָלישע זוכט דורכדרינגען די אויסערליכע געשטאַלטונגען ביז דער טראַנסצענדענטאַלער און אייביגער פֿאָרם פֿון רעאַליטעט.

ה.

אויב מיר נעמען אָן אָט די שטעלונג צו דער מאַלעריי בכלל, וועלען אונז 99 פּראָצענט בילדער אין די קונסט-גאַלעריען אַרויסווייזען איבעריג, ווייל ס'איז ניטאָ אין זיי קיין שעפֿערישער עלעמענט. מיר זעהען אין זיי בלויז די אויסערליכע שילדערונג, און ניט דעם אינערליכען אויסדרוק פֿון רעאַליטעט. אין אַנדערע ווערטער, זיי האָבען געשטאַלטונג אָהן פֿאָרם און פֿאַרב אָהן קאָליר...

נאָך מעהר אָט די אונטערשיידונג איז די שטרענגע מחיצה צווישען דעם בעל-מלאכה און דעם אמת שאַפֿענדיגען קינסטלער. דער בעל-מלאכה באַהאַנדעלט בלויז די אויסערליכע עלעמענטען און אויסדרוקס-מיטלען, און דער שאַפֿענדיגער קינסטלער באַהאַנדעלט קודם כל די אינערליכע עלעמענטען וואָס געפֿינען זיך אונטער דעם פֿאָרהאַנג פֿון דער אויסערליכער ווירקליכקייט.

דער בעל-מלאכה קען אַרבייטען ווען ער וויל, דער קינסטלער נור ווען ער מוז, ד.ה. ווען ער ווערט אינערליך געטריבען דערצו. ווענינגסטען נור דאַמאָלס וועט ער שאַפֿען גרויסע ווערק.

דער סוד דערפֿון איז וואָס דער קינסטלער טראָגט אין זיך די מיס-



טעריע פֿון רעאַליטעט. און וואָס גרעסער די לאַסט פֿון דער מיסטעריע איז אויף איהם אַלץ שטאַרקער איז אין איהם דער דראַנג זיך צו באַפֿרייען. ער בענקט אויסצודריקען די מיסטעריע דורך זיין שאַפֿען—דורך פֿאָרם און קאָליר.

ו.

הייסט עס אַז פֿאָרם און קאָליר זענען די עלעמענטען פֿונ'ם גרויסען סוד פֿון רעאַליטעט און דורך זיי קען מען אַריינדרינגען צו דער מיסטעריע.

אויף אַזאַ אופֿן באַקומען פֿאָרם און קאָליר אַ רוחניות'דיגע, מיסטישע באַדייטונג—און פֿון דעם שטאַנדפּונקט ווערען זיי באַהאַנדעלט פֿון פֿילע מאָדערנע מאַלער, און הויפּטזעכליך פֿון קאַנדינסקי'ן.

אין דער אַנשויאונג האָבען מיר אָבער צוויי פֿאַרשידענע ריכטונגען: דער אַזוי-גערופֿענער אַבסטראַקטער סימבאַליזם און דער רעאַליסטישער סימבאָליזם: דער אַבסטראַקטער סימבאָליסט שאַפֿט אַנ'איגטואיטיווען שכל'דיגען גלייכוועגט צו דער אויסערליכער רעאַליטעט, זעהר אָפֿט אָהן וועלכען ס'איז ממשות'דיגען קאָנטאַקט מיט דער זעלבער אויסערליכער רעאַליטעט. דערפֿאַר זוכען מיר אין זיינע בילדער אומזיסט אַ קאָנקרעטע "טעמע." זיינע בילדער מאַכען אויף אונז אַ שטאַרקען איינדרוק נישט צוליב זייער "טעמאַ," נאָר צוליב זייער פֿאַרבאָרגענעם טראַנסצענדענטאַלען באַגריף פֿון רעאַליטעט, וואָס געפֿינט זיין אויסדרוק בלויז אין דער האַרמאָניע פֿון געוויסע קאָליר'ען און פֿאָרמען. אָט דער אַרט אַבסטראַקטער סימבאַליזם גרענעצט זיך אַזוי צו זאָגען מיט מוזיק אין פֿאַרבען, און זוכט שטענדיג אין דער מאַלעריי צו באַנוצען די מעטאָדען פֿון מוזיק.

דער רעאַליסטישער סימבאַליזם ווידער אונטערשיידט זיך פֿונ'ם אָבסטראַקטען סימבאָליזם מיט דעם וואָס ער הייבט אָן שטענדיג מיט די קאָנקרעטע ווירקליכקייט, די "טעמאַ," נאָר ער זוכט דורכצודרינגען די אויסערליכע ווירקליכקייט און דערגרייכען די אינערליכע רעאַליטעט. דערפֿאַר איז אָט די מעטאָדע פֿון איין זייט רעאַליסטיש און פֿון דער צווייטער סימבאָליש. די בעסטע דעפֿיניציע פֿונ'ם לעצטען וואָלט געווען סימבאָלישער אָדער טראַנסצענדענטאַלער רעאַליזם.

די בעסטע ביישפּילען פֿון אָט אַזאַ מין רעאַליזם געפֿינען מיר אין די בילדער פֿון סעזאַן, גאָגאַן און פּיקאַסאָ... מיר זעהן למשל, אַז אין גאָגאַנ'ס בילדער קענען מיר שטענדיג דעפֿינירען די "טעמאַ," אָבער אין דער זעלבער צייט פֿיהלען מיר אַז ס'איז פֿאַראַן אין זיי עפּעס הע-

בערעס ווי די "טעמא," און אט דער "עפעס" איז די וויכטיגסטע טייל פונ'ם בילד.

די "טעמא" אליין איז בלויז אן אויסרייד און א מאסקע פון דעם אינערליכן אינהאלט און אינערליכן באגריף פון רעאליטעט וואס דער מאלער זוכט צו סימבאליזירן אין זיינע בילדער.

אלע פארמען און קאלירן זענען אינסטינקטיוו קאמבינירט און צוזאמענגעשטעלט לויט דער קאנצעפציע. זייער הארמאניע און ריטם איז דערפאר ארגאניש און נישט מעכאניש, ווי דער פאל איז מיט אזוי פיל פון די איבערפלעכלעכע און "געשיקטע" מאדערנע בילדער, וואס [illegible]רונגען בלויז פון פארשידענע אויסערליכע מיטלען.

ז.

ביז איצט האבן מיר זיך באשעפטיקט מיט פארם און קאליר אין באציונג צו מאלעריי. איצט וועלן מיר באטראכטן זייער ארט אין מוזיק. איך מוז דא באטאנען כדי קלאר צו מאכן מיין שטעלונג, אז מאלעריי און מוזיק און אלע אנדערע קונסטן ווי ליטעראטור און ארכיטעקטור א.א.וו., זענען אלע איינס נאר אויף פארשידענע פלאנען.

אין מאלעריי האבן מיר פארם און קאליר אויפ'ן פלאן פון רוים עמפפינדען פונ'ם אויג; און מוזיק האבן מיר פארם און קאליר אויפ'ן פלאן פון צייט. קלאנג אלס אזעלכער איז נישט מער ווי א גלייך-ווערט פאר קאליר—עמפפינדען פון אנ'אנדער ארגאן.

אויף אזויפיל אז געוויסע קלאנגען דערמאנען אינסטינקטיוו אן געוויסע קאלירן. דער פראנצויזישער פאעט ווערליין האט אפילו געזוכט פעסטצושטעלן אין דער פאעזיע די קאליר גלייך-ווערטן פון פארשידענע וואקאלן. לויט ווערליינ'ס טעאריע זענען די קאליר גלייך-ווערטן פון "א" שווארץ, פון "איי" ווייס, פון "אי" רויט פון "או" גרין און פון "אָ" בלוי. דאס איז פארשטעהט זיך בלויז א צופעליגע מאס.

אין אלגעמיין אבער האבן מיר צוויי שטעלונגען צו דער פראבלעם פון באציהונג צווישן קלאנג און קאליר. איינע איז בלויז וויסנשאפטליך און באשעפטיגט זיך נאר מיט די באציהונגען צווישן די אויסערליכע אנבליקן. די צווייטע איז סימבאליש און ספיריטועל, און נעמט זיך אפ מיט די באציהונגען צווישן זייערע אינערליכע אנבליקן און ווערטן.

דער פאקט אז קלאנג און קאליר זענען איינס און דאס זעלבע נאר אויף פארשידענע פלאנען און דימענסיעס קען ווערן באוויזן וויסנשאפטליך מיט א מאטעמאטישער פינקטלעכקייט אפילו. מען איז שוין



אפילו נעגאנגען אזוי ווייט צו שאפן א קאליר-ארגאן דורך וועלכען עס איז מעגליך איבערצוגעבן א שטיק מוזיק נישט אין קלאנג-ווערטען נאר אין ווערטען פון קאליר. יעדער קלאנג קען פארוואנדעלט ווערען אין זיין גלייך-ווערט פון קאליר און יעדע קאליר אין זיין גלייך-ווערט פון קלאנג.

פון דעם קומען מיר צום לאגישען פועל-יוצא, אז יעדע מוזיקאלישע מעלאדיע קען פארוואנדעלט ווערען אין א בילד און יעדעס אמת'ע בילד אין א מוזיקאלישע מעלאדיע.

ח.

איצט קומען מיר צו דער אינערליכער באציהונג צווישען קלאנג און קאליר ווי אויך צו דער וויכטיגקייט פון אט דער באציהונג פאר קינסטלערישע שאפונגען. מיט אנדערע ווערטער אלץ וואס איז דא געזאגט געווארען בנוגע דעם שעפערישען פראצעס פון מאלעריי קען אויך אנגעווענדט ווערען צו מוזיק.

דער מאלער עמפפינדעט און דריקט אויס דעם סוד פון רעאליטעט דורך פארם און קאליר. דער מוזיקער עמפפינדעט און דריקט איהם אויס דורך פארם און קלאנג.

א בילד און א שטיק מוזיק קען זיין דער רעזולטאט פון איין און די זעלבע אינערליכע עמאציע און קען אויפוועקען ביי דעם בייוואוינעדען איין און דעם זעלבען אינערליכען עקסטאז. נאך מעהר, אלץ וואס איז דא געזאגט געווארען וועגען דעם אונטערשיד צווישען געשטאלטונג און פארם אין מאלעריי קען אויך געזאגט ווערען וועגען מוזיק. דאס זעלבע קען אויך געזאגט ווערען וועגען דעם חילוק צווישען קאליר און פארב אין מוזיק ווי און דער מאלעריי. יעדער קלאנג האט זיין ארגאנישע קאליר און זיין אויסערליכע פארב.

פונקט ווי מיר האבען רעאליסטישע און טייטשענדיגע מאלעריי האבען מיר אויך רעאליסטישע און אויסטייטשענדיגע מוזיק וועלכע איז שטארק שעדליך פאר אמת'ע מוזיק.

למשל א שטיק מוזיק וואס אימיטירט דעם דונער און שטורם אדער דאס שושקען פון ביימער אדער דאס לויפען פון מענשען קען זיין איינפאך א מוזיקאלישער באריכט וועגען אנ'אויסערליכען פאקט און נישט מעהר. אזא מוזיק איז פונקט אזוי איבריג און אויבערפלעכליך ווי די אזוי-גערופענע רעאליסטישע בילדער.

א שטיק מוזיק פונקט אזוי ווי א בילד האבען א בארעכטיגונג נור דאן ווען זיי פיהרען אריין אונזער באוואוסטזיין אין א מיסטישער פאר-

אייניגונג מיט דעם אינערליכען טראנסצענדענטאלען תוך פון רעאלי-טעט, נישט ווען זיי פאטאגראפירען נאר איהרע קליינליכע אויסערליכע דעטיילען.

דעריבער זעהען מיר אז יעדע קונסט, מוזיק, מאלעריי אדער פאעזיע איז לויט איהר נאטור רעליגיעז; אין אנדערע ווערטער זי גרינדעט זיך ניט אין אן'אויבערפלעכליך וויסענשאפטליכען נאר אין א רעליגיעזע שטעלונג צום לעבען און צו דער וועלט.

ווי באלד דער קינסטלער פארלירט אט די שטעלונג הערט ער אויף צו זיין א שעפער, און ווערט בלויז א "געשיקטער" בעל מלאכה אדער א וואולגארער קונצענמאכער. זיין קונסט הערט אויף צו זיין א גייסטיגע און רעליגיעזע עבודה, און ווערט בלויז אן'אינסטיטוציע פאר אמוזירונג און זינליכען ספארט.

ט.

נעמענדיג דאס אלץ אין אנבאטראכט, דערזעהען מיר וואס פאר א טיפע באדייטונג אזעלכע זאכען ווי פארם און קאליר און קלאנג האבען אין אונזער לעבען, חאטש פאר דעם רוב מענשען זיינען זיי בלויז פוסטע ווערטער.

נאך מעהר, מיר דערזעהען אז דער גרעסטער טייל פון דעם וואס ווערט היינט צו טאג אנגערופען קונסט איז בלויז געגאנגען אין אן'אוי-סערליכער ריכטונג, און דראהט מעהר און מעהר צו דערהרגענען די אמת'ע קינסטלערישע שאפונג.

דאס איז איבערהויפט אמת וועגען מאלעריי. מיט'ן אויסנאם פון עטליכע מייסטער ווי גאגאן און סעזאן האבען מיר נאר אן'אויבערפלעכ-ליכע נאכאמונג אדער א "געשיקטע" קונצענמאכעריי, און א יאגעניש נאך מאדעס.

אט די אויבערפלעכליכע און קאמערציעלע "קונסט" וועט זיך בייטען נור דאן ווען אונזער שטעלונג צו די עלעמענטען פון קונסט וועט זיין אן'אנדערע; ד.ה. ווען מיר וועלען אריינדרינגען אין דער אינערלי-כער מיסטישער באדייטונג פון פארם, קלאנג און קאליר.

נאר כדי דאס צו דערגרייכען מוזען מיר פריהער אנטוויקלען אונ-זער באוואוסטזיין און איהם פארטיפען אין די אינערליכע ספערען וואו דער סוד פון לעבען און פון קונסט אנטפלעקט זיך אלס צוויי שארפען פון איין און דער זעלבער גרויסער פראבלעם.



נחום י.

## דער אקאמפאנימענט.

שרייט דער אדלער, ברומט די טויב
און דער לעמפערט רייסט זיין רויב,
אהן אן אנהויב אהן א סוף—
איז די אויסגעזוכטע שטראף.

אויף דעם ווייסטען ווילדען וועג
בלייבען איבער רויטע טעג,
שרייט דער אדלער, ברומט די טויב
און דער לעמפערט רייסט זיין רויב.

קומט ניט אן די גרויסע פרייד!
דורות שווינדען בלינדערהייד...
שרייט דער אדלער, ברומט די טויב,

## צוויי לידער.

### א.

און ווען דו זעהסט,—פאראייניגט זיינען מאן און ווייב,
באטראכט,—און גלויבען וועסט דו ניט דעם גרויסען וואונדער:
אן אומבאוואוסטע קראפט באהעפט האט זייער לייב,
נאר יעדער איינער בענקט און טראגט זיין צער באזונדער.

און האסט דו ווען געזעהן אן אלט-געבויטע וואנד
דורכאויס פון שווערע שטיינער און פון ליים געמויערט?
זיי קונציג האט באהעפט אן אומבאוואוסטע האנד,
נאר יעדער שטיין באזונדער, יעדעס זעמדעל טרויערט...

### ב.

און ווען דו מיינסט,—דיך האט דיין מזל אויסגעלאזען,
און האט אן אנדערען אוועקגעשענקט דיין גאב,—
באטראכט דעם בוים; אויף איהם די זעלבע ווינטען בלאזען,—
און דאך ניט אלע בלעטער פאלען גלייך אראפ.

און האסט דו ווען באקלערט דעם שיקזאל פון די בלומען?
מיר ברענגען זיי דאך טויט, געניסענדיג פון זיי...
ניט קלאג זיך, וואס פאר פרעמדע ווערט דיין גייסט צעשוואומען
און אנדערע געניסען פון דיין טיפען וועה.—

# סימיאן סאלאמאן *)

אין אכצעהן איין און זיבעציג דערגרייכט סימיאן סאלאמאן די העכסטע שטאפל פון זיין בארימטקייט. זיינע בילדער ווערען מעהר באוואוסט ווי ראסעטי'ס. ראבערט בוקאנאן שרייבענדיג וועגן ראסעטי'ן אין זיין בארימטער אטאקע אויף דער "פלייששיגער שולע אין דער פאעזיע" זאגט: "אזוי ווי מר. סימיאן סאלאמאן מיט וועמען ער ווייזט צו האבען א סך קרובה'שאפט איז ער הויפטזעכליך א קאלאריסט." אין זעלבען עסיי שרייבט בוקאנאן: "איין טייל פון דער ענגלישער געזעלשאפט קויפט די "דיים דוואינגס" (די טעגליכע געשעהענישען" א פאפולערער ספארט-זשורנאל פון דעמאלט) א צווייטע איז אין עקסטאז פון מר. סאלאמאנ'ס בילדער.

אויך אין יענער צייט, אין 1871 האט סימיאן סאלאמאן ארויסגעגעבען זיין בוך "א זעהונג פון ליבע געזעהן אין שלאף." **) סווינבערן שרייבענדיג אין "דארק בלו" האט אויפגענומען דאס בוך מיט באגייסטערונג. "עס געפינט זיך ניט" שרייבט ער דארט "מעהר פון דעם מאלער'ס קונסט אין די סטראפען פון קיטס, ווי פונ'ם מוזיקער'ס אין סאלאמאנ'ס צייכנונגען. אזוי זיכער ווי דער סוד פון שענקייט איז פארקערפערט געווארען אין סטראפען-קאליר וואס וועט קיינמאל ניט איבערטראפען ווערען אין די אודעס "צו א נאכטיגאל" און "מעלאנכאליע", אזוי איז דער זעלבער סוד פארמירט געווארען אין פאלקאמענער ליניען-מוזיק ביי דעם מאלער."

וועגען בוך גופא שרייבט סווינבערן: "דער סטיל איז ווייך, פליסיג, אמת מעלאדיש. ער איז נישט איינגעבלאזען אבער אויך נישט איינגעלאפען. אין אלעם איז א שפע פון מוזיק, א דורכזיכטיגקייט פון ליכט און קלאנג, זעהר איידעל און מיט זיכערקייט אויסגעהאלטען. ס'זענען פאראן געדאנקען און שברי-געדאנקען, איינפאלען און פאנטאסטישע סימבאלען, אפטמאל פון זעלטענער שענקייט און אויסערגעוועהנליכער קראפט. צום ביישפיל אין דעם בילד פון דער נאכט אלס א מוטער וואכענדיג איבער איהר קינד דעם שלאף, איז א גרעסערע הויכקייט און מתיקות פון פארשטעלונג ווי אין סיי וועלכע אויסער די פיינסטע און העכסטע פאעטישע אלעגאריעס.

*) זעה "רענעסאנס" נומער 3 באנד 1.

**) זעה "רענעסאנס" נומער 1. באנד 2.



"און זי, פאר וועמען אלץ איז געווען ווי אנ'אפען בוך האט געווייגט קוקענדיג אויף איהם וועמענס הארץ איז געווען ווי דאס הארץ פון א קליין קינד." די טיפקייט און צארטקייט פון אט דער פארשטעלונג פון דער נאכט אלוויסענד מיט דעם געוויסען פון אלעם וואס ווערט געשאפען אונטער איהר שאטען, א רחבות פון זעהן און הערשען, און קלוג מיט אלע פארשטענדענישען פון דער וועלט, ווייענדיג אוים ליבשאפט איבער דער אומשולד פון איהר ערשטלינג איז גרוים און פאלקאמען גענוג פאר די הערליכסטע סטראפען פון א פאעט. פול מיט פראכט איז די ערשטע ווייזע פון דער ערווארטונג, ווי זי שטעהט ביים ברעג-ים האלטענדיג ביים אויער א מושל וועמענס זשום "האט אויסגעגראבען די טיפע ציקלען פון דער נשמה", א רעגען פון הערבסט-בלעטער אויף איהר קאפ און ברוסט, "און אויף איהר קלייד זענען געווען פארטריקענט קליינע טראפען שוים" — אט דאס בילד פון די געזאלצענע קליינע שוים-טראפען, שארפע, טרוקענע יתומים פונ'ם אומרוהיגען ים פון לעבען, זים-ביטערע וואגלער פון פרוכטלאזען געדאנק און ערווארטונג מיט דער פרישקייט אויסגענאגט פון זיי איז פול מיט שענקייט און ניי." ווייטער שרייבט סווינבערן: "סאלאמאן פארדינט אריינגערעכענט צו ווערען צווישען די ערשטע רייהען אויף אלע געביטען פון קונסט, אויפהאלטענדיג אבער אין זיין אייגענע ספערע א ניט פארגעסליכען ארט. ווען מען זאל אויסמעקען זיין נאמען פון דער רייהע קינסטלער וואלט געבליבען א ליידיג ארט וואס וואלט געווען אוממעגליך פארנומען צו ווערען פון דעם ווערטפולסטען אדער פעהיגסטען שטעלפארטרעטער, פון סיי וועלכען מייסטער אין דער פארגאנגענהייט אדער אנהעגנער אין דער נעגענווארט אדער צוקונפט."

---

עס איז אינטערעסאנט אז די קריטיקער פון זיין צייט האבען דערזעהן אין סימיאן סאלאמאנ'ס ארבייט "די סובטילע און פראכטפולע הארמאניע פון קאליר," די "פיינע קאליר," די רייכע און הערליכע קאליר," די "נייקייט פון קאליר" און דעם מאלער'ס נאטירליכע פעהיגקייט פאר קאליר." ווייל די ליבע פאר קאליר איז א אידישע. אין פארם נייגט זיך דער אידישער געדאנק צו אומבאשטימטקייט, צום אבסטראקט, צו א פארמלאזיגקייט וואס איז העכער און נאהענטער צום תמצית פון פארם ווי די אויסערליכע פארם אליין. אנ'אמתע אידישע קונסט לויט מיין מיינונג וואלט געווען באזירט אויף א דעקאראטיווען אבסטראקט פון פלאסטיש-נעבריכטע קאליר, און וועלכען די אידעע ווערט נישט אין גאנצען ממשותדיג געשילדערט.

סאָלאָמאָנ'ס אינטימער פֿריינד אסקאר בראַונינג רעדט אויך וועגנען זיין ליבע צו קאָליר. שרייבענדיג אין זיינע "זכרונות פֿון זעכציג יאהר" דערציילט ער וועגען זייער צוזאמענזיין אין רום.

"זיין באַליבסט בילד אין רום" זאגט ער "איז געווען טיציאַנ'ס "רייכע און אומרייכע ליבע." פֿון זיין ליבען אָט דאָס בילד האָב איך אָנגעהויבען פֿארשטעהן אַז ס'זענען דאָ צוויי אופֿנים ווי צו שאַצען א בילד, צוליב דער פֿאָרם און צוליב קאָליר. איך האָב בלויז געהאַט די פֿעהיגקייט צו שאַצען פֿאָרם צו וועלכען די קאָליר איז געווען א נעבענזאַך. ער איז אבער געריהרט געוואָרען פֿון דעם קאָלאָריט ווי פֿון א פֿאָרם, און עס האָט אַפּעלירט צו איהם אַזוי ווי מוזיק צו א מוזיקאַליש אויער. פֿאַר אָט דער קאָלירען-מוזיק האָב איך נישט געהאַט קיין אפּענט-פֿערענדיגען חוש."

---

סימיאָן סאָלאָמאָן איז געווען אַן אינטימער פֿריינד פֿון אסקאר בראַונינג און פֿון וואָלטער פּאטער און זיי האָבען איהם ביידע זעהר ליב געהאַט. ער איז אָפֿט געווען אַ גאַסט ביי בראַונינג אין איטאָן און אויך זעהר אָפֿט ביי פּאטער אין אקספֿאָרד, פֿאָהרענדיג געוועהנליך פֿון איינעם צום צווייטען. זיי זענען אויך אָפֿט געווען ביי איהם אין סטודיא, וואו ס'פֿלעגט זיך טרעפֿען א גרופּע מאַלער און פּאָעטען, פֿון וועלכער פּאטער איז, לויט ווי ס'שרייבט זיין ביאָגראַפֿער, טהאָמאס רייט געווען א מיטגליד. סימיאָן סאָלאָמאָן האָט געמאַכט עטליכע פּאָרטרעטען פֿון אסקאר בראַונינג. איינער פֿון זיי איז איבערגעדרוקט אין בראַונינג'ס בוך "זכרונות פֿון זעכציג יאהר." ער האָט אויך געצייכענט פֿאַר איהם א שעפּס עקס-ליבריס.

עס געפֿינט זיך אויך אין פֿיטצוויליאם מוזעאום אין קיימברידזש, א פּאָרטרעט פֿון סווינבערן וואָס סאלאמאָן האָט געמאָלט. דאס פּאָרטרעט איז רעפּראָדוצירט אין סווינבערנ'ס ביאגראַפֿיע. סימיאָן סאָלאָמאָן האָט אויך געמאַכט איינעם פֿון די איינציגע צוויי פּארטרעטען וואָס געפֿינען זיך פֿון וואָלטער פּאטער. ס'איז זעהר אינטערעסאַנט אַז דער צווייטער פּארטרעט פֿון פּאטער איז אויך פֿון א אידען—פֿון וויליאם ראָטהענשטיין—און געפֿינט זיך אין ראָטהענשטיינ'ס קאָלעקציע פֿון ליטאָגראַפֿיען פֿון אָקספֿאָרד באַריהמטהייטען.

ס'איז באַוואוסט אַז סאלאמאָן פֿלעגט אָפֿט אינספּירירען די דיכטער פֿון זיין קרייז. לויט סווינבערנ'ס אייגענע ערקלערונג זענען וועניגסטענס צוויי פֿון זיינע לידער: "עראָטיק" און "סוף חודש" אילוסטראַ-



ציעס צו סאלאמאָנ'ס צייכענונגען. סווינבערן שרייבט אויך וועגען איינעם פֿון סאלאמאָנ'ס צייכענונגען "אַנ'ערהאַבענע שטודיע פֿון "שלאָפֿענדיגע און איינער וואס וואַכט" וואס איז איבערזעצט געוואָרען אין סטראָפֿען פֿון ענגלישער קראַפֿט און אידעלקייט אין דריי פֿיינע סאָנעטען וואָס שטעהען היינט צווישען די קלאָר-געשליפֿענע און פּראַכטפֿולע "אינטאַגליאָס" פֿון מר. דזשאָן פּיין."

---

סאָלאָמאָן האָט דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון זיין באַריהמטקייט און באַלד האָט זיך אָנגעהויבען זיין גרויסע ירידה. עטערסאָן שרייבט ערגעץ: דאָס לעבען אין מזרח איז קורץ און אין עקסטרעמען. אַלץ אָדער גאָרנישט איז דער וועג פֿונ'ם אָריענטאַלען לעבען.. גיך דערגרייכענדיג דאס בעסטע און דאס ערגסטע"... "דאָס בעסטע און דאס ערגסטע"... אָט דאס איז דער אמת וועגען דעם איד וועמענס בלוט איז פֿון מזרח. עס ערקלערט איהם סיי אלס יחיד און סיי אלס כלל.

סימיאַן סאָלאָמאָן איז געווען א זשעניע, א מענש מיט א ברייטע וויזיע. אבער זיין אַרט לעבען האָט איהם צובראָכען. שרעקליכע אָרגיעס פֿון זינליכקייט זענען פֿאָרגעקומען אין זיין קרייז. מען האָט פּראַקטיצירט "גריכישע ליבע," און עס איז כמעט זיכער אַז סאלאמאן אליין האָט אנטייל גענומען אין דעם, און אין דער באַפֿרידיגונג פֿונ'ם 'זינגלימען דורשט און הונגער נאָך בלוט." מען דערציילט וועגען פֿלאַשען מיט רויטע טינט וואָס פֿלעגען געברויכט ווערען צו געבען דעם איינדרוק פֿון בלוט ווען מען האָט עס נים געקענט דערגרייכען דורך די פֿאַרשידענע תאוה'דיגע מיטלען. מען קען גלויבען אַז סווינבערן האָט געהאַט אַ גוואַלדיג שלעכטען איינפֿלוס אויף סאלאמאן. סווינבערן האָט איהם געמאַכט פֿאַר א שכור. און סאלאמאנ'ס שכרות איז געווען פֿונ'ם ערגסטען מין.

דער מערב מענש קען זיך פֿון אַזעלכע עקסצעסען אויסניכטערן. זיי מאַכען א רושם אויף זיין שאַפֿען, נור זיי צוברעכען איהם אבער נים, פֿאַר דעם אידען אבער איז "אַלץ אָדער גאָרנישט.. דאס בעסטע און דאָס ערגסטע.." אסקאר בראַונינג שרייבט וועגען סאלאמאן אַז "ער האט געוואָלט אַוועק קיין רום צו אַנטלויפֿען פֿונ'ם לאָנדאָנער לעבען וואָס פֿאַרפֿיהרט איהם, ער האָט דערפֿילט אַז עס צוברעכט איהם." "איך האָב איהם פֿארגעשלאָגען" שרייבט ווייטער בראַונינג "צו נעמען איהם אויף מיינע קאָסטען, און מיר האָבען געהאַט א פֿיינע רייזע. זיין גרויסע אַמביציע איז געווען צו מאָלען א בילד פֿון מלכיצדק, פּריסטער און קע-

גינג. דאס בילד איז קיינמאל נישט געמאלט געווארען, און צוריקגעברענגט מיט זיך האָט סאלאָמאָן נור א צייכנונג פֿון אנ'איטאַליעניש "אינגעל" אין וועמען ער האט זיך פֿארליבט אין רום. דאס אינגעל אבער איז געווען "שען, גוט און אומשולדיג."

אין אמת'ן איז נישטאָ קיין באַווייז אז סאלאָמאָן אליין זאל ווירקליך האבען פּראקטיצירט "גריכישע ליבע." עס איז אבער זיכער אז ער האט געוואוסט גענוג וועגען דעם, און ער איז איינמאל ארעסטירט געוואָרען צוליב אַזאַ חשד.

די פֿאַרדאַרבענקייט איז נישט געווען קיין אָרגאַנישע אין סימיאָן סאלאָמאָן, ווי ביי אַנדערע פֿון זיינע חברים. עס איז געווען ווי אַ פֿרעמדע לאַסט אויף איהם וואס איז געוואָרען שווערער מיט יעדען טאָג.

די קריטיקער האבען זיך גענומען באקלאגען אויף זיינע "מאַניערירטקייטען" און "ניט-מענליכקייט." די 'טיימס' רעדט וועגען זיין קאמפּאָזיציע אַלס אַ "געקינצעלטע און טאבלוי-וויוואַנט-אַרטיגע." "אַלע קעפּ" שרייבט זי "זענען גענומען פֿון איין מאָדעל. עס דערפֿרישט אונז" שרייבט "די טיימס" אין 1872, "צו אנטלויפֿען פֿון דער שווערער און אנשיכורענדיגער אַטמאָספֿערע" פֿון סאלאמאנ'ס בילדער.

ראָבערט בוקאנאן רעדט וועגען סאלאמאנס "דינקייט און דורכזונטע פֿארמען פֿון צייכנונג," וועגען זיין "קרענקליכע הערויזאציע פֿון געוויסע פֿארמען פֿון לעבען," זיין "געפֿיהל פֿאר מידער, שטארבענדיגער אבער דאך פּראַכטפֿולער זינליכקייט," און זיין "ליבע פֿאר געקינצעלטע פֿארמען, שאטירונגען און פֿארבען." "מאַלער ווי מר. סאלאמאן" ענדיגט בוקאנאן "גיבען צו אמתע נאַטיות צו ווערטלאזע טעמען."

סיר סידני קאלווין, וועלכער האט מיט יאהרען שפּעטער געשאַנקען סאלאמאנס א צייכנונג אין בריטיש מוזעאום, האָט געשריבען אן עסיי וועגען סאלאמאָנס שאַפֿען אין "פּאָרטפֿאליא" פֿון וואנען ס'איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרען אין דעם בוך "ענגלישע מאַלער."

"זיינע צייכנונגען" שרייבט צווישען אנדערע סיר סידני קאלווין "זענען שטענדיג פֿול מיט גראַציע הגם נישט מיט קרעפֿטיגקייט פֿון פֿאָרם און קאָמפּאָזיציע, מיט רייץ און שענקייט—אבער איבערטריבען אַביסעל, גלויב איך אויף דער זייט פֿון געקינצעלטקייט און צופֿיל-באַאַרבייטקייט, פֿון נישט גענוג מענליכקייט, פֿון צוויי-דייטיגען און נישט ריכטיג געוועהלטען סענטימענטאליזם. "דערווייל," ענדיגט קאלווין "גלויב איך אז מר. סאלאמאן האט נאך נישט אויפֿגעטאן קיין אמת וויכטיגע אַרבייט וואס זאל ווירקליך זיין ווערט זיינע קרעפֿטען. עס ווילט זיך ווינשען אז ער זאל זיך ביינגען צו עפּעס אנ'ערנסטע אונטערנעמונג



פֿונ'ם אַלט רוימישען אדער ביבלישען לעבען, אַנשטאט צו פֿאַרשווענדען זיין ענערגיע אין וואַנקען, סקיצען און איינפֿאַלען ווי פּראַכטפֿול זיי זאָלען נים זיין."

---

נישט לאַנג דערנאָך, אין 1872, איז סימיאָן סאלאָמאָן איינגעפֿאַלען. ער איז איינגעזעצט געוואָרען אויף א צייט אין טורמע, און אַז ער איז באַפֿרייט געוואָרען האבען איהם זיינע פֿריינד פֿאַרשפּאַרט אין א פּריוואַטען משוגעים הויז. ראָבערט ראָס שרייבענדיג אין "וועסטמינסטער גאַזעט" אין 1905, באלד נאָך סאלאמאנ'ס טויט (די עסיי איז איבערגעדרוקט אין ראָס'ס בוך "מאַסקס און פֿייזעס") דערצעהלט אז "אזוי ווי ס'האָט אויפֿגעהערט דער סקאנדאל, און ער האָט נישט געציינט קיין ווייטערדיגע משונה'דיגע חענען, האט מען אין דעם אַנשטאלט געמאכט אַנ'אָנשטעל איהם ארויסצושיקען באַלייגען א בריוו, כדי ער זאָל האָבען אַ מעגליכקייט שטילערהייט צו אַנטלויפֿען און זיך צוריקנעמען צו זיין קונסט. ער איז אָבער צוריקגעקומען אין א האלבע שעה ארום."—

ער איז שפּעטער אָפֿיציעל באַפֿרייט געוואָרען.

פֿון העמאָלט אָן איז ער וועגאַנגען כסדר בארג אראָפּ. סימיאָן סאלאָמאָנ'ס לעבען איז צושניטען כמעט אויף צוויי גלייכע חלקים. די ערשטע העלפֿט האט געדויערט דרייסיג יאהר—פֿון 1842 ביז 1872. די צווייטע העלפֿט האָט געדויערט עטליכע דרייסיג יאהר—פֿון 1872 ביז 1905.

אין די ערשטע העלפֿט פֿון זיין לעבען איז ער געווען א מצליח. די "דיילי מיראר" פֿון 1905 דערמאנט אז "זיינע בילדער זענען אפּגעקויפֿט געוואָרען איידער די פֿאַרב איז נאך טרוקען געוואָרען אויף זיי. אין אַמעריקאַ האָבען די ליבהאבער קאָנקורירט איינער מיט דעם צווייטען צו קריגען זיינע ווערק."

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זיין לעבען איז ער געווען אַנ'אויסוואורף. "מיר טרעפֿען זיך מיט עקסטרעמען אין יעדער ערשיינונג פֿון דער נאַטור—אין פֿינסטערקייט און ליכטיגקייט... אַנ'אומפֿאַרמיידליכער דואַליזם שניידט אַלעס דורך... אויב דער דרום ציהט צו, שטויסט דער צפֿון צוריק"..

ס'איז אביסעל נים קלאר וואס עס איז געווען די דירעקטע סיבה פֿון סאלאָמאָנ'ס פֿאַלען. די "דיילי מיראָר" פֿון 1905 שרייבט "ער האט פּלוצלינג געקראָגען נייעס פֿון אַ פֿאַמיליען-געשעהעניש וואס האט צוגענומען זיין גאנצע ענערגיע, און זיכערקייט פֿון איהם." עס איז געווען ווי ער וואָלט זיך איינגעעקשנ'ט צו זינקען טיפֿער און טיפֿער.

ראבערט דאס גיט איבער אז "מען האט געמאכט אלע אנשטרענגונגען איהם צו ראטעווען. מען האט איהם איינגעארדענט סטודיאס, מען האט איהם געגעבען באשטעלונגען אויף בילדער, מען האט איהם געקויפט אנצוגער. ער איז אבער געווען אלע מיטוואך און דאנערשטאג אין מיוחמען. איינציגע קונסט-הענדלער פלעגען איהם געבען האנד-געלט נור שכור פלעגט ער קומען פארדרייט מעהר און אהן פאליציי פלעגט מען מיט איהם נים אויסקומען. ער האט זיך גענומען פארקויפען שוועבעלעך אין הויטשעפעל און האט אויך געפרובט מאלען אויף די טראטוארען. ער האט ווילד אבגעווארפען יעדען פארזוך איהם צו רעפארמירען."

"די סטאר" פון 1905 שרייבט: "ווען ער איז געווען אין דער שטימונג פלעגט ער סקיצירען א גלענצענד שטיקעל ארבייט און עס פארקויפען צו די ליבהאבער, האלבע זיינען שטענדיג געווען נייטיג צו באוויצען זיינע בילדער—און ער פלעגט פארשוואונדען און חדשים שפעטער פלעגט ער ווידער קומען בגלופין און אהן חרטה. ער פלעגט ווידער געמען אביסעל געלד אויפ'ן חשבון פון די בילדער וואס ער האט צוגעזאגט און קיינמאל נים געמאלט. אזוי לאנג ווי ער האט געקענט קריגען געלט אויף ביר און טאבאק, איז ער געווען צופרידען.

א פירמע פון קונסט הענדלער שעצענדיג זיין ארבייט האט איהם צוגערעדט ער זאל ביי זיי אין געשעפט ארבייטען. אבער זעהר זעלטען פלעגט ער דארט מאכען גרעסערע זאכען. נור אז מען פלעגט איהם פארשליסען ער זאל נים מאכען די פליטה, פלעגט ער אפארבייטען א פאר מאנאט אבער באלד ווי ער פלעגט אפנעמען דאס געלט, פלעגט מען איהם שוין נים זעהן."

---

לײדי בערן-דזשאנס, שרייבנדיג איהר מאנ'ס ביאגראפיע זאגט וועגען סימיאן סאלאמאן "די טראגעדיע פון זיין צובראכענער קאריערע איז אזוי גרויס אז איך בלייב שטעהן פאר איהר אן לשון."

אין שעראַרד'ס לעבען פון אסקאר ווײלד געפינט זיך די שורה: 'ווײלד האט באאבאכט מיט פיינליכען אינטערעס די קאריערע פונ'ם אומגליקליכען קינסטלער סאלאמאן, וועלכען ס'איז באשערט געווען איבערצולעבען אסקאר ווײלד'ן מיט עטליכע יאהר און איז געשטארבען אין נישט ווייניגער טראגישע אומשטענדען ווי דער וועלכער פלעגט אזוי באדויערען זיין שרעקליך לעבען."

---

סימיאן סאלאמאן איז געווארען א בראדיאגא. זיין גאנצע צייט כמעט האט ער פארבראכט אין די שמוציגע נאכט-אזילען ארום דרורי-

ליין, אדער אין סיינט דזשיילס "ווערקהויז", וואו ער איז געוואָרען א כמעט שטענדיגער איינוואוינער. ער איז געוואָרען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם דירעקטאר פון אט דער אינסטיטוציע.

ראָבערט ראָס דערציילט אז ער האט געזעהן סאלאמאן דאס לעצטע מאל אין 1893. 'ער איז געווען זעהר פרעהליך און נישט שטאַרק אָנגעשכור'ט. גאַנץ אַנדערש ווי דער רוב אראפגעקומענע פון וועג מיט אַן'ארטיסטישען טעמפעראמענט, האט ער נישט ארויסגעוויזען צו האָבען קיין קריוודעס. ער האָט זיך נישט באקלאגט אדער דערציילט פאַרביטערטע מעשה'לאך וועגען אמאליגע פריינד, אדער איבערגעגעבען סקאַנדאַלען פון צייטונגען וואס ווייער שם איז געבליבען גאַנץ. ער האָט נישט געפיהלט קיין כעס געגען די וואָס האבען איהם געהאָלפען. דאָס איז געווען א גוטמוטיגע, נישט-אַרטיסטישע טבע פון זיין זייט, אבער "אַרטיסטיש" האָט ער ליב געהאַט טרינקען, זיין שרעקליכע שמוציגקייט און זיין פארדארבען לעבען. ער האט געהאַט אַ סך פיינע און געפעפערטע מעשה'לאך וועגען פאָעטען און מאַלער, פאליציאַנטען און טיוהטעס, פון וועלכע ער האָט געהאַט אַ ברייטע ערפאַהרונג. ער וואלט געקענט אנשרייבען א פיל אינטערעסאנטערען בוך מעמוארען ווי דאס דורכשניטליכע בוך פראַפעסיאָנעלישע זכרונות וואָס דערמאָנט כמעט נישט דעם ארימען סימיאן סאלאמאָן.

פאַר סאלאָמאָן איז נישט געווען קיין ארט אין לעבען. אפטרייסלענדיג פון זיך די רעאליטעט האָט ער זיך אריינגעכאפט אין די הולטייטווא באשרייבונגען פון פעטראָניוס. אויף די פאריזער בולוואַרען מיט ווערליין און ביבי לא פורי וואָלט ער אפשר געוואָרען א באזונדערע אַרטיסטישע פערזענליכקייט. מען וואלט ארגאַניזירט עקספּידיציעס אונטער דער ליטונג פון מר. ארטהור סיימאנס איהם צו באַזוכען ערגעץ אין א פאפולערער קאַפע. מר. רישארדזש מאָר וואָלט געשריבען וועגען איהם. אבער אין דעם בעל הביתישען לאָנדאָן איז ער געווען אַן אומטענליכקייט.

אין דעם טעמפעל פון קונסט וועלכער איז וועניגער קאלוויניסטיש ווי די קינסטלער ווילען אז מיר זאלען גלויבען, וועט ער שטענדיג האָבען זיין ארט. פאַר'ן קונפטיגען ענגלישען וואזארי וועט ער זיין אַן'אמתער אוצר."

ווען סאלאָמאָן האָט זיך שטאַרק געצויגן אין עפליכע שילינג, פלעגט ער מאַכען אייניגע רויהע ציכענונגען, געוועהנליך שוואַכע נאכאַמונגען פון זיינע פריהערדיגע ווערק און ארומגעהן זוי פאַרקויפען צווישען זיינע פריינד און משפחה, וועלכע זענען שטענדיג געווען גרייט אפצוקויפען זיי פון איהם, און נאך מעהר גרייט צו גלויבען אז זיי וועל-






רנאַרד מענינסקי

מוטער און קינד.

פֿון איהם מיט דעם זיך צו רעפֿאָרמירען. איינמאָל איז סאָלאָמאָן געגאַנגען צו זיינעם אַנ'אַמאָליגען חבר, א זעהר רייכער און באַהאוסטער קונסטמאָלער, וועמען ער האָט פֿאַרקויפֿט זיינע א צייכנונג. ארויסקומענדיג פֿון הויז האָט סאָלאָמאָן באַמערקט ווי שטיל און אָפּגעשלאָסען די גאַנצע סביבה איז, און דעם זעלבען אָבענד איז ער צוריקגעקומען צוזאַמען מיט א פּראָפֿעסיאָנעלען גנב און די ביידע האָבען איינגעבראָכען אין הויז. בעת זיי האָבען געהאַלטען אין צוזאַמענפּאַקען דאָס זילבערוואַרג האָבען די צוויי חברה דערזעהן א פֿלאַש וויין און האָבען זיך גוט אָנגעשיכּורט. זיי האָבען געמאַכט אַזאַ טומעל אַז זיי האָבען אויפֿגעוועקט דעם בעל-הבית, וועלכער איז אַראָפּגעקומען זעהן וואָס דאָ קומט פֿאָר. אַז ער האָט דערקענט סימיאָן סאָלאָמאָן האָט ער ביידע חברה געהייסען געהן.

סימיאָן סאָלאָמאָן איז איצט געווען א בראָדיאַגאַ—אָבער א סך שמוציגער פֿונ'ם רוב בראָדיאַגעס. זיין ארבייט פֿון אָט דער פּעריאָדע איז דאָס רוב אָרים און סקיצענאַרטיג. עס גלויבט זיך כמעט אַז ער האָט איינגאַנצען פֿאַרלוירען דעם ווילען צו שאַפֿען. ער האָט אָנגעוואָרפֿען צייכנונגען בלויז צו פֿאַרקויפֿען פֿאַר קליין-געלד און קויפֿען דערפֿאַר טאַבאַק און ביר. עס האָט איהם נישט געקימערט וואָס איז געוואָרען פֿון זיי. מען דערצעהלט אַז טייל פֿון זיינע נים-געחתמטע צייכנונגען זענען אָפּגעקויפֿט געוואָרען פֿון מענשען וואָס האָבען שפּעטער פּרעטענדירט אַז זיי אַליין האָבען זיי געצייכענט.

די גאַנצע צייט האָט מען נים אויפֿגעהערט צו זוכען סאָלאָמאָנ'ען צו רעפֿאָרמירען. ער איז אָבער געווען איינגעעקשנט און איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג. אין באַצוג צו דעם איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען זיינע א צייכנונג וואָס ער האָט געלאָזט רעפּראָדוצירען אין ”האָבי האָרס“ אַזוי שפּעט ווי 1893, וואו ער שטעלט פֿאָר ”א מעדוזאַ קאָפּ געשטאָכען פֿון איהרע איינענע שלאַנגען.“ ווייסענדיג ווי ליב סאָלאָמאָן האָט אַלעגאָריעס איז זיך נישט שווער איבערצוצייגען אַז סאָלאָמאָן האָט דאָ געזוכט פֿאַרצושטעלען סימבאָליש זיין איינענע לאַגע.

אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון דעם פּרעראַפֿאַעליטישען מאַלער פֿרעדעריק שילדס לייענען מיר: ”פֿאַר דער ארבייט פֿון דעם אומגליקליכען זשעניע סימיאָן סאָלאָמאָן, האָט שילדס שטענדיג געהאַט די גרעסטע באַוואונדערונג. שילדס וואָלט איהם מקרב געווען ווען עס וואָלט נור געווען מעגליך.“ סימיאָן סאָלאָמאָנ'ס א קוזין האָט איהם איינגעאָרדענט א סטודיאָ ביי זיך אין הויז, און איהם געבעטען קומען ארבייטען ווען עס גליסט זיך איהם. ער איז געקומען דריי מאָל און דערנאָך האָט מען איהם נישט געזעהן חדשים לאַנג.



מעהר צוגעלאָזען איז סאָלאָמאָן געווען צו זיינעם א פֿריינד, דאָקטאָר ראַבינסאָן, וועלכער פֿלעגט איהם נעמען צו זיך אַהיים און איהם האַלטען דאָרט ווי לאַנג סאָלאָמאָן האָט נאָר געוואָלט בלייבען. אָבער באַלד האָט זיך סאָלאָמאָן צוריק פֿאַרבענקט צום וואַנדער-לעבען. איינמאָל האָט דר. ראַבינסאָן באַגעגענט סאָלאָמאָן א שיכּור'ן אין גאַס און איהם געוואָלט מיטנעמען מיט זיך. סאָלאָמאָן איז איהם אָבער באַפֿאַלען מיט א שטורם פֿון זידלעריי און די גאַס איז מיט איהם געוואָרען פֿול. דערנאָך אַז סאָלאָמאָן האָט זיך אויסגעניכטערט האָט ער זיך געבעטען ביי דאָקטאָר ראַבינסאָן ער זאָל איהם מוחל זיין. ביי דאָקטאָר ראַבינסאָן אין הויז האָט סימיאָן סאָלאָמאָן אויך געמאַכט א פֿאַרזוך צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, דורכשניידענדיג אַן אָדער אין אָרעם. דאָקטאָר ראַבינסאָן האָט איהם אָבער געראַטעוועט אין צייט. עס איז מעהר ווי מעגליך אַז דאָס איז נישט געווען סאָלאָמאָנ'ס איינציגער פֿאַרזוך צו באַגעהן זעלבסטמאָרד.

מען האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען סימיאָן סאָלאָמאָן מיט שרעק. ער איז איינמאָל געקומען צו זיינעם א קוזין פֿאַרקויפֿען א צייכנונג. נישט ווייסענדיג ווער עס געהט איז זיינע א קוזינע, א קליין מיידעלע ארויסגעגאַנגען עפֿענען די טיר. ווי באַלד אָבער איהרע עלטערען האָבען דערהערט אַז עס איז סימיאָן, זענען זיי ארויסגעלאָפֿען ארייננעמען דאָס קינד אין שטוב טאָמער פֿלאַצט ער אויס אין איינעם פֿון זיינע ווילדע שטורעמס. נישט לאַנג נאָך זיין פֿאַלען ווייזט אויס האָט סימיאָן סאָלאָמאָן זיך צוקריגט מיט זיין אַמאָליגען גוטען ברודער סווינבערן. וועניגסטענס געפֿינען מיר צווישען סווינבערנ'ס בריוו איינעם וועלכען ער האָט געשריבען צו עדמונד גאָס אין 1879, וואו ער רעדט וועגען סימיאָן סאָלאָמאָן ”וועלכער איז איצט אַזעלכעס וואָס קען נישט דערמאָנט ווערען ביי פֿון מענער ביי פֿון פֿרויען—ער איז אָפּשטויסענד צו ביידען—קיין—אַפֿילו צו די חיות; מאַכענדיג געלט דורך דעם פֿאַרקויף פֿון בריוו וואָס איך האָב איהם געשריבען מיט יאָהרען צוריק—בחוץ וואָס האָבען אין זיך אָהן ספֿק א סך וואָס איז נאַרישער בורלעסק און אומזין וואָס איך באַדויער איצט, וואָס איז אָבער קיינמאָל נישט געשריבען געוואָרען פֿאַר די אויגען פֿון פֿרעמדע, וועלכע קענען נישט פֿאַרשטעהן דעם נאַרישען קוואַטש פֿון אַזוי לאַנג צוריק.“

פֿיזיש איז סימיאָן סאָלאָמאָן געווען א קליין מענשעל מיט בלישטשענדיגע אויגען. ער איז געווען שטאַרק אידיש אין אויסזעהן אָבער נישט פֿון קיין שענעם טיפּ. ער האָט געהאַט א וואונדערליך מוזיקאַלישע שטימע, וועלכע איז איהם געבליבען טראָץ זיינע אַלע עקסצעסען. סימיאָנ'ס א קוזין, מר. דזשאָן סיימאָנס גיט מיר איבער פֿאָלגענדען אינ-

צידענט: "מיינער א פריינד פאהרענדיג אמאל איבען איף א גאס איז געווארען ערשטוינט צו הערען ווי איינער וואס הייזט איהם אויס צו זיין א שיכורער בעטלער רופט אויס בעת זיי זענען פארביי געפארען פאר א גרויס פרוכט-געשעפט אין טאטענהאם קארט ראוד "ווען דער ארימער פרעד וואלקער" (א באריסטער ענגלישער מאלער) "וואלט געזעהן די קאליר פון אט די עפעל!" ווי מיין פריינד משל'ט איהם אפ איז דאס געווען סימיאן סאלאמאן."

אסקאר ברוזינג שרייבט: "איינמאל, נישט לאנג פאר סאלאמאנ'ס טויט, גלויב איך, בין איך דורכגעפארען פליט סטריט און א קארעטע, פלוצלינג האב איך דערזעהן סימיאן סאלאמאן אויפ'ן טראטואר. איך האב אפגעשטעלט די קארעטע און בין ארויסגעשפרונגען פון איהר. מיר האבען אויסגעשריען "אסקאר!" "סימיאן!" און מיר האבען זיך ארומגעארמט ווי ווירגיל און סארדעלא. מיר האבען אביסעל געשמועסט וועגען אלטע צייטען, און מיר האבען זיך געזעגענט. מעהר האבען מיר זיך שוין נישט באגעגענט."

ווי דער רוב פון זיינע אמאליגע חברים איז סימיאן סאלאמאן געבליבען א ניט-פארהייראטער. מען דערצעהלט אפילו אז ער האט זיך אמאל געשדכ'נט צו א דאמע, אבער מען ניט איבער אז ער איז געווען אביסעל שיכור בעת מעשה און עס איז דערפון גארניט געווארען.

א צייט איידער סימיאן סאלאמאן איז געפאלען פלעגט ער אפט באזוכען די קארמעל קירכע אין קענזינגטאן. עפעס האט שטארק אפעלירט צו זיין מיסטיש-זינליכען טעמפעראמענט דער רומיש-קאטוילישער גאטעס-דינסט, און ער האט עטליכע צייכנונגען געמאכט פון פארשידענע צערעמאניעס. "קיין ווענעציאנער האט נישט געהאט קיין אמתערען פארגניגען פון פראכטפולע קליידונג, פון מלכות'דיגע געוועבען, פון דעם שארפען טיפען גלאנץ און גליהענדיגער אפשפיגלונג פון גאלדענע כלים; קיינער פון זיי האט ניט געגלויבט מעהר פייערדיג נאך די סאלידע פראכטען פון מעטאל און מרמר, די ערנסטע רייכקייטען פון פורפורנע מלבושים און שימערענדיגע בעכערס און בעקענס." סאלאמאן איז אבער קיינמאל נישט איבערגעגאנגען צום קריסטענטום.

אין מאי פון 1905 איז סימיאן סאלאמאן געווען ביי זיינעם א קוזין מר. דזשארדזש נאטהאן, וועלכער האט איהם געגעבען געלט און אן אנצוג און א באשטעלונג אויף א בילד. דעם זעלבינען טאג האט מען געפונען סימיאן סאלאמאן אויפ'ן טראטואר אין גרייט טערנסטיל, האלבארן. ער האט זיך באקלאגט אז ער פיהלט זיך נישט געזונד און מען האט איהם גענומען אין קינגס קאלעדזש שפיטאל. פון דארט האט מען איהם איבערגעפיהרט אין סיינט דזשיילס "ווערקהויז" וואו ער איז געווען כמעט א שטענדיגער איינוואוינער די לעצטע פינף יאהר. ער האט



געליטען פון בראנכיטיס און אלקאהאליזם. דעם 14-טען אגוסט 1905 איז סימיאן סאלאמאן פלוצים געשטארבען אין עס-זאל פון "ווערקהויז." ער איז געשטארבען פון א הארץ-קראנקהייט, אלקאהאליזם און אנדערע קראנקהייטען. ער איז געווען אין זיין 63-טען יאהר.

ביים "אינקוועסט" האט מען איבערגעגעבען אז סימיאן סאלאמאנ'ס א בילד איז מיט עטליכע טעג פריהער פארקויפט געווארען ביי קריסטי'ס פאר 250 גינים.

אין 1906 איז פארגעקומען א מעמואר-אויסשטעלונג פון סימיאן סאלאמאנ'ס בילדער אין די ניו ביילי גאלעריס אין בייקער סטריט, לאנדאן, און דאס זעלבינע יאהר זענען 15 פון זיינע בילדער געווען אויף דער אויסשטעלונג פון אלטע מייסטער אין דער ענגלישער קעניגליכער אקאדעמיע.

די גרעסטע טייל פון סאלאמאנ'ס בילדער געפינען זיך אין פריוואטע קאלעקציעס. עס זענען אבער פאראן א גרעסערע צאל פון זיינע בילדער אין דער נאציאנאלער קונסט גאלעריע פון אירלאנד אין דובלין, און איינינע אין די גאלערים פון בירמינגהאם און אבעריסטוויטה. איינינע פון זיינע צייכנונגען און וואסערפארבען געפינען זיך אויך אין סאוטה קענזינגטאן און אין בריטיש מוזעאום, אבער ליידער זענען זיי פון זיינע שוואכערע זאכען. דער אידיש-נאציאנאלער קונסט פאראיין בן-אורי אין לאנדאן באזיצט אויך א צאל פון סימיאן סאלאמאנ'ס צייכנונגען און בילדער.

סימיאן סאלאמאן ליגט אויפ'ן אידישען בית עולם אין ווילעזדען, לאנדאן. זיין קוזין מר. דזשארדזש נאטהאן האט געלאזט אויסקריצען אויף דער מצבה סימיאן סאלאמאנ'ס ליבלינג סטראפען פון שעלי'ס "אדאניים."

---

עס איז אוממעגליך צו זאגען וואס פארא ארט סימיאן סאלאמאן וואלט פארנומען ווען ער וואלט זיך אנטוויקעלט נארמאל. עס געפינט זיך א געוויסער גרויסער צוזאג אין זיין שאפען אז מען זאל באדויערען זיין פאלען אלס א פארלוסט פאר דער קונסט.

שטודירענדיג סאלאמאנ'ס לעבען איז שווער אויסצומיידען די איבערצייגונג אז ער איז א קרבן פון דער עסטעטישער באוועגונג אין ענגלאנד פון זיין צייט. מען קען אפילו מיט באשטימטקייט ארויפווארפען די שולד אויף געוויסע פון זיינע אינטימע חברים.

עס איז מעגליך אבער אז אנטוויקלונג ווערט נישט אפגעשטעלט פון אויסערליכע איינפלוסען. עס קען זיין אז סימיאן סאלאמאן האט

דערגרייכט זיין פֿולער הויך נאָך אַלעמען. אגיט—אגיט וואָלט ער דאָך העכער געוואַקסען.

מיר קענען נישט משפּט'ען דאָס וואָס איז נים פֿאַראַן. די פֿאַקטען פֿון סימיאָן סאָלאָמאָנ'ס לעבען און מיר האָבען דאָס איז אַלץ וואָס מיר האָבען. און פֿון זיי מוז מען אים משפּטען.

און משפּט'ענדיג פֿון דעם קום איך צו דער איבערציינגונג אַז סימיאָן סאָלאָמאָן איז אַ זשעניע—אַ קרענקליכער, פֿאַרמאַטערטער, צוקריפּעלטער זשעניע, אָבער דאָך אַ זשעניע.

סימיאָן סאָלאָמאָן דערמאָנט מיך אָן איינעם פֿון זיינע איינענע צייכענונגען פֿון אַ קריסטוס קאָפּ. דאָס פּנים איז פֿון אַ ציקאַלישטשער ראַנגלענדיגער נשמה, פֿון אַ ליידענדיגען מאַרטירער באַהעמיער-טיפּ און די אויפֿשריפֿט איז "פּריוו מיך גישט"—פּריוו מיך נישט—איך בין צו שוואַך ביי'צושטעהן דעם נסיון. אָט דאָס הייסט צו זיין דער ליים מאָטיוו פֿון סימיאָן סאָלאָמאָנ'ס לעבען. טראָץ אַלע איינציעלהייטען פֿון זיין לעבען קוק איך אויף סימיאָן סאָלאָמאָן מיט דרך ארץ. ער איז אַ גרעסערער מענש ווי דער רוב פֿון זיינע חברים וואָס זענען היינט באַרימט און ער איז אסך צופֿרידענער אַלס מענש ווי דער רוב פֿון די סאָלידע צופֿרידענע מאַלער פֿון זיין צייט וועמענס ארבייט פֿילט אָן די ענגלישע מוזעאומס, און וועמענס זאַטע ביאָגראַפֿיעס איגנאָרירען סימיאָן סאָלאָמאָן וועלכער האָט געהאַט דעם מוט צו וואַרפֿען זיינע זינד איבער'ן פּנים פֿון דער וועלט.

ער איז אַ זינדיגער מענש מיט אַ צובלוטיגטער, פֿאַרוועהטאָגטער נשמה.

אין אונזער דור איז סימיאָן סאָלאָמאָן כמעט פֿאַרגעסען געוואָרען. דאָס מאַכט אָבער נישט אויס. אַ גאון קען זיך ערלויבען צו שלאָפֿען אַ ווייַלע איידער ער שטעהט אויף תחית המתים.



מלך ראַוויטש.

# דיכטער-יוגנט.

זענען די אין פּוילען דערשינענע זאַמעלביכער:

„יונג-אידיש" I—II בויגען—רעדאַגירט משה ברָאָדערזאָן
„געזאַנגען" I ליכט, II אומעט—רעדאַגירט הערשעלע
„ס'פּעלד" 1 העפֿט'ן פֿאַר ליטעראַטור.

זעקס דינע העפֿטען זענען עס אין 39 (שרייב ניין און דרייסיג!) דיכטער נעמען. טיילווייז פֿון פֿריהער באַקאַנטע נעמען, צום גרעסטען טייל דעביוטאַנטען פֿון היינט אָדער פֿון נעכטען.

אָבער 39 נייע, גוטע דיכטער האָבען מיר דאָך נישט געוואונען. !39

און כאָטש אויך איך בין צווישען זיי דערמאָנט און מיר אַז אַ די דיכטער פּאַרטיי (אַנדערש קען מען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון 39 מענשען מיט איין ציל נישט אָנרופֿען.) אַ מין געפֿיהל פֿון אַנטיפּאַטיע. אפֿילו די ווילדעסטע שטורם און דראַנג-פּעריאָדען אין דער ליטעראַטור זענען נישט רעגימענטענווייז אויפֿגעטראָטען, נור זענען תמיד פֿון 5 אדער 6 מענשען געטראָגען געוואָרען. עס איז נישט בלויז אַ מין פּאָעטישע מאַטעמאַטיק, וואָס איך טרייב דאָ—אָט די מאַטעמאַטיק וויזט שוין אליין אויף סמנים פֿון שוואַכקייט ביי יענער פּאַרטיי, און דאָס מוז מען באַקעמפֿען מיט אַלע מיטעל.

און נישט נאָר אַנטיפּאַטיע; איך וואָלט מיך גערן געשטעלט מחוץ למחנה, דוקא דערפֿאַר, ווייל איך האָב זיי ביים ערשטען אויפֿטריטען באַגייסטערט באַגריסט אַלס אַ סמן פֿון אויפֿלעבונג פֿון אונזער ליטעראַטור.

אָבער דאָ לעזט מען און מען לעזט, און עס בלייבט איבער אַ קאַרוסעל מיט נעמען: זילבערשטיין, באַרטשטיין, זיטמאַן, וואַלינמאַן, קלייטמאַן, בערדמאַן, וואָלפֿמאַן, ניימאַן, ראַזוויטש, סעגאַלאָוויטש, שמואלאָוויטש,—— ממש גראַמענמאַטעריאַל צו אַ שענסטען סאָנעט...

נישט געגען יונגע אָנהויבערס וועמט איך מיך, זייער ווילען און האַרץ איז געוויס ריין, ריינער ווי דאָס האַרץ פֿון מאַנכען אַלטען דיכטער, אָבער געגען די רעדאַקטאָרען פֿון אָט די אומשולדיגע מוז מען זיך ווענדען!

וואו איז דאָרט די גרעניץ פון טאַלענט און פון צופעליגען, גלאַט אַזוי שרייבען? וואו די גרעניץ פון א גלאַט-אינטעליגענט און—א עקספּאָנענט פון מענשליכען מין, אַן אויסגעשטרעקטען געפיהלס-אָרגאַן פון מענשהייטס-אָרגאַניזם א נביא פון נשמות, א ד י כ ט ע ר?!

---

די העפטען "יונג-אידיש" וועלכע זענען מיט עקספּרעסיאָניסטיש-פוטוריסטישע בילדער רייך באַצירט (די בילדער זענען פון מיינע באַטראַכטונגען אויסגעשלאָסען) געלטען אלס עקספּרעסיאָניסטישע ליטעראַטור-זאַמלונגען. בסוד-סודות מוז איך דאָ אַרויסזאָגען אַז זיי זענען עס—צום גליק נישט! דאָס דאָזיגע קליינע וואָרט "צום גליק" באַטייט נישט אַ פּרינציפּיעלע געגנערשאַפט צו דער עקספּרעסיאָניסטישער ריכטונג אין דער ליטעראַטור. זי איז נישט ניי, זי איז נישט פון היינט און נישט פון נעכטען. אדרבה! די פּרינציפּיעלע געגנערשאַפט איז נור אַקעגען דער פּרינציפּיעלער פּרינציפּיענהאַפטיגקייט פ אַ ר עקספּרעסיאָניסטישע ריכטונג. אָט די דאָזיגע לכתחילה יוצא-מן-הכלל-שטעלונג איז שוין געפעהרליך! זי האָט שוין אויף אַן אַנדערען אָרט, און אויף אַן אַנדערער ווייז פון ים געפיהרט צו עקסטרעמע לעכערליכקייטען. איז אפשר מענדעלע-מוכר ספרים האַפאַר נישט דער גרעסטער אידישער דיכטער ווייל ער איז נישט אַן עקספּרעסיאָניסט? אָט דאָס נור, בדרך-אגב, כדי א עקספּרעסיאָניסטישע צו ווייזען, וועלכער איז אַלגעמיין שוין מעגליך ביי דער בטבע'דיגער היצקאָפּיקייט פון א ו נ ז ע ר ע עקספּרעסיאָניסטען.

אָבער אינהאַלטליך זינדיגען די "יונג-יודיש" העפטען אין דעם פּרט אָם ווייניגסטען... שוין די געשיקט געשריבענע הקדמות (וואַרשיינליך פון בראָדערזאָנ'ס האַנד) באַווייזען עס; די העפטען זענען אַנגעפילט מיט עכטער יודישער פאָלקס-טראַדיציע, די שפּראַך שטרעבט צום מקור, זי וויל אור-יודיש ווירקען און דאָפאַר איז עס געשעהן, אַז ביי ריין פאַנטאַסטישער אויסלייגונג פון די ווערטער (באַראַבאַנום מעאַריע) ווערען דאָך די לשון-קודש'דיגע ווערטער רעספּעקטירט און אויסגעלייגט העבּרעאיש. אין דעם פּרט איז דאָרט די ליבע צו דער טראַדיציע גובר יעדען קולטורעל-רעוואָלוציאָנערען ווילען.

אָבער דאָס איז דוקא דאָס סימפּאַטישע אין די "יונג-אידיש" העפטען, וואָס כמעט זיי גילטען אַלס עקספּרעסיאָניסטישע האָבען זיי דאָך מיר און מוער אַפגעגעלאָזט פאַר אַלע מינים פּאָעזיע, און די אומפּרעסיאָניסטישע קונסט איז האָרט גאַנץ בכבוד פאַרטראָטען, אפילו, איך בין אַ אפּיקורס, דורך בראָדערזאָן אַליין...



אָט ער איז שטאַרק און אָריגינעל און וואָס דער עיקר א דיכטער. בראָדערזאָן איז א מייסטער פון אַליטעראַציע, דאָס איז אַ ניי פעלד אין דער יודישער ליריק, ער באַטרעט עס מיט זיכערקייט און לייכטקייט.

אָט אַ ציטאַט פון די "גרויע סאָנעטן" ("וואַגאַנגען"—2 אותיות:)

אַ גרויער טאָג אין שטאָט און גרויע טראָטואַרן,
וואָס שטאַרען גרוי אַרויף צום הימל טונקעל-גרוי,
און מענשען איינזאַמע אין מחנות גרוי זיך שאַרן,
און האַרען אויף אַ סוד און אויף א וואָלקן בלוי.

מיט אויגען גרוי צי בלוי בליצט דורך פאַרביי א פרוי;
פאַרדופט מיין האַרץ צו גליק. צי וויל זי מיך פאַרנאַרען,
אין איינזאַמקייט פון האַרץ אויף אייביג מיך פאַרשפאַרען?

דאָס פעלד פון אַליטעראַציע איז אין אונזער ליטעראַטור, אפילו אַלס אַליינצוועק, ווערטפול. קיינער האָט דאָך נאָך דעם פּרט מיט אַזאַ דאָזיס באַוואוסטקייט, ווי משה בראָדערזאָן, נישט באַאַרבייט. אָבער דאָס פעלד איז גליטשיג און געפעהרליך, געפעהרליך ווי יעדע אויסערע פאָרם פון א זאַך, אַקעגען איהר אינערען ווערט, איהר נשמה.

דער דיכטער מוז אינערליך קעמפען אַקעגען דער אויסערער פאָרם וואָס וויל איהם פאַנגען, ווי א פרוי מיט ווייסע זיידענע הייכע, פאַרפומירטע אָרעמס. געוויס, ער מוז אויך פאָלגען דער פאָרם, דער פרוי, דער שענקייט; ער איז דאָך אַ דיכטער, א קינסטלער. אָבער פאָלגען מוז ער אומוויליג דער פאָרם, ער מוז תמיד פאַרטרעטען זיינע העכערע צילען און אידעאַלען, ער, דער עקספּאָנענט פון'ם מענשליכען מין.

ביי בראָדערזאָן, און דאָס איז ד' ריכטיגסטע כאַראַקטעריסטיק פון זיין מהות, איז עס זיכער, אַז ער פאַרמאָגט מעהר דיכטעריש ק ע נ ע ן ווי דיכטעריש ו ו ע ל ע ן. דאַכט זיך אַ מעלה און פאָרט נישט אַזאַ גרויסע.—דער דיכטער איז דאָך נישט נאָר א פיהרער פון'ם דיכטער-דור (און פאַר'ן יונגען דיכטער דור איז בראָדערזאָנ'ס שפּראַך-פיהרערשאַפט וויכטיג) נאָר אויך א פיהרער פון'ם מענשען-דור.

ווי קלאָר די אויסערע ליניע פון בראָדערזאָנ'ס לידער אזוי אויסקלאָר און שוואַנקענדיג איז די אינערע ליניע פון זיי. באַלד איז עס ליטער שטימונג ("גרויע סאָנעטן", "שבת-שטילקייט") באַלד מיסטיש רעליגיעזע געדאַנקען-פּאָעזיע ("זאַלבאַדריט") תמיד אָבער דער איינענער אַליטעראַטאָר, דער, כמעט זשאָנגלערישער שפּראַכגימנאַסטיקער:

עס שפּיגלט דעם חלום דורך אַן אויפֿגעבליט פֿון פֿיל מינים
אויפֿגעוועקטע שטראַלן,
אין שטערנ-שטראַלן-פֿליסטער בלייב איך אויף דאָס ניי אַליין.
אָדער:

און ס'הערן טרערן-שטערן,
און ס'ווערן שטערן-טרערן,
און טויבע הייבן אָן צו הערן,
און שטומע הייבן אָן באַגערן.

נאָך איינמאָל און רעזאַמירנדיג: אונזער שפּראַך-אוצר האָט נייטיג געהאַט אַן עקספּערימענטאַטאָר, וואָס זאָל קלאָר באַווייזן: אַז אַזוי און אַזוי. אונזער לשון איז רייך גענוג פֿאַר אַלע פֿאָרמען און קונסטן. בראַוואָדזשאָן קען און וועט עס זיין און דאָס איז אַ ווינציגער פּאָסטן. אָבער נאָך דעם אורטייל איבער דער איסערער פֿאָרם, און דאָס פֿאַלט אויס גינציג, קען מען אָבשליסן, ווייטער מוז מען וואַרטן! וואַרטן און ווייטער לייענען!

---

די לאַנג באַקאַנטע און אָנערקענטע דיכטער: הערשעלע, יצחק קאַצענעלזאָן און ז. סעגאַלאָוויטש וואָס האָבן זיך אין די דערמאַנטע אויסגאַבן באַטייליגט נעם איך פֿון מיינע באַטראַכטונגען אַרויס, זיי געהערן נישט צום טעמע: דיכטער-יוגענד.

---

און אַט וואָלטן נאָר (רעדאַקטאָרען הערט!) געווען צו דערמאָנען אַלס קלאָרע און בלי-שום-ספק-טאַלענטן: י. מ. נײמאַן, חיים לייב פוקס, שרה בוים.—די דיכטערישע פּערזענליכקייט איז אָבער דאָ נאָך אומקלאָר, די פֿאַרב נישט אַנטוויקעלט, ווי די געלע פֿאַר-פֿעדערלעך פֿון יונגינקע עופֿות...
אַט לאָזן זיי זינגען און זאָגן פֿאַר זיך אַליין:

חיים לייב פוקס:

עס האָט אַ רעגנדל אין בין-השמשות לייכט געפּליסטערט,
און ס'האָבן מיינע שויבן אויסגעשווייסט זיך—
איך האָב איינאיינעם מיט די ווענט פֿון שטיבעל
מקנא זיי געווען.



י. מ. נײמאַן:

נעבל.

עס איז אַראָב אויף דר'ערד אַ שטיק פֿון הימעל אויסגעבענקטן
און זיך אַראָבגעלאָזט, געלעגט, געהילט זיך און פֿאַרצרינען
מיט'ן גרויען פֿייכטגעטרענקטן
פֿאָרהאַנג; און פֿאַרשטעלט די ווייטן.

שרה בוים:

עס טוליעט זיך צו מיר פֿון שטוב, דאָס שווייגן
עס קלאַפּן קוים ביים פֿענסטער שטיל די פּוסטע
קאַסטאַן-צווייגן,
רעיונות ווילדע, מאַטערן מיך, זייגן.

אַדאַי, סטראָפֿן, וואָס קענען נאָר פֿון דיכטער געשריבן ווערן —אָבער ווייניג איז דאָס! פֿון דיכטער פֿאַרלאַנגט מען אַ גלייכע, אַ קלאָרע און באַוואוסטע אַנטוויקלונגס ליניע. מאַי כאַ משמע לן? וואָס לאָזט מיך ד ע ר דיכטער הערן, פֿרעג איך זיך ווען איך נעם אַ בוך אין דער האַנט אַריין, און א י ך פֿרעג די ווילדע שאלה שוין ממילא אַביסעל שוואַכער, וואָרן איך זאָג: מאַי כאַ משמע לן אין דער יודישער ליטעראַטור?...

---

אין די איבעריגע און די דערמאַנטע זאַמעלשריפֿטן פֿאַרטראָטענע דיכטער? איז ווידער אַביסעל מאַטעמאַטיק: 39 מינוס 4 באַזונדערס דערמאַנטע, מינוס 3 עלטערע איז 32! 32!!
אודאי, זיי האָבן אַסך אינערע באַוועגונג, גאַנצע אייטערס געפֿיהל, גאַנצע שלויבן פֿון גוטן ווילן, כאָטש נעם און זופּ, און זענען אודאי אַלע אויסגעפֿילט מיט דעם געדאַנק צו ווערן ווירקליכע יודישע דיכטער; יאָ, אָבער די דאָזיגע באַוועגונג מעג נאָר זיין אינערליך, קוים פֿיהלט מען דייטליכע באַוועגונגסשפּורען אויך אין די שאַפֿונגען, דאָס הייסט אויף פּראָסט יודיש: זיי טראַשטשען ווי שלעכטגעלייטטע טישן, און פֿאָהרען-צופֿאָהרען זיך, קוים שפּאַרט מען זיך אַביסעל קריטישער אָן אין זיי—דאַן איז דאָס גוטער ווילן, האַרציג געפֿיהל, האַרציגער ווי דאָס געפֿיהל פֿון דערוואַקסענע דיכטער, אָבער נישט ליטעראַטור.
באַגייסטערט האָב איך דעם ערשטן אויפֿטריט פֿון דער דיכטער-יוגענד געגריסט אָבער היינט דראָהט עס צו ווערן אַ מאַניע.

נישט די יונגע ווערט געוואָרענט, זי קען נישט געוואָרענט ווערען, געוואָרענט ווערען די רעדאַקטאָרען בראָדערזאָן און הערשעלע.

אַ דיכטער מוז זיך קענען מיט קאַפּיטעס באַציהען צו זייערע אייגענע לידער — אַ פּשיטא שאַן צו פּרעמיע —

איין און איינציגע פּיעטעט איז פאַראַנגען אין ליטעראַטור-ענינים, די פּיעטעט פאַר דער ליטעראַטור אַליין.

דיכטונג איז זי ווערט ליטעראַטור הייסט אַריסטאָקראַטיע, דיקטאַטור פון דער פּערזענליכקייט דורך איהרע באַווייזענע, פאַקטישע מעלות.

דעמאָקראַטיע אין דער דיכטונג, אָבער נישט אין דער ליטעראַטור!

דאַן וואָלטען אָבער אויך נישט אויף בס"ה 144 זייטלעך 32 דעבו־טאַנטען צונאַנגעקומען.



ז. ווייַנפּער.

## אויף אונזער שיף.

דורך ברויזענדיגע כוואַליעס,
ווי ווילדע האַרדעס פערד אין ווילדעסטען גאַלאָפּ
שניידט אונזער שיף איהר שווערען וועג.
און אין די ענגע קאַמערען
און אויפ'ן דעק
די מענשען קופּענווייז
די דאַרע הענט געפלאָכטען איינער אינ'ם צווייטענס לייב.

דורך ברויזענדיגע כוואַליעס,
עס כאַפּט דער ים דעם הימעל ביי דעם האַלז
און שטיקענדיג איהם מיט אַ ווילדען כעס
צעברומט ער זיך אויף אונזער שיף:
—כאַ—כאַ!
—כאַ—כאַ!
נאָר אָט באַווייזט אַ מענש זיך אויפ'ן דעק מיט לייכטע טריט
פון וואו, פון ווען?
איז ער אַ רייזענדער, ווי מיר, צי נאָר דער קאַפּיטאַן?
און לאָזענדיג זיין פלינקע האַנד צום ראָד
צעשיינט פאַר אונז זיך זיין געזיכט,
זיי אין אַ טיפע פינסטערניש, אַ צינדענדיגעס ליכט.
און זעה,
עס הויבען מענשען זיך פון קופּעס אויף
און הענט און אויגען הויבען זיך צו איהם ארויף
—העי קאַפּיטאַן!
—העי קאַפּיטאַן!
דורך ברויזענדיגע כוואַליעס,
ווי ווילדע האַרדעס פערד אין ווילדעסטען גאַלאָפּ;
עס גוהט די שיף אַרויף, אַראָפּ
אין כוואַליענדיג-געדראַנג.
און אין דער לופט אַרום
מישט אויס זיך דאָס געבריל פון ים מיט מענשליכען געזאַנג:
—כאַ—כאַ!
—העי קאַפּיטאַן!
—כאַ—כאַ!
—העי קאַפּיטאַן!

## דער געבורט פון מארגען.

איך שטעה אויף שפיץ פינגער
דערגרייך צום הימעל,
און קוק אריבער דעם נאכט-בארג,
קוק אריין אין מעוברת'דיגען היינט—אינ'ם מארגען,
און זעה רויטע שטיקער סאלידע ליכט ווי אייז-בערג
שווימען ארום דא און דארט,
קלאפען זיך אן אין פינסטער-פעלזען,
ביידע עקספלאדירען, צוגעהן און צופליסען,
פילען אן די אגעמ'ישע שטרעקען,
טויט-בלאסע רייטען,
מיט דעם דיסטילירטען ליכט,
מיט דעם ריינעם לויטערען בלוט
פונ'ם פריה-מארגענ'ס אטעם.





## אנדרע ספירע.

דער דרייפוס פראצעס באצייכענט אן עפאכע פון נאציאנאלען באוואוסטזיין ביי די פראנצויזישע אידען. די פאלקאמענע בירגער רעכט און די פרייהייט פון וועלכע די אידען געניסען אין פראנקרייך פון זינט דער גרויסער רעוואלוציע, האבען ביי זיי ביסלעכווייז אבגעשוואכט דעם חוש פון א נאציע; און אחוץ אייניגע אויסנאמען, האבען זיך ביז דעם וועלט בארימטען פראצעס די אידען אין פראנקרייך געפיהרט ווי פראנצויזען.

זייער קולטור איז געווען אן אייראפעאישע, זייערע ליבלינגס-העלדען, מאריוס ווערצינגעטאריקס, עטצ., זייער וועלט אנשויאונג האט זיך כמעט צונויפגעגאסען מיט יענער פון'ם גייסט אידען. א דאנק דער פרייהייט און זייער געזעלשאפטליכען שטאנד, פלעגען זיי באטראכטען די געפלאנטע אידען פון די מזרח-לענדער ווי א נידריגען שבט פון ישראל, און דער צייט וואס זיי אליין זענען געווען די פון גאט געליבטע אידען...

אנדרע ספירע שטאמט פון אט אזא הויך-בורזשואזע אידישע פאמיליע. זיין ערציהונג איז א פראנצויזיש קלאסישע און א דאנק דעם וואס אידען —מעגען זיי זיין אסימילירטע—געבען אין אלגעמיין זייערע קינדער א מעגליכקייט צו לערנען, האט ספירע גענאסען א רייכע בילדונג אויף אלע געביטען.

אין דער צייט פון דער בארימטער אפערע איז ספירע געווען קאפיטאן אין א קאוואלעריע רעגימענט.

צו יענע צייט האט זיך דערוועקט דער נאציאנאלער געפיהל ביי אזעלכע אידען וועלכע האבען פריהער גאר נישט קיין אהנונג געהאט וועגען דעם.

אנדרע ספירע האט אלס דיכטער אינטואיטיוו באגריפען דעם תמצית פון דעם פראצעס. און זיין געוויסען האט זיך דערוועקט, האט רעוואלטירט קעגען אזא שרייענדיגער אומגערעכטיגקייט.

דער ערשטער מוטיגער זשעסט זיינער איז געווען, אפען צו פראטעסטירען. אבער ער איז געשטערט געווארען דורך זיין מיליטערישען ראנג. האט ספירע באלד געגעבען זיין דעמיסיע; ער האט זיך אבגעזאגט צו טראגען א אוניפארם וועלכער קאן איהם—וויל ער איז א איד—אמאל ארייננשלעפען אין אזא אומגליק ווי דרייפוסען.

„אידען, זאגט מען, זיינען טרוסען, האט ספירע מיר געזאגט אין 1914; ווי צופרידען בין איך דערפאר געווען צו זיין דער געשיקטסטער

רייטער פון מיין רעגימענט, כדי צו באַווייזען ווי פאַלש דאס איז.“

אלס שריפטשטעלער, מעהר נאָך, אלס דיכטער, נעמט זיך ספּירע פליסיג לייענען און פאָרשען אידישע געשיכטע, אידישע ליטעראַטור, כראָניק, קורץ, אַלץ וואָס האָט צו טון מיט דער אידישער פאַרגאַנגענ-הייט, איהר הייגט און איהר צוקונפט. ער באַדויערט וואס זייגע עלטערן האָבען נישט געפונען פאַר נויטיג איהם צו לערנען העברעאיש. אבער ספּירע לייענט ענגליש, דייטש און איטאַליעניש, און וואָס ער געפינט נישט איבערזעצט אין פראַנצויזיש, זוכט ער אין די פרעמדע שפראַ-כען.

אָט אַזוי ווייסט אַנדרע ספּירע הייגט אַלץ וואָס א מענש קאָן גע-פינען אין ביכער וועגען זיין פאָלק.

אַנדרע ספּירע איז א מאַן פון 50 יאהר, אין די מיטעל יאהרען פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט.

ווען מען באַטראַכט ספּירע'ס ווערק, זעהט מען באַלד אַז דאָ האָט מען צו טון מיט אַ דיכטער וועלכער שרייבט נישט צוליב פּרנסה... פאַק-טיש, איז אונזער אויטאָר אונאָבהענגיג, און פּיליכט איינער פון די פרייסטע אין דעם זין.

כדי צו איבערצייגען זיך אַליין און זיין אומגעבונג אַז ער איז בכוח צו שרייבען איבער אַלץ, האָט אַנדרע ספּירע געדרוקט אַ אבהאַנדלונג איבער קינדער ערציהונג. זיין אַריינטריט אין דער ליטעראַטור דאַטירט פון 20 יאהר. ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון אַנאַטאָל פראַנס, וועל-כער האָט אויך קיין זאַך נישט פאַרעפענטליכט פאַר 30 יאהר. א סאָ-ציאַליסטישע מאַנאַטשריפט האָט אין אנהויב פון אונזער יאהרהונדערט געדרוקט ספּירע'ס עטליכע אַרטיקלען איבער ביכער. אינסטינקטיוו ווענדט זיך דער איד, וועלכער שטרעבט צו באַפרייען זיין פאָלק, צו די סאָציאַליסטען נאָך הילף.

אחוץ דעם, האָט דער דיכטער, אין זיין אָנפאַנג געמיינט אַז די באַפרייאונג פון'ם יודענטום איז צוזאַמענגעבונדען מיט דער אויסלייזונג פון'ם פּראָלעטאַריאַט, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיין די איינציגע רפואה פאַר ישראל.

אַלע ווייסען אַז ספּירע האָט זינט דעמאָלט אין גאַנצען געענדערט זיין מיינונג...

די ערשטע אַרבייטען אין פּראָזע וואָס מיר קאָנען פון ספּירע'ן כאַראַקטעריזירען אַ קלאָרען גייסט, אַן ערנסטע און ברייטע קולטור און עפּעס א מין ביטערקייט וואָס וועט שפּעטער נאָך בולט'ער זיך אָב-שפּיגלען אין זיינע פּערזען.

זיין פעדער דערמאָנט קיינמאָל נישט דעם פּאַמפלעט שרייבער, זיין סאַרקאַזם שניידט אונווילקירליך, דאַכט זיך, אין דער טיף. איך

הערטען זיך אין א מאנאלאג ווינעס, ערשינען אין א זאמלונג פון פראַ-וויגץ, וואו א דינסט זאגט אדים איהרע מיינונגען איבער דעם לעבען פון איהרע בורזשואזע בעל בתים. מען געפינט דארט אויך פיל גאל, כאָטש די פארם און דער סטיל זיינען פול מיט חן, או מען הערט ער-שטוינט וואס דאס הערץ איז נישט אין אלעמען העכער.

איך וועל פארבייגעהענדיג באמערקען, אז אנדרע ספירע'ס ווערק זיינען אין פראנקרייך גאר ווייניג באקאנט.

דאס לאנד וואס האט דער וועלט געגעבען—בלי שום ספק—די בעסטע פראזאאיקער, פאפולאריזירט כמעט קיינמאל נישט א פאעט, סיידען ער האט אויך אנדערע פארדינסטען באקאנט צו ווערען פאר'ן פובליק. זאל מען זיך נישט מחשען, די געניאלסטע דיכטער זיינען דא באקאנט און באריהמט בלויז צווישען וויסענדע קאלעגען... ספירע'ס פאע-מען דרוקען זיך אין יעדער פראנצויזישער צייטשריפט; קיין דירעקטאר פון א דיכטער זשורנאל פעהלט נישט צו שרייבען ספירע'ן, איהם בעטען א געדיכט. אבער, עקזיסטירט זיינ'ס א באנד פאעזיען, קריגט עס קיינמאל נישט קיין צווייטע אויפלאגע.

הירקליך, אויסער פראנקרייך איז אנדרע ספירע א זעהר באקאנ-טער דיכטער און מעהר נאך ווי זיין פראזע, שעצט מען דעם פאעט אין איהם.

דער דור שריפטשטעלער וואס האט, פון ווייטן אדער פון נאהנט, איבערגעלעבט דעם דרייפוס פראצעס, פארעהרט דעם כאראקטער, דעם גייסט און דעם טאלענט פון ספירע'ן. דערפאר האבען מיר אין פראנק-רייך די ב ר ו ד ע ר  ט ה א ר א, וועלכע, א דאנק זייער חבר'שאפט מיט ספירע'ן, האבען געשריבען צוויי ראמאנען פונ'ם אידישען לע-בען אין געטהא, מיט יענער ליבע און ענטוזיאזם וועלכע איז גינסטיג פאר די מייסטערווערק.

פאר ראמאנען, אחוץ פאר ערצעהלונגען איז ביי ספירע'ן קיין נייגונג נישטא ווי אנצושרייבען. דער טעמפעראמענט זיינער לאזט איהם נישט געהן אויף דעם וועג. ס'פעהלט איהם דערצו יענע מאס רוהיגקייט, און אויך די שאפונגס קראפט ארייגצואטעמען לעבען אין פילע פערזאנען. דער אידישער שניידענדער סארקאזם שטערט איהם רוהיג און געלאסען זיך איבערצוגעבען דער שילדערונגס קראפט.

זיינע פראזען זיינען קורצע, אפט שטייענדיגע, ראבוסטע; דא, א ציטאט, דארט א דאקומענט; אט פיהרט ער דורך זיין מעשה מייסטער-האפט, מיט אן ערשטוינענדער לאגיק פאר א דיכטער, און אט פאלען זיינע ווערטער ווי שטיינער, ווי שפיזען... א פילאזאף, וואס דיכטעט; א טרויסטער, וואס פארחייליכט.





ער לויפֿט דורך אַלע ליניעס פֿונ'ם פֿראַנצויזישן אייזנבאַהן, געפֿינט אַ פּלאַץ אין אַלע צוגן, און ווען ער האָט ענדליך דערגרייכט אַ מקלט, אַן איינפֿאָרהויז, דאַן נעמט ער שנעל זיין פֿעדער און נאָטירט אַ געדיכט וואו די אידישע נעמען הילכט אָב און פֿאַרמאַכט דעם גערודער פֿונ'ם באַהן. דאָרט וואַרפֿט ער אָן מאַטעריאַל פֿאַר זיינע שפּעטערדיגע אַרבייטען, און די שטורמישע באַוועגליכקייט פֿונ'ם אידישען [illegible] שאַפֿט ביי איהם אַ פֿראַגמענטאַריש ליד, אַ נישט אויסגעוואַקסענעם מאָטיוו, אַ בליץ פֿון אַ גענִיאַלער אַרבייט, אָבער קיינמאָל נישט פֿאַרענדיגט... און דאָך, מוז מען רעכענען צווישען די בעסטע דיכטער פֿון אָנהייב פֿון אונזער יאָהרהונדערט, דעם איד אַנדרע ספּירע.

אין 3-טען יאָהר האָט ספּירע געדרוקט זיין ערשט בענדעל פּאָעזיע. דאָס איז געווען אין אַ צייט ווען די בעסטע יוגענד פֿון דער פֿראַנצויזישער אינטעליגענץ איז געקומען זיך אַנשליסען אין די רייהען פֿון אַ גרויסער פּערזענליכקייט, שאַרל פּעגי.

דאָרט פֿלעגען זיך פֿאַרזאַמלען די יונגע קרעפֿטען וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען די ריינאַך'ס, די ספּירע'ס די ראָמען ראָלאַן'ס, א.אַז.וו. אַנדרע ספּירע האָט אין דעם יאָהר געגעבען אין דרוק זיינע פּאָעמען: Et Vous Ricz? און באַלד האָט ער געשטעמפּעלט זיין כאַראַקטעריסטיק. אין אָט דעם 100 זייטיגען בענדעל געפֿינט מען ספּירע'ן אַזוי ווי ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט ענדערן. דער פּערז אַ וואַפֿטינער—ער שרייבט פֿרייע (ווייסע) פּערזען—אַ געזונטער און אָפֿט אַ טרוקענער, פֿול מיט אידעען איז זיין ליד. ער דערמאַנט אויב איהר ווילט היינע'ן, מיט זיין ברען, אָבער מעהר נאָך פֿיהלט זיך אין איהם דער פּראָטעסט פֿונ'ם גלות! מערקווירדיג! אָט איז אַ מענש פֿון גליקליכער ערציהונג, "געבאָרען אין פּוטער און מילך," לעבט ווי אַ פֿרייער בירגער אינ'ם שעהנעם פֿראַנקרייך! און דאָך! פּלוצים צוקאָכט זיך אין איהם אַ העליש פֿייער פֿון בענקשאַפֿט און טרויער; דאָס האַרץ נאָגט איהם און ער שטיקט זיך אין זיין אַטמאָספֿערע, ס'פֿעהלט איהם לופֿט!

אַ ליריקער, יאָ, ער איז עס, נור זיין ליריזם איז אַזוי קאָנצענטרירט, אַז אַנשטאָט ווערטער, לייענט מען ביי איהם קאָנצעפּטען. פֿאָרמולען און נישט פֿאַרענדיגטע געדאַנקען. אַ רוהיגער פּראָפֿעט, אַ אומגעהויבעלטער נביא, און, דאָ און דאָרט, דער עמפּפֿינדליכסטער דיכטער... דאָס איז אַזוי אידיש אַז, ווען דער פֿראַנצויזישער קריטיקער וועט איהם וועלען אַנאַליזירען, וועט ער זיכער באַטראַכטען אָט די פֿאַרשידענקייט פֿאַר אַ פֿענאָמען...

אַ צווייטער באַנד: Poémes Juifs איז אַ זאַמלונג קורצע פּאָעמען וואו דער דיכטער איראָניזירט זיינע לאַנדסלייט וואָס באַמיהען זיך



יענעם מאָג מעהר עהנליך צו זיין די פֿראַנצויזען; אַ פּאַנאָראַם איינדרוק; אַ רוף צום פֿאָלק. ספּירע שילדערט נישט, מאָלט נישט דאָס בילד—ווי ס'איז ביים ליריקער אָדער עפּיקער—ער איז קיין מאָלער נישט. קוים וואָס ער סוגעסטירט.

היינט האָבען מיר 2 בענד געדיכטע (Mercure de France) אַ באַנד פּאָעזיען נישט לאַנג אַרויס (N. R. Française); צוויי ריינענקע בענדליך לידער; אחוץ די פּאָעמען וואָס ספּירע שיקט כסדר אין צייטשריפֿטען.

ווייל די קורצע פּאָעמע איז ביי איהם די געלונגענסטע. דאָרט גיט זיך איהם איין אויסצודרוקען אין רעליעף זיין גענִיאַלען געדאַנק, וועלכער וואָרט נישט. ס'איז אַפֿילו אַ וואונדער וואָס ספּירע שרייבט נישט ליטעראַטור קריטיק; זיין קריטישער בליק איז ווירקליך טיפּיש פֿאַר אַ אידען און אַ דאַנק זיין קענען אין ליטעראַטור, וואָלט מען געהאַט אין איהם אַן אבשאַצער פֿון גרויסער ווערט. נור, מן הסתם, גלוסט איהם נישט צו קריגען זיך אַ וועלט מיט שונאים...

איבעריגענס, ס'איז זעלטען צו באַגעגענען אין פּאַריז אַ שרייבער וואָס זאָל אַזוי וועניג זיך ווייזען אין די דיכטערישע קלייזלעך, ווי ספּירע.

אין פּראָזע, האָט ספּירע געדרוקט דריי קריטישע אבהאַנדלונגען און ווען ער האָט זיי אַרויסגעגעבען אין בוך פֿאָרם, האָט ער זיי באַטיטעלט: Quelques Juifs. זשאַם דאַרמשטעטער, אָטאָ ווייניגער און ישראל זאַנגוויל, ווייזען די דריי אידישע פּערזענליכקייטען וואָס האָבען צוגעצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונ'ם פֿראַנצויזישען איד. ספּירע שרייבט אין אָט דעם בוך אַ שעהנע שפּראַך, אַ געדיכטע און אַ רייכע; אָבער, מעהר ווי אַנדערשוואו, איז ער ליריש, מעהר ווי אין זיינע פּערזען איז דאָ די שפּראַך מוזיקאַליש, און דעם דיכטער'ס עמאָציע ווירקט אויך פֿיל אויף'ן לעזער. ספּירע דעפֿינירט און באַוואונדערט דעם אידישען הומאָר, ריידענדיג פֿון זאַנגוויל'ן; ער דערהויבט זיך ביז צו נאַון ווען ער דערציהלט אונז דעם העראָאיזם פֿון ווייניגער'ן; און קומט ער צו דאַרמשטעטער'ן, דאַן דערגרייכט ער דעם העכסטען שטאַפּעל פֿונ'ם היסטאָריאָגראַף וואָס פֿאַראייניגט אין זיך דעם דיכטער און דענקער.

ווי שוין געזאָגט, אַרבייט ספּירע נישט צוליב ערפֿאָלג, ווייניגער נאָך פֿאַר געלד. ער שרייבט וואָס איהם געפֿעלט. האָט ער מיר דאָך לאַכענדיג געזאָגט,—"איך ציה דעם איינציגען פּראָפֿיט פֿון מיינע אַרבייטען; איך גיב מיינע ביכער ווען איך וויל, אָהן ס'זאָל מיך עפּעס קאָסטען. געדענקט איהר מיין אַרטיקעל איבער פּאָעטישער טעכניק? איך האָב באַקומען פֿאַר איהם 80 פֿראַנק; מיר האָט געקאָסט 100 דאָס מאַטעריאַל..."

דאָס בוך אין וועלכען ספּירע האָט שפּעטער פאַר די פראַנצויזען
דריי וועלכע גרויסע אידען, האָלט ער פאַר אַ ארבייט לשמה, און אין
פאַרשאַפט דעם אימאַר די גרעסטע גייסטיגע פרייד.

אָנהויב מלחמה, האָט ספּירע זיין ליטעראַרישע ארבייט אבגע-
שטעלט. דער דיכטער האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון זיין יונגערן מעבי-
ליזירטען ברודער אלס דירעקטאָר פון... אַ קאָמאַשען פאַבריק. דאָך האָט
ער זיך גלייך אומגעקערט צו דער ליטעראַטור. ס'איז כאַראַקטעריסטיש,
אַז זיין ערשטע ארבייט איז דאַן געווען אַ אַרטיקעל איבער "די אידען
און די מלחמה." זייט דאַן האָבען מיר פון ספּירע'ן געהאַט אַ גרויס
בוך איבער אַט דער טעמע, נור, מיט ליטעראַטור האָט דאָס נישט קיין
געמיינזאַמעס...

איבריגענס, אלס ציוניסט, האָט ספּירע אנגעהויבען שרייבען
פאַרטיי ליטעראַטור, וועלכע פאַרשטעהט זיך, האָט איהר כאַראַקטער
און איהר ווערט.

אין דער נייער פראַנצויזישער ליטעראַטור פאַרנעמט ער
אַ גרויסען פּלאַץ, אי אלס דיכטער, אי אלס פּראָזאיקער. איבער-
הויפּט האָט נאָך ספּירע נישט געגעבען די גאַנצע מאָס פון זיין שאַפען.
ביי איהם איז פאַראַן אַ רייכע צאָל מאַטעריאַל וואס איז נאָך ביז איצט
אומבאַרוהרט. אָבער, לויט אונזער מיינונג, וועט ספּירע זיך שליסליך
אין גאַנצען אָבגעגעבען דער פּראָזע. זיינע פּערזען, כאָטש וואָס אמאָל
זיינען זיי מעהר געשליפען און פאַרלירען זייער פריהערינגע טרוקענקייט,
זיינען אבער דאָך צו האַרט און, צו דאַנקען זייער צאָל, פאַרלירען זיי
יעדען אינטערעס פון נייקייט... אין דער צייט ווען זיין פּראָזע איז אַן
איינגעאַרטיגע, און ספּירע האָט אַלע מאָל וואָס צו זאָגען.





## דער שד.

ס'איז היינט מיר געקומען אַ שד ביי דער נאַכט.
ער האָט זיך געזעצט אויף מיין בעט און געלאַכט,
געלאַכט ווי עס לאַכען נור שדים.
געזאָגט האָט ער מיר אַז אַ טאַטער האָט ער,
איז ווילט זיך איהם ווערען נאָך מיינער אַ שוועהר,
און איך זאָל איהם ווערען אַנ'איידים.
ער שלעפּט מיך ארויס פון מיין בעט אויפ'ן וועג,
און פירט מיך פאַראיבער די נעכטיגע טעג,
אריין אין דעם לאַגער פון די שדים.
דאָרט שטעהט שוין די כלה און ווינקט מיט די פיס,
זי האָט טאַקי אַ הויקער, נאָר ס'הייסט נאָך ניט מיאוס.
אָט זענען מיר אונטער די חופּה.
מיט איינמאָל דער מיוועל אליין ער איז דאָ,
אַ קליינער, ער נעהמט קוים, געבויגען און גראָ—
אָט דאָס איז די שרעקליכע קליפּה? —
פאַר איהם האָט מען מורא? א פּליק אין די ציין!
א רייב אין דער מאָרדע דעם טריפה'נעם ביין!!
ער איז שוין פון לאַנג עובר בטל!
איך האָב איהם היערלאַנגט, און ער ליגט אויף דער ערד.
איך לאָז מיר איהם ליגען און שפּרינג אויף אַ פערד,
און כ'זיץ שוין דאָרט פעסט אינ'ם זאָטעל.
הוידא! און איך פליה מיר צוריק אין מיין בעט!
דאָס ווייבעל? — נו מילא, מען קריגט שוין אַ נט.
וואָס דאַרף איך דאָס לעבען מיט שדים?
נאָר נעכטיגע טעג! עס נעהמט נישט אזוי,
די שד'קע איז טאַקי געבליבען מיין פרוי,
און איך בין איהר טאַטע'ס אַנ'איידים.
איך האָב נאָר פאַרגעסען צו בעטען א גט,
אליין בין איך אויך שוין געוואָרען א שד,
און כ'לעב טאַקי נור בלויז מיט שדים.

ד״ר. י. ס. װאַלקינד.

# די געשיכטע פון דער אידישער בוכדרוקעריי.*)

מאשין.—זאַץ און שריפטען.—פאפיר און טינט.—פאָרמאַט, שער א.א.וו.—טיטעל און אָרט.—ווידמונגען, פאַרציערונגען, אילוסטראַציעס.—פרייזען.—צענזור, הסכמות און פריווילעגיעס.

די מאַשין איז געווען די אַלטע הילצערנע האַנט-פּרעס, וואָס האָט געדינט דער בוכדרוקער קונסט פאַר א משך פון 350 יאָהר און מעהר, ביז בלעאוו פון אמסטערדאם האָט זי פאַרבעסערט אין אָנהויב פון אכצעהנטען יאהרהונדערט און לארד סטענהאָפּ האָט איינגעפיהרט די אייזערנע מאַשין צום סוף פון יענעם יאהרהונדערט. דאס איז געווען א הילצערנע מאַשין, זעהר ענליך צו די מאַשינען וואס די בוכבינדער ניצען נאָך איצט צו פרעסען די ביכער נאָכ'ן איינגעהען און איידער עס ווערען ארויסגענומען די טאַוועלען און דער רוקען, אדער צו א קאָפּיער פּרעס. אָט די פּרימיטיווע מאַשין האָט אפילו גאַנץ גוט געטאָן איהר ארבייט, אָבער דער פּראָצעס איז געווען זעהר לאַנגזאַם און פאַרבונדען מיט פיל מאַטערניש; אויך האָט זיך געפאָדערט פיל געשיקליכקייט ביים אָנלעגען, כדי עס זאָל ארויסקומען גלייך. אין די אידישע דרוקערייען זיינען וואהרשיינליך געניצט געוואָרען גרעסערע מאַשינען, ווייל די ערשטע אידישע ספרים זיינען מעהר אדער ווייניגער פאָליאָ פאָרמאַט.

דער זאַץ-קאַסטען איז געווען כמעט דערזעלבער ווי איצט. שפּעטער קומען צו אלף און למד אלס איין אות (ווי מיר זעהען עס אָפט אין די ספרים וואס זיינען געדרוקט געוואָרען אין דייטשלאַנד מיט א הונדערט יאָהר צוריק לערך) און א גאַנצע צאָהל פון אויסגעצויגענע אותיות, באַנוצט צו פאַרענדיגען א שורה, ווי מיר זעהען עס נאָך היינט אין ספרי תורה. די דרוקערייען וואָס האָבען נים די אויסגעצויגענע אותיות פילען אויס די לעדיגע שטעלען פון די שורות מיט צוויי שטריכעלעך אדער מיט די ערשטע אותיות פון דעם ערשטען וואָרט פון דער צווייטער שורה. כדי צו פאַרמיידען מעותים קומען אין מאַנכע ספרים אָט די אותיות קאַפּויר. דער מנהג איז אויך א ירושה פון די שרייבערס פון מאַנוסקריפּטען. אין זיבעצעהנטען יאהרהונדערט פאַרשווינדט די מאָדע, און דער לעצטער ספר אין וועלכען עס ווערען די שורות נאָך אויסגעפילט אויף דעם אָרט איז "שלשה ספרים" געדרוקט אין 1612 אין

*) סוף פון דריטען קאַפּיטעל. זעה "רענעסאַנס" נ. 3.



קראקא. שטאַרק רייכער איז דער זאַץ-קאַסטען אין די שפּאַנישע דרוקערייען, וועלכע, ווי מיר האָבען פריהער דערמאָנט, שטעהענדיג אונטער דעם איינפלוס פון דער אראבישער שריפט, זיינען מאַנכע אותיות ביי זיי שטאַרק פאַרציערט.

דרייפאַכע שריפטען זיינען איינגעפיהרט: אותיות מרובעות (פיערקאַנטיגע), רש"י כתב און "ווייבער טייטש." די ערשטע שריפט דינט מייסטענס פאַר ביבלישע און ליטורגישע צוועקען, די צווייטע פאַר רבנישע, מיט אויסנאַם פון דעם תלמוד גופא, וועלכער ווערט געדרוקט נאָר אין אותיות מרובעות. אין "ווייבער טייטש" זיינען געדרוקט רש"י און תרגום אין דעם באָלאָניער חומש פון 1482 און דער ערשטער חלק פון דעם פראַגער סדור פון 1540, וואו די אותיות זיינען א ביסעל דיקער ווי געוועהנליך. שפּעטער ווערט די שריפט גאָר פאַר אידיש פאַרווענדעט. אין דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט רופט מען די שריפט "צאינה וראינה אותיות." אין רש"י כתב איז דאָ אן אונטערשיעד צווישען דעם דייטשען שניט און דעם שפּאַנישען, וועלכער איז גרעסער, בולטער און מעהר כאַראַקטעריסטיש; אין די אותיות מרובעות אָבער איז שווער צו דערקענען דעם אונטערשיעד, נאָר וואס אין די פּראַגער דרוקען איז די פעטע שריפט מעהר ענליך צו דער שריפט פון ספרי תורה. פון די צוויי ערשטע דרוקערייען וואס זיינען אונז באַקאַנט, האָט זיך איינע נאָר באַנוצט מיט רש"י כתב פון איין גרויס, און די אַנדערע נאָר מיט אותיות מרובעות, אָבער אין דריי פאַרשידענע גרויסען. אין די שפּעטערדיגע דרוקען וואַקסט די צאָהל פון די אלף-בית'ן, באַזונדערס אין הלכה ספרים, ווי רמב"ם און שלחן ערוך, וואו עס זיינען דאָ מעהרערע מפרשים און עס איז נויטיג צו ניצען א באַזונדער שריפט פאַר יעדען איינציגען. קורסיוו-שריפט ווערט קיינמאָל ניט באַנוצט. נאָר אין 1715 זיינען צום ערשטען מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרען אין אמסטערדאַם "שרייבעביכער" (מוסטערס צו לערנען שרייבען אידיש) אין קורסיוו. איניגע דרוקער ווערען אזוי בארימט געוואָרען דורך די שעהנקייט פון זייערע אותיות, אז די אַנדערע דרוקער זיינען געווען געצוואונגען זיי נאָכצומאַכען און שרייבען אויף די ספרים אז זיי זיינען געדרוקט געוואָרען מיט יענע אותיות. אזוי געפינען מיר אויף די ספרים וואס זיינען געוואָרען געדרוקט ביי זשואן די גארה אין ווענעדיג "באותיות בומבורג," און ביי די דייטשע דרוקער "באותיות אמשטרדם". אמסטערדאם בעזונדערס האָט באַקומען אזא שם, אז מיר טרעפען נאָך אויף ספרים וואס זיינען געדרוקט געוואָרען מיט א 60—70 יאָהר צוריק די אויפשריפט "כמו שנדפס באמשטרדם." אָבער אויף דעם רוב פון די אימיטאַציעס, ווי אויך אויף פילע פון די אָריגינעלע שריפטען, איז דייטליך צו זעהן די ניט פאָלקאָמענקייט פון דעם דאַמאָלדיגען דרוק און פון די פאַרציי-

גע אותיות שניידערס. אין אייניגע איז באמת שווער צו אונטערשיידען צווישען די ענליכע אותיות, למשל צווישען הא און חית, אדער דלת און ריש, אדער כף און בית, אדער צווישען קמץ און פתח (די הגדה פון אויגסבורג 1534 און "משחקת בתבל" פון צפת 1587.) אויך די טעמים (טראפ) געפינען מיר שוין אין די ערשטע חומשים און תנ"כען, אבער אויך זיי, ווי די נקודות, זיינען מייסטענס אומרעגעלמעסיג און אומבעשיקט.

די ערשטע דרוקערייען האבען גענוצט א דיקע פעסטע פאפיר וועלכע האט זיך גוט איינגעהאלטען ביז אויף היינטיגען טאג הגם עס איז אביסעל פארגעלבט געווארען. די פלעכע פון פאפיר איז געוועהנליך שארסטיג, און נאר זעלטען געפינען מיר א ריכטיג גלאטע פאפיר. כמעט אלע האבען א וואסער דרוק וואס איז נאך גוט און איז א זיכערער מיטעל אין ספרים וואו עס פעלט דער שער און דער סוף צו דערקענען פון וואנען זיי שטאמען. טייל ספרים זיינען אדער אין גאנצען אדער נאר טיילוויז געדרוקט געווארען אויף רעגעל פאפיר מיט ברייטע גליונות. פיל ספרים זיינען אויך געדרוקט געווארען אויף פארמעט, ווי למשל דער באלאניער סדור פון 1537 וואס איז ווי עס זעהט אויס געדרוקט געווארען נאר אויף פארמעט. אין דער באדליאנער ביבליאטעק פון ר' דוד אפענהיימער **) זיינען געווען 51 אלטע ספרים געדרוקט אויף פארמעט.

די טינט איז אומעטום שווארץ, און אין אייניגע אלטע דייטשע און פוילישע דרוקען טיף שווארץ. אנדערע קאלירען זיינען זעהר זעלטען באנוצט געווארען. אין דער אויבענדערמאנטער רייכער ביבליאטעק איז סך הכל געווען איין קליינער סדור מיט רויטע אותיות (זעה צונץ "צור געשיכטע עטצ.," זייטע 325). ווייטער איז באקאנט א ספר וואס איז געדרוקט געווארען אין פרייבורג אין 1584 מיט רויטע ראנדבאמערקונגען.

דער רוב פ א ר מ א ט ע ן זיינען פאליא און קווארטא, וועלכע זיינען אבער אפט אזוי ענליך אז עס איז זעהר שווער צו אונטערשיידען. די ביידע פארמאטען זיינען געבליבען די טיינסטע אין דער העברע־

**) ר' דוד אפענהיימער, געב. 1664 אין ווארמס און געשט. 1736 אין פראג, איז געווען דער רב הכולל פון בעהמען און א גרויסער גביר. ער איז באזאנדער בארימט צוליב זיין גרויסער ביבליאטעק וואס, לויט וואלף, זאל האבען באשטאנען פון 7000 העברעאישע ספרים, מיינסטענס יקרי המציאות, צווישען זיי לערך 1000 מאנוסקריפטען. נאך זיין טויט האט זיין זוהן פארזעצט די ביבליאטעק אין האמבורג פאר 50000 מארק, און אין 1829 האט די באדליאן לייברערי אין אקספארד, וואו די ביבליאטעק געפינט זיך עד היום, דאס אפגעקויפט פאר 27,000 מארק.



אישער טיפאגראפיע ביז אין דער מאדערנער צייט. אקטאוו און די נאך קלענערע פארמאטען ווערען געוועהנליך נאר באנוצט פאר סדורים, מחזורים א.ד.ג. מיר קענען גאר איין ספר אין אקטאוו וואס געהערט ניט צו דער קאטעגאריע, דאס איז דער "הלכות עולם" (אן יאהר און ארט פון דרוק) וועלכער ענטהאלט די כללים פון תלמוד, ער איז אבער באמת ניט קיין ריכטיגער אקטאוו נאר א קליין קווארט וואס געהט איבער אין ברייט אקטאוו. אין ר' דוד אפענהיימער'ס ביבליאטעק זיינען פון 3476 ספרים געווען 1005 אין פאליא, 1240 אין קווארט, 901 אין אקטאוו און 330 אין דוואדעץ (זעה צונץ דארט, זייטע 235).—די פאליא ספרים זענען געוועהנליך געדרוקט אין צוויי שפאלטען אויף יעדער זייט. די סבה דערפון איז וואס ביי די פרימיטיווע באדינגונגען פון דער מאשין איז געווען וועניג האפנונג אז די שורות וועלען ארויסקומען גלייך ווען זיי וואלטען געווען לענגער. אין קווארט און אקטאוו זיינען טייל ספרים צוויישפאלטיג און טייל איינשפאלטיג.—דער לעדיגער פלאץ וואס בלייבט צום סוף פון ספר ווערט געוועהנליך אויסגענוצט, אפט מיט עפעס וואס האט גאר קיין שייכות ניט צום ספר, און שטענדיג מיט דער אויפקלערונג "כדי שלא להוציא נייר חלק" אדער "להוציא נייר חלק אי אפשר", ד"ה ניט צו איבערבריינגען פאפיר. נאר וועניג ספרים מאכען אן אויסנאם און האלטען זיך ביי די כללים פון די כתבי יד, וואו מען פלעגט לאזען פריי דעם פלאץ וואס איז געבליבען צום סוף פון ספר, אזוי צ.ב"ש אין דעם קאנסטאנטינאפאלער מדרש תנחומא.—אין די ערשטע דרוקען פעהלען געוועהנליך די סימנים פון די בויגען, די פאגינאציע (די נומערן פון די זייטען) און די קוסטאדען (דאס ווארט וואס שטעהט צום סוף פון א בלאט און ווייזט אן מיט וועלכען ווארט דאס צווייטע בלאט דארף זיך אנהויבען). עפעס שפעטער הויבען זיך אן די סימנים צו באווייזען, אבער זעהר ניט רעגעלמעסיג. די פאגינאציע איז על פי רוב אין העברעאישע אותיות און זעהר זעלטען אין אראבישע ציפער (מיט העברעאישע און אראביש צוגלייך אין טור יורה דעה מיט'ן בית יוסף, געדרוקט 1551 אין ווענעדיג ביי בראגאדין) און שטעהט מייסטענס אויבען און צעהלט די דפים (בלעטער) און ניט די זייטען. מאנכע ספרים האבען אן אינהאלטס פארצייכנונג און עטליכע פון זיי, נאמליך די וועניציאנער, האבען נאך דערצו א "רעגיסטער" אדער א פארצייכניס פון די איינצעלנע בויגען און בלעטער. די אינהאלטס פארצייכנונג אדער "אינדעקס" שטעהט געוועהנליך אנפאנג ספר, וועלכער ענטהאלט גענוי דאס וואס שטעהט אין אינדעקס. נאר זעלטען פעהלט אין ספר א טייל פון דאס וואס איז פארצייכענט אין אינדעקס (זעה למשל "נפש החכמה" 1708), געוועהנליך מיט דער אויסרייד או "מפני קוצר הזמן" האט דער ספר ניט געקאנט פארענדיגט ווערען.—אין דעם רוב פון די ערשטע ביבעל אויסגאבען פעהלען די נומערן פון די קאפיטלען און פסוקים.

אין די ערשטע דרוקען פֿעהלט איבערהויפּט דער ש ע ר און דער נאָמען פֿון מחבר, וועלכע מען דאַרף זוכען אין דער הקדמה. מאַנכמאל שטעהט אנשטאט דעם נאָמען פֿון מחבר דער נאָמען פֿון ארויסגעבער אדער פֿון דעם צו וועמען דער ספר איז געווידמעט, און דאס האט אָפֿט געפֿירט דערצו אז זיי זיינען באטראכט געוואָרען אלס די מחברים. באקאנט איז דער טעות וואס ד"ר יאָסט האט געמאכט בנוגע צו דעם וויכטיגען היסטאָרישען בוך "קורא הדורות" פֿון ר' דוד קאָנפֿאָרטע, וואס א געוויסער דוד אשכנזי האט ארויסגעגעבען און האט געשטעלט זיין נאָמען אבער ניט דעם נאָמען פֿון מחבר און דורך דעם איז יאָסט נכשל געוואָרען און האט געשריבען אז דוד אשכנזי איז געווען דער מחבר פֿון "קורא הדורות." דאס פֿעהלען פֿון שער איז א פּועל יוצא פֿון דעם איינפֿלוס וואס דער געשריבענער ספר האט נאָך אַלץ געהאט אויף דעם געדרוקטען ספר, ווייל אין די מאַנוסקריפּטען פֿלעגט געוועהנליך אויך ניט זיין קיין שער. דער טעקסט הויבט זיך אן גלייך אויפ'ן שער אדער אויף דער אנדערער זייט, לאזענדיג די ערשטע זייט אין גאנצען לעדיג. דאס ארט און יאהר פֿון דרוק פֿעהלען בכלל אדער געפֿינען זיך צום סוף פֿון ספר.—אין פֿארלויף פֿון דער צייט ווערט דער שער א לאַ מאָד. די ערשטע שערים זיינען זעהר לאקאָניש און ענטהאלטען ניט מעהר ווי דעם טיטעל פֿון ספר און נאָמען פֿון מחבר, אבער מיט דער צייט ווערען זיי אלע מאל ברייטער און ברייטער ביז זיי ווערען כמעט גאנץ אויסגעפֿילט. דער אינהאַלט פֿון די שערים איז פֿארשידען. טייל מחברים אדער דרוקער פֿילען אויס דעם שער מיט פּסוקים פֿון תנ"ך וואס האבען מעהר אדער ווייניגער א באַציהונג צום אינהאלט פֿון ספר. אויפ'ן זעלבען אופֿן פֿלעגען די עלטערע מחברים בכלל אנפֿאנגען זייערע ווערק. פּסוקים ווערען אויך אריינגעשטעלט אין די גראַווירען אין פֿארשידענע פֿארציערונגען פֿון שער. די פּסוקים האבען אָפֿט געפֿירט דערצו אז אייניגע ספרים האבען באקומען פֿאלשע נעמען וועלכע זיינען געבליבען עד היום און פֿון וועלכע זייערע מחברים האבען אפילו ניט געחלומט. באזונדער אינטערעסאנט איז דער פֿאַל מיט'ן "טייטש חומש", פֿארפֿאסט פֿון ר' יעקב בן יצחק ראבינו, וועלכער איז ביז אויף היינטיגען טאג באקאנט אונטער דעם נאָמען "צאינה וראינה". דער נאָמען איז דעם מחבר אפילו ניט אויפ'ן געדאנק געקומען, נאָר אזוי ווי דער מדפיס האט ארויפֿגעשטעלט אויפ'ן אָנהויב פֿון שער דעם באוואוסטען פּסוק פֿון שיר השירים "צאינה וראינה בנות ציון וכו'" און דער ספר איז שנעל פּאָפּולאר געוואָרען ביי די פֿרויען און די "עמי הארצים" וועגען די ערשטע צוויי ווערטער פֿונ'ם פּסוק באקאנט געוואָרען אלס טיטעל פֿון ספר. געוועהנליך איז דער שער מעהר דאס געביט פֿון דרוקער אדער פֿארלעגער



ווי פֿון מחבר. אלס מחבר ניצט דער דרוקער אויס דעם שער פֿאר רעקלאַמע צוועקען, צו לויבען די גרעסטע מעלות פֿון ספר, די שענקייט פֿון דרוק און די כיה וואס די ארויסגאבע האט איהם פֿאראורזאכט. די רעקלאַמעס צוגיסען זיך אָפֿט אין א מבול פֿון געגראַטעטע און ניט געגראַטעטע מליצות. טיילמאל זיינען די רעקלאַמעס זעהר קוריאָז און וויציג, צוגלייך אויך זעהר שרייענדיג, באזונדער אויף ספרים'לעך אין אידיש-דייטש, ווי מעשה-ביכלאך, פּורים-שפּילען, זאמלונגען פֿון דינים און אנדערע ליטעראטור וואס איז געווען פֿאר די פֿרויען און די "מאַסע." אזוי שרייבט למשל שמעון לוי גינצבורג אין זיינע "מנהגים" וואס ער האט ארויסגעגעבען אין אידיש (ווענעדיג 1593, 88 זייטען מיט אילוסטראַציעס): "איין גולדען איזט דאָס בוך ווערטה, איין טהאלער איזט נישט צופֿיל"). אויף דעם ליד איבער די קדושים פֿון פֿראסטניץ הייסט עס: דאָס ליד האט קיין פּרייז ווייל אין געטליך ספר (תורה) צו שטייער פֿארקויפֿט ווירד". אין דער "אנווייזונג צום אידיש-דייטשען שרייבען" אנטשולדיגט זיך דער מחבר וואס ער האט אפּגעקירצט דעם ערשטען טייל ווייל עס האבען איהם געפֿעהלט די נויטיגע מיטעל און ניט נוטע הבטחות אויף דעם צווייטען טייל וועלכען ער וועט דרוקען, אין בעת"ע, ד"ה אין 1717, "ביז וואהין האָפֿענטליך משיח קומען ווירד." די רעקלאַמעס פֿארדינען אויספֿירליך אין א באזונדערען קאַפּיטעל באהאנדעלט צו ווערען. מיר האבען דאָ נאָר א פּאָר ביישפּילען ארויסגענומען. אויסער די רעקלאַמעס געפֿינען זיך אָפֿט ערקלערונגען מכל המינים. אזוי ערקלערט דער דרוקער יצחק בן אהרן פֿון קראקא אין דעם ספר "יראה" וואס ער האט דארט ארויסגעגעבען אין 1581, אז ער דרוקט דעם ספר ווייל ער האט געחלומ'ט ראש השנה אז דער ספר וועט איהם ברענגען פֿיל גליק. ווידער ערקלערט יעקב דער אידעם פֿון יעקב מאַארסען אין דעם ביכעל "רעבעללעריי" וואס ער האט ארויסגעגעבען 1707 אין אמסטערדאם, אז ער טוט עס חלילה ניט צוליב ספּעקולאַציע נאָר כדי "לזכות את הרבים", ווייל ער האט געזעהן דאס שטיק אויפֿפֿיהרען אום פּורים און האט זיך הערביי זעהר אַמוזירט.—אין שפּעטערדיגער צייט האבען די אמסטערדאמער מדפיסים איינגעפֿיהרט א דאָפּעלטען שער, איינעם מיט טיטעל אא"ת, אָבער בקצור, און מיט אסך פֿארצירונגען, און א צווייטען אָהן קיין שום פֿארצירונג, אָבער מיט אן אויספֿיהרליכער באַשרייבונג פֿונ'ם ספר אא"ת.

אין די עלטערע דרוקען פֿעהלען די נעמען פֿון דעם ד ר ו ק ע ר פּ ע ר ז א נ א ל (מדפּיס, זעצער א.אז.וו.) און די צ י י ט און אָ ר ט פֿון דרוק אינגאנצען. אָפֿט געפֿינען זיי זיך צום סוף פֿון ספר. זעהר זעלטען געפֿינט מען דאס אויפ'ן שער. אין שפּעטערע ספרים געפֿינט מען דאס אָפֿט אי אויפ'ן שער אי אין דעם עפּיגראַף צום סוף פֿון

ספר. בכלל הערשט א גרויסע אונארדנונג און אומרעגעלמעסיגקייט בנוגע דעם פונקט.—נאך דעם נאמען פון פרט שטעהט געוועהנליך "יע" אדער "יע"א" (ירום עוזה ירום שזה אמן—איהר שטארקייט זאל דער־הויבען ווערען). נאך היילינע שטעדט "תו" אדער "תוב"ב" אדער "תובב"א" (תבנה ותכונן אדער תבנה ותכונן במהרה בימינו אמן—זי זאל געבויט און אויפגעריכט ווערען אין גיכען אין אונזערע טעג). עס איז דא א גאנצע מאסע פון ספרים, וואו דער פרט פעלט בכלל צוליב דער צענזור, אדער וואו עס שטעהט א קאמופלאזש, ווי "פט (אין קליינע אותיות) באמשטרדם (אין גרויסע אותיות) אדער "באותיות אמשטרדם" "פיורדא" אנשטאט "זולצבאך", "לאנדאן" אנשטאט "האמבורג" אא"וו. באזאנדער רייך אין די ערפארונגען איז דער באקאנטער ספר "מעשה תלוי" וואס ענטהאלט די געשיכטע פון ישוע קריסטוס און פלעגט געלייענט ווערען אין דער שטיל אין קריסטוס־נאכט, ווען מע האט גיט געטארט לערנען תורה.

בנוגע די דאטעס הערשט געוועהנליך מעהר ארדנונג און רעגעל־מעסיגקייט. אפשר צוליב דעם וויל דאס איז שוין געווען איינגעפירט אין די מאנוסקריפטען. על פי רוב באנוצט מען זיך בלויז מיט דער אידישער צייטרעכנונג; אין שפעטערדיגע קריסטליכע דרוקערייען ווערט אויך די קריסטליכע צייטרעכנונג אנגעגעבען. די פארמע פון דער דאטירונג איז געוועהנליך: דער טאג פון דער וואך (זונטאג אא"וו), דער וויפילטער אין חודש און דאס יאהר. זעהר זעלטען קומט פאר א דאטירונג פון דעם וויפילטען פון חודש און דאס יאהר אליין, אדער דער טאג פון דער וואך (די סדרה) און דאס יאהר אליין (נאר אין צוויי ספרים געדרוקט אין ליסאבאן אין 1489). געוועהנליך ווערט אנגעגעבען די צייט ווען דער ספר איז פארטיג געווארען אין דרוק, אבער מאנכמאל געפינען מיר א דאפעלטע דאטירונג: ווען מען האט איהם אנגעפאנגען צו דרוקען און ווען ער איז פארטיג געווארען. דינסטאג ווערט געוועהנליך באצייכענט מיט "יום שהוכפל בו כי טוב" וויל אין "בראשית" שטעהט ביים דריטען טאג צוויימאל "כי טוב". צוליב דעם טעם און לוים אן אלטען גלויבען (זעה פסחים כ"א א') איז דינסטאג בכלל א טאג וואס איז גוט עפעס צו אנהויבען אין איהם. פאר דער וואך שטעהט "לסדר," פאר'ן יאהר "לפרט" און דערנאך "לספירה" אדער למב"י (למספר בני ישראל). אויב דער ספר איז געענדיגט געווארען קורץ פאר א יום טוב, באציהט זיך די דאטירונג אויף דעם יום טוב, ווי "יומים לפני ראש השנה" (צוויי טעג פאר ר"ה) אדער "באור חנוכה" אא"וו. די דרוקע־רייען אין איטאליע, אמסטערדאם און אין אריענט באנוצען מייסטענס דעם "פרט גדול", ד"ה זיי רעכענען אויך די טויזענדער יאהרען, די דייטשע און פוילישע דרוקען שטעלען אבער געוועהנליך נאר דעם "פרט



קטן", ד"ה דאס יאהר פון דעם טויזענד און נים די צאל פון די טויזענ־דער יאהרען, ווי למשל תר"פ און נים ה'תר"פ. אט די הא האט אנגעטאן פיל צרות בנוגע דאס פעסטשטעלען פון דאטען אין פארשידענע ספרים. צאלען וואס האבען א שלעכטע באדייטונג ווערען אויסגעמיטען, ווי רע"ה פאר 1519 אין שמ"ד פאר 1584, וויל "רעה" באדייטעט שלעכטס און "שמד" פארטיליגונג. אבער מעהר ווי מיט די געוועהנליכע העברעאישע ציפערען באדינט מען זיך מיט גימטריות פון די העברעאישע פעלים וועלכע באדייטען פרייד, ווי שמחה, שמחו, בשמחה, אדער ברנה, רננו אא"וו. אויסער דעם ווערען אויך גענוצט פסוקים וועלכע ווערען על פי גימטריא בארעכענט. אין דער צוזאמענשטעלונג פון די גימטריות און פסוקים הערשט א גרויסע קונסט וועלכע איז דאמאלס געווען שטארק באליבט און איבער וועלכע מען האט זיך שטארק געבראכען די מוחות. די שפילעריי איז אויך גוט באקאנט אין אנדערע ליטעראטורען, אבער די אידען זיינען באזונדערע געווען מייסטער אין דעם. אויך דאס איז אן אינטערעסאנטער קאפיטעל וואס פארדינט אויספיהרליכער באהאנדעלט צו ווערען, אבער מיר וועלען דא נאר א פאר ביישפילען ברענגען. דאס ערשטע מאל וואס מען האט אנגעהויבען דרוקען דעם תלמוד איז געווען אין דעם ערשטען שונצינער דרוק און רמ"ד, ד"ה 1484, און דער דרוקער האט געשטעלט אלס פרט דאס ווארט גמרא וואס מאכט אויס רמ"ד. אויף א דרוק פון זאמארא אין רנ"ב שטעהט דער פרט זמר"ה וועלכער אחוץ דעם וואס עס באטרעפט רנ"ב איז דאס א רמז אויף זאמארא און אויף חנוכה. אויף די יורידישע שאלות ותשובות "חות יאיר" געדרוקט תנ"ט אין פראנקפורט אם מאין שטעהט אלס פרט דער פסוק פון תהלים ע"ו י' "בקום למשפט (גלייך תנ"ט) אלהים". דארט וואו דער פסוק האט געהאט א פאר אותיות מעהר ווי די צאל וואס מען האט געדארפט האבען, האט מען אויף די אותיות וואס זיינען געווען נויטיג פאר די גימטריא פון פרט ארויפגעשטעלט פינטעלעך, און די וואס זיינען געווען איבעריג האט מען געלאזען אהן פינטעלעך. אויך די פינטעלעך האבען געפירט צו אסך טעותן בנוגע צו דער דאטירונג, גענוי ווי דער "הא" פון די טויזענדער. וואס מעהר פרטים א ספר האט געהאט איז געווען אלץ מעהר "קונץ". צום סוף פון דעם ווענעציער כוזרי פון 1547 איז דא א שיר וואס דער סוף פון יעדע סטראפע ענטהאלט גיט וועניגער ווי עלף פרטים.

אחוץ דעם שוין האבען מאנכע אלטע דרוקען פארשידענארטיגע עפיגראפען (אויפשריפטען) און אונטערטיטלען פון קאפיטלען אדער טיילען פון ספר. די עפיגראפען זיינען אפט פארציערט מיט דרוקערצייכען און אנדערע פארציערונגען ווי בלומענקרעבן, אראבעסק־

קען, קליינע טעמפלען אא"וו. וואו נים וואו וואַרפט זיך אין די דורך א סימעטריילונג הענגען א וויכטיגע געשעעניש פון כאַראַקטער וואָס האָט א היסטאָרישען ווערט. אזוי דערצעהלט מאיר פּרינצי אין עפּיגראַף אָן דעם וועגעציאַנער שולחן ערוך פון 1574 וואָס פאַר א כבוד די שטאָלצע רעפּובליק האָט אָפּגעגעבען דעם דאָקטאָר שלמה בן נתן פון אודינע וועלכער איז געווען א געזאַנדטער פון דעם טערקישען סולטאַן סעלים.

עלטער ווי דער שער איז דער ק א ל א פ א ן (דער סוף פון בוך), וואו די דרוקערס פלעגען געבען פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס איבער צייט און אָרט און דרוקער פּערזאָנאַל און דער עיקר איבער זיך וועלבסט און די טובה וואָס זיי האָבען געטאָן דעם כלל און דעם יודענטום מיט דעם אָפּדרוקען פון דעם ספר. א פרישער אויסגוס פון רעקלאַמע און א פרישע אויפפאָרדערונג צום עולם, אז ער זאָל נים זיין אומדאַנקבאַר... אָבער נעבען דער רעקלאַמע ענטהאַלט אויך דער קאָלאָפאָן ידיעות וואָס איז וויכטיג פאַר'ן היסטאָריקער. אין די ערשטע דרוקען געפינען זיך שירים וואָס באַזינגען די "געטליכע חכמה" פון בוכדרוקעריי, פון וועלכע מיר האָבען שוין איניגע ציטירט אין אָנהויב פון אונזער ארבייט. טייל קאָלאָפאָנס זיינען ענג פאַרבונדען מיט'ן טעקסט פונ'ם ספר און אַנדערע טראָגען די פאָרמע פון א באַזונדער פאַראַגראַף און זיינען אויפגעשטעלט אין ווייער געשטאַלט, ווי א שמעלערע שורה, שורות וואָס ווערען אַלעמאָל שמאָלער ביז די לעצטע שורה ענטהאַלט נאָר איין וואָרט א.ד.ג.

ו י ד מ ו נ ג ע ן קומען נאָר פאָר אין די ספרדישע ספרים און עפּעס זעלטענער אין אידישע. אין אשכנזיש העברעאישע ספרים איז דער מנהג גאַנץ אומבאַקאַנט. שמואל אושקי ווידמעט זיין פּאָרטוגעזישען בוך "טרייסט אַא"וו" צו דער באַרימטער דאָנגא גראַציא נשיא, די שוויגער פון דעם הערצאָג דאָן יוסף נשיא; ר' בנימין מוסאַפיא ווידמעט זיין ספר אין ריהרענדע ווערטער צו דעם אָנדענקען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי; דאָס "זומענבוך" וואָס איז צוערשט ערשינען אין אידיש אין איסני 1542 און שפּעטער אין העברעאיש אונטער דעם נאָמען "ארחות צדיקים." און וואָס איז וואַרשיינליך א גייסטקינד פון ר' אליה בחור איז געווידמעט "דער עהרבאַרען אונד ציכטיגען פרויען פרוי מוראַרא דאָקטאָרין דר. פרייען קונסט דר. אַרצניי וואָהנהאַפטיג צו גוינשפּורג".

די פ א ר צ י ע ר ו נ ג איז א וויכטיגער טייל פון שער און עפּיגראַף און הקדמה און אָנהויב און סוף פון אָפּטיילונגען. אָפט איז זי ענג פאַרבונדען מיט דעם אייגענטליכען דרוקערצייכען און עס איז שווער צו אונטערשיידען צו דאָס איז א דרוקערצייכען צו א פאַרצירונג. די דרוקערצייכען (Stemata) זיינען געוויסער מאָסען חתימות וואָס



וואָס דער דרוקער פלעגט האָבען צו אונטערשיידען איהם פון אַנדערע. זיי זעהען אויך אויס ווי חתימות הגם זיי זיינען אָפטער אָהן נעמען ווי מיט נעמען. די צייכענס באַשטעהען מייסטענס פון געשטאַלטען פון פאַרשידענע חיות, וואָס אַנטשפּרעכען צו די נאָמען פון דעם אָרט אָדער מיט אַן אַנדייטונג אויפ'ן נאָמען פון מדפיס, צב"ש א פאָגעל ביי פואה אין מאַנטובה, א לייב מיט צוויי עקען (נאָך אַ קאַרט דער וואָפען פון פּראָג) און צוויי "רייבעפעל" אין פּראַג (כבא בוך געדרוקט ביי די זעהן פון יעקב באַק), האַלב לייב און האַלב אָדלער מיט א קרוין ביי די קינדער פון מתתיהו בתשבע אין סאַלאָניק, א פערד וואָס קעמפט מיט א לייב אין אישאַר 1490, א גרייף ביי גריפאָן אין וועגעדיג 1544, א הערש אין קראָקא 1569, פיש, וואָס איז א סימן אויף אסך קינדער, ביי יצחק בן אהרן אין קראָקא (אין עפּיגראַף בעט טאַקע דער מדפיס אז גאָט זאָל איהם געבען אַן אַנדער זוהן אנשטאָט דעם וואָס ער האָט פאַרלאָרען און אזוי ווי זיינע קינדער איבערגעטען שפּעט דאָס געשעפט זאָלען זיי זיין בני זקונים), סט. געאָרג מיט'ן דראַגאָן ביי שבתי אין דיהערנפורט (דער וואָפען פון דער שטאָט), קליינע און גרויסע טעמפּעלס ביי יוסטיניאַני אין וועגעדיג, דער גרויסער טעמפּעל געוועהנליך מיט א פלאַטערדיגען באַנד און דער אויפשריפט "גדול יהיה כבוד הבית וכו'", וואָס איז א פסוק אין חגי ב' ט', א זון מיט'ן פסוק "וזרחה לכם יראי שמי שמש וכו'" אין מלאכי ג' כ' ביי וושאַגעטי אין וועגעדיג, און א טורעם מיט'ן פסוק "מגדל עוז שם ה' וכו'" אין משלי י"ח י' ביי די שונצינוס, צוויי אויסגעשפּרייטע הענד צום דוכנ'ען ביי כ"ץ און פראָפּוס אין אַמסטערדאַם, א קרוג אָדער א מלאך וואָס גיסט וואַסער ביי אורי פייבוש אין אַמסטערדאַם, נעענט ווי די סימנים וואָס מען שטעלט אַרויף אויף מצבות ביי כהנים און לויים. דער קינסטלערישער ווערט פון די צייכענס הענגט אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם מצב פון דער קונסט אין דעם באַטרעפענדען לאַנד; אין דייטשלאַנד און פּוילען זיינען די צייכענונגען פּרימיטיוו, אין איטאַליע זיינען זיי קינסטלעריש פּערפעקט.

די טיטעל פאַרצירונגען באַשטעהען אין איינפאַסונגען פון אַראַבעסקעס מיט ווייסע פיגורען (אין די אַלטע דרוקען, אָדער ווייסע העלען אין די שונצינער דרוקען), אייערלען, קוואַסטען, קוואַדראַטען, שפּאַנגען, זיניעטען, קרוינען (ביי בראַגאַדין און אין די קרעמאָנער דרוקען), פאָרמאַלען פון פאַרשידענער גרוים (צוערשט אין די וועגעציאַנער פּאַליאַ דרוקען, שפּעטער מיט דער אויפשריפט "ראשית חכמה יראת ה'"; קליינער ווילנפאָרמאַל אין אקמאַוו דרוקען שוין ביי בומבירג, 1545, שפּעטער אין קראָקא, לובלין און קאָנסטאַנטינאָפּעל), חוה מיט נאַקעטע בריסט (מדרש רבה וועגעדיג 1603), אדם און חוה מיט פייגען בלעטער (בלויז ברוסט און בויך און זעהר העסליך), מלאכים

טײַלכע האַלטן פיש (אין "תוצאות חיים", קראָקא 1593), מאַלכים קעמפן, דער מלאך המות פלי‏ענדיג (אין קראָקאָווער מחזור פון 1616), בוימער מיט א מגן דוד און צווײ לייבן (אין סאַביאָנעטער דרוקן), און אָדלער מיט אויסגעשפּרייטע פליגעל און אויף ווי די באַגעגעניש פון יוסף מיט יעקב (סליחות, אמסטערדאַם, 1677), און אפילו א ספר מיט א קליינער ווינייעטקע, א קאָפּ פון א מלאך מיט גרויסע קראָסטן (ביי שלמה פּרופּס, אמסטערדאַם) סצענעס פון דער ביבלישער געשיכטע א.ד.ג., אויף פּראַגער־דרוקן פון 1627 געפינען זיך אפילו פיגורען פון די דאַמאָלדיגע בעהמישע קאָרטן.

אילוסטראציעס קומען פאָר אין געשיכטליכע און פאַבעל ספרים, ווי יוסיפון, משל הקדמוני אא"ה, אין אידישע לידער און—דינים זאַמלונגען. באַזונדער רייך אין אילוסטראַציעס זיינען די הגדות. שוין אין דער אויגסבורגער הגדה פון 1534 זיינען דאָ צייכנונגען. די שענע צייכנונגען אין דער אמסטערדאַמער הגדה פון 1695 איז די ארבייט פון דעם גר צדק אברהם בן יעקב. כמעט אין אלע דײַטשע דרוקן פון ענדע זיבעצעהנטן יאָהרהונדערט זיינען דאָ בלומען, און אזוי ווי פילע פון די דרוקן זיינען אָהן דאַטום און אָרט העלפען די בלומען גיט ווייניג צו מאַכען אוממעגליך די אידענטיפיקאַציע פון די דרוקן.

דאַטען איבער דער צאָל פון עקזעמפּלאַרען אין וויפיל די אַלטע דרוקן זיינען ערשינען און איבער דער פּרייז פון דרוקען האָבען מיר ליידער נאר אין ווייניגע אויסנאַמען. רש"י תהלים מיט רד"ק פון 1577 איז געדרוקט געוואָרען אין 300 עקזעמפּלאַרען. דאַס דרוקען פון "יפה תואר" (1597—1606) האָט געקאָסט טויזענד פלאָרין. צום סוף פון זעכצעהנטן יאָהרהונדערט האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּעל געקאָסט צו דרוקען א בוך פון הונדערט "ציירות" (בויגען) 3,000 אַספּער. אין דער הקדמה צום "תורת חסד" באַמערקט דער קאָנסטאַנטינאָפּעלער דרוקער יעבץ, אז ער האָט אָפּגעדרוקט פון "מפק רצון" 300 עקזעמפּלאַרען, אָבער פון "תורת חסד" נאָר 200, ווייל עס וועט אויסמאַכען 100 "ציירות" און ער וועט דאַרפען בתייבען 3,000 "לבנים".)— דער פּרייז פון ספרים איז געווען זעהר הויך. פאַר'ן רד"ק צו ישעיה און ירמיה, געדרוקט אין גוואַדאַ-לאַקסאַרא האָט מען אין 1496 געצאָלט 3 קאַראָלין זילבער. דאַס אָבאָנעמענט אויפ'ן "תולדות אדם", געדרוקט אין ליוואָרנאָ אין 1657 און ענטהאַלט 104 בלאַט פאָליאָ, איז געווען 4 גראָסי. פאַר דעם עלטער חומש פון 1530 האָט ר' דוד אָפּענהיימער באַצאָלט 30 טהאַלער. פאַר דעם שונצינער תנ"ך פון 1488 האָט דער באַרימטער געלעהרטער און פאַרטיידיגער פון תלמוד יאָהאַן רייכלין באַצאָלט 1492 אין חוים 6 גאָלדגולדען און אין 1498 דריי ריינישע גאָלדגולדען פאַר'ן רמב"ן'ס פירוש אויף חומש פון נעאַפּעל 1490 און דיזעלבע

זוטע פֿאַר די נביאים ראשונים מיט פּירוש פֿון רד"ק פֿון שׂאָנצינו 1485. די הויסקיים פֿון די פּרייזען עטליכע יאָהר נאָך דעם ערשיינען פֿון די ספרים איז אַ זיכערער באַווייז, אַז די קוואַנטיטעט פֿון עקזעמפּלאַרען פֿון די עלטערע דרוקען איז געווען אַ קליינע און אַז די קאָסטען פֿון דרוק זיינען געווען זעהר הויך.—אויך איבער דער פֿראַגע פֿון האָנאָראַר האָבען מיר סמעט קיין שום אינפֿאָרמאַציע, שוין צוליב דעם וואָס אין דער יוגענד פֿון דער אידישער בוכדרוקעריי זיינען בכלל זעהר וועניג ספרים פֿון לעבעדיגע מחברים געדרוקט געוואָרען.

די ערשטע אידישע דרוקערס האָבען נים געוואוסט וואָס אַ צענזור איז, און דערפֿאַר זייגען די ערשטע געדרוקטע ספרים גאַנץ און אַפֿען און עס פֿעהלט נים אין זיי אַפֿילו דאָס וואָס מיר האָבען מורא צו דרוקען. די שוועריגקייט הויבט זיך ערשט אָן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זעכ-צעהנטען יאָהרהונדערט, ווען משומדים און פֿייגדליכע קריסטליכע געלעהרטע הויבען אָן אָנצוזייגען אַז די אידישע ליטעראַטור איז פֿול מיט פֿיינדליכע אָדער באַליידיגענדע אויסדריקע געגען קריסטענטום. אידישע הייזער ווערען באַזוכט און די ספרים ווערען צוגענומען און רעווידירט און וואָס איז נים גאַנץ כשר ווערט מיט טינט אָדער מיט אַ פּעטער פֿאַרב פֿאַרשמירט. דער צענזור שרייבט דאַן אויפֿ'ן ספר דאָס וואָרט Correxit אָדער Zivisto אָדער Corretto (ס'איז קאָרריגירט) און חתמעט זיך נאָכדעם און גיט דעם ספר צוריק צו דעם אייגענטימער מיט דער התחייבות אַז ער זאָל נים אַפּמעקען אָדער צושרייבען דאָס וואָס ער האָט אויסגעמעקט. די מורא פֿאַר דער צענזור פֿירט דערצו, אַז אייניגע מדפּיסים וואַרפֿען אַרויס דאָס וואָס זיי רעכענען אַז דער צענזאָר וועט נים דורכלאָזען אָדער שטעלען אַריין אַנדערע אויסדריקע אָדער לאָזען אויסערהויפּט איבער אַ לעדיגען פּלאַץ כדי דער צוקינפֿטיגער אייגענטימער זאָל אַליין אַריינשטעלען דאָס וואָס עס פֿעהלט. פֿון דער אויסדרוק פֿון "איש כל הישר בעיניו יעשה" פֿירט דערצו אַז די רבנים נעמען די זאַך אין זייערע הענט און פֿירען איין אַן אייגענע צענזור. זיי קוקען דורך די ספרים וואָס דאַרפֿען געדרוקט ווערען און געבען אַרויס דאָס וואָס קאָן קומען אין קאָנפֿליקט מיט'ן צענזאָר. יעדער ספר מוז דורך זייערע הענד דורכגעהן און קיין ספר טאָר נים געדרוקט ווערען אָהן זייער רשות. אויף דעם אופֿן אַנטשטעהט דער מנהג פֿון הסכמות און פֿון דער מודעה אַז אַלעס וואָס עס שטעהט געשריבען אין ספר דאָס וואָרט עכו"ם באַציהט עס זיך חלילה נים אויף די היינטיגע גוים וועלכע גלויבען אין איין גאָט און וואָס מיר לעבען אונטער זייער נעדיגען שוץ, אַ מנהג וואָס איז נאָך נהג עד היום אין דער רבנישער ליטעראַטור און וואַרפֿט זיך אין די אויגען דורך די שטעלונג פֿון די הסכמות און דער מודעה אין אָנהויב פֿון ספר. אַ ספר וואָס געפֿעלט זיי נים קאָנען די רבנים





מארק שאגאל — איך אין דאָס דאָרף.

מחברים זיין און דורך דעם אומעגליך מאכען אז ער זאל געדרוקט ווערען די פארשידענע רעגירונגען באשטעטיגען די מאכט וואס די רבנים און פרנסים פון די קהלות האבען זיך זעלבסט גענומען. און אכצעהנטען יאהרהונדערט איז כמעט קיין איינציגער ספר, א חוץ סדורים א.ד.ג., ניט געדרוקט געווארען אהן א הסכמה. די רבני ד' הארצות, די גייסטליכע ארגאניזירטע מאכט פון דעם פוילישען יודענטום, זייענען געווען זעהר שטרענג און האבען אפגעמאכט צו געבען הסכמות נאר אין זעלטענע פאלען. פיל מחברים זייגען הערפאר געווען געצוואונגען צו וואנדערען אין אנדערע לענדער, וואו עס איז ניט געווען אזוי שווער צו קריגען א הסכמה, און עס איז דורך דעם אגטשטאנען דער מנהג פון וואנדערענ-דיגע מחברים, וואס פארען פון ארט צו ארט און נעמען אומעטום הסכמות פון די רבנים און זאמלען אויף ווייטער רייזע די דרוק קאסטען וואס זיי דארפען האבען פאר'ן ספר.—די הסכמות זייגען מיט דער צייט געווארען א מין מאגאפאל וואס האט די מחברים פארהיט אז מען זאל ניט נאכדרוקען זייערע ספרים. די ווענעציער רבנים פלעגען קנסען דעם וואס פלעגט דאס טהון און דאס קנס געלד פלעגט צוטיילט ווערען אין דריי חלקים, א דריטעל פאר דער רעגירונג, א דריטעל פאר די אריסטע-ליים און א דריטעל פאר דעם מחבר. אין פיל הסכמות ווערדט פיקסירט דער פרייז וואס דער מחבר האט א רעכט צו פערלאנגען פאר'ן ספר. אין אנדערע ערטער איז אחוץ דער הסכמה נאך דא אן ערלויבניש פון דער רעגירונג, אזוי אז אויפ'ן פראנקפורטער תלמוד איז דא די הסכמה פון דעם דייטשען קייזער. צו די עלטסטע פריווילעגיעס געהערען דער פירוש אויף רות פון יצחק בן יוסף הכהן, געדרוקט אין 1551, און "ברכות אברהם", געדרוקט 1552 אין ווענעדיג. א דרוק ערלויבניש פון די רבנים איז שוין דא אין דעם פעראַרער "אסור והתר" פון 1555 און א רעקאמענדאציע פון פינף רבנים שוין אין דעם נעאפעלער "אגור". נאכ-דרוק און פלאגיאטען קומען אבער זעהר זעלטען פאר. צו די וועניג באַ-קאנטע פאלען געהערט דאס וואס האט פאסירט ר' אליה בחור, וואס מען האט אפגעדרוקט זיין פירוש אויפ'ן "מהלך" אהן זיין וויסען און נעגען זיין ווילען. אן עהנליכע זאך האט געטאן משה מיקטין וועלכער האט אפגעדרוקט רפאל הלוי'ס אסטראנאמישע פארלעזונגען אונטער דעם נאמען "תכונת השמים."



ע ל - ק י י .

# שריפטען.

די שריפטען האבען געזאלט זיין די שענסטע אידישע זאמעל-ביכער און דערפאר מאכען זיי דעם מאוסטען איינדרוק.

זיי זענען רייך; זעהר רייך אבער דערפאר געשמאקלאז. זיי מאכען אויסערליך דעם איינדרוק פון שווערע גלאנציג פאליטורטע מעבעל-שטיקער וואס א אויפגעקומע-נער נגיד האט זיך געלאזט מיט אזוי פיל ברייטקייט מאכען. אדער פון גרויסע "באק-סעס" שאקאלאד...

עס איז א וואונדער וואס זיי זענען אויך ניט געדעקט מיט זילבער אדער גאלד פאפיר און מיט א זיידענער סטענגע ארומגעבונדען—זיי וואלטען דאן שוין אפשר שענער געקוקט אויסגעזעהן.

די שריפטען זענען אזוי רייך אז ס'חילט זיך זיי אויפקשענקען עמיצען און ניט באהאלטען זיי מיט ליבע ווי א אמת שען ספר אין שאפע.

א שענע געבורטסטאג מתנה פאר א האלב פארהארעוועטע און האלב אינטעליגענ-טע אידישע מיידעל!

אויך אינערליך פעהלט אין די ביכער יעדע קאמפאזיציע. די שענע און אפטמאל זעהר שענע זאכען זענען מגזיפגעשטעלט אהן געשמאק און פארלירען דערפאר זעהר פיל ווי בילדער וואס זענען שלעכט אויסגעהאנגען. אפטמאל ווירקען די שריפטען ניט ווי זאמלונגען פון שריפטען נור פון ביכער, וועלכע זענען צופעליג צוזאמענגעבונדען אינאיינעם מיט א פאר איינצעלנע לידער און ארטיקלען פון א זשורנאל צווישען, אפנים פון דער רעדאקטאר (אדער די רעדאקטארען) פון די שריפטען ווייסען נאך ניט אז א זשורנאל אין זיין צוזאמענשטעלונג אליין קען און דארף זיין א קונסט-ווערק, אז אמאל קען א זשורנאל גום צונויפגעשטעלט האבש פון שוואכערע זאכען ווירקען שענער און מעהר זאגען ווי א בוך אין וועלכען מייסטערווערק זענען צופעליג און אהן געשמאק געזאמעלט.

און לאז אפ די פראגע פון דער אויסערליכקייט ניט זיין גרינג אין אייערע אויגען. דאס וואס קען געזאגט ווערען אויף סטיללאזיגקייט פון א דיכטער, קען אויך אנגע-ווענדט ווערען בנוגע א זשורנאל. ער ווייסט נאך ניט וואס ער וויל... ער האט זיך נאך ניט געפונען... כוחות, יונגע נייע כוחות רייסען זיך ערגעץ און זייער שאפען און שטרעבען איז נאך ניט קריסטאליזירט...

(אגב זוערט דערפון גערעדט אויך אין די אינטערעסאנטע און סימפאטישע אר-טיקלען פון לייוויק און ריבקין אין די זעלבע שריפטען).

די ליבע סיי פון שעפערישער קריטיק און סיי פון גוטער רעדאקציע—וואס איז כמעט דאס זעלבע—איז נאך אויף זיי ניט געפאלען.

## "אין זיך."

דער אינטערעסאנטער זשורנאל האט געדארפט הייסן "אויסער זיך" נים "אין זיך." דער נאמען וואלט ראן מעהר תאראקטעריזירט די גרופע יונגע דיכטער, וועלכע ווילען מיט אלע כוחות שאפן א נייע שולע אין דער אידישער פאעזיע.

א זשורנאל פאר אינטראספעקטיווער ליטעראטור, און וועלכען ס'זענען קאנצענטרירט דיכטער עקספרעסיאניסטען, וועלכע קוקען "אין זיך" און זוכען היפטזעכליך זיך — פון אזא זשורנאל ערווארט מען מעהר די דמסת דקה ווי רעם שטורעם, מעהר שטיל-קייט ווי געשריי. און ס'איז מערקווירדיג א זשורנאל וועלכער וויל אוועק פון אלע קונסטשולען און זיין נאקעט און עהרליך, דוקא דער זשורנאל איז פול מיט געמאכטע ארטיפיצירטע פאעזיע און נים איינפאכע ערליכע אמת אינטראספעקטיווע.

עס מאכט אויך נים קיין זעהר גוטען איינדרוק וואס ער איז אביסעל צו זשורנאליס-טיש (באזונדער אין דער פובליציסטישער טייל) חאטש ס'איז אפשר זעהר תאראקטע-ריסטיש פאר א צייט אין וועלכער דאס מאלערישע בילד ווערט עהנליך צום "פאסטער" און דאס ליד צו א באריכט פון א צייטונגס-רעפארטער. נור וועגען דעם ווערט איצט נים גערעדט.

מיר וועלען אויך נים חקרנען זיך איצט וועגען אינטראספעקטיוויזם בכלל צו ס'איז א גוטע טעאריע אדער נים.

פונקט ווי אלע קונסט-טעאריעס איז אויך די אי גוט אי שלעכט.

גוט — וויל וואס פאר א גרויסער דיכטער איז עס נים א אינטראספעקטיוויסט פונקט ווי וועלכער ס'איז אנדערער "איסט"...

שלעכט — וויל די בעסטע טעאריע איז דאך נים מעהר ווי א טעאריע, וועלכע באַ-גרעניצט סוף כל סוף נור די גרויסע מעלה פון די זעקס ביכלעך "אין זיך" און א מעלה וואס איז מכפר אלע זייערע חסרונות איז וואס זיי לאנגווייליגען נים...

דערווילע.

## ז. וויינפער "פון אונזער לאנד."

ס'רוב מאלט וויינפער מיט א בליישטיפט, אמאל אויך מיט א פאר פארביגע קרייד-לעך. ווי דער רוב אידישע דיכטער איז ער נים קיין קאלאריסט. לירישע שטימונגען זענען ס'רוב גרוי און שטיל. שוין זיין מאטע ווייכע שפראך איז נים פון א קאלאריסט.

דאס ווילט זיך באמאנען וויל ווי דער רוב אידישע דיכטער און קינסטלער האט ער פונ'ם וועניגען לאנד קיין זון און פארב נים געבראכט נור דאס ארץ ישראל ווי ער חאט עס געזעהן און זיך פארגעשטעלט אין זיין אוקראינא.

"אזוי האב איך זיך אט דאס לאנד
דורך טעג און נעכט געמאלען.
און איצטער איז מיר אלץ באקאנט:
די חויכע בערג, די טיפע טאלען"...



ער האט מיטגעבראכט אהין זיין גרויען בליישטיפט, זיין מאנאטאנען ריטם און געוואוסטן אינסטינקט..

ער האט זיך פון זיי נים געקענט און נים געוואלט באפרייען קומענדיג אין דעם נייעם לאנד וויל פאר איהם איז דאס נים קיין נייע לאנד. אפשר גאר. ס'איז דאס לאנד וואס דאס אידישע קינד זעהט ביי די אבענט שויבען, ווען די מאמע זאגט "גאט פון אברהם"...

"און אט אזוי איז דאס געווען;
א בלאנדע שאף
האט אויף א פעלד א וואלף דערזעהן"...—
אויך די מעשהלע האט ער געהערט אין דער היים..

---

און טאקע צוליב אט דער ווארימער טרויעריגער היימישקייט פיהלט מען זיך אזוי גוט לייענענדיג וויינפערס לידער. מען רוהט זיך אפ אין דעם ביכעלע פון אלע מא-דערנע אידישע און נים אידישע איבערגעשפיצטע פארב און גאט-זוכונגען.

אפילו אין "ווייא דאלאראסא", (די בעסטע און קינסטלערישסטע טייל פונ'ם ביכעל) אין דער שטיקענדער אטמאספערע פון "געטער-דעמערונג" איז וויינפער געטריי צו זיך אליין...

מיט אזא איידעלען טאקט שילדערט ער אלעס וואס ער זעהט און פיהלט דארט, חאטש מען פיהלט א איינגעהאלטענעם אטעם און ווייט צופעטענע נייגעריגע אויגען.

און וואס פאר א יונגער אידישער דיכטער וואלט זיך דארט נים צורעדט: געלעס-טערט אדער גאר תשובה געטאן?.. אזא זעלבסט-קאנטראל אין א יונגען דיכטער איז ווירקליך צו באוואונדערען.

## א. מ. דילאנס "געלע בלעטער."

ס'זענען דא ביכלעך, וועגען וועלכע שרייבען רעצענזיעס איז פונקט ווי אריינ-געהן צו אנ'אבל אין "שבעה" און מאכען איהם אויפמערקזאם או ער צוקנייטשט זיין שווארצען סורדוט זיצענדיג אויף דער ערד אדער אז ער האט א קליין לעכעל אין א זאק. אז איהר וועט איהם שוין אפילו מאכען אויפמערקזאם אויף די קלייניגקייטען וועט נים דעם אבל און נים אייך דערפון ווערען פרעהליכער אויפ'ן הארצען. העכסטען קענען די "רעצענזיעס" ארויסרופען א קרומען שמייכעל.—

אזא ביכעל איז דילאנס "געלע בלעטער".. די געלע בלעטער זענען שוין שווארץ געווארען אינ'ם "אויסגעדארטען פארק".. און דעם דיכטער'ס וועהען ווער-קען ווי שווארצע קרוזשעוועס... דער איינציגער העלער פלעק אינ'ם גאנצען ביכעל לידער (אדער איין ליד) איז "די ווייסע רויז מיט וועלכער די נאכט דרעהט ארום איהר קאפ."

דערפאר קען מען זיך אבער ערלויבען און זאגען א חסרון אויף די צייכנונגען אינ'ם ביכעל פון ז. מאוד:

ווי זענען אביסעל צופיל און ווירקען הארט נעבען דעם שענעם און עדעלען כתב.

## ש. ווינסטענס לידער.

"Chains" Poems by S. Winsten. C. W. Daniel, 5/-

עס איז א באזונדער פארגעניגען אויב עס געלינגט איינעם צו האבען א גרעסערע הנאה פון א בוך דערפאר ווייל דער מחבר איז א נאהענטער חבר און דער בלויער ווע-בוי פון א טראף איז געווען אויפצוזוועקען א־שטראם פון אינטימע אסאציאציעס.

מען קען אמאל צוליב אזעלכעס איבערטרייבען די אמתע ווערט פונ׳ם ווערק, און פאר דעם מוז מען זיך מאקי היטען.

דערפאר האב איך איצט אייגעצוימט דאס פערזענליכע און איך משפט דאס בוך א סך שטרענגער ווי ווען דער מחבר וואלט געווען א פרעמדער.

דאס בוך באשטעהט פון לידער געשריבען אין טורמע פון א געוויסען־געגנער בעת דער מלחמה. די לידער זענען שטארק אטאביאגראפיש, אבער זיי זענען נים בלויז א טאג־בוך פון טורמע־לעבען.

זיי זענען לידער, שטילע שענע לידער, ערנסט און ניכטער. נישטא אין זיי קיין עקסטאז, נישטא קיין ווילד פאגאנישעס.

די לידער דערמאנען אן דעם שטילען פוריטאנישען גייסט.

ווינסטען איז א ליטווישער איד, א געבוירענער אין ווילנא. ער איז דער טיפ פונ׳ם מתנגיד.

און דאס מתנגדישע האט אזוי פיל ענליכקייט מיט דעם ענגליש פוריטאנישען. ביידע זענען אזוי שטיל רעליגיעז, אזוי פשוט און ניכטער. ביידע זענען טרוקען אין זייער בליק און דער היפוך פון דעם מיסטיש־חסידישען.

ווינסטענ׳ס לידער האבען דערפאר א געוויסע נאהענטקייט פון גייסט צו די לידער פון וויליאם בלייק.

ערטערווייז פאלט ווינסטען אריין אין פאראדיע און פראפאגאנדא נאר דאס זענען חסרונות וואס מען קען מוחל זיין אין אזא בוך.

קינסטלער באשעפטיגען זיך שטענדיג מיט דעם גייסט און נישט מיט דער אויסער־ליכער געשטאלט פון ערשיינונגען. זיי שאפען א קאנצענטרירטען גייסטיגען ווערט פאר די צוואורפענע ברעקלאך פון דער ווירקליכקייט.

ווינסטען האט צונויפגעקליבען די איבערלעבונגען פונ׳ם געוויסען־געגנער אין א קינסטלערישער פארם. ער האט זיי געגעבען א סימבאלישע באדייטונג.

ווינסטען גיט נישט קיין באריכט וועגען זיינע איבערלעבונגען און ער באקלאגט זיך נישט אויף זיי. ער האט געשאפען לידער.



## צוויי לידער פון ש. ווינסטען.

### ארעסט.

נעם פריינדליך אויף די פרעמדע אין דיין געלט,
מלאכים קומען אפט ווי מענשען פראסט פארשטעלט.
אין מיטען עסען זענען מענשען דריי געקומען,
און באלד פון מיר מיין נאמען האבען זיי גענומען.

מיר בעטען זיי צו טיילען און זיי פאלגען ביידען,
און פרעגען קשיות איך זאל זיי באשיידען.
זיי זאגען : מיר פארלאנגען דו זאלסט מאדען גהן.
צו אלעם וואס מיר ווילען מוזמו גלייך באשטעהן.

און מיטען עסען זענען מענשען דריי געקומען,
און באלד פון מיר מיין נאמען האבען זיי גענומען.
נעם פריינדליך אויף די פרעמדע אין דיין געלט,
מלאכים קומען אפט ווי מענשען פראסט פארשטעלט.

### שלאף.

איך הער מיין הארץ א גאנצע נאכט,
ווי ס׳קלאפט אין קאמעריל ביינאכט.
איך וויל פארגעסען און איך טראכט.
איך הער מיין הארץ א גאנצע נאכט.

איך הער דעם היטער ווי ער וואכט,
ער נעהנט מיין קאמער שטיל און זאכט.
הערט ער ווי ס׳קלאפט מיין הארץ ביי נאכט ?
האט ווער פארקלאגט מיין הארץ דער וואכט ?

איך הער מיין הארץ א גאנצע נאכט,
ווי ס׳קלאפט אין קאמעריל ביינאכט.
איך וויל פארגעסען און איך טראכט.
איך הער מיין הארץ א גאנצע נאכט.

ל. ק.

# אינהאלט פון „רענעסאנס“ באנד 1 און 2 (6 נומערן) תר״פ—[illegible]

## לידער און פאעמען:


ל. אלבערט—שטילקייט—ז. 205. ב. 1.
דוד באמבערג—מלחמה לידער—ז. 114. ב. 2.
לואיס גאלדינג—אוואלאן—ז. 98. ב. 1.
נפתלי גראס—א חלום פון א ווינטער-פארנאכט—ז. 108. ב. 2.
א. מ. דילאן—צוויי לידער—ז. 151. ב. 2.
ז. וויינפער—ירושלים—ז. 8. ב. 1.—אויף אונזער שיף—ז. 189. ב. 2.
ש. ווינסטען—און געפענגעניש—ז. 50. ב. 1.
דוד ווידענפעלד—כ'שפיל זיך מיט ליים—ז. 83. ב. 1.—בין השמשות—ז. 211. ב. 2.
נחום י.—יאוש—ז. 7. ב. 2.—לידער—ז. 169. ב. 2.
יוסף לעפטוויטש—דער שד—ז. 197. ב. 2.
משה עובר—די נשמה און דער מענש—ז. 51. ב. 1.—אידיש, א לויב-געזאנג—ז. 112.
ב. 1.—דאס ליד פון זיין—ז. 192. ב. 1.—איך און דער טאג—ז. 31. ב. 2.—
דער געבורט פון מארגען—ז. 190. ב. 2.
דושאן קורנאס—עפשטיינ'ס כריסטוס—ז. 32—ב. 2.
מלך ראוויטש—אקעגענאיבער פון מיין פענסטער—ז. 176. ב. 2.
א. ראובני—א ירדן מעשה—ז. 80. ב. 2.


## דערצעלונגען:


לואיס גאלדינג—רבי יוסף'ס שול—ז. 13. ב. 1.
ברוך גלאזמאן—ביינאכט—ז. 83. ב. 1.— Resurgam —ז. 195. ב. 1.—
אווענט—ז. 152. ב. 2.
ש. ווינסטען—אין אבענט—ז. 117. ב. 2.
לואיס זאנגוויל—ווילבראהאמ'ס חנאים—ז. 33. ב. 2.
ל. קעניג—דער ווייסער שאטען—ז. 208. ב. 1.—בין קודש לחול—ז. 127. ב. 2.


## ארטיקלען און עסייען


דר. י. מ. זאלקינד—די געשיכטע פון דער אידישער בוך-דרוקעריי—ז. 41. ב. 1.—
ז. 131. ב. 1.—ז. 194. ב. 1.—ז. 198. ב. 2.
ישראל זאנגוויל—וועגען דער אידישער נאציאנאליטעט—ז. 15. ב. 2.
לואיס זאנגוויל—רוי-מאטעריאל—ז. 21. ב. 1.
דר. שמריה לעווין—דער טעות פון גרויסע—ז. 106. ב. 1.
יוסף לעפטוויטש—דער אטעם פון גאט—ז. 54. ב. 1.—הערבסט—ז. 19. ב. 2.

בעטי מאלץ—דער רוסישער באַלעט—ז. 121. ב. 2.
יהושע פּאַרוזשניק—די בלינדע און דער עלעפאַנט—ז. 57. ב. 1.
לוסיען פּיסאַרא—די קונסט פון דרוקען—ז. 39. ב. 1.
לעאָ קעניג—רענעסאַנס מאָטיוען—ז. 3. ב. 1.—נאַציאָנאַלע עסטעטיק—ז. 99. ב. 1.
—אידיש און העברעאיש—ז. 177. ב. 1.—בצלאל—ז. 3. ב. 2.—פּאַלעסטינע
און אידישע פאָרמען—ז. 75. ב. 2.— Quo Vadis ? —ז. 147. ב. 2.
א. קרימשטאַר איזראַעלי—דאָס ערוואַכען פונ'ם אָריענט—ז. 122. ב. 1.
ש. שערמאַן—איינשטיין און זיין טעאָריע—ז. 52. ב. 1.

## וועגען קונסט און קינסטלער :

אלפרעד א. װאַלמאַרק—לעאָן באַקסט—ז. 37. ב. 1.
יצחק ליכטענשטיין—די אידישע פּלאַסטיק אין אַמעריקאַ—ז. 114. ב. 1.—וובוגנען
(וועגען מאָדערנע קונסט-ריכטונגען) ז. 22. ב. 2.
יוסף לעפטאָוויטש—סימיאָן סאָלאָמאָן—ז. 183. ב. 1.—ז. 170. ב. 2.
דוש. ב. מאַנסאָן—קאַמיל פּיסאַרא (אָפּשאַצונג)—ז. 110. ב. 2.
לעאָפּלאַר פּיליכאָוסקי—מאָריץ גאָטליב—ז. 34. ב. 1.
לוסיען פּיסאַרא—קאַמיל פּיסאַרא—(ביאָגראַפיע)—ז. 112. ב. 2.
לעאָ קעניג—וועגען יעקב עפּשטיינ'ס "קריסטוס"—ז. 155. ב. 1.
יעקב קראַמער—פאָרם און געשטאַלטונג—ז. 162. ב. 2.

## וועגען שרייבער און ביכער :

ל. בלומענפעלד—אַנדרע ספּירע—ז. 191. ב. 2.
ישראל זאַנגוויל—וועגען דר. שמריה לעווינ'ס בוך—ז. 67. ב. 1.
נ. פראַנק—טריסטאַן בערנאַרד—ז. 26. ב. 2.—
מלך ראַוויטש—דיכטער יוגענד (וועגען די יונגע אידישע דיכטער אין פּוילען)—
ז. 183. ב. 2.

## איבערזעצונגען :

ח. נ. ביאַליק—און ווען איהר געפינען—(ליד) פון העברעאיש פון שמעון גינזבורג—
ז. 20. ב. 1.—דער טאַנץ—(פאָלקס ליד) פון העברעאיש פון ד. צעכאַנאָווער
—ז. 17. ב. 2.
ראַלף האָדושסאָן—צוים אַלטער ציגיינער (ליד) פון ענגליש פון ל. ק.—ז. 25. ב. 2.
מסעות הים—ווי אונזער רבי ר' נחמן ז"ל איז געפאָרען קיין ארץ ישראל (פון שב'שלש
ספר) פון העברעאיש פון לעאָ קעניג—ז. 85. ב. 2.
רודיאַרד קיפּלינג—מאַמעניו מיינע (ליד) פון ענגליש פון ל. ק.—ז. 130. ב. 1.
סימיאָן סאָלאָמאָן—א זעהונג פון ליבע געזעהן אין שלאָף—פראַגמענטען—פון
ענגליש פון יוסף לעפטאָוויטש—ז. 9. ב. 2.





א. מאָדיגליאַני
צייכנונג.

## פעריאדישעס:

### ביבליאגראפיע:

יוסף בלאנקעט—אידען אין דער ענגלישער פעריאדישער ליטעראטור—ז. 145. ב. 1.—ז. 213. ב. 1.—ז. 48. ב. 2.

"די מאסקע" פון דזשאן קורנאס—ז. 52. ב. 2.—ש. ווינסטענ'ס לידער—ז. 214. ב. 2.

ש. ווינסטען—די מלחמה לידער פון זיגפריד סאסון און ראבערט גראווס—ז. 54. ב. 2.

דוד ווידענפעלד—די מאריאנעטען-קינסטלערין (וועגען פראנץ שפאק'ס בוך)—ז. 150. ב. 1.—די פאעטען פון גאליציע—ז. 48. ב. 2.

על-קיי—"שריפטען". "אין זיך"—ז. 211. ב. 2.—ז. וויינפער—פון אונזער לאנד—

א. מ. דילאן—געלע בלעטער—ז. 212. ב. 2.

נ. פאלסקי—בריוו וועגען דער העברעאישער ליטעראטור—ז. 60. ב. 1.—ז. 147. ב. 1.

יהושע פאדרושניק—ניסענסאנ'ס "הטרערט לידער"—ז. 61. ב. 2.

## קונסט אויסשטעלונגען א.א.וו.

יצחק אבנר—סעזאן אויסשטעלונגען—ז. 133. ב. 2.

ש. ווינסטען—באמבערג'ס אויסשטעלונג—ז. 71. ב. 1.—מלחמה בילדער—ז. 216. ב.1

דוד ווידענפעלד—די לאנדאן גרופע אויסשטעלונג—ז. 62. ב. 1.

זשאמקא—דער נייער קונסט-סאלאן—ז. 59. ב. 2.

י. לעפטוויטש—אלפרעד וואלמארק'ס אויסשטעלונג—ז. 72. ב. 1.—די מאגארא גרופע—ז. 56. ב. 2.

ח. עפשטיין—קיזלינג'ס אויסשטעלונג—ז. 219. ב. 1.—אמאדעא מאדיגליאני ז"ל—ז. 219. ב. 1.

## טעאטער:

לואיס זאנגוויל—וועגען ענגלישען טעאטער—ז. 218. ב. 1.—שייקספיר, דער דאלאר און אמעלא—ז. 214. ב. 1.

ח. עפשטיין—א אידישער באלעט אין פאריז—ז. 75. ב. 1

י. פאדרושניק—מאשקאוויטש'עס "שיילאק"—ז. 78. ב. 1.

ל. קעניג—יעקב פ. אדלער—ז. 76. ב. 1.

## רעפראדוקציעס:

דוד באמבערג—דער שרייבער—מוטער און קינד—נומער 3. ב. 1. שער-בלאט—נומער 3. ב. 2.

דער ווילנער גאון—פון אן אלטער גראווירע—נומער 1. ב. 2.

יצחק ליכטענשטיין—אין א ירושלימער געסעל—א "צעבי מוסא" מאטיוו—נומער 2. ב. 2



אמאדעא מאדיגליאני—זעלבסטפארטרעט—פארטרעט פון א דיכטער—נומער 1. ב. 2.—זיין לעצטע ציכנונג—נומער 3. ב. 2.

בערנארד מענינסקי—מוטער און קינד—נומער 3. באנד 2.

סימאן סאלאמאן—דער רבי—ישוע הנוצרי—נומער 2. ב. 1.

יעקב עפשטיין—קריסטוס—סקולפטור—נומער 3. ב. 2.

לוסיען פיסארא—דרשה—רות—נומער 2. ב. 1.—אסתר המלכה—נומער 3. ב. 2.

קאמיל פיסארא—זעלבסט פארטרעט—נומער 1. ב. 1.—פארטרעט פון לוסיען פיסארא—א האקער פרענערין—נומער 2. ב. 2.

יעקב קראמער—דער איד—נומער 1. ב. 1.—מיין מיטער פאטער—נומער 3. ב. 2.

קיזלינג—צוויי בילדער—נומער 3. ב. 1.

מארק שאגאל—איך און דאס דארף—נומער 3. ב. 2.

## אינדעקס פון מיטארבייטער—"רענעסאנס" באנד 1 און 2 (6 נומערן) תר"פ 1920.

יצחק אבנר—סעזאן אויסשטעלונגען—ז. 133. ב. 2.

ל. אלבערט—שטילקייט—לידער—ז. 205. ב. 1.

דוד באמבערג—מלחמה לידער—ז. 114. ב. 2.—דער שרייבער—מוטער און קינד—בילדער—נומער 3. ב. 1. זעה אויך ש. ווינסטען וועגען באמבערג—ז. 71. ב.1

ח. נ. ביאליק—אין ווען איהר געפינען—ליד—פון העברעאיש פון ש. גינזבורג—ז. 20. ב 1.—דער טאנץ—פאלקס ליד—פון העברעאיש פון ד. צעסאטאווער—ז. 17. ב. 1.

יוסף בלאנקעט—אידען אין דער ענגלישער פעריאדישער ליטעראטור—ז. 145. ב. 1.—ז. 213 ב. 1. ז. 48. ב. 1.

"די מאסקע" פון דזשאן קורנאס—ז. 52. ב. 2. ש. ווינסטענ'ס לידער—ז. 214. ב. 2.

ל. בלומענפעלד—אנדרע ספירע—ז. 191. ב. 2.

לואיס גאלדינג—רבי יוסף'ס שול—דערציילונג—ז. 18. ב. 1.—אוואלאן—ליד—ז. 98. ב. 1. זעה אויך ש. ווינסטען וועגען גאלדינג—ז. 54. ב. 2.

ברוך גלאזמאן—ביינאכט—דערציילונג—ז. 83. ב. 1.— Resurgam —דערציילונג—ז. 195. ב. 1.—אויענט—אפוס—ז. 152. ב. 2.

נפתלי גראס—א חלום פון א ווינטער-פארנאכט—פאעמא—ז. 108. ב. 2.

א. מ. דילאן—צוויי לידער—ז. 151. ב. 2. זעה אויך על-קיי וועגען דילאן—ז. 212. ב.2

ראלף האדזשסאן—צוויי אלטער ציגיינער—ליד—פון ענגליש פון ל. ק.—ז. 25. ב. 2.

אלפרעד א. וואלמארק—לעאן באקסט—ז. 37. ב. 1. זעה אויך לעפטוויטש וועגען וואלמארק—ז. 72. ב. 1.

ז. וויינפער—ירושלים—לידער—ז. 8. ב. 1.—אויף אונזער שיף—ליד—ז. 189. ב. 2.—זעה אויך על-קיי וועגען וויינפער—ז. 112. ב. 2.

ש. ווינסטען—אין געפענגעניש—ליד—ז. 50. ב. 1.—באמבערג'ס אויסשטעלונג—

ז. 71. ב. 1.—מלחמה בילדער—ז. 216. ב. 1.—די מלחמה לידער פון זיגפריד סאסון און לואיס גאלדינג—ז. 54. ב. 2.—אין אבענט—דערציילונג—ז. 117. ב. 1. זעה אויך י. בלאנקעט וועגן ווינסטען—ז. 214. ב. 2.

דר. י. מ. זאלקינד—די געשיכטע פון דער אידישער בוך-דרוקעריי—ז. 41. ב. 1.—ז. 131. ב. 1.—ז. 194. ב. 1.—ז. 198. ב. 2.

ישראל זאנגוויל—וועגן דר. שמריה לעווינ'ס בוך—ז. 67. ב. 1.—וועגן דער אידישער נאציאנאליטעט—ז. 15. ב. 2.

לואיס זאנגוויל—די-מאטעריאל—עסיי—ז. 21. ב. 1.—וועגן ענגלישען טעאטער—ז. 213 ב. 1.—שייקספיר, דער דאלאר און אטעלא—ז. 214. ב. 1.—ווילבראהאמ'ס הנאים—דערציילונג—33. ב. 2.

דוד ווידענפעלד—כ'שפיל זיך מיט לוים—ליד—ז. 33. ב. 1.—די לאנדאן גרופע אויסשטעלונג—ז. 62. ב. 1.—די מאריאנעטען קינסטלערין—(וועגן פראדעל שטאק'ס בוך)—ז. 150. ב. 1.—די פאעטען פון גאליציע—ז. 43. ב. 2.—בין השמשות—(לידער)—ז. 211. ב. 2.

זשאמקא—דער נייער קונסט-סאלאן—ז. 59. ב. 2.

נחום י. יאוש—ליד ז. 7. ב. 2.—לידער—ז. 169. ב. 2.

יצחק ליכטענשטיין—די אידישע פלאסטיק אין אמעריקע—ז. 114. ב. 1.—זוכונגען—(וועגן מאדערנע קונסט-ריכטונגען)—ז. 22. ב. 2.—אין א ירושלימער געסעל—א "נעבי מוסא" מאטיוו—בילדער—נומער 2. ב. 2.

דר. שמריה לעווין—דער טעות פון גרויסע—ז. 106. ב. 1.

יוסף לעפטוויטש—דער אטעם פון גאט—עסיי—ז. 54. ב. 1.—אלפרעד וואלמארק'ס אויסשטעלונג—ז. 72. ב. 1.—סימיאן סאלאמאן—ז. 183. ב. 1.—ז. 170. ב. 2.—הערבסט—עסיי—ז. 19. ב. 2.—די מאנארא גרופע—ז. 56. ב. 2.—דער שד—ליד—ז. 197. ב. 2.

אמעדעא מאדיגליאני—זעלבסטפארטרעט—פארטרעט פון א דיכטער—נומער 1. ב. 2. זיין לעצטע צייכנונג—נומער 3. ב. 2. זעה אויך עפשטיין וועגן מאדיגליאני—ז. 219. ב. 1.

בעסי מאלט—דער רוסישער באלעט—ז. 121. ב. 2.

דזש. ב. מאנסאן—קאמיל פיסארא—אפשאצונג—ז. 110. ב. 2.

בערנארד מענינסקי—מוטער און קינד—צייכנונג—נומער 3. ב. 2.

סימיאן סאלאמאן—דער רבי—ישוע הנוצרי—בילדער—נומער 2. ב. 1.—א זעהונג פון ליבע געזעהן אין שלאף—פראגמענטען—פון ענגליש פון י. לעפטוויטש—ז. 9. ב. 2. זעה אויך לעפטוויטש וועגן סימיאן סאלאמאן—ז. 183. ב. 1.—ז. 170. ב. 2.

משה עובד—די נשמה און דער מענש—ליד ז. 51. ב. 1.—אידיש—א לויב-געזאנג—ז. 112. ב. 1.—דאס ליד פון זיין פאעמא—ז. 192. ב. 1.—איך און דער טאנ—פאעמא—ז. 31. ב. 2.—דער געבורט פון מארגען—פאעמא—ז. 190. ב. 2.





על-קיי—"שריפטען," "אין זיך"—ז. וויינפער—"פון אונזער לאנד"—א. מ. דילאן—"געלע בלעטער"—רעצענזיעס—ז. 211. ב. 2.

יעקב עפשטיין—קריסטוס—סקולפטור—נומער 3, ב. 2. זעה אויך ל. קעניג וועגן עפשטיינ'ס קריסטוס—ז. 155. ב. 1.

ח. עפשטיין—א אידישער באלעט אין פאריז—ז. 75. ב. 1.—קיזלינג'ס אויסשטעלונג—אמאדעא מאדיגליאני ז"ל—ז. 219. ב. 1.

יהושע פארדרושניק—די בלינדע און דער עלעפאנט—עסיי—ז. 57. ב. 1.—מאשקאוויטש'ס "שיילאק"—ז. 78. ב. 1.—ניסענסאנ'ס הונדערט לידער"—ז. 61. ב. 1

נ. פאלסקי—בריוו וועגן דער העברעאישער ליטעראטור—ז. 60. ב. 1.—ז. 147. ב. 1.

לעאפאלד פיליבאווסקי—מאריץ גאטליב—אפשאצונג—ז. 34. ב. 1.

לוסיען פיסארא—דזשה—רוה—(האלצשניטען)—נומער 2. ב. 1.—אסתר המלכה (האלצשנים) נומער 3. ב. 2.—די קונסט פון דרוקען—ארטיקעל—ז. 39. ב. 1.—קאמיל פיסארא—ביאגראפיע—ז. 110. ב. 2.

קאמיל פיסארא—זעלבסט פארטרעט—נומער 1. ב. 1.—פארטרעט פון לוסיען פיסארא—א וואסער-טרעגערין—נומער 2. ב. 2. זעה אויך לוסיען פיסארא און דזש. ב. מאנסאן וועגן קאמיל פיסארא—ז. 110. ב. 2.

ג. פראנק—טריסטאן בערנארד—שטריכען—ז. 26. ב. 2.

דזשאן קורנאס—עפשטיינ'ס. קריסטוס—פאעמא—ז. 32. ב. 2. זעה אויך בלאנקעט וועגן קורנאס—ז. 52. ב. 2.

קיזלינג—צוויי בילדער—נומער 3. ב. 1.

רודיארד קיפלינג—כאמעניז מיינע (ליד) פון ענגליש פון ל. ק.—ז. 130. ב. 1.

לעאן קעניג—רענעסאנס מאטיוון—(עסיי)—ז. 3. ב. 1.—נאציאנאלע עסטעטיק ז. 99. ב. 1.—וועגן יעקב עפשטיינ'ס קריסטוס—ז. 155. ב. 1.—אידיש און העברעאיש—ז. 177. ב. 1.—בצלאל—ז. 8. ב. 2.—פאלעסטינא און אידישע פארמען—ז. 75. ב. 2.—דער ווייטער שאטען (דערציילונג) ז. 208. ב. 1.—בין קודש לחול—(דערציילונג)—ז. 127. ב. 2.

יעקב קראמער—דער איד (בילד) נומער 1. ב. 1.—פארם און געשטאלטונג (ארטיקעל) ז. 162. ב. 2.—מיין טויטער פאטער—(בילד)—נומער 3. ב. 2.

א. קריטשמאר איזראעלי—דאס ערוואכען פונ'ם אריענט—ז. 122. ב. 1.

א. ראובני—א ירדן מעשה—פאעמא—ז. 80. ב. 2.

מלך ראוויטש—אקעגענאיבער פון מיין פענסטער—ליד—ז. 176. ב. 1.—ריכטער יונגער—וועגן די יונגע אידישע דיכטער אין פוילען—ז. 183. ב. 2. זעה אויך ווידענפעלד וועגן די פאעטען פון גאליציען—ז. 43. ב. 2.

ש. שערמאן—איינשטיין און זיין טעאריע—ז. 52. ב. 1.


"Renaissance" 77, Blenheim Crescent, London, W.1.

# איינבאנדס-טאוועל

פאר דעם „רענעסאנס" (זעקס נומערן 1920)

באשטעלונגען ווערען איצט אנגענומען פאר איינבאנדס-מאוועלן פאר דעם „רענעסאנס" באנד 1 און 2.

דער באוואוסטער קונסטמאלער דוד באמבערג האט ספעציעל געמאכט א צייכענונג פאר דעם איינבאנדס-מאוועל.

**פרייז אין לייוונט — 5/- פאסט־פריי.**

אלע נומערן „רענעסאנס" שען געבונדען ווערען צוגעשיקט פאר 12/6 פאסט-פריי.

באשטעלונגען ווערען איצט אנגענומען

"Renaissance," 77, Blenheim Crescent, W.11.

---

WRITE TO US
THE
WAYNER STUDIOS
FOR

POSTERS
SHOWCARDS
BANNERS
BOOK PLATES
ILLUMINATED
ADDRESSES
FRAMING
ETC. ETC.

6 LUKE St CURTAIN Rd E.C.2

---

כשר אימפיריאל כשר

## קאפע - רעסטאראן

דער באריהמטער וועסט-ענדער

## רעסטאראן

וואס צייכענט זיך אויס מיט געזונדע מאכלים, דער ריינ-סטער און פיינסטער רעסטאראן עס טרעפען זיך דארט משכילים, חכמים, כלל-טוהער און שרייבער.

אייגענטימער:

**H. STEINWOLF,**

26, Noel St., Wardour St., Oxford St., W.1



---

## הוצאת הספרים „אחדות־העבודה", יפו, א"י

(מרכז לפעולה ספרותית לצרכי חיי העובר בארץ)

**ACHDUTH-HAAVODAH Publishing Co., Jaffa, Palestine.**

מראשית שנת תרף תתחיל לצאת בארץ-ישראל ע"י הסתדרות הפועלים „אחדות העבודה", ירחון

## „האדמה"

בעריכת י. ח. ברנר.

כלחוברת מחזיקה שמונה גליונות דפוס.

מחיר החתימה:

לשנה . . . שתי לירות

כבר יצאו 6 החוברות

לחדשי תשרי, חשון וכסלו. טבת, שבט ואדר.

כמו כן יוצא לאור

## „קונטרס"

לידיעות שיחות ומכתבים

מופיע פעם בשבוע.

מחיר החתימה:

לשנה . . . . £1.6.0

הכתבת לחתימה באנגליה:

C. C. Poale-Zion, 27, Sandy's Row, Bishopsgate, E.1.

---

אבאנירט

# „התקוה"

ארגאן פון דער בעלגישער ציוניסטישער פעדעראציע.

# HATIKVAH

**Organ of the Federation of Zionists of Belgium.**

APPEARS TWICE MONTHLY.

**Fra. 15.— per year.**

Administration; 12, Rue Gretry, Antwerp, Belgium.

דאס אידישע נאציאנאלע
פראבלעם ווערט פּיעל־
זייטיג באהאנדעלט אין

# „א אידישע
# אוטאפּיע"

פון
**מאררים מייער.**

ארויסגעגעבען פון
„די צייט", לאנדאן.

---

דאָס בוך איז אינטערעסאַנט פאַר יעדען אידען צו לעזען.

---

**פרייז: בראשירט 2/6, געבונדען 3/6**

צו בעקומען דורך אידישע בוכהענדלער פון לאָנדאָן,

אָדער דירעקט פון „די צייט":

**"Jewish Times," 325, Whitechapel Rd., London, E.1.**

End

66-Y-759

צײַט פֿראַגען. ב׳ 1-5; 1909-1911, װילנאָ.

מיקראָפֿילם.
אָריג. און נעג. אין ייװאָ.

15 / 2815

ערשטער באַנד

# צייט־פראַגען

## אינהאַלט.


א. ליטוואַק. דער קומענדער צוזאַמענ־פאָהר.
אסתר. נאַציאָנאַלע ערציהונג.
שמעוני. אמא בוער.
יאַנאַה. דער אַלגעמיינער שטרייק און שולען.
ידין. פּאָליטישע נאָטיצען.
ליי. שבת־און יום־טוב־רוה פאַר האַנדעלס־אַנגעשטעלטע.
א. ליטוואַק. דער קאָאָפּעראַציאָנס־קאָנגרעס.
ליעהע. ב׳אליסטאָק.



הויפּטפּערקויף
פערלאַג „די וועלט“
— ווילנא 1909. —

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא.

# קאטאלאג
## פון ביכערפערלאג
## „די וועלט"

———

ק. ר.

25 — עדוארד בעלאמי—איבער הונדערט יאהר.
2 — דוד פינסקי—יום כפור; ה. ד. נאמבערג—מען חעקט.
6 — ערצעהלונגען פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן.
2 — לעזין—אין א פינסטערע נאכט.
4 — דער קליינבירגערליכער סאציאליזם.
20 — דוד פינסקי—פאמיליע צבי.
7 — יושקעוויטש—חעגען וואהלרעכט.
30 — ק. קאוטסקי—ערפורטער פראגראם. אין 6 העפטען, יעדעס העפט 5 קאפ. דאס גאנצע בוך
15 — ק. קאוטסקי—די סאציאלע איבערקעהרעניס. און די ס. ד.
2 — פאל עזי—צדקה.
6 — פ. לאסאל—מאכט און רעכט. (עיקר פון קאנסטיטוציע).
8 — פ. לאסאל—די ארבייטער און די געזעלשאפטליכע קלאסען. (ארבייטער-פראגראם).
10 — ק. קאוטסקי. פרידריך ענגעלס, ביאגראפיע.
10 — די מעשה פון פיער ברידער.
1 — דוד פינסקי—היינטיגע יונגע לייט.
15 — ק. קאוטסקי—די סאציאלע איבערקעהרעניש
3 — ארגו—די קרבנות פון דער קאמונע.
10 — * *—צו דער געשיכטע פון דער בעלגישער ארבייטער בעוועגונג.
12 — פרץ הירשביין—חייטע און נאהענטע. בילדער.

ק. ר.

6 — דיקשטיין—פון וואס איינער לעבט.
15 — ס. סערמאן—רעליגיאן אין קלאסען-געגענזאצען.
20 — ק. קאוטסקי—אויף מארגען נאך דער סאצ. רעוואלוציאן.
30 — נעמאנסקי—די פאריזער קאמונע.
12 — א. ה.—די סאציאליסטישע פראקציעס אין ציוניזם.
6 — פאל לאפארג—ערינערונגען חעגען קארל מארקס.
7 — ב. האפמאן—פרייען-האנדעל און פראטעקציע.
7 — ק. קאוטסקי—קלאסען-אינטערעסען.
2 — י. פראנק—דער ביזרושעט ביי די חיות.
60 — א. טהון—די אמאליגע פאלקס-בעוועגונג אין רוסלאנד. אין 2 טיילען, יעדע טייל צו 30 קאפ.
3 — ד. פינסקי—אין משוגעים-הויז.
10 — ק. צעטקין—די פרוי און איהר עקאנאמישע לאגע.
3 — פ. ראל—די ראלע פון לומפענפראלעטאריאט אין די רעוו.
0 — מ. מאקסימאוו—און ז. קאצענשטיין—וועגען אנארכיזם.
5 — ה. קונאוו—די גרונד-געזעצען פון אנארכיזם.
15 — לנו—די שלירות.
25 — * *—די פרייע הארפע. זאמעל-בוך פון לידער.



# צייט-פראגען

### א. ליטוואק.

## דער קאוונער צוזאמענפאהר.

I

נאך איידער דער צוזאמענפאהר האט זיך אנגעהויבען, האט שוין די יודישע פרעסע כמעט איינשטימיג אנגעוויזען, אז ער איז ארגאניזירט שלעכט, צוזאמענגעשטעלט קינסטליך. דאך ה״ב „דעלעגאטען" וועגען איינגעלאדענע; אין איינגעלאדענע האט מען איינדייטיג, טענדענציעז, נור אזעלכע מענשען, וועלכע האבען געגלייבט פאר די ארגאניזאטארען. די מינדערהייט איז א געקליבענע, אבער די וואהלען וועגען געוועזען אזוי איינגעארדענט, אז אין זיי האבען ניט גענומען אנטייל געהמען ניט די פאלקסמאסען, ניט די דעמאקראטישע אינטעליגענץ. אין דער דאזיגער וואהלקאמפאניע האבען כמעט אימעטום אנטייל גענומען נור א כאר מנינים (בוכשטעבליך) בעלי הבתים און אינטעליגענטען, וועלכע שטעהען אין זייערע אנזיכטען נאהענט צו דער פאלקס-גרופע. מען האט אנגעוויזען, אז דער צוזאמענפאהר וועט ניט אויסדריקען ריכטיג די יודישע געזעלשאפטליכע מיינונג, אז ער פערדינט בשום אופן ניט דעם נאמען „צוזאמענפאהר פון יודישע כלל-טוער" און מען קאן איהם נור רעכענען פאר א פריוואטע בעראטונג.

טאמער איז נאך ביי וועמען עס איז געוועזען אין דעם א שטיקעל ספק, האט דאס דער צוזאמענפאהר גופא אי מיט זיין צוזאמענשטעלונג, אי מיט זיין ארבייט קלאר דערוויזען.

אויפ׳ן צוזאמענפאהר זענען געוועזען ארום 120 דעלעגאטען, און צווישען זיי נור א מאן 25—30, וועלכע פערדינען דעם נאמען „כלל-טוער". די איבעריגע זענען געוועזען בעלי-הבתים, וועלכע האבען געארבייט אויפ׳ן צוזאמענפאהר מעהר מיט די הענד (אפלאדירט און געשטימט) ווי מיט׳ן קאפ, בעלי-הבתים, וועלכע האבען זיך ווייניג אינטערעסירט און נאך ווייניגער פאנאנדערגעקליבען אין די פראגען, וואס זענען אויפ׳ן טאגעס-ארדנונג געשטאנען. א סך מעהר האט זיי אינטערעסירט דער פאקט, וואס זיי האבען געהאט א געלעגענהייט צו זיין גאנצע 4 טעג צוזאמען מיט אזעלכע גבירים, ווי בראדסקי, גינצבורג, גיידיטש און אנדערע, מיט אזעלכע בערימטע ארטאקטען ווי ווינאווער, סליאזבערג און ד. גל. דאס איז א כבוד און, ווער ווייס, אפשר קאן דאס נאך אמאל צוניץ געקומען אויך...

די גרעסטע מעהרהייט דעלעגאַטען האָבען געהערט צו דעם עלעמענט, וועלכען מען רופֿט געוועהנליך „דער וויסט". מיט דעם ערקלערט זיך דאָס, וואָס מען האָט פֿאַר קיין פֿאַל ניט געלאָזט רעדען וועגען דעם אופֿן, ווי דער צוזאַמענפֿאָהר איז צונויפֿגערופֿען געוואָרען. וועגען זיין קאָמפּעטענץ און אויטאָריטעט. און ווען דער פּרעזידיום האָט איינגעשטימט מיט דעם פֿאָרשלאַג פֿון די הערען בראַמסאָן, סאַקער און שניאורסאָן און געפֿעפֿט וועגען דער פֿראַגע דעבאַטען, זענען זיי אַראָבגעריסען געוואָרען דורך דער מעהרהייט. מיט דעם ערקלערט זיך, וואָס די מעהרהייט פֿלעגט בכלל ניט וועלען אויסהערען קיין פּשוט'ע מענשען, ניט קיין בעוואוסטע גבירים און ניט קיין איינגעהער אין די פֿאָדערציטמערן פֿון די ספֿערען, און ווי נור אַזאַ מענש פֿלעגט עפֿענען דעם מויל, פֿלעגט מען באַלד אָנהויבען שרייען „גענוג!". מיט דעם ערקלערט זיך דאָס, וואָס מען פֿלעגט אויסהערען מיט דער גרעסטער התפּעלות די מגידי'שע פֿראַזען פֿון ה' מאַזע און מען פֿלעגט כמעט שלאָפֿען ביי די ערנסטע, מיט פֿאַקטען פֿילע רעדעס, דאָס וואָס די זיצונגען פֿון די קאָמיסיעס, וועלכע האָבען בעאַרבייט בע־אַרבייטען די פֿראַגען אויספֿיהרליך, זענען געווען לערניג: אין דער קאָמיסיע אויף אויסצואַרבייטען אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען דער געמיינדע, האָבען זיך פֿערשריבען 68 מענשען און געקומען זענען 20. אין די איבעריגע קאָמיסיעס איז די זאַך געשטאַנען נאָך ערגער. אין איין קאָמיסיע זענען געקומען 9 מיטגליעדער און אין נאָך איינע — בלויז 5. דער בעל-הבתי'שער כאַראַקטער פֿונ'ם צוזאַמענפֿאָהר איז געווען אָנגעגרייט אַ פֿריהער, ווייל אַט די בעלי-הבתים האָבען דאָס געגעבען די מעהרהייט דעם צוויליגג סליאָזבערג-ווינאַווער, זיי האָבען דאָס אָנגענומען מיט דער גרעסטער התפּעלות יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פֿון סליאָזבערג'ס מויל.

און צווישען די דאָזיגע בעלי-הבתים זענען די אָרגאַניזאַטאָרען פֿון צוזאַמענפֿאָהר אויך איינגאַנצען בעלי-הבתיש געוואָרען און האָבען זיך געהאַלטען די גאַנצע צייט, ווי אַ געוועהנליכער בעל-הבית, וועלכער פֿיהלט זיך מיט אַמאָל פֿאַר אַ תקיף: גראָב-דעספּאָטיש, טאַקטלאָז-בעריהמעריש.

אין דער דאָזיגער בעל-הבתי'שער מעהרהייט האָט דער צוזאַמענפֿאָהר אויך צו פֿערדאַנקען דעם שוואַרצען פֿלעק, וועלכער וועט קיינמאָל פֿון איהם ניט אָבגעוואַשען ווערען: איך מיין דאָס, וואָס מען האָט אויסגעקליבען דעם קענער בראָדסקי אַ פֿריהער אין פּרעזידיום און נאָכהער איך אין ביורא צו בע-הערקליכען די בעשלוסען פֿונ'ם צוזאַמענפֿאָהר.

ליעוו בראָדסקי האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿאַר אַ יודישען אַנטיסעמיט. די מעשה מיט זיינע אָבגעזאָגטע יודישע אַרבייטער, זיין קלאַסישע פֿראַזע „ווער די קראָמאָלניקי" און איהר דריי-נאָרענדיגען רוסישען מאַרק-צונאָב, וועלכען מיר קענען דאָ ניט איבערגעבען, כדי דאָס פּאַפּיר זאָל ניט רויט ווערען, האָבען אויפֿגעהויבען אַ שטורם פֿון צאָרען און פּראָטעסט אין דער יודישער געזעלשאַפֿט; דער שטורם האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט, און די גרופּע לענט פֿאַר, און די בעלי-הבתישע מעהרהייט קלייבט אויס דעם וועלבינגען ליעוו בראָדסקי פֿאַר אַ מיטגליעד פֿון פּרע-זידיום אויף אַ יודישען צוזאַמענפֿאָהר, ער ווערט איינער פֿון די אויסערוועהלטע,



וועמען עס איז געגעבען געוואָרען אַ פֿאָלמאַכט צו וואָרטען פֿאַר יודען. איז עס ניט אַ פּאַטש אין פּנים דער יודישער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג? בראַמסאָן, סאַקער און אַנדערע האָבען פֿאָרגעלעגט, מען זאָל בעת די וואַהלען אין פּרעזי-דיום שטימען ניט פֿאַר אַ גאַנצען צעטעל, נור פֿאַר יעדען מיטגליעד בעזונדער, דעמאָלט וואָלט אפֿשר בראָדסקי ניט אויסגעקליבען געוואָרען. נור דער פּרעזידיום האָט פֿאָרגעלעגט און די געהאָרזאַמע בעל-הבתישע מעהרהייט האָט אָנגענו-מען, מען זאָל שטימען דעם גאַנצען צעטעל. און אויף אַזאַ אופֿן האָבען די ה"ה סליאָזבערג, ווינאַווער, ברוצקוס, מאַזע, קאַנטאָר און אַנדערע נאָכגעשלעפּט נאָך זיך דעם ה' ליעוו בראָדסקי.

די בעלי-הבתישע מעהרהייט האָט געגעבען די מעגליכקייט צו פֿערפֿלעקען דעם כבוד פֿון צוזאַמענפֿאָהר. נור די הויפּט-שולד האָבען דאָ, פֿערשטעהט זיך, די ה"ה סליאָזבערג און ווינאַווער. דאָס איז געווען זייער איניציאַטיוו. זיי האָבען די ערשטע אויפֿגעהויבען די האַנד אויף די יודישע געזעלשאַפֿטליכע מיי-נונג, די איבעריגע זענען נאָך זיי געגאַנגען און געהאָרכזאַם זייער ווילען גע-טאָן. ה' סליאָזבערג הערט ניט אויף צו בעריהמען זיך, וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף ניט, מיט זיין ליעבע און איבערגעגעבענהייט דעם יודישען פֿאָלק. און די דאָזיגע ליעבע האָט איהם ניט געשטערט צו קרוינען פֿאַר אַ פֿיהרער איבער יודען אַ מענשען, וועלכער רעדט וועגען יודען מיט דער וועלבער שפּראַך, וואָס דער דירעקטאָר פֿון זיין פֿאַבריק, דער מיטגליעד פֿונ'ם רוסישען פֿעראיין. ה' ווי-נאַווער פֿערזיכערט, אַז זיין לאָזונג איז „דער כבוד און די ווערדע פֿונ'ם יודישען פֿאָלק". און דער כבוד און די ווערדע פֿונ'ם יודישען פֿאָלק זענען ביי איהם אַזוי וואָלוועל, אַז ער פֿערקויפֿט זיי, ערנידעריגט זיי אויפֿ'ן שענדליכסטען אופֿן פֿאַר די נדבה, וואָס ה' בראָדסקי האָט געגעבען אָדער ער קאָן געבען. וואָס דען? די דאָזיגע הערען קוקען אויף יודען, ווי אויף אביונים, וואָס מען גיט צדקה. און וואָס איז דער גוואַלד, אַז מען גיט אַמאָל אַן אביון אַ פּאַטש, אַבי ער בעקומט נאָכהער דערפֿאַר אַ גרויסע נדבה.

די יודישע געזעלשאַפֿט וועט עס ניט פֿערגעסען די ה"ה סליאָזבערג-ווינאַווער. פֿון היינט אָן האָט זיך דער נאָמען בראָדסקי צוגעקלעבט צו זייערע נעמען, ווי אַ שאַנד-פֿלעק, און די וועלען קיינמאָל פֿון איהם ניט לויז ווערען.

נאָך אַן ערגערע ראָלע האָבען דאָ די ציוניסטען געשפּילט. זיי, וועל-כע האָבען אַ מאָנאָפּאָל אויף יודישען כבוד און יודישע ווערדע, זיי, וועל-כע לאָזען ניט אַ רוים פֿון מויל די ווערטער „נאַציאָן, יודישקייט", זיי זענען געז-עסען אין פּרעזידיום צוזאַמען מיט דעם יודישען אַנטיסעמיט ה' בראָדסקי. זאָל דאָס געדענקען דער ה' ברוצקוס, מיט זיינע הברים. זאָלען דאָס געדענקען די ציוניסטען.

און ווען דער צוזאַמענפֿאָהר האָט אויף זיין לעצטער זיצונג, בעת בראָדסקי איז שוין אַוועקגעפֿאָהרען, שאַרף פּראָטעסטירט געגען דעם עקאָנאָמישען אַנטי-סעמיטיזם, וועלכער האָט זיך די לעצטע צייט פֿערשפּרייט צווישען יודען אי-נגעוועניג, האָט עס געקלונגען פֿאַלש, צביעות'דיג, כיהאָט זיך געוואָלט אַ געשריי

מאָן: צבֿועים! װער קאָן גלױבן אין אײַער פּראָטעסט, נאָכדעם, װי איהר האָט ערשט ניט לאַנג געמאַכט בראָדסקי'ן פֿאַר אַ ייִדישן פֿאָרשטעהער, פֿאַר אַ ייִדישן פֿערזאָרגער!

## II

און בײַ אַלעם דעם איז דער צװאַמענפֿאָהר געװען אַ װיכטיגע ערשײַנונג אינ'ם ייִדישן לעבן. שױן דער פֿאַקט אַלײן, װאָס אין אַזאַ שװערע פֿינסטערע צײַט, װען יעדער זיצט זיך אין זײַן װינקעלע און װיל ניט װיסן פֿונ'ם אַנדערן װען דער אינטערעס צו געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגן איז כּמעט װי אױסגעשלאָסן, װאָס אין אַזאַ צײַט האָט זיך אײַנגעגעבן צו קאָנצענטרירן די אױפֿמערקזאַמקײַט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט אױף ברענענדע געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגן, שױן דער פֿאַקט אַלײן האָט אַ גרױסע געזעלשאַפֿטליכע בעדײַטונג. אמת, די בעדײַטונג פֿונ'ם צװאַמענפֿאָהר האָט געקאָנט װערן פֿיעל גרעסער, װען ער װאָלט געװען גוט אָרגאַניזירט, װען די טעזיסן פֿון די פֿאָרטראַגן װאָלטן אַ פֿריהער פֿערעפֿענטליכט געװאָרן און מען װאָלט זײ געקאָנט אַ פֿריהער אַלזײַטיג בעהאַנדלען אין דער פּרעסע און אױף די ערטער. אָבער אַפֿילו איצט, װי שלעכט ער איז ניט אָרגאַניזירט געװאָרן, האָט דאָך דער צװאַמענפֿאָהר אַ גרױסע בעדײַטונג. ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ ביסעל לעבן אין אונזער בית-הקבֿרות-שטיל-ייִדישער נאָך אַ װײַלע שלאָגן שטאַרקער; און װען ער האָט ניט געלײזט די ברענענדע פֿראַגן פֿון אונזער לעבן, האָט ער זײ לפּחות געשטעלט. און דאָס איז אױך גענוג װיכטיג.

איך מוז אונטערשטרײַכן: אין דער אַרבײַט פֿונ'ם צװאַמענפֿאָהר איז פֿאַר מיר װיכטיג װײַט ניט דאָס, װאָס ס'איז װיכטיג פֿאַר זײַנע אָרגאַניזאַטאָרען.

די מעשה דערפֿון איז, װאָס דער צװאַמענפֿאָהר האָט געדאַרט צװײ צילען: אַן אָפֿענעם און אַ בעהאַלטענעם הינטער די קוליסן. פֿאַר די אָרגאַניזאַטאָרען איז דער װיכטיגסטער, אפֿשר דער אײנציג װיכטיגער ציעל געװען דער לעצטער. די ייִדישע געמײנדע, די ייִדישע צדקה-חבֿרות, די אַלע שענע זאַכען, װאָס זײ האָבן אַרױסגעשטעלט אין שױ-פֿענסטער, זענען נור געװען בײַ זײ אַ מיטעל צוצוציהען דעם עולם. דער עיקר האָבן זײ געװאָלט בעקומען דעם נײטיגן אױטאָריטעט צו זאָגן אַ דעה די ייִדישע דומע-דעפּוטאַטן, ,,די דעפּוטאַטן בעקומען אַ אָפֿענעם מאַנדאַט פֿונ'ם פֿאָלק", אױף שתדלנות, אױף אַלץ װאָס מען קאָן אַרײַנלעגן אין דעם צו בריטען לאָזונג: ,,האַגאַ, פֿאַר יודען". בעקומען די נעגלי-קײַט צו לעזען אין קאָװנאָ די פּעטערבורגער צאַנקערײַען. מיט אײן װאָרט, בעקומען אַ מאָנאָפּאָל צוגעהן פֿאַר יודען איבער די פֿאָדערצימערן און די הינטערטירען פֿון דומע. דורך פֿלײַסיגע אַרבײַט הינטער די קוליסן, האָבן זײ דאָס דערגרײכט און רעכענען דאָס איצט פֿאַר אַ נצחון. אָבער פֿאַר



די ייִדישע מאַסן איז, פֿערשטעהט זיך, קײַן גרױסע נפֿקא מינה ניט, װעמעס אײַנגעלײגטע ס'האָט בײַגעקומען: סליאָזבערג'ס צי בראַמסאָנ'ס, װינאַװער'ס צי שאַל גינזבורג'ס; די פּעטערבורגער האָרשפּאַלטערײַ און צאַנקערײַ געהט אונז ניט אָן. און האָפֿען אױף די נײַע שלוחים פֿון כּלל-ישׂראל, אױף אונזערע נײַע פֿער-זאָרגער איז אױך ניטאָ װאָס. די בעדינגונגען זענען איצט אַזעלכע, אַז אַפֿילו די גרעסטע אָנהענגער פֿון שתדלנות קאָנען איצט אױך ניט לײגן קײנע האָפֿ-נונגען אױף פֿאָדערצימערן פֿון סענער און אױף די הינטערטירען פֿון דומע, אױב זײ װילען ניט אָפּנאַרען זיך און אַנדערע. אַפֿילו די גרעסטע אָנהענגער פֿון ה' סליאָז-בערג מעגען זײַן זיכער, אַז זײַער פֿיהרער װעט איצט ניט ,,דערגרײכען" און ניט ,,דערקריכען". פֿערקעהרט, איך בין איבערצײַגט, אַז אין דעם פּרט האָט נאָך דער צװאַמענפֿאָהר געבראַכט אַ גרױסן שאָדען. די סליאָזבערג'ס װעלען איצט טון זײַער זאַך פֿון שתדלנות אינ'ם נאָמען פֿון כּלל-ישׂראל, זײ װעלען אָבּ-שלאָגן די שװעלן און געהן דורך די הינטערטירען מיט דעם אױטאָריטעט פֿונ'ם אַלגעמײן-ייִדישן צוזאַמענפֿאָהר, און אין דער אמת'ן װעט עס זײַן נור אַ פֿאַל-שער פּאַספּאָרט, װײַל זײ האָבן דעם מאַנדאַט בעקומען פֿון אַ פּריװאַטע בעראַטונג, װעלכע זײ האָבן אַלײן צוזאַמענגעשטעלט, װי פֿאַר זײ האָט געלױנט און האָבן זי אַ נאָמען געגעבן ,,צוזאַמענפֿאָהר פֿון כּלל-טוער". זײ װעלען אױף אַזאַ אופֿן פֿאַלסיפֿיצירען די ייִדישע געזעלשאַפֿטליכע מײנונג און, דאָס איז געװיס קײן מעלה ניט.

ה' װינאַװער האָט אין זײַן שלוסרעדע זיך געטרײסט מיט דעם געדאַנק, אַז דער צוזאַמענפֿאָהר האָט אַרײַנגעטראָגן פֿאָלע אײניגקײַט צװישן יודען בנוגע צו די פֿראַגן פֿונ'ם אינעװעניגסטן ייִדישן לעבן. אױב מען זאָל דאָס פֿערשטעהן אַזױ, אַז אַלע דעלעגאַטן זענען געװען אײנשטימיג, אַז אַ ייִדישע געמײנדע איז נױטיג, איז עס אמת. אָבער דאָס איז אַזױ עלעמענטאַר און עס איז די לעצטע צײַט אַזױ אױך געשטאַנען אױסער יעדן ספֿק, אַז עס איז געװיס ניט נױטיג געװען קײן צוזאַמענפֿאָהר דאָס צו דערװײַזן. אױב װידער ער האָט דערמיט געװאָלט זאָגן, אַז בנוגע צו ייִדישע אינעװעניגסטע פֿראַגן איז בײַ אונז שױן ניטאָ מעהר קײן שום צושפּאַלטונגען, אַז אַלע יודען בילדען בנוגע צו די האָזיגע פֿראַגן אײן פּאַרטײ — אױב ה' װינאַװער האָט דאָס געװאָלט זאָגן, האָט ער געװיס אַ טעות געהאַט. אױף דעם צוזאַמענפֿאָהר גופֿא האָבן זיך אַרױסגעװיזן שאַרפֿע חלוקי דעות בנוגע צו אַזעלכע װיכטיגע פֿראַגן פֿונ'ם ערשטן ראַנג, װי די קאָראָבקע, די אױפֿגאַבן פֿון דער געמײנדע, דער אינ-האַלט פֿונ'ם בעגריף ,,ייִדישע קולטור". און בכּלל קאָן מען פֿון דעם צוזאַמענפֿאָהר גאָר ניט דרינגען אױף די שטימונגען אין דער ייִדישער גאַס, פּשוט דערפֿאַר, װײַל דער צוזאַמענפֿאָהר איז געװען אַ ,,געמאַכטער", אײנזײַטיג צוזאַמענגעשטעלטער און דריקט ניט אױס די אמת'ע געזעלשאַפֿטליכע מײנונג. עס איז דאָך קײן קונץ ניט צו בעקומען װעלכע עס איז אײניגקײַט, װען מען האָט אַ פֿריהער אומישנע געקלױבן מענשן פֿון אײן פֿאַרב אָדער גאָר פֿאַרבלאָזע.

נײַן, ניט אין סליאָזבערג-װינאַװער'ס נצחון און ניט אין זײער אײניגקײַט, װאָס האָט זיך זײ געחלומ'ט, איז די בעדײַטונג פֿונ'ם צוזאַמענפֿאָהר.

די אַרבעט פֿונעם צוזאַמענפֿאָהר האָט פֿאַר אונז אַ באַדײַטונג, אויף וויפֿיעל זי האָט זיך אויסגעדריקט אין באַהאַנדלען די וויכטיגע פֿראַגען פֿונעם יודישען לעבען, וואָס שטעהען איצט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג, איבערהויפּט די פֿראַגע וועגען דער געמיינדע. אין די באַהאַנדלונגען האָבען מיר באַקומען אַ מעהר אָדער וועניגער ריכטיגען בילד פֿון דעם חורבן, וואָס הערשט איצט אין דער יודישער קהלה. מיר האָבען באַקומען אַ באַגריף וועגען די געצעהלטע פּונקטען בנוגע צו דער קהלה, אין וועלכע אַלע זענען מסכּים, און וועגען די פֿיעל מעהרערע פּונקטען, אין וועלכע פֿערשיידענע גרופּען געהען זיך פֿאַנאַנדער. בנוגע צו די לעצטע פּונקטען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פֿאָרשטעהער פֿון פֿערשיידענע גרופּען, פֿערשיידענע אינטערעסען האָבען זיך באַגעגענט, און מיר האָבען אָפֿט בולט געזעהען דעם עקאָנאָמישען און סאָציאַלען אונטערשלאַג פֿון דער אָדער יענער מיינונג. די רעזאָלוציעס האָבען געהאַט זעהר אַ קליינע רעעלע באַדײַטונג, אָבער אין איינִיגע פֿאַלען, למשל וועגען דער קאָראָבקע, איז זייער מאָראַלישער ווערט גרויס. אַז אין די דעבאַטען און רעזאָלוציעס וועגען די אינעווייניגסטע פֿראַגען פֿונ'ם יודישען לעבען ליגט פֿאַר אונז דער שווער־פּונקט פֿון דער אַרבעט פֿונעם צוזאַמענפֿאָהר, איהר ווערט אין באַדײַטונג.

מיר געהען איצט איבער צו באַטראַכטען די דאָזיגע וויכטיגע אַרבעט עטוואָס אויספֿיהרליכער.

III

כּמעט איינשטימיג איז אָנגענומען געוואָרען, אַז אין יעדער שטאָדט טאָר מעהר ניט זײַן ווי איין יודישע געמיינדע און אַז יעדער יוד, וועלכער וואוינט אין אַ געוויסען אָרט ניט וועניגער פֿון אַ יאָהר (ה' סליאָזבערג אין זײַן רעפֿעראַט האָט פֿאָרגעלעגט 2), מוז אָבליגאַטאָריש זײַן אַ מיטגליעד פֿון דער געמיינדע, און די שטײַער, וועלכע זי לעגט אויף איהם אַרויף, איז אויך אָבליגאַטאָריש.

דערפֿאַר האָט אַרויסגערופֿען שאַרפֿע וכּוחים דער פּונקט וועגען די אויפֿגאַבען פֿון דער געמיינדע. ה' סליאָזבערג האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿ'ן ערשטען אָרט די רעליגיעזע אָנגעלעגענהייטען, און נור אויפֿ'ן צווייטען אָרט די קולטורעלע אויפֿגאַבען און דאָס אויך אין אַזאַ ניט דײַטליכער פֿאָרמע, אַז עס איז ניט געוועזען קלאָהר, וואָס מיינט ער מיט די ווערטער „גײַסטליך־קולטורעלע באַדערפֿניסען", צי קולטור אין פֿולען און ברייטען זינען פֿונ'ם וואָרט, צי נור די אַזוי גערופֿענע יודישע למודים. פֿון אַלץ, וואָס דער ה' סליאָזבערג האָט גערעדט וועגען יודען און יודישקייט, איז געוועזען קלאָהר, אַז ער מיינט דאָ נור די יודישע למודים. זײַן קולטור איז די רוסישע. יודישקייט איז בײַ איהם נור אמונה, יודישע געשיכטע און עטיקע. די פֿאָרשטעהער פֿון די קולטורעלע געזעלשאַפֿטען האָבען געפֿאָדערט, די געמיינדע זאָל זײַן דורכאויס אַ וועלטליכע, איהרע הויפּטאויפֿגאַבען זאָלען זײַן קולטורעלע. אמונה־זאַכען, האָבען זיי געזאָגט, מוזען אויסגעטיילט ווערען פֿון דער געמיינדע. דאָס איז אין די אינטערעסען פֿון די אונגלויביגע: זיי דאַרפֿען פֿאַר זייער געלד ניט אויסהאַלטען



קיין איינריכטונגען, וועלכע זענען פֿאַר זיי איבעריג. נאָכמעהר, זיי דאַרפֿען ניט לאָזען די רבנים ווערען בעלי־הבתים איבער דער יודישער וועלטליכער קולטור איבערהויפּט, איבער דער יודישער ערציהונג. דאָס צונויפֿמישען די רעליגיעזע מיט די וועלטליכע ענינים וועט מאַכען די יודישע געמיינדע רעאַקציאָנער. די גלויביגע ווידער זענען אויך פֿעראינטערעסירט, אַז זיי אַליין זאָלען זאָרגען פֿאַר זייערע רעליגיעזע באַדערפֿניסען, ניט קיין מענשען, וועלכע זענען פֿון יעדען גלויבען פֿרײַ.

די האָבען פֿאָרגעלעגט, דאָס אויף צו באַפֿריעדיגען די רעליגיעזע באַדערפֿניסען (קלויזען, חזנים, רבנים, שוחטים) זאָלען זיך בילדען איבער דער געמיינדע באַזונדערע חברות פֿון חסידים, מתנגדים, יעדער נאָך זײַנע מנהגים. די דאָזיגע ריכטונג האָבען פֿערטיידיגט אין זייערע רעדעס די דעלעגאַטען גאָלדמאַן, העלפֿאַנד, ווײַנשטיין און זאַסטיענקער. ה' סליאָזבערג האָט גענומען וואָרט נאָך יעדען איינציגען פֿון זיי. ער האָט זיך געמאַלט, ווי ער קאָן גאָר ניט פֿערשטעהן, ווי טיילט מען דאָס אָב בײַ יודען די אמונה־ענינים פֿון דער געמיינדע. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס עס קאָן גאָר געבען אַזאַ מיינונג; ער האָט דרײַ מאָל איבערגעחזר'ט, אַז ער איז פֿון דעם אַזוי פֿערצאָגט, אַז ער וועט די נאַכט שלאָפֿען ניט קאָנען. „ווער דען זאָל זאָרגען פֿאַר דער מקוה, ווען ניט די געמיינדע"? האָט ער עטליכע מאָל איבערגעחזר'ט. „ווען מען זאָל פֿון דער יודישער געמיינדע צונעהמען די ענינים פֿון אמונה, וואָס בלײַבען מיר? צושאָטענע מענשען, וועלכע וואוינען צופֿעליג אויף איין אָרט!" אומזיסט האָט מען איהם דערמאָנט, אַז יודען זענען ניט קיין רעליגיעזע גרופּע, נור אַ נאַציאָן, אַז לויט זײַן מיינונג זענען ניטאָ קיין יודען, נור משה־רבינו'ס רוסען. ער האָט דעמאַגאָגיש געטענה'ט דאָס זײַניגע: „איהר ווילט אָבטיילען יודען פֿון זייער אמונה. מיר וועלען עס אייך ניט לאָזען!"

אינטערעסאַנט איז, וואָס אפֿילו אַזאַ דעמאָקראַט, ווי בראַמסאָן, האָט אויך ערקלעהרט, אַז יודען זענען אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע גרופּע, און די געמיינדע מוז דערום אויך זײַן רעליגיעז באַפֿאַרבט. ער האָט נור געבעטען, מען זאָל דעם פּונקט אָבלעגען, ווײַל ער איז נאָך ניט גוט באַאַרבײַט. פֿאַר די פֿאָרמול פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון די קולטורעלע חברות („די הויפּט אויפֿגאַבע פֿון דער געמיינדע איז צופֿרידען שטעלען די קולטורעלע באַדערפֿניסען פֿון די יודישע מאַסען") האָבען געשטימט נור 8 מענשען. פֿאַר ה' בראַמסאָנ'ס פֿאָרלאַגע — אָבצולעגען דעם פּונקט — 10. די איבעריגע האָבען געשטימט פֿאַר די פֿאָרלאַגע פֿון סליאָזבערג'ן, אַז די אמונה־ענינים פֿערנעהמען דעם אויבענאָן אין די אויפֿגאַבען פֿון דער געמיינדע.

און דאָך ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די מעהרהייט האָט ניט געוואָלט אויסטיילען די אמונה־ענינים פֿון דער געמיינדע, האָט זי פֿונדעסטוועגען עטליכע מאָל אונטערגעשטריכען, אַז זי וויל די רבנים ניט מאַכען פֿאַר די בעלי־הבתים איבער דער יודישער געמיינדע. דאָס איז אונטערגעשטריכען געוואָרען אין די דעבאַטען, דאָס איז נאָכמעהר אונטערגעשטריכען געוואָרען אין די רעזאָלוציעס. ה' סליאָזבערג האָט פֿאָרגעלעגט, אַז יעדער יוד מוז זיך צושרײַבען צו וועלכער

עס איז שול אדער קלויז, אז די געמיינדע ווערט געפירט דורך די בעסאל־מעלטינטע פון די שולען און קלויזען, וועלכע קלייבען אויס פון זיך א ראט פון 7 מענשען. דער צוזאמענפאהר האט דעם דאזיגען פונקט אבגעווארפען מיט א גרויסער מעהרהייט און האט זיך ארויסגעזאגט פאר דירעקטע וואהלען, וועלכע שטעהען מיט די שולען און קלויזען אין קיינע פערבינדונג ניט, און קיינער איז דערום ניט מחויב זיך צוצושרייבען צו א שול אדער א קלויז. עס איז אויך אנגענומען געווארען דער פונקט, וועלכען די פארשטעהער פון די קולטורעלע חברות האבען אריינגעטראגען אין קאמיסיע: אז די פערוואלטונג פון דער געמיינדע בעשטעהט פון צוויי איינריכטונגען: א געמיינדע־ראט, וועלכער ווערט אויסגעקליבען דירעקט און האט די געזעצגעבערישע מאכט אין די ענינים פון דער קהלה, און א קאמיטעט, וועלכער ווערט אויסגעקליבען פון דעם ראט און האט די אויספיהרענדע מאכט. גענוי בעשטימט די בעציהונגען צווישען די ביידע איינריכטונגען האט דער צוזאמענפאהר ניט. ער האט נור אנגענומען די פארמעל, אז זיי דארפען שטעהן צווישען אנאנד אין די זעלבע בעציהונגען, ווי די דומע מיט דער אופראווע אין דער שטאדטישער זעלבסטפערוואלטונג.

אינטערעסאנט איז די בעציהונג פונ'ם צוזאמענפאהר צו די רעליגיעזע רבנים. פון איין זייט האט מען זיי גע'הנפ'עט, דעמאגאגיש זיי אויגלעך גע־מאכט; יעדער רב האט געמעגט קומען אויפ'ן צוזאמענפאהר, הגם ער איז ניט אויסגעקליבען געווארען און האט ניט בעקומען קיין ספעציעלע איינלא־דונג. דעם קאוונער רב האט מען אריינגענומען אין פרעזידיום. פון דער אנ־דער זייט ווידער האט מען געזעהען צו געבען די רבנים וואס ווייניגער מאכט אין די ענינים פון דער קהלה און ה' סליאזבערג האט זיי אפילו פארגעווארפען, אז זיי האלטען „די שענדהייט יודענטום" אומישנע פערשטוצט, כדי זי זאל ניט פערפיהרט ווערען. ער האט זיי איינגערעדט, זיי זאלען ניט מורא האבען און ערלויבען דער ניטגלויביגער אינטעליגענץ פוצען און צירען די יודישע אמונה. והראיה, ער אליין דארף קיין מקוה ניט און דאך הערט ער אין פעטער־בורג ניט אויף צו זארגען פאר דער מקוה און פאר אנדערע רעליגיעזע בעדער־פעניסען פון פעטערבורגער יודען.

דערפאר האט מען די קאזיאנע רבנים מיט אווארט ניט בעריהרט. פון זיי האט מען גערעדט, ווי פון אנערקענטע פיהרער פון דער יודישער געמיינדע, וועלכע דארפען אויף ווייטער אויך בלייבען אלס אזעלכע. הגם ביי קיינעם איז איצט קיין ספק ניט, אז די קאזיאנע רבנים זענען אינגאנצען איבעריג און נעה־מען נור אומזיסטע געלד ביי קהל. די רעליגיעזע רבנים שטעלען ציפריעדען די בעדערפניסען פון דער רעליגיעזער מאסע און ווען מען קען זאגען, אז אויס־האלטען זיי דארפען נור די, וואס גלויבען אין זיי, ניט די גאנצע געמיינדע, קען מען נאך אבער איצט ניט זאגען, אז זיי זענען קיינעם ניט נויטיג. די געזעלשאפטליכע רבנים זענען אבער ניט נויטיג ניט די פרומע, ניט די פריי־געזאנענע. פארוואס האט מען זיי געשאנעוועט? מעגליך, אז זיי האט געראטעוועט דער שטעמפעל „קאזיאנע". נאר גיכער שפילט דא א ראלע דאס, וואס פאר אזעלכע יודען, ווי ה' סליאז־בערג זענען נויטיג אזעלכע רבנים, ווי אנזערע קאזיאנע. יודען, ביי וועלכע עס



שפילט א ראלע ניט אזוי די יודישע אמונה, אין וועלכע זיי גלויבען ניט, ווי איהר בעפוצונג און בעצירונג, אויף וועלכע זיי זענען דוקא גרויסע מבינים, דארפען האבען קאזיאנע רבנים. משה רבינו'ס רוסען דארפען האבען אויסגעפוצטע מענשען, וואס זאלען טראגען פאר זיי דעם יאך פון דער אויסגעפוצטער יודישקייט, און אפשר דעריבער מאכי זענען דאס רוב קאזיאנע רבנים נאהענט צו דער פאלקס־גרופע?

אין דער קאמיסיע האט זיך געשטעלט די פראגע וועגען וואהל־צענז. א גאנצע רייהע רעדנער האבען געפאדערט, אז קיין אלגעמיינע וואהלרעכט זאל ניט זיין, נאכמעהר, אז ניט אלע וואס צאהלען געמיינדע־שטייער זאלען האבען וואהל־רעכט, עס זאל בעשטימט ווערען א מינימום, און די וואס צאהלען ווייניגער, זאלען קיין וואהל־רעכט ניט האבען. אזא מינימום איז איצט אין ווארשע למשל 15 רובל, אין פלאצק 3 רובל. אין פלאצק האבען וואהל־רעכט נור 29 פראצ. פון דער יודישער געמיינדע. די, וואס האבען גערעדט פאר אצענז, האבען אלע אנגעהויבען דערפון, אז באמת זענען זיי פאר אלגעמיינע וואהלרעכט, נור... מיר זענען ניט צייטיג. אהן א צענז וועט זיין ביי די וואהלען א סך פעלשונגען, די מאסען זענען פאליטיש ניט ערצויגען און וועלען קלייבען ניט די ווערטסטע מענשען, די פערוואלטונג וועט זיין א רעאקציאנערע. די מאסען אינטערעסירען זיך ניט מיט קהל'שע זאכען און אז. וו. אלע טענות, וועלכע מיר האבען שוין 101 מאל געהערט פון די געגנער פון אלגעמיינע וואהלרעכט אין די אלגעמיינע געזעצגעבערישע איינריכטונגען. מען האט אויך אנגעוויזען, אז ביי היינטיגע פא־ליטישע אומשטענדען וועט מען ניט קאנען פיהרען קיין וואהל־אגיטאציע, און אויב די וואהלען וועלען זיין אלגעמיינע, וועלען זיי טראגען א צופעליגען כאראקטער. אין קאמיסיע זענען שארף ארויסגעטראטען געגען וואהל־צענז די דעלעגאטען העלפאנד און פינקעלשטיין. די קאמיסיע האט צוליעב מאנגעל אין צייט קיין רעזאלוציע וועגען דעם פונקט ניט אנגענומען און ער איז איבער־געטראגען געווארען אויף דער אלגעמיינער זיצונג. און דא האט ה' סליאזבערג, וועלכען מען האט פריהער געקאנט פערשטעהן, אז ער שטעהט פאר אלגעמיינע וואהלרעכט, זיך ארויסגעזאגט, אז ביי היינטיגע פאליטישע אומשטענדען, העט קיין אלגעמיינע וואהלרעכט איז אין רוסלאנד בכלל ניטא, וועט מען יידען אויך ניט ערלויבען גרינדען זייער געמיינדע אויף דעם דאזיגען דעמאקראטישען פרינציפ.

איך מוז אנמערקען, אז דאס איז ניט גאר ריכטיג. אין דומע איז איצט אריינגעטראגען געווארען א געזעץ־פראעקט וועגען רעליגיעזע געמיינדען פאר ניט קריסטען און ניט פראוואסלאווגע, און דארטען איז בפירוש דא א פונקט וועגען אלגעמיינע וואהלרעכט. הייסט עס, אז די יודישע געמיינדע, וועלכע דארף דאך לויט ה' סליאזבערג'ן זיין אויך א רעליגיעזע, וועט אויך האבען די מעגליכקייט איינצופיהרען ביי זיך אלגעמיינע וואהלרעכט. נור ה' סליאזבערג איז אפנים בכלל מיט דעם דאזיגען פרינציפ ניט צופריעדען און ער האט שפאטיש איראניזירט: אויב מען וועט אייך לאזען, גיט וואהל־רעכט, וועטען איהר ווילט, אפילו די, וואס נעמען פון קהל קצבה, וואס ליגען אין באטאדעלניע.

דער פּונקט איז געבליבען ניט געלייזט. דאָך אונדירעקט האָט זיך דער צוזאַמענפֿאָהר אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַלגעמיינע וואַהלרעכט.

IV

מיר געהען איבער צו איינעם פֿון די וויכטיגסטע פּונקטען פֿונ׳ם טאָגעס-אָרדנונג — צו דער קאָראָבקע. איך האָב געמיינט, אַז קיינער וועט זיך ניט דערוועגען צו רעדען פֿאַר קאָראָבקע. איך האָב אַ טעות געהאַט. אינטערעסען זענען שטאַרקער פֿון שכל, פֿון גערעכטיגקייט, פֿון דעם געפֿיהל פֿון בושה אַפֿילו. אַ גאַנצע רייהע רעדנער האָבען גערעדט געגען קאָראָבקע און געשילדערט דעם שרעקליכען שאָדען, וואָס די יודישע מאַסע ליידט פֿון דעם דאָזיגען שטייער. בעסער ווי אַלע האָט עס פֿאָרמולירט דער דאָקטאָר ברוצקוס. „די קאָראָבקע מאַכט די יודישע מאַסען בלוט-אָרעם“. דאָך ניט קיין קלענערע רייהע רעדנער האָבען גערעדט פֿאַר קאָראָבקע. עס האָבען זי פֿערטיידיגט פֿריהער ווי אַלע די וואָס לעבען פֿון איהר, רבנים, רעליגיעזע און קאַזיאָנע, נאָכהער בעלי-הבתים, דאָקטוירים אַפֿילו (דער דאָקטאָר ווינאָדסקי פֿון ווילנע למשל). דאָס רוב האָבען געהאַלטען די קאָראָבקע נור פֿאַר אַ צייטווייליגע נויטיגקייט, כל זמן עס איז ניט רעפֿאָרמירט די געמיינדע און ניט איינגעפֿיהרט קיין אָבליגאַטאָרישע שטייער אויף הכנסות. דערווייל האָבען זיי געזאָגט, ווען מען זאָל אָבשאַפֿען די קאָראָבקע, וועט די געמיינדע ניט האָבען קיין מיטלען צו ערפֿילען איהרע אויפֿגאַבען. מען האָט אַפֿילו אָנגעוויזען, אַז אָהן קאָראָבקע קומט מען אום ניט נור אין פּוילען, וואו עס איז איינגעפֿיהרט אָבליגאַטאָרישע שטייער, נור אַפֿילו אין די שטעדט אויסערן תחום, וואו עס איז איצט קיין אָבליגאַטאָרישע שטייער פֿאַר דער געמיינדע-קאַסע ניטאָ. אין יענע שטעדט קומט מען אויך אויס אָהן קאָראָבקע, און די געזעלשאַפֿטליכע אויפֿגאַבען פֿון דער קהלה ווערען דאָרטען בעפֿרידיגט ניט ערגער ווי אין תחום. מען האָט אויך אָנגעוויזען, אַז אין תחום גופֿא ווערט פֿון קאָראָבקע-געלד בעפֿרידיגט נור אַ קליינער טייל פֿון די קהל׳שע נויטען, אויף די איבעריגע מוז מען זוכען אַנדערע קוועלען. דאָך האָט ה׳ סליאָזבערג ערקלערט, אַז ער לעגט פֿאָר אָבשאַפֿען די קאָראָבקע נור צוזאַמען מיט איינפֿיהרען אַ נייע געמיינדע מיט אָבליגאַטאָרישע שטייער. ביידע רעפֿאָרמען זענען צוויי העלפֿטען פֿון אַ שער, „וועלכע שערען נור צוזאַמען“ דערווייל אָבער, כל זמן מיר האָבען די אַלטע געמיינדע, לעגט ער ניט פֿאָר די קאָראָבקע אָבצושאַפֿען.

עס האָבען זיך אָבער אויך געפֿונען אַזעלכע רעדנער, וועלכע האָבען אָנגעוויזען, אַז מען דאַרף די קאָראָבקע בכלל ניט אָבשאַפֿען, ניט איצט און ניט שפּעטער. דער ה׳ קאַנטאָר (ראַבינער אין ריגאַ) האָט געטענה׳ט, אַז ער פֿערשטעהט ניט די קולות וואָס מען מאַכט אויף די קאָראָבקע. מען נעמט זי פֿון אָרימע לייט, אָבער בענוצען זיך מיט איהר בענוצען זיך דאָך אויך אָרימע לייט. אין די שפּיטאָלען ליגען דאָך ניט קיין גבירים. אויף דעם האָט דער ה׳ מאַזע (ראַבינער פֿון מאָסקווע) מיט רעכט געענטפֿערט: די יודישע מאַסע קאָן



זאָגען: ווייל אונז גיט קיין פֿעטער און ליידט אונז ניט קיין שיך. ניט מאַכט אונז קראַנק און ניט בויט פֿאַר אונז קיין שפּיטאָלען. דאָך דער ראַבינער מאַזע אַליין האַלט, אַז קאָראָבקע בכלל איז אַ יודישע, אַ נאַציאָנאַלע ערשיינונג. מען האָט אונז זי ניט אָנגעצוואונגען פֿון דער פֿרעמד, נור זי איז אויסגעוואַקסען אויפֿ׳ן יודישען באָדען, דערום איז ניט נור איצטער, נור אַפֿילו אין אַ נייער רעפֿאָרמירטער געמיינדע בעדאַרף מען זיך גוט בעדענקען, איידער מען וועט זי אָבשאַפֿען. דערויף האָט מען איהם מיט רעכט געענטפֿערט, אַז דאָס זעלבע האָט מען אַמאָל געזאָגט וועגען די לאַנגע קאַפּאָטעס און די שטערנטיכלעך. חוץ דעם איז ניט ריכטיג, אַז די קאָראָבקע איז היסטאָריש אויסגעוואַקסען אויפֿ׳ן יודישען באָדען.

די רעליגיעזע רבנים זענען געגאַנגען נאָך ווייטער: איינער פֿון זיי האָט געטענה׳ט, אַז צוליעב קאָראָבקע ווערט נאָר פֿלייש וואָהלפֿעלער, אַז די קאָראָבקע היט אונז אָפּ פֿון טרפֿות, היט אָפּ די יודישקייט. נאָך איינער האָט פֿערזיכערט, אַז די קאָראָבקע איז אַ סיג לתורה, אַז אין פּוילען, וואו עס איז קיין קאָראָבקע ניטאָ, זענען פֿאַראַן אַ סך עמי הארצים. אַז די קאָראָבקע איז ניט קיין גזרה, נור אַ פּריווילעגיע, וועלכע יודען האָבען בעקומען פֿון דער רעגירונג, אַ פּריווילעגיע, פֿאַר וועלכע זיי דאַרפֿען איהר דאַנקבאַר זיין. דער צוזאַמענפֿאָהר האָט זיך אַרויסגעזאָגט מיט אַ גרויסער מעהרהייט געגען דער קאָראָבקע און פֿאַר פּראָגרעסיווע הכנסה-שטייער, פֿון וועלכע עס ווערען בעפֿרייט די הכנסות, וועלכע זענען ניט העכער פֿאַר אַ געוויסען עקזיסטענץ-מינימום.

ווער ווייס, צו וואָלט דער צוזאַמענפֿאָהר אין דער פֿראַגע ווי אין פֿיעלע אַנדערע פֿראַגען געווען אַזוי ראַדיקאַל, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ זאַך, וועלכע דאַרף גלייך איינגעפֿיהרט ווערען אין לעבען.

די פּונקטען, וועלכע מיר האָבען פֿריהער אויסגערעכענט, דאַרפֿען, לויט דער בעשטימונג פֿון צוזאַמענפֿאָהר, אין אַ געהעריגע צייט אַריינגעטראָגען ווערען אין דומע אַלס געזעץ-פּראָיעקט וועגען דער יודישער געמיינדע. ביז אַזאַ געזעץ-פּראָיעקט וועט אָנגענומען ווערען, דאַרף זיך די געמיינדע פֿיהרען נאָך צייטווייליגע רעגעלען, וועלכע דער צוזאַמענפֿאָהר האָט אויסגעאַרבייט. רעגעלען, וועלכע טראָגען אין געמיינדע-לעבען כמעט קיין שום נייעס ניט אַריין און לאָזען איבער אַלץ ווי פֿריהער. די אויבענדערמאָנטע פּונקטען זענען אויף אַזאַ אופֿן נור צוקונפֿטס-מוזיק, וועלכע קאָסט איצט גאָרנישט און מען קאָן זיך ערלויבען צו זיין בנוגע צו איהר אַ ביסעל ראַדיקאַלער.

איך מוז צוגעבען, אַז אין די צייטווייליגע רעגעלען איז פֿאַראַנען איין פּונקט וועהר אַ וויכטיגער, היינו: אין דעם ראַט, וועלכער פֿיהרט אָן די געמיינדע-אַנשטאַלטען, געהען אַריין ניט נור בעפֿאָלמעכטיגטע פֿון שולען און קלויזען, ווי ביז אַהער, נור אויך פֿערטרעטער פֿון צדקה-חברות, און, וואָס איז פֿאַר אונז נאָך וויכטיגער, פֿון קולטור-געזעלשאַפֿטען.

V

צום סוף עטליכע ווערטער וועגן דעם נייעם עלעמענט, וועלכער האט זיך דעם ערשטען מאל בעוויזען צווישען די יודישע כלל־טוער. מיר מיינען די פארשטעהער פון די קולטורעלע און עקאנאמישע חברות, די פארשטעהער פון די ברייטע דעמאקראטישע מאסען.

דער צוזאמענפאהר איז געווען אזוי ארגאניזירט, אז קיין גרויסע גרופע האבען די דאזיגע פארשטעהער אויפ'ן צוזאמענפאהר בילדען ניט געקענט. די עטליכע צעהנדליג בעלי־הבתים, וועלכע האבען געקליבען דעלעגאטען צום צוזאמענפאהר, האבען דאך קיין פארשטעהער פון די מאסען געוויס ניט געוואלט קלייבען. נאכמעהר, דאס רוב איז גאר קיינער ניט פון די מאסען, ניט פון זייערע פארשטעהער אויף די וואהל־פערזאמלונגען ניט איינגעלאדען געווארען. אין 2 שטעדט נור זענען די בעדינגונגען געווען אזעלכע, אז מען האט פון דארטען געשיקט צו איין פארשטעהער פון די דעמאקראטישע מאסען. די קולטורעלע און עקאנאמישע חברות, וועלכע האבען זיך געווענדעט צו דער ארגאניזאציאנס־ביורא און אויסגעדריקט זייער פערלאנג אנטייל צונעהמען אין צוזאמענפאהר, האבען קיין שום ענטפער ניט בעקומען. די לאדזשער „הארפע" האט בעקומען אן ענטפער, דאס איז אבער געווען א קלאהרע תשובה: מיר ווילען אייך ניט. אונדירעקט האבען זיך בעקומען ידיעות, אז מען וועט די פארשטעהער פון די קולטורעלע חברות אויפ'ן צוזאמענפאהר ניט צילאזען. דעריבער האבען נור 7 חברות אויסגעקליבען דעלעגאטען און פון זיי זענען נור 4 געקומען אין קאוונע. מיט גרויס מיה און מאטערניש האט מען זייערע מאנדאטען ענדליך בעשטעטיגט, איז דאס נור אויפ'ן צווייטען טאג.

ביי אזעלכע בעדינגונגען האט דער דאזיגער עלעמענט אויפ'ן צוזאמענפאהר געמוזט טראגען א צופעליגען כאראקטער. און דאך האבען די חברות גוט געטאן, וואס זיי האבען געשיקט זייערע פארשטעהער אויפ'ן צוזאמענפאהר.

ערשטענס די קאמפאניע ארום צוזאמענפאהר. אין די חברות, וועלכע האבען געשיקט דעלעגאטען, האבען דאס רוב זיך דעבאטירט די פראגען פון טאגעס־ארדנונג, מען האט אויסגעארבייט געוויסע דירעקטיווען. איצט וועט מען אויסהערען בעריכטען און מען וועט דעבאטירען וועגן די רעזולטאטען פון צוזאמענפאהר. דאס פעראינטערעסירט די מאסע מיטגליעדער אין די וויכטיגסטע פראגען פונ'ם יודישען לעבען, מאכט בעקאנט מיט זייערע ערציהט, און דערום האט עס א גרויסע בעדייטונג.

און צווייטענס דער צוזאמענפאהר גופא. ער האט די דעלעגאטען פון די קולטורעלע חברות זעהר פיעל געגעבען און דורך זיי וועט ער אויך געבען פיעל די מיטגליעדער פון די חברות, וועלכע האבען זיי געשיקט. ער האט זיי אריינגעפיהרט טיעף אינעווייניג אין די פראגען, וועלכע זענען פערבונדען מיט דער יודישער געמיינדע. בעוויזען קלאהר די פאזיציע פון פערשיידענע גרופען אין די דאזיגע פראגען און זייער סאציאל־עקאנאמישען אונטערשלאג.



די פארשטעהער פון די חברות האבען געארבייט אין די קאמיסיע וועגען געמיינדע, זיי האבען דארטען דורכגעפיהרט דעם פונקט, אז די געמיינדע דארף אנגעפיהרט ווערען דורך 2 איינריכטונגען: דורך א ברייטערע געזעצגעבערישע און א שמעלערע — אן אויספיהרענדע. חוץ דעם האבען זיי געהאלפען דורכפיהרען אין קאמיסיע די איבעריגע דעמאקראטישע פונקטען, וואס זענען נאכדעם אנגענומען געווארען אויפ'ן צוזאמענפאהר.

מען האט געהאפט, אז דער צוזאמענפאהר וועט קאנען דיענען פאר די פארשטעהער פון די חברות אלס טריבונע אויסצודריקען אפען זייערע פרינציפען אין דער געמיינדע־פראגע. דאס האט זיך ווייניג איינגעגעבען. בעשטימט זייערע מאנדאטען האט מען דעם 2־טען טאג 12 א זייגער, און אין די אלגעמיינע דעבאטען, ווען מען קאן זיך בכלל ארויסזאגען ברייט וועגען פרינציפען, האבען זיי דערום קיין ווארט ניט בעקומען. זיי האבען געקאנט רעדען שפעטער נור וועגען דעם אדער יענעם איינצעלנעם פונקט. און דא קאן מען שוין קיין גרויסע רעדעס ניט האלטען. דערצו קומט צו די פיינדליכע שטימונג, וואס די דאזיגע דעלעגאטען האבען בעגעגענט מצד דעם צוזאמענפאהר. דאס איז ניט געווען די שנאה, וועלכע עקזיסטירט בכלל צווישען פארשטעהער פון די העכערע און מיטעלע קלאסען און צווישען די פארשטעהער פון די מאסען. דאס איז געווען פיעל ערגער. פאר די פארשטעהער פון די חברות האט מען מורא געהאט, מען האט זיי ניט געטרויט. אין די קולוארען האט מען זיי ניט איינמאל געזאגט, אז זיי זענען געקומען אראבצורייסען דעם צוזאמענפאהר. מען האט בכלל זיך געוואונדערט, ווי קומען זיי זיך צו אינטערעסירען מיט די ענינים פון דער געמיינדע? וואס איז דאס זייער זאך? ביי אזעלכע בעדינגונגען איז זעהר שווער געווען אויסצונוצען די טריבונע. און דאך קאן מען ניט זאגען, אז אין דעם פרט איז גאר ניט געטאן געווארען. די רעדעס וועגען אויסטיילען די אמונה־ענינים פון דער קהלה, וועלכע דארף זיך אבגעבען מיט וועלטליכע, איבערהויפט קולטורעלע, נויטען פון די יודישע מאסען, זענען פערפאלען ניט געגאנגען. פערשטעהט זיך, אז דעם צוזאמענפאהר איבערצייגען האבען זיי ניט געקאנט. מען האט אבער געהערט איבער די קעפ פון די דעלעגאטען צו די ברייטע מאסען; די רעדעס ווערען איבערגעגעבען אין דער פרעסע און זיי וועלען א געוויסע ווירקונג האבען. איבעריגענס מוז מען צוגעבען, אז דעם לעצטען טאג האט זיך שוין דער צוזאמענפאהר אנגעהויבען אביסעל צוגעוועהנען צום נייעם עלעמענט; ער האט, פערשטעהט זיך, געקוקט אויף זיי, ווי אויף געגנער, אבער ניט ווי אויף אזעלכע, וואס ווילען אראבברייכען, שטערען. מען האט זיי געהערט מיט מעהר אויפמערקזאמקייט. און איך בין זיכער, אז ביי א צווייטע בעגעגעניש וועט די מורא ווערען פיעל קלענער און די אויפמערקזאמקייט גרעסער.

און די מורא איז באמת לעכערליך. די פאלקס־מאסען זענען פעראינטערעסירט אין די פראגען פון דער יודישער געמיינדע ניט ווייניגער ווי די אזוי גערופענע כלל־טוער. ווי אונצופריעדען זיי זענען ניט געווען מיט דיין ארגאניזאציע, האבען זיי דאך געקוקט אויף דעם צוזאמענפאהר, ווי אויף א וויכטיגע ערשיינונג און זיי האבען אידם געוואלט אונטערשטיצען, ניט אראבברייסען. און מיר ווילט,

אַז די פֿירער פֿון צוזאַמענפֿאָהר האָבען מאַכן ניט געגלויבט אין דעם „אַראָבּ־רײַסען". דאָס איז נור געוועזען אַ מיטעל איבּערצושרעקען דעם זומפּ און מאַכען, די זאָלען קוקען מיט מורא און שרעק אויף די פֿאָרשטעהער פֿון דער דעמאָקראַטיע.

נאָך לעכערליכער איז די טענה: ווי קומען די מאַסען צו קהלישע אינטערעסען? עס איז דאָך קלאָהר, אַז די מאַסען נויטיגען זיך אין דער יודישער געמײַנדע און וועגען פֿעראינטערעסירט אין דעם, אַז זי זאָל זײַן גוט אָרגאַניזירט און ערפֿילען איהרע אויפֿגאַבען, ווי געהעריג. אַ סך מעהר, ווי די גבאים און „כלל־טוער" פֿון פֿערשײדענע מינים. זאָל דער ה׳ קאַנטאָר זײַן פֿערנימען מיט זיכען רבּהנות אין די יודישע בעלי־מלאכות, זאָל דער ה׳ דאָס גלויבען, אַז ניר צופֿעליגערווײַזע טרעפֿען זיך צווישען שוסטער אָרענטליכע און אינטעליגענטע מענשען, זאָלען זײַערע חברים זײַן זיכער, אַז אויך כלל־ענינים האָבען זיי אַ מאָנאָפּאָל, אַ אויס־שליסליכע רעכט — די יודישע מאַסע געהט פֿאַרבּײַ זיי מיט זײַערע רעד. זי איז שוין געוואָג אויסגעוואַקסען צו אינטערעסירען זיך מיט איהרע אײגענע אינ־טערעסען. און ניט מיט איהרע אינטערעסען אַלס פֿאַך־לײַט, ניט נור אַלס בירגער פֿון לאַנד, נור אויך אַלס מיטגלידער פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער געמײַנדע. די יודישע געמײַנדע איז די זאַך פֿון די יודישע מאַסען און קײנער קאָן בײַ זיי ניט צונעהמען דאָס רעכט צו אַרבּײַטען און זאָגען אַ דעה אין זײַער אײגענער זאַך.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אין די צײַטווײַליגע רעגעלען איז פֿאַראַן אײן פּונקט, וועלכער גיט דאָס רעכט די פֿאָרשטעהער פֿון קולטורעלע חברות אַ דעה צו זאָגען אין די אַנגעלעגענהײַטען פֿון דער קהלה. דאָס איז אַ היפּשע פֿערדינסט פֿונ׳ם צוזאַמענפֿאָהר. דערמיט האָט ער געגעבען די ברײטע פֿאָלקס־מאַסען אַ מעגליכקײַט צו זאָגען זײַער וואָרט אין די ענינים פֿון דער יודישער געמײַנדע.

פֿערשטעהט זיך, אַז מיט דעם פּונקט האָט דער צוזאַמענפֿאָהר געעפֿענט פֿאַר די פֿאָלקסמאַסען ניט קײן ברײטע טיר (דאָס וואָלט פֿאַר איהם געוועזען צו ראַדיקאַל) נור אַ שמאָל שפּאַלטעלע. איך בין אָבער זיכער, אַז די פֿאָלקס־מאַסען וועלען זיך אַליין טון אין דעם שפּאַלטעלע, וואָס האָט זיך איצט פֿאַר זיי געעפֿענט, וועלען עס איבערניצען און ווי ווײַט מעגליך ברײטער מאַכען.

א — ר.

# וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג *).

I

צי יענע רעוואָלוציאָנען, וועלכע מיר קענען ניט אָבהאַלטען און אָבמעסטען, אָבער וועלכע וועגען אונז דיכער געבליבען פֿון דער רעוואָלוציע, געהערט אויך דער וואוקס פֿון נאַציאָנאַלען זעלבּסטבּעוואוסטזײַן אין אונזערע פֿאָלקסמאַסען און מײַל־הײַט אין אונזער אינטעליגענץ — אַ פּראָצעס, וועלכער איז ענג פֿערבּונדען געוועזען מיט דעם אַלגעמײַנעם וואוקס פֿון אַקטיוויטעט און פּאָליטישען זעלבּסטבּעוואוסט־זײַן פֿון פֿאָלק.

ס׳פֿערשטעהט זיך, מ׳דאַרף זיך ניט נאַרען. בײַ די ברײטע מאַסען וועגען דערווײַל די נאַציאָנאַלע שטימונגען נאָך וועניג פֿערבּונדען מיט קלאָרע, בעוואוס־טע, רעאַלע בּעדערפֿניסען, בײַ דער אינטעליגענץ שפּיעלט דאָס נאַציאָנאַלע זעלבּסטבּעוואוסטזײַן נאָך צו אָפֿט אַ ראָלע נור פֿון אַ יום־טובֿדיגען בגד. ווען מיר זאָלען פֿון דער פּאָליטישער טריבּונע, פֿון די פּלאַטפֿאָרמען און צײַטונגען אַראָבּלאָזען זיך נידריגער, אין האָכערינגען, טעגליכען לעבען, ווען מיר זאָלען זעהן די אינטעליגענטען — וואָרטפֿיהרער פֿון די נאַציאָנאַלע בעוועגונגען בײַ זיי אין דער הײם, אין זײַערע פֿיער ווענד, וועלען מיר ערשט זעהן, ווי שוואַך עס איז נאָך בײַ זיי דערווײַל דער פּראָצעס פֿון נאַציאָנאַלער ערוואַכונג, ווי שטאַרק ס׳איז נאָך די געגענזײַטליכע טענדענץ — פֿון אַסימילאַציע.

און דאָך איז די ערוואַכונג אַ פֿאַקט — ווענינסטענס אין אײניגע שיכטען פֿון אונזער אינטעליגענץ. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו אַנאַליזירען יענע טיעפֿע סאָצי־אַלע אורזאַכען, וועלכע האָבען אַרויס דאָס אומקעהרען זיך פֿון אַנאַסימילירטער אינטעליגענץ צו איהר פֿאָלק; צו בעשרײַבען יענע טענדענצען, וועלכע פֿלעכטען זיך צוזאַמען אין אַנאײנענאַרטיגע, פֿערפּלאָנטערטע אידעאָלאָגיע פֿון בענקען נאָך אַנאײגענעם קולטורעלען הײם. די דאָזיגע טענדענצען האָבען געווירקט אין די לעצטע יאָהרצעהנטען און ווירקען איצט בײַ אַ גאַנצער רײַהע אונטערדריקטע נאַ־ציאָנען אין מזרח־אײראָפּאַ; די דאָזיגע טענדענצען ווירקען אויך בײַ אונז. און ווי דין עס זאָל ניט זײַן די שיכט פֿון אונזער נײַער אינטעליגענץ, וועלכע וויל און קען האַרמאָניש צוזאַמענפּאָרען איהר נאַציאָנאַלעס זעלבּסטבּעוואוסטזײַן מיט דער אַלוועלטליכער קולטור — די שיכט איז אַ פֿאַקט און די שיכט וואַקסט. און

*) די פֿראַגע וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג איז ניט בעאַרבּײַט אין אונזער ליטעראַטור און רופֿט אַרויס מײנונגס־פֿערשיעדענהײַטען. געבענדיג דעם אַרטיקעל, לײגען מיר אַן ד.ה. וואָס וועגען ניט אײנשטימיג מיט דעם אַוטאָרס מײנונג, די זאָלען זיך אַרויסזאָגען וועגען דער פֿראַגע.

די רעדאַקציע.

אַפֿילו אין דער לעצטער, אַסימילירטער אינטעליגענץ זעען מיר סימפּטאָמען, װעלכע זענען פֿריִער זעלטען געװען אָדער האָבן אינגאַנצען געפֿעהלט. עס װאַקסט אַן אינטערעס צו דער אידישער קולטור, געשיכטע, װירקליכקײט; עס גרינדען זיך אַרײַנע געזעלשאַפֿטען — די היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישע, די ליטעראַרישע, די אידיש־מוזיקאַלע. אין פּעטערבורג, אין דעם צענטער פֿון דער אידישער אַסימילאַציע, װערען מיט באַגײַסטערונג געפֿײַערט אידישע ליטעראַרישע יובילייען, געװעט דורך צום ערשטען מאָל אין לעבען פֿון דער אידישער בינע אַ יום־טוב פֿון אַ אידישער אַרטיסטין. אינ׳ם פֿאָלקסהײַזער, אין װעלכען ס׳האָט זיך פֿערװאַנדעלט דער לעצטער יובילייאום פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, באַטײליגען זיך אויך פֿער־טרעטער פֿון דער אינטעליגענץ, אַפֿילו ניט נור פֿון דער דעמאָקראַטישער...

און אַפֿילו אין דער הײם, אין די אײגענע פֿיער װענד — װאָס איז אין אײניגע קרײַזען פֿון דער אידישער אינטעליגענץ סמנים פֿון אַ נײַער שטימונג. ס׳קומט אײַם — אמת ניט אָפֿט, — אָבער דאָך איז דאָס אַ נײַעס — צו זעהן אַ אידישע אינטעליגענטע מוטער, װעלכע פֿרעגט, װי אַזױ נאַציאָנאַל צו ערציִהען אירע קינדער.. מ׳קלאָגט זיך, װאָס אויף רוסיש איז ניטאָ קײן פּאַסענדע אידיש־נאַציאָנאַלע ביכער פֿאַר קינדער; מ׳פֿיהרט קינדער אויף מאַקאַבעער־און פּורים־אָבענדען; מ׳דינגט העברעאישע לעהרער; מ׳טרײַבט ניט אַזױ אונברחמנות׳דיג פֿון שטוב אַ אידיש ליעדעל. מ׳גרינדעט אידישע קינדערגאָרטענס — אמת, אידישע נור לױט׳ן נאָמען. ס׳טרעפֿען זיך אַפֿילו אינטעליגענטע און ראַדיקאַלע אידישע עלטערן, װאָס לאָזען זײערע קינדער שבת ניט געהן אין קינדערגאָרטען...

ס׳ערשײַנט אַ שטרעבונג אויפֿצולעבען די אַלטע מנהגים, ימים טובים, דעם שבת, — ניט פֿון רעליגיעזען, נור פֿון נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט, כּדי אָנצופֿילען מיט אַ נאַציאָנאַלען געפֿיהל די קינדערשע הערצער.

מ׳רעדט אויך פֿיעל װעגען דעם, אַז מ׳דאַרף אונטערריכטען די קינדער אידישע געשיכטע, כּדי אין דער גרױסער פֿערגאַנגענהײַט פֿון אונזער פֿאָלק זאָלען די קינדער שעפּען ליעבע און באַגײַסטערונג פֿאַר איהם.

מ׳זוכט, װי אַזױ צו מאַכען, דער יונגער דור זאָל ניט זײַן אָבגעריסען פֿון פֿאָלק, װי אַזױ איהם נאַציאָנאַל ערציִהען.

## II

דער פֿונדאַמענט פֿון דער נאַציאָנאַלער ערציִהונג איז די נאַציאָנאַלע שול, די שול, װעלכע איז נאַציאָנאַל לױט דער שפּראַך, לױט דעם קולטור־מאַטעריאַל, מיט װעלכען זי אָפּערירט. די נאַציאָנאַלע שול מאַכט פֿאַר איבערלעבונגען פֿונ׳ם גאַנצען פֿאָלק כמעט אײניגע װערק פֿון אײניגע נאַציאָנאַלע קינסטלער; זי גיט איבער כמעט טײלװײַז, כמעט ניט פֿיל און ניט אָביעקטיװ — דעם יונגען דור די אַרבײַט פֿון די פֿריהערדיגע דורות פֿון זײַן נאַציאָן און פֿון דער מענשהײַט; זי איז דער טרעגער פֿון דער לעבעדיגער טראַדיציע, פֿון דער גײַסטיגער שעפֿפֿונג פֿון פֿאָלק; זי פֿיהרט צו דאָס קונה צו זײַן נאַציאָנאַלער קולטור און דורך איהר צו דער אינטערנאַציאָנאַלער. די ערגסטע שול אין אונזער אָרדנונג, איב



זי איז נור ניט פֿרעמדשפּראַכיג, טוט װעניגסטענס אײן זאַך: דעם מאַמע־לשון פֿונ׳ם קינד פֿערװאַנדעלט זי אין אַ שפּראַך, װעלכע איז דערזעלבער מאַמע־לשון, אָבער טיעפֿער, רײַכער, פֿײַנער — און דערמיט אַלײן עפֿענט זי איהם כמעט װיפֿיעל ניט איז אַ װעג צום טוך, פֿערבינדט זי איהם מיט די דורות, װאָס האָבען געלעבט פֿאַר איהם, מיט זײַן גאַנצער נאַציאָן.

אין דער נאַציאָנאַלער שול קען און דאַרף אונטערריכטעט װערען אויך די לאַנדעס־שפּראַך — למשל רוסיש, פּויליש — אָבער די שפּראַך פֿון ענטװיקלונג, די שפּראַך פֿון אונטערריכט קען זײַן און מוז זײַן נור די שפּראַך פֿון פֿאָלק, די מוטערשפּראַך. מיר אָבער האָבען ניט קײן נאַציאָנאַלע שול. די קינדער פֿון פֿאָלק, װאָס זײער מוטערשפּראַך איז אידיש, לערנען אין רוסישע שולען. װי װעניג די פֿרעמדשפּראַכיגע שולען קענען זײ געבען, װעגען דעם קען דער לעזער געפֿינען מאַטעריאַל אין ב. ב—סקי׳ס אַרטיקעל „װעגען דער אידישער פֿאָלקס־שול“ אין „נײַע צײַט“ 1 א. מיר װעלען זיך נאָך דערצו אַנאַנדערס מאָל אומקעהרען.

די קינדער פֿון דער אינטעליגענץ װערען ערציִגען אויף רוסיש; רוסיש װערט זײער מוטערשפּראַך; און פֿאַר אונזער אינטעליגענץ עקזיסטירט ניט אין גאַנצען די פֿראַגע װעגען אַ אידישער נאַציאָנאַלער שול. איהר אידעאַל געהט ניט װײַטער, װי אַ „אידישע“ גימנאַזיע, װאו אַלץ װערט אונטערריכטעט אויף רוסיש און לױ׳ן פּראָגראַם פֿון קאַזיאָנע גימנאַזיעס, װאו צו אַלע געגענשטאַנדען איז נאָך צוגעגעבען אַ ביסעל אידישע געשיכטע און העברעאיש און װאו מ׳לערנט אָנשטאָט שבת זונטאָג... און אַ קאָררעקטיװ צו דער אַסימילאַטאָרישער װירקונג פֿון דער שול װיל מען אין דער אויפֿלעבונג פֿון די ימים טובים, אין מאַקאַבעער־אָבענדען א. אַז. װ.

צי קענען אָבער אַזעלכע מיטלען פֿערבינדען די קינדער מיט׳ן פֿאָלק? לאָמיר נעהמען דעם שבת.

מיט װאָס האָט פֿאַר אונז דער שבת געהאַט אַזאַ װאונדערבאַרע פּאָעזיע? פֿאַרװאָס פֿלעגט זיך אונזער נשמה דורכ׳ן שבת צונױפֿפֿלעכטען מיט דער פֿאָלקס־לעגענדע, צונױפֿשמעלצען זיך אין אַ האַרמאָנישען אַקקאָרד מיט דער פֿאָלקס־נשמה?

די זיסעסטע, די העררליכסטע איבערלעבונגען פֿלעגען אין דער קינדערשער זעעלע זײַן פֿערבונדען מיט שבת. דאָס שײנע, שײנע געזיכט פֿון דער מאַמען (די מאַמע איז דאָך אַלע מאָל אַ שײנע), בעלויכטען מיט׳ן זעלטענעם שבת־רײַן; אירע טרעהרען בײַ ליכטבענשען; איהר נעסקײט און צערטליכקײט נאָכ׳ן ליכטבענשען; דער באַזונדערס רײַנער, אונגעװעהנליך באַפּוצטער טיש, די ברענענדיגע לײַכטער; די שטים פֿונ׳ם פֿאָטער בײַ׳ן קידוש. אויף מאָרגען — די שול, די זמירות, דער שטילער נאָכמיטאָג מיט דער מאַמעס, דער באָבעס צאינה וראינה, מיט די װאונדערליכע מעשיות; דאָס בין־השמשות מיט׳ן חיסען הימעל, מיט דער באָבעס מעשה װעגען דעם, אַז איצט עפֿענען זיך װײַטער די טויערען פֿון גיהנום און די אונגליקליכע רשעים געהען װײַטער ברענען אין גיהנום; די ציטעריגע שטים דער מאַמעס אין דער פֿינסטער, װאָס זאָגט אין דער פֿינסטער: „גאָט פֿון אברהם...“

"דער ליעבער שבת געהט אוועק.... די הבדלה, מיט'ן האבערגען שומעל און וואר, וועלכע רייסען זיך באלד ארייז און פערטרייבען די זיסע רוה...

איז א האנדער, אז קלוינער, בעל-מחשבות און אפילו א. לייטהאק האבען רחמנות אויף די קינדער פון אונזער מיטעלשטאנד און פון אונזער אינטעליגענץ, האס האבען דאס ניט און הילען דאס וויטער איינפיהרען אין לעבען?

אבער צי איז דאס מעגליך? צי וועט א היינטיגער אינטעליגענט זיך איי-טען אין טלית און געהן מיט זיין אינגעל אין שול — און דאס אינגעל וועט שפאלע נאכטראגען דעם סדור? צי וועט די אינטעליגענטע מוטער אהעקשטעלען זיך בענשען ליכט און פערשטעלען דאס געזיכט, און וויינען? צי וועט זי איהר קינד דערצעהלען מעשיות וועגען א נשמה יתרה, וועגען גיהנום מיט רשעים? צי וועט זי זאגען דעם טרויעריגען נאכטארט וועם "ליעבען שבת", וואס געהט אוועק? און אויב זיי וועלען דאס טאן, וועט דאס דען ניט זיין קיין מאטיע פער-שוועכונג, קיין געמיינע פאלשקייט, וועלכע די ריינע קינדערשע אויגען וועלען באלד דערזעהן?

און דאס זעלבע איז מיט די ימים נוראים. דער אלטער אינהאלט פון די שבתים און פון פיעל ימים טובים לעבט שוין ניט מעהר אין די אינטעליגענטע און אפילו אין ניט אינטעליגענטע פאמיליעס; איפלעבען איהם איז אונמעגליך.

און אויב אזוי, איז וואס איז די נפקא-מינא, צי דער פאטער רעדט מיט זיינע קינדער אויף רוסיש, דערצעהלט זיי רוסישע מעשיות און זינגט מיט זיי הוסישע ליעדער שבת, צי ער טוט דאס זונטאג? איז דאס דען ניט אלץ איינס? זאך — דאס בעהאוסטזיין פון אבגעזונדערטקייט — "מיר" האבען אנאנדער דוקא מאג, הי "זיי". אבער שוין זשע איז אזא הילעס בעהאוסטזיין אזוי ניט, אזוי נישטיג?.

דאס זעלבע איז מיט דער געשיכטע. דאס קינד לערנט די פערגאנגענהייט, אבער עס בינדט זיך ביי איהם גאר ניט צונויף מיט דער געגענווארט. דאס לעבעדיגע פאלק, זיינע לעבעדיגע ליידען און פריידען, זיין בענקשאפט און זיין האפנונג — דאס איז אלץ ווייט פון'ם קינד. וואס קען איהם דאן געבען די גע-שיכטע?

און די רוסישע איבערזעצונגען פון אידישע שריפטשטעלער? די "אידא-פעאיזירטע" מענדעלי מוכר ספרים, פרץ, אש? קלינגען זיי ניט פאר די קינ-דער — ווי די עטנאגראפישע ערצעהלונגען פון טאן און סעראשעווסקי וועגען די טשוקטשען און יאקוטען? ווערען די אידען און די אידענעס, וועלכע טראגען ארום אין די איבערזעצונגען און מיט וועלכע די קינדער קענען זיך אין הירקליכען לעבען ניט אויפרעדען, ניט כמעט די זעלבע טשוקטשען פאר זיי?

און אזוי פיעל נאציאנאלער אמ'כבוד, אזוי פיעל נאציאנאלע זעלבסטפער-ליקונג ליעגט אין אזעלכע רוסישע איבערזעצונגען פאר אידישע קינדער, איבערזעצונגען, וועלכע זאגען זיי, אז די שפראך פון זייער פאלק קענען זיי ניט מחויב צו קענען...

קען אפשר דאס נאציאנאלע געפיהל ענטוויקעלט ווערען דורך מאקאבע-



ער-אבענדען? מיט'ן בילדער פון שענע, שטארקע אידען, מידערבעהלט (פער-שטעהט זיך, אויף רוסיש) וועגען זייערע העלדענטאטען. די קינדער אליין שפיע-לען אין "לעבעדיגע" בילדער; מיטט זיי אן "נאציאנאלע" קאסטיומען...

אבער דאס העלפט אויך ניט. קיין זאך וועט ניט העלפען.

פארוואס?

ווייל ווען מען שטעלט זיך אונמעגליכע ציעלען, קען קיין וועג ניט ברענגען צו זיי.

דאס נאציאנאלע קען ניט פערנעהמען קיין בעזונדער ארט אין דער ערציהונג. דאס נאציאנאלע געפיהל קען ניט זיין קיין בעזונדער געגענשטאנד אין א לעהר-פראגראם.

דארף א דייטשער פאטער זוכען ספעציעלע מיטלען, ווי אזוי צו ערציהען זיין קינד דייטש? ווי קען ער עס אנדערש ערציהען?

דער אידישער אינטעליגענט אבער וויל ערציהען זיין קינד רוסיש — און וויל פון דעסטוועגען איינפלאנצען אין איהם א אידיש נאציאנאל געפיהל. און ס'פערשטעהט זיך, אז די אלע מאקאבעער-אוענדען, די רוסישע איבערזעצונגען פון אידישע שריפטשטעלער, סיראטע'ס נגונים אין גראמאפאן און מאימאנ'ס "אגוס'ם בספרד" אויף דער וואנד טיילען זיך אויס אויפ'ן אלגעמיינעם טאן פון דער רוסישער ערציהונג ווי פרעמדע, משונהדיגע פלעקען, וואס טראגען נור אריין א צושפאלטונג אין די נשמה...

און ניט נור אונגעצליך זענען זיי ביי אזעלכע בעדינגונגען. זיי זענען שעד-ליך. ניט פערבונדען מיט'ן לעבעדיגען לעבען פון פאלק, מיט זיינע רעאלע בעדערפניסען, ווייט און אבגעריסען פון זיין ווירקליכקייט, טראגען די קינדער ארויס פון דער געשיכטע, פון די העברעאישע שטונדען, פון די גאנצע נעבעלהאפטע, קרעפטלאזע רעד וועגען עפיס אן אבסטראקטען נאציאנאלען גייסט, אן אבסטראק-טעם נאציאנאלעם געפיהל — נור אונבעשטימטע שטרעבונגען און בענקשאפטען, נישט געזונדע טרוימעריען און נייגונגען צו יעדער רעאקציאנערער איטאפיע, אויב זי איז נור שען דעקארירט מיט פיסטע נאציאנאלע פראזען. און דאס אלץ פארט זיך אויסגעצייכענט צוזאמען מיט א קאלטער גלייכגילטיגקייט צום אמת'ען לעבען פון פאלק, מיט א פעראכטונג צו זיין לעבעדיגער שפראך, קול-טור, ליטעראטור.

נאציאנאל ערציהען קען נור א נאציאנאלע פאמיליע, וועלכע איז פערבינדען מיט'ן פאלק, מיט זיין קולטור, וועלכע רעדט זיין שפראך.

די נאציאנאליזירונג פון דער יודישער אינטעליגענטישער פאמיליע, פון דער יודישער אינטעליגענץ בכלל — קען זיין נור א רעזולטאט פון אביעקטיווע היסטארישע בעדינגונגען, פון אלגעמיינער סאציאלער ענטוויקלונג. נור יענער היס-טארישער פראצעס, וועלכער האט שוין געצוואונגען א טייל פון דער אינטע-ליגענץ צו דערמאהנען זיך אן יודיש, וועלכער האט געצוואונגען דעם יודישען דאקטאר, אדוואקאט, דאנטיסט אנצוהויבען רעדען יודיש מיט זיין קליענט, וועל-כער האט אהעקגעשטעלט יודישע שריפטשטעלער צום "זשארגאנישען שטענ-דער", וועלכער האט געטריבען יודישע פאליטיקער אויף די "זשארגאנישע" פא-

ליטווישע טריבונע, וועלכער האָט בעשאַפֿן אויף דער יודישער גאַס אַ פּלאַן־דערווײַלע אַגענטן — וואָס עס קאָנען כאָטש וויפֿיעל ניט איז אָנגעווענדעט ווע־רען יודישע „וואַרנאָנישע“ אינטעליגענטע קרעפֿטן — נור יענער פּראָצעס, וועל־כער איז לאַנגזאַם און קאָמפּליצירט און האַלט ערשט אין אָנהויב, וועט מיט דער צײַט צעבּרעכן די שפּראַכענוואַנד, די קולטור־וואַנד, וואָס טיילט אָב די יודישע אינטעליגענץ פֿון יודישן פֿאָלק.

און אויף וויפֿיעל דאָס בעוואוסטזײַן פֿון דעם פּראָצעס וועט דורכדרינגען אין די קעפּ פֿון די אינטעליגענטע עלטערן, וועט שוין בײַ זיי זיך האַנדלען ניט אום געבעלדאַפּטע „נאַציאָנאַלע גײַסטער“, אָבער אום גאַנץ רעאַלע, גאַנץ קאָנ־קרעטע אינטערעסן פֿון קינד; עס וועט זיך האַנדלען אום דעם, אַז אין קאַמפּף פֿאַר דער עקזיסטענץ וועט גיכער זיעגן דער, וועער ס'וועט ניט זײַן פֿרעמד אויף דער יודישער גאַס, וועער ס'וועט קענען אַרבּײַטן אויף יודיש. און דאַן וועט מען קודם כל וועלן, אַז דאָס קינד זאָל קענען איבּעררײדן זיך מיט דער יודישער גאַס, עס זאָל קענען יודיש.

צופֿיהרען זײַן קינד צום יודישן בוך, צו דער יודישער צײַטונג, צו דער יודישער קולטור בכלל וועט וועהן יעדער, וועער ס'וועט העלפֿן, זײַן קינד זאָל קענען אַרבּײַטן אויף דער יודישער גאַס; און ערשט דאַן וועט בעקומען אַנ־אמת ערציהערישן ווערט אויך די יודישע געשיכטע, די יודישע לעגענדע.

כ'פֿערשטעה זיך, אַז אין אַ געוויסן מאָס איז דאָס מעגליך אפֿילו דאַן, ווען דאָס קינד לערנט אין אַ רוסישער שול, און אַ געוויסן מאָס קען צפּים נע־מאַן הערען אויך אין דער יודיש־רוסישער פּריוואַטער שול. אָבער דער איבּער־בעשריבּענער היסטאָרישער פּראָצעס קען סוף כל סוף טרײַבּן אַ טייל פֿון דער יודישער אינטעליגענץ אינאיינעם מיטן יודישן קלײנבירגערטום צום קאַמפּף פֿאַר די יודישע שול, פּונקט אַזוי, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען בײַ די טשע־כען, סלאָוועגען, רוטהענען.

איפּפֿיהרליך אָבשטעלן זיך אויף דעם איז צוליעב מאַנגעל אין אָרט אונמעגליך.

III

ווי שטעהט די פֿראַגע מיט דער נאַציאָנאַלער ערציהונג פֿאַר דער יודישער פּראָלעטאַרישער פֿאַמיליע?

די יודישע אַרבּײַטער־פֿאַמיליע דאַרף ניט זוכען קיין מיטלען, ווי אַזוי צו פֿערבּינדען איהר קינד מיטן פֿאָלק, בײַ איהר שטעהט די פֿראַגע ניט וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג, אָבער וועגען ערציהונג בכלל. נאַציאָנאַל וועט זי שוין ממילא זײַן.

זאָל דער יודישער אַרבּײַטער נור בכלל ערציהען זײַן קינד, און אַזוי ווי אין זײַן גאַנצער בעוועגונג, פֿונם ערשטען טריט ביזן לעצטען, איז ער געווען טיעף נאַציאָנאַל, האָט ער געשאַפֿן נאַציאָנאַלע אוצרות, נאַציאָנאַלע קולטור, ניט שטעלענדיג זיך דאָס פֿאַר אַ ציעל, אַזוי וועט אויך זײַן ערציהונג זײַן נאַציאָ־



נאַל, כאָטש ער וועט זיך דאָס פֿאַר אַ ציעל ניט שטעלען. און דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל ער אַליין איז טיעף נאַציאָנאַל.

ס'איז ריכטיג, אַז אויך אין איינציגע גרופּען פֿון דער אַרבּײַטערשאַפֿט האָט זיך דער פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע הינגעצויגן.

ווער ווייס ניט, אַז די מאָראַלע קנעכטשאַפֿט פֿונם פּראָלעטאַריער איז נאָך שרעקליכער, איידער די פֿיזישע? ווער ווייס ניט, ווי מעכטיג די אַלטע וועלט, די אַלטע מאָראַל, די אַלטע עסטעטיק, די אַלטע בעגריפֿן וועגען שען, ריין, ערהאַבּען, אַנשטענדיג הערשען איבּער די נשמות פֿון פּראָלעטאַריער אפֿילו דאַן, ווען זיי הויבּען אָן ערוואַכען צום נײַען לעבּען, ווען זיי הויבּען אָן דורכ־דרונגען צו ווערען מיט האַס און פֿעראַכטונג צו דער זעלבּיגער אַלטער וועלט? ווי לאַנג ווירקט אויף זיי דער רייץ פֿון די מאָדעס, מנהגים, לעבּענסאַרט פֿון די הערשענדע קלאַסען? ווי אָפֿט הוקא דער פֿאָרגעשריטענער אַרבּײַטער, דער אינטעליגענטער, דער אַרבּײַטער פֿון קוואַליפֿיצירטער אַרבּײַט, הוקא דערפֿאַר, וואָס ער פֿערדיענט בעסער, וואָס ער איז אַן אַריסטאָקראַט אין זײַן פֿאַך, ווי אָפֿט הוקא אַזאַ פּראָלעטאַריער איז דורכגעדרונגען מיט קליינבירגערליכע אידעאַלען און שטרעבּונגען? איז אַ וואונדער, וואָס דאָרט, וואו די הערשענדע קלאַסען שמעקען זיך מיט דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און קולטור, דאָרט וואו אַני־איינער דעמאָקראַטישער אינטעליגענט האָט מורא, זײַן קינד זאָל ניט פֿער־דאַרבּען דאָס רוסישע אַקצענט, און לערנט עס דעריבּער קיין יודיש ניט, — איז אַ וואונדער, אַז איהר טרעפֿט דעמאָלבּען ערציהונגס־אידעאַל בײַ דעם אָדער יענעם אינטעליגענטען אַרבּײַטער? איז אַ וואונדער, אַז אַזאַ אַרבּײַטער האָט גרויס הנאה פֿאַר זײַן יונגעל, וואָס לערנט „קירפּיטשניקאָוו“, און שרײַבּט „סקלאָ־נעניעס“, און בעציהט זיך צו אידעם, ווי צו אַ העכערען סאָרט הייזען? איז אַ וואונ־דער, אַז ס'טרעפֿען זיך אַרבּײַטער־פֿאַמיליעס, וואָס בעשטעהען שוין פֿון צוויי וועלטען? צווישען זיך רעדען טאַטע־מאַמע יודיש, צו די קינדער רעדט מען רוסיש. ס'פֿערשטעהט זיך, אַ שלעכט רוסיש, מיט אַ עקעלהאַפֿטען אַקצענט, מיט משונהדיגע גרײַזען — בקיצור — האַלבּ יודיש פֿאַלאַדיגע רייסיש, אָבּי ניט קיין מאַמע־לשון. און ווײַל אַזאַ רוסיש איז אויך שווער, רעדט מען בכלל ווייניג צווישען זיך...

דער טאַטע פֿאַלט אַראָבּ פֿאַרן זוהן צוליעב קירפּיטשניקאָוו, און דער זוהן פֿיהלט מאַכט, אַז ער איז אַ גרויסער יחסן. אין שול לאַכט מען פֿון אידעם, מ'זידעלט אידעם פֿאַר זײַן שלעכטען אַקצענט, פֿאַר זײַנע גרײַזען. ער קומט אַהיים, פֿעראַכטעט ער זײַנע טאַטע־מאַמע פֿאַר זייער נאָך ערגערן אַקצענט און נאָך גרעסערע גרײַזען. אַ וואַנד וואַקסט צווישען עלטערן און קינדער, דאָס לעבּען, דער קאַמפּף פֿון די עלטערן איז די קינדער ווייט און פֿרעמד.

אַזעלכע ערשײַנונגען גיבּען אונזערע געגנער אַ געלעגענהייט צו זאָגען, אַז אפֿילו די אַרבּײַטער שטרעבּען אויך צו דער רוסישער קולטור, ווילען אויך ניט הערען וועגען יודישער קולטור, שול, שפּראַך; אַז די גאַנצע מעשה מיט דער אויפֿלעבּונג פֿון דער יודישער קולטור איז אַן אויסגעפֿינדונג פֿון אַ הייפֿעל יודישע פּובּליציסטען און איבּערזעצער (אַזוי אײַנגעפֿעהר דריקט זיך אויס ראָזאַ לוקסעמ־

בורג), אין אַז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז אַן אינטעליגענטישער אויפטו.

זיי שאַצן איבער די דאָזיגע ערשיינונג ניט אין אַן ערך.

דער יודישער אַרבייטער שטרעבט ניט דוקא צו דער רוסישער (אָדער פוילישער) קולטור. ער שטרעבט צו קולטור, צו אויפקלערונג בכלל. פיל מאָל איז איהם שווער צו פערשטעהן, אַז די פרעמדשפּראַכיגע שול, וואי ער האָפט, אַז זיין קינד וועט בעקומען אַ צוטריט צו קולטור, קען דאָס זיין קינד באין אופן ניט געבן. אָבער ווען ער פערשטעהט דאָס אַפילו, קען ער נור קעמפפען פאַר אַ יודישער שול אין דער צוקונפט, אָבער אין איצטיגען מאָמענט איז ער געצוואונגען צו שיקען זיין קינד אין רוסישע שול, ווייל קיין אַנדערע איז ניטאָ אויף דער יודישער גאַס.

און ווען ער גיט אָב זיין קינד אין די רוסישע שול נאָר ניט צוליב אויפקלערונג, נור ווייל דאָס איז אַ תכלית, ווייל איהם ווילט זיך מאַכען פון זיין קינד „עפּיס בעסערס", איז ער אין דעם פרט ניט קיין אויסנאַהמע. אויך אין מעריב-אייראָפּא זעהט איהר די זעלביגע ערשיינונג. אויך אויף די סאָצ. דעמ. פאַרטיי-טאָגע און קאָנפערענצען אין דייטשלאַנד קלאָגט מען זיך, אַז דער אַר-ביטער פערשטעהט ניט, דאָס די גרעסטע עהרע איז צו מאַכען זיין קינד פאַר אַ קעמפפענדען פּראָלעטאַריער; ער זאָגט, דאָס ער וויל מאַכען פון זיין קינד „עפּיס בעסערס", „נישט קיין פּשוט'ען אַרבייטער". און ווען דער רעכטלאָזער יודישער אַרבייטער קוקט איצט אויף די רוסישע שול, ווי אויף אַן אָרט, וואָס וועט אפשר עפענען זיין קינד אַ וועג צו אינטעליגענטישער „בלייבערעכטיגונג", הייסט דאָס נאָך ניט, אַז ער שטרעבט זיך צו אַסימילירען.

די אַסימילירונגס-טענדענץ אין די אונטערשטע שיכטען פון פאָלק קען בשום אופן ניט אָננעהמען אַ כאָטש וויפיעל ניט איז ברייטערען כאַראַקטער.

אַזעלכע, וואָס ווילען מאַכען זייערע קינדער פאַר „עפּיס בעסערס", איז דאָ אַ סך. אַזעלכע, וואָס קענען דאָס, איז אַזוי, אַזוי ווייניג! און וויפיעל יודישע אַרבייטער זענען בכח צו מאַכען זייערע קינדער פאַר „אינטעליגענטען"? די מאַ-סען קענען דאָס ניט, אַפילו דער אַוואַנגאַרד, די צעהנדליגער טויזענדער, קענען דאָס ניט. דאָס קענען נור צעהנדליגער, אפשר הונדערטער. די מאַסען אָבער, אויב זיי האָלטען אַפילו וועלען אַסימילירען זיך אָדער די קינדער, — קענען די דאָס ניט.

איצט פאַלען אַריין אין די שולען — קאַזיאָנע, פּריוואַטע, קהלישע — אינגאַנ-צען עטליכע פּראָצענט פון אַלע יודישע קינדער פון שולאַלטער, אָבער זאָל אין דעם אייגענבליק ווערען אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג, און די זאַך וועט ניט ווערען אַנדערש. די פאָלקס-שול, ווען זי איז אין אַ פרעמדער שפּראַך, קען נור אין ציעל דערגרייכען — אָבריסען אין אַ געוויסען גראַד די קינדער פון זייער אייגענער קולטור. ברענגען זיי צו דער פרעמדער איז זי ניט בכח.

זייערע מאַמעס און טאַטעס קענען ניט און ווילען ניט רעדען מיט זיי אַפילו קיין געבראָכענע רוסיש. אין דער היים, אויפ'ן הויף, אין גאַס רעדען זיי יודיש, אין ווערקשטאַט, אין קראָם, אומעטום. זייער סאָציאַלע אומגעבונג איז יודיש. און



וואָס קען דאָ מאַכען אַ פאָלקס-שול? דאָס ביסעל רוסיש, וואָס זיי לערנען זיך דאָרט אויס, פערגעסען זיי זעהר גיך.

„וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען, זאָגט רעננער, די שולשטונדען געגען דעם גאַנצען טאָג, די שול-יאָהרען, די קינדער-יאָהרען, געגען דאָס גאַנצע לעבען?"

און געגען אָט דעם ים, וועלכער איז אייגענטליך און טיעף נאַציאָנאַל ניט ווייל ער וויל, נור ווייל ער מוז — וואָס קענען פאַר אַ ווערטה האָבען די הונ-דערטער, וועמען סיגעלינגט צו ווערען אָבטריניגע, די צעהנדליגער, וועלכע ניט נור ס'ענטלויפען פון זייער פאָלק, פון זיין קולטורעלען קרייז, נור קומען טאַקי צו צום קולטורעלען קרייז פון פרעמדען פאָלק?

הוות אונווייסענהייט, פינסטערניס, אַנאַלפאַבעטיזם, גייסטיגע דעגענעראַ-ציע, — דאָס ברענגט אַ פרעמדע שול די פאָלקסמאַסען, אַסימילירען זיי איז זי ניט בכח. און איינמאָל ערוואַכט דורך די דעמאָקראַטיע, דורך די ענטוויקלונג פון קאַ-פּיטאַליזם צו אַקטיוויטעט, צו פּאָליטישען לעבען און דענקען, הויבען די מאַ-סען אָן צו שטרעבען צו פרייהייט פון אייגענער קולטורעלער ענטוויקלונג, הויי-בען זיי אָן צו שאַפען אַן אייגענע קולטור, אַן אייגענע אינטעליגענץ, ענטוויק-לען זיי אַ זעלטזאַמע ערציהונגס-קראַפט, וואָס צווינגט די אַסימילירטע אינטעליגענץ צו געהן „אַ היים".

אונזערע מאַסען הויבען אָן איבערצולעבען אַזאַ פּראָצעס. און אויב זייערע ברענגענדע בעדערפניסען זענען זיי נאָך ניט אינגאַנצען בעוואוסט, איז די אויפ-גאַבע פון בעוואוסטזיניגען פּראָלעטאַריאַט צו זיין דער אַוואַנגאַרד אויך אין דער דאָזיגער בעוועגונג, צו ווייזען דעם פאָלק דעם וועג צום קאַמפף פאַר די רעכטע פון דער יודישער שפּראַך, פאַר די יודישע שול.

## IV

די יודישע אַרבייטער-פאַמיליע איז פאָלקסטימליך, אונבעוואוסט נאַציאָ-נאַל. ניט אַזוי דער נאַציאָנאַלער מאָמענט פעהלט אין דער ערציהונג פון דעם יו-דישען פּראָלעטאַריער-קינד, נור עס פעהלט דאָ די ערציהונג בכלל.

און דאָ געהען מיר צו צו אַן אַנדער פראַגע, צו דער פראַגע וועגען ערציהונג אין אַ פּראָלעטאַרישער פאַמיליע.

די פראַגע איז שווער און קאָמפּליצירט, אָבגעבען איהר אַזוי פיעל אָרט, וויפיעל זי פערדיענט, איז דאָ אונמעגליך.

וואָס בעוואוסטזיניגער עס ווערט דער קעמפפענדער פּראָלעטאַריער, וואָס מעהר עס ערוואַכט אין איהם דער מענש, די מענשענווירדע און מענשענעהרע, — אַלץ פיעלזייטיגער ווערען זיינע בעדערפניסען אויך אין דעם פאַמיליענלעבען. ס'איז איהם ווייניג דאָס בעוואוסטזיין, אַז זיינע קינדער זענען זאַט, בעקליידט און בעשוכט, אַז זיי געהען אין שול. עס וואַקסט אין איהם אַ בעדערפניס פון גייסטי-גען קאָנטאַקט מיט זיינע קינדער, פון רעדען מיט זיי, ווירקען אויף זיי, זעהן ווי אַזוי זיי שפּילען און ענטוויקלען זיך.

וואָס טיפֿער עס דרינגט אַרײַן אין די נשמה פֿון פּראָלעטאַריער זײַן קלאַסענגעפֿיהל, וואָס שטאַרקער עס ווערט זײַן בעגײַסטערונג פֿאַר זײַן גרויסען אידעאַל, וואָס פֿײַעריגער עס ווערט זײַן האַס צו דער אַלטער וועלט פֿון קנעכטשאַפֿט, — אַלץ נאַטירליכער איז אין איהם דער ווונש איבערצוגעבען זײַנע קינדער זײַן ליבע און זײַן האַס, זײַן גלויבען און זײַן מוט, זײַן בעגײַסטערונג און זײַן אָפּגעריוויליגקייט.

און ווײַל די שול, די געזעלשאַפֿט, די אַרומיגע סביבה, וועלכע איז אָפֿט אַזוי פֿינסטער און אונבעוואוסטזיניג — ווירקט אויף דאָס קינד נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג, שטרעבט אײַנצופֿלאַנצען אין דאָס קינד די אַלטע בעגריפֿען וועגען אמת, שען און גוט — מוז נאָך שאַרפֿער ווערען די שטרעבונג פֿון אַ בעוואוסטזיניגען פּראָלעטאַריער צו געבען זײַן קינד אַזאַ ערציהונג, וועלכע זאָל ענטשפּרעכען זײַן אידעאַל. דאָס אינטערעס צו די ערציהונגס-פֿראַגען אין די פֿאָרגעשריטענסטע קרײַזען פֿון דער אַרבײַטערשאַפֿט אין מער -אייראָפּאַ, דאָס בעטייליגען זיך פֿון די מאַסען אין פּראָגרעסיווע שול-פֿעראײַנען, די לעבהאַפֿטע בעטראַכטונג פֿון די ערציהונגס-פֿראַגען אויף דעם פּאַרטײַטאָג אין מאַנהײַם, אויף דער פֿרויען-קאָנפֿע-רענץ אין נירנבערג — דאָס אַלץ בעווײַזט, אַז וועניגסטענס דער אַוואַנגאַרד פֿון פּראָלעטאַריאַט הויבט אָן צו פֿערשטעהן דעם גאַנצען ווערטה, וועלכען די קינ-דער-ערציהונג האָט פֿאַר זײַן זאַך.

בשעה מ'רעדט וועגען ערציהונג, אין פּראָלעטאַרישען גײַסט, מײַנט מען ניט, די קינדער זאָלען אַנשטאָט קריאת שמע זאָגען אַ שטיקעל ערפֿורטער פּראָ-גראַם און אַנשטאָט מודה אני אַ קאַפּיטעל פֿון קאָמוניסטישען מאַניפֿעסט. מ'מײַנט אויך ניט, אַז די קינדער זאָל מען געבען לייענען פּאַרטיי-ליטעראַטור פֿאַר דערוואַקסענע, דערצעהלען זיי מעשיות וועגען באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, וועגען אָטזאָוויסטען און ליקווידאַטאָרען, רעדען מיט זיי וועגען פּאָליטישע פֿראַ-גען א. אַז. וו. דאָס וואָלט געווען זעהר טרויעריג, דאָס איז נאָך ערגער, ווי ניט-ערציהען בכלל.

אָבער בשעה מ'זאָגט: „פּראָלעטאַרישע ערציהונג", געהט מען אַרויס פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער מאַרקסיזם איז ניט נור אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, נור אַ וועלטאַנשויאונג — ווי ס'זאָגט אין איהר נירענבערגער רעפֿעראַט וועגען ער-ציהונג די פֿרוי הונקער; ניט נור אַ וויסענשאַפֿט, נור אויך אַ אידעאַל. און אין אַזאַ פֿאָרם איז ער קיין מאָל ניט צו פֿריה פֿאַר אַ פּראָלעטאַריער-קינד. דאָס, וואָס דאָס קינד וועט פֿיהלען, וועט עס שפּעטער פֿערשטעהן; דאָס, וואָס בײַ איהם אַ אינסטינקט זײַן, וועט שפּעטער אַ בעוואוסטזײַן ווערען; דאָס, וואָס עס וועט גלויבען, וועט שפּעטער אין אַ וויסען זיך פֿערוואַנדלען. זאָל מען אין די קינדער וועקען געפֿיהלען, אינסטינקטען, גלויבען — דאָס בעוואוסטזײַן וועט שפּעטער קומען, אויב מ'וועט זיי אין דער זעלבער צײַט לערנען דענקען, לער-נען פֿאָרשען און זוכען.

און ווען דער יודישער בעוואוסטזיניגער אַרבײַטער וועט ניט אַראָפּבאַ-לען פֿאַר זײַן זוהן דערפֿאַר, וואָס ער לערנט קירפּיטשניקאָוו; ווען ער וועט טיעף איבערצײַגט אין דעם, אַז ער האָט וואָס איבערצוגעבען זײַן קינד און איז



מחויב דאָס צו טאָן, וועט ער אַנדערש ווי נאַציאָנאַל ניט קענען ווירקען. געבראָ-כען רוסיש קען די יודישע פּראָלעטאַרישע מאַמע רופֿען איהר קינד מיטאָג עסען, הייסען איהם אַרײַן העמד אָנטאָן, אויסרעדען איהם פֿאַר אַ צוריסענעם בגד; אָבער דערצעהלען איהם פֿון איהר קאַמף און נויט, פֿון איהר האָפֿנונג און פֿרייד קען זי נור אויף יודיש. און לערנט זיך דאָס קינד צוצוקוקען זיך צום לעבען פֿון פּראָלעטאַריאַט, צום קאַמף זײַנעם, געוועהנט זיך דאָס קינד צו פֿיהלען די שענקייט פֿון אָט דעם קאַמף, דאַן לערנט עס זיך אין דער זעלבער צײַט צו ליבען זײַן פֿאָלק, צו ליבען זײַן שפּראַך, צו לײַדען מיט זײַנע יסורים און צו פֿרעהען זיך מיט זײַנע פֿרײַדען, דאַן ענטוויקעלט זיך אין איהם נאַטירליך און אָהן ספּעציעלע בע-מיהונגען אויך די נאַציאָנאַלע ווירדע, דער עדעלסטער נאַציאָנאַלער שטאָלץ.

און אַזוי וועט זײַן אין יעדער זאַך. מיט אַ נײַעם אינהאַלט וועט די יודישע אַרבײַטער-פֿאַמיליע אָנפֿילען דאָס לעבען פֿון קינד; דער אינהאַלט וועט אין דער יודישער אַרבײַטער-פֿאַמיליע מוזען טראָגען אַ נאַציאָנאַלע פֿאָרם.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ אינהאַלט, זעהען מיר בײַ די מערב-אייראָפּעאישע אַרבײַטער.

די מערב-אייראָפּעאישע אַרבײַטער זאָגען, אַז שוין אין צאַרטעסטען עלטער קען מען אין'ם קינד ענטוויקלען די מעלות, וואָס וועלען נויטיג דעם אַר-בײַטער אין זײַן לעבען; מ'קען איהם דערצעהלען וועגען די גרויסע טאַטען פֿון סאָלידאַריטעט און אָפּגעריוויליגקייט פֿון פּראָלעטאַריאַט — בשעת שטרײַקען, לאָ-קאַוטען א. אַז. וו.; די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט שלעפּט סײַ ווי אַרײַן אין קאַמף ניט נור דעם אַרבײַטער אַליין, נור אויך זײַן ווײַב און קינד. די קינדער פֿון שוועדישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבען בשעת דעם שטרײַק אַפֿילו קיין ברויט ניט בעקומען צו עסען, האָבען זיך אַזוי געלערנט צו אָפּפֿערן זיך זעלבסט פֿאַר די אינטערעסען פֿון זייער קלאַס. די קינדער פֿון די בריסעלער און פּאַריזער אַרבײַטער-פֿאַמיליעס, וועלכע האָבען בשעת דעם וועבער-לאָקאַוט אין בעלגיען און דעם גרויסען שוסטער-שטרײַק אין פּאַריז צוגענומען צו זיך די קינדער פֿון די קעמפֿפֿענדע חברים, האָבען זיך אַזוי געלערענט צו טיילען דעם לעצטען בי-סען, דאָס לעצטע העמדעל, דאָס אייגענע געלעגער מיט קלאַסענברידער; דאָס וועלכע האָבען איבערגעלעבט די דײַטשע אַרבײַטער-קינדער, ווען דאָס גאַנצע אַרבײַטער-דײַטשלאַנד האָט געשיקט מתנות, שפּיעלצײַג און גוטע זאַכען צו ווײַהנאַכטען די קינדער פֿון די שטרײַקענדע וועבער אין קרימיטשאַו. און די הונ-דערטער טויזענדער קראָנען, וואָס דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַריאַט האָט געשיקט קיין שוועדען — ווער קען צוצעהלען, וואָס זיי בעדײַטען, וויפֿיעל ביסענס ברויט און לעפֿעל מילך אַרויסגענומענע פֿון מויל בײַם אייגענעם קינד, ווי פֿיעל בעשיידענע פֿערגניגענס און נויטיגע זאַכען, אין וועלכע מ'האָט אָבגעזאָגט דעם אייגענעם קינד, כדי צו העלפֿען די ברידער אין שוועדען?

דאָס קינד קעמפֿפֿט מיט זײַנע עלטערן, אַפֿילו ניט וויסענדיג וועגען דעם; און ניט זעלטען קומט איהם אויס צו הערען אין היים, אין גאַס, אין שול פֿײַנד-ליכע, פֿעראַכטליכע רייד וועגען קאַמף פֿון זײַנע עלטערן. דעם אַרבײַטער בלײַבט נור געבען זײַן קינד צו פֿערשטעהן, פֿאַרוואָס מ'לײַדט, פֿאַרוואָס מ'קעמפֿט איצט

װעניגער גרױס און מיקען איצט ניט קױפֿן דעם קינד קײן נײַע שיכלעך; און שפּעטער איך דערצײלן דעם קינד װעגן דעזולטאַט פֿונעם שטרײַק. ער דאַרף זיך דערבײַ פֿאַרשטײן זיך, גאָר ניט אַרײַנלאָזן אין פּאָליטיק אָדער חשבונות; ער קען דאָס דערצײלן דעם קינד אין אַזאַ פֿאָרם, עס זאָל שױן פֿאַרשטײן: און אַזױ קען ער איהם דערצײלן װעניגסטענס װעגן אײניגע נצחונות און מפּלות פֿון גאַנצן אַרבײַטער-קלאַס.

און ניט נור אין צײַט פֿון שטרײַק. דער בײַטראַג, װאָס דער פֿאָטער צאָהלט אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿערײַן, אין פּאַרטײ, פֿאַר דער פּאַרטײ-צײַטונג — איז ניט זײַן פּריװאַטער בײַטראַג; דאָס איז אַ בײַטראַג, װעלכער פֿאַרנעהמט אַ גאַנץ ביזונדערע פֿון דער פֿאַמיליע, װעלכער איז אַ „מיד" פֿאַר דער פֿאַמיליע; און דאָס קינד פֿון די מיטשן, עסטרײַכישן א. אַז. ה. אַרבײַטער לערנט זיך פֿון קינדהײט אָן אַזױ ציטיקען דערױף.

די אַלטע ימים-טובים, די רעליגיעזע — פֿאַלן. דאָס פּראָלעטאַריאַט האָט אָבער אַנדערע ימים-טובים, — אינטערנאַציאָנאַלע. און מער - אײראָפּאַ װעהט מען, די קינדער זאָלן זיך אין זײ בעטײליגען; מינעהמט קינדער אין די ערשטע מאַי-פּראָצעסיעס, מימאַכט פֿאַר זײ פֿערװײַלונגען אין די טעג; מיפֿײַערט די זיגע ימים-טובים אױך אין דערהײם, מידרײַנגט דאָס הױז, מישוט אָן ים-טובי דיג דאָס קינד; מיזעהט, די קינדער זאָלן זיך אַזױ ריכטען אױף זײ, אַזױ פֿרעהען מיט זײ, װי אַמאָל מיט די רעליגיעזע ימים-טובים. אַחוץ דעם ערשטען מאַי זענען פֿאַראַן נאָך אַזעלכע טעג — אינטערנאַציאָנאַלע, װאָס װערען געפֿײַערט פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער, און נאָך אַנדערע, — ימים-טובים פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט פֿון דעם אָדער יענעם לאַנד. איך װעל זײ דאָ ניט איבערצעהלען; דער לעזער װעט זיך שױן דערמאָהנען װעגען זײ.

כ׳זענען פֿאַראַן יאָהרצײַטען, װען מיקען פֿיהרען דאָס קינד אױפֿן בית-עולם — װען מיקען איהם דערצעהלען װעגן די, װאָס לעבען שױן ניט מעהר, װאָס האָבען געקעמפֿט און זענען געפֿאַלען. כמעט יעדע שטאָדט האָט בײַ אונז אַזעלכע יאָהרצײַטען...

און אַלע מאָל, װען דער יודישער פֿאָטער, די יודישע מוטער װעלען ערקלערען זײער קינד די בעדײַטונג פֿון דעם אָדער יענעם טאָג, װעט דאָס מוזען בעפֿאַרבט װערען מיטן פֿאַרב פֿון זײער נאַציאָנאַלער פּסיכיק, פֿון זײער אײגענעם קאַמפּף, פֿון זײערע אײגענע איבערלעבונגען — און דאָס װעט אַלע מאָל זײַן נאַציאָנאַל.

אונזער אידעאַל איז ניט אונפֿאַרשטענדליך פֿאַר קינדער: ער איז אײנפֿאַך. דער צו דער איבערגעגעבען די געשליכע נבואות פֿון ישעיה װעגן דער צײַט, װען קינדיש-אײנפֿאַך. און די אַרבײַטער-קינדער פֿון יענעם פֿאָלק, װעלכער האָט פֿון שװערדען װעלען איבערגעשמידט װערען אױף שניטער-מעסערס און דער לײב װעט רוהען נעבען דעם לעמעלע, — די אַרבײַטער-קינדער פֿון דעם דאָזיגען פֿאָלק קענען פֿאַרשטעהן אונזער אידעאַל...

די פֿאָלקס-שול קען אַזאַ ערציהונג דעם קינד בשום אופֿן ניט געבען: די פֿאָלקס-שול איז אַ װערקצײַג אין די הענד פֿון די הערשענדע קלאַסען — און דער



גאַנצער גײַסט, די גאַנצע ריכטונג איהרע זענען אַנדערע. דער פּראָלעטאַרישער פֿאָטער, דאָס פּראָלעטאַריאַט בכלל װעהט צו פּאַראַליזירען די דאָזיגע װירקונג פֿון דער שול מיט אײגענע קרעפֿטען, קאָמפּענסירן אין דער װעלכער צײַט פֿאַר די אױסבעסערונג פֿון דער שול.

דאָ איז ניטאָ קײן אָרט אָבצושטעלען זיך אױף דער װירקונג פֿון דער פֿאָלקס-שול; דערצו איז נױטיג אַ בעזונדערער אַרטיקעל. איך װעל דאָ נור אײן בײַשפּיל געבען. די פֿאָלקס-שול, װען מ׳אינטערדריקט אין איהר געשיכטע, שטעלט זי אַלע מאָל פֿאַר װי אַ געשיכטע פֿון העלדען, פֿון הערשער, פֿון קריגס-פֿיהרער. דאָס פֿאָלק, די מאַסע — פֿאַרשװינדעט אין דער „קאַזיאָנער" אָפֿיציעלער געשיכטע. דאָס איז אין בעסטען פֿאַל. אין ערגסטען װערט זי יאָ געשילדערט — װי אַ װילדע טשערעדע, װעלכע די הערשער, די העכערע קלאַסען האַלטען אין צום...

דער אַרבײַטער װיל אָבער, אַז זײַן קינד זאָל װיסען די אמת׳ע, ניט געפֿעלשטע געשיכטע. עס זאָל װיסען װעגען דעם קאַמפֿ פֿאַר אמת און פֿרײַהײַט, װעלכען די אונטערדריקטע האָבען געפֿיהרט אין דער מענשליכער געשיכטע; עס זאָל פֿאַרשטעהן די מאַכט, די גרױסקײַט, די שײנקײַט פֿון קאָלעקטיװער שאַפֿונג, פֿון מאַסען-בעװעגונגען.

און אַזאַ װידערשפּרוך צװישען דעם גײַסט פֿון דער שול און דעם גײַסט פֿון פּראָלעטאַרישער ערציהונג בעגעגענט איהר כמעט אין אַלין.

ס׳פֿאַרשטעהט זיך, אַז דער פּראָלעטאַריער איז געצװאונגען צו שיקען זײַן קינד אין די בירגערליכע שול, אַז ער איז איצט ניט בכוח צו בעשאַפֿען אַ סאָציאַליסטישע פֿאָלקס-שול. און דעריבער בעקומט בײַם פּראָלעטאַריאַט אַזאַ גרױסע בעדײַטונג די ערציהונג אױסער דער שול.

אָבער נאָך גרעסער װערט די בעדײַטונג פֿון דער ערציהונג אױסער דער שול בײַם יודישען אַרבײַטער, װײַל די שול, אין װעלכער זײַן קינד לערנט, איז ניט נור אַ בירגערליכע, נאָר זי איז נאָך אַ פֿרעמד-שפּראַכיגע.

דער אַרבײַטער װיל, זײַן קינד זאָל האָבען אַ געפֿיהל צו ליטעראַטור, צו קונסט, צו דער נאַטור, זײַן קינד זאָל האָבען װאָס העכערע קולטורעלע בעדערפֿניסען און שטרעבונגען. אַזאַ װונש איז נאַטירליך בכלל; אָבער ער איז נאָך נאַטירליכער בײַם בעװאוסטזיניגען פּראָלעטאַריאַט, װעלכער װײס, אַז װאָס קולטורעלער דער אַרבײַטער איז, אַלץ מיט מעהר קראַפֿט װעט ער קעמפֿען פֿאַר זײַן מענשליכע װירדע, פֿאַר אַ בעסערע צוקונפֿט.

דאָס יודישע קינד לערנט אין אַ רוסישער שול. די פּאָעזיע, די קונסט, די נאַטור-בעשרײַבונג װערט איהם אינטערגעטראָגען אין אַ פֿרעמדער, אונפֿאַרשטענדליכער פֿאָרם, לאָזט איהם קאַלט און גלײַכגילטיג. העלפֿען דאָ איז זעהר שװער. נור אין אַ נאַציאָנאַלער שול װעט דאָס זײַן אַנדערש. אָבער ביז װאַנען מ׳װעט אױס-בױען די נאַציאָנאַלע שול, קען מען דאָך עפּיס טון: ערשטענס, זעהן, אַז כאָטש אין דער פֿרעמד-שפּראַכיגער שול זאָל כאָטש אַ געװיסע צײַט (װאָס מעהר, אַלץ בעסער), אָבגעגעבען װערען דער יודישער שפּראַך און ליטעראַטור, זאָלען כאָטש אײניגע געגענשטאַנדען אונטערריכטעט װערען אין דער

ייִדישער שפּראַך. צווייטנס, וועט ער בעקאַנט צו מאַכן די קינדער מיט זייער שפּראַך אין ליטעראַטור אויסער דער שול. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָרט וועלן נייטיק געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן; אָבער אַפֿילו בײַ זיך אין דער היים קען דאָ דער אַרבעטער עפּעס טאָן, געוויינען דאָס קינד צו אַ ייִדיש ביכל, צו אַ ייִדיש גערידנס. פֿאַר עלטערע קינדער — פֿון 10—15 יאָהר — גיט שוין אַפֿילו אונזער ניט רייכע ליטעראַטור ניט קיין קליינעם לעזע-מאַטעריאַל — סײַ שענע ליטעראַטור, סײַ פּאָפּולער-וויסנשאַפֿטלעכע. גאַנצער מענדעלי מוכר ספֿרים, פּרץ, ווײַטער פֿיל זאַכן פֿון פּרץ, רייזענס, אַשס, איינציקע זאַכן שלום-עליכמ׳ס און אַנדערע קענען אין דאָרפֿן געלייענט ווערן פֿון עלטערע קינדער. איינצעלנע שטיקלעך און איינציקע גאַנצע זאַכן — אויך פֿון קלענערע.

אין אַ פֿרייען טאָג זאָל דער אַרבעטער פֿירן זײַן קינד אין פֿעלד, אין וואַלד אינטער שטאָט, הייסן איהם צוהערן זיך צום גערויש פֿון וואַלד, צום מורמלען פֿון טײַך, צום פֿויגלס ליד; זאָל ער עפֿענען דעם קינד די אויגן, עס זאָל זעהן, ווי אינגעדליך רײַך, פֿאַרשיידנאַרטיק עס וועגן די פֿאָרמען פֿון לעבן אַרום איהם, ווי יעדעס בלעטעל, יעדעס גרעזל האָט זײַן צורה, זײַן לעבן; זאָל ער רעדן מיט׳ן קינד וועגן דעם; זאָל ער מאַכן דאָרט נאָר איבערלייענען דעם קינד מענדעלי׳ס, אַשס אַ נאַטור-בעשרײַבונג, איינהאָרנס אַ געדיכט וועגן וואַלד, וועגן פֿעלד — און די נאַטור, און די פּאָעזיע וועלן זיך צוזאַמענשמעלצן אין דער קינדערשער זעלע אין איין האַרמאָנישן אַקאָרד, אין נאַציאָנאַל; וועט זײַן פֿאַרשטעהן די נאַטור און די פּאָעזיע שוין ממילא זײַן.

———

מיר מיינען ניט, אַז מיט די בעמערקונגען האָבן מיר ערשעפּט די פֿראַגע וועגן ייִדישער פּראָלעטאַרישער ערציהונג. מיר האָפֿן נור, אַז פֿון אַלעם דעם, וואָס דאָ איז געזאָגט, איז קלאָר איין זאַך:

ואָלען ייִדישע פּראָלעטאַריער וועלן בעוואוסטזיניג ערציהען זייערע קינדער; ואָלען זיי ניט ברעכן זיך צוליעב "קרעפּיטשניקאַרן"; ואָלען זיי בלײַבן דאָס, וואָס זיי זענען, ואָלען זיי וועלן איבערגעבן זייערע קינדער דאָס בעסטע און דאָס הייליגסטע, וואָס זיי טראָגן אין זייער נשמה. ואָלען זיי אויפֿמערקזאַם מאַכן זייערע קינדער אויף די סאָציאַלע סביבה, אין וועלכער זיי לעבן, ואָלען זיי וועקן אינ׳ם קינד אַן אינטערעס און ליעבע צו זייער קלאַס. אין דאָס וועט נאַטירליך קודם כל זײַן אַן אויפֿמערקזאַמקייט, וועלכע איז געוועהנערט אויף די ייִדישע סביבה, אַן אינטערעס צום ייִדישן אַרבעטער-קלאַס — אַן ערציהונג, וואָס איז ממילא נאַציאָנאַל אין וואָס קען ניט זײַן אַנדערש.

די ייִדישע געשיכטע דאַרף דאָס קינד אַוודאי לערנען, כּדי צו פֿאַרשטעהן זײַן איצטיגע לאַגע; עס זענען פֿאַראַן ייִדישע ריין-נאַציאָנאַלע ימים-טובֿים, וועלכע מקען אין אַ געוויסן מאָס אָנפֿילן מיט אַן אמת פּראָלעטאַרישן אינהאַלט, למשל



חנוכּה. אָבער ווען האָט דאָס אַ ערציהערישע אין נאַציאָנאַלע בעדייטונג? ווען עס שטעהט ניט אין ווידערשפּרוך צום טעגליכן לעבן, ווען דאָס זענען ניט ערגעץ עלענדע לאַטעס אויף אַן אַלגעמיין ניט-ייִדישן לעבן, וועלכע ס׳פֿיהרט די פֿאַמיליע. ניט ימים-טובֿים און פֿעסטען, ניט געשיכטע און ניט לעגענדען פֿערבינדען דאָס קינד מיט זײַן פֿאָלק, אָבער דאָס טעגליכע, די קליינינקייטען פֿון וואָכעדיגען לעבן; ניט די פֿערגאַנגענהייט, אָבער די געגענוואַרט, די לעגענדע וואָס ווערט געשאַפֿען היינט, די לעבעדיגע פֿריידען און ליידען פֿון היינט, די לעבעדיגע האָפֿ-נונגען אויף מאָרגען. איז דאָ פֿאַראַן אַ פֿערבאַנד, ווערט ער דורך די געשיכטע, דורך די לעגענדע, דורך דעם יום-טובֿ נאָך ענגער. פֿעהלט דאָ דער פֿערבאַנד, וועט ניט העלפֿען ניט די לעגענדע, ניט די געשיכטע, ניט דער מאַקאַבעער-אָוונד.

V

ס׳איז זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז אין דער ערציהונג פֿון זײַנע קינדער, ווי אין אַלץ, קען דער אַרבעטער אויפֿטון אונענדליך מעהר, ווען ער פֿעראייניגט זײַנע קרעפֿטען מיט די קרעפֿטען פֿון זײַנע קלאַסען-חברים.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז דאָ וועלן מיר זיך ניט אָבשטעלן אויספֿיהר-ליך אויף דער פֿראַגע פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס-שול. קלאָר איז איין זאַך. ס׳איז אַ טעות, אויב מ׳רעכענט, אַז ביז וואַנען מיר וועלן זיך דערשלאָגן נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע, איז אין דעם געביט ניטאָ וואָס צו טון. מיר וועלן שוין ניט רעדן וועגן דעם, אַז די פֿערווירקליכונג פֿון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אוי-טאָנאָמיע פֿאָדערט פֿאַר אַלעם, די ברייטע מאַסען זאָלן דורכגעדרונגען ווערן מיט אַ קלאָרן בעוואוסטזיין, אַז ייִדישע פֿאָלקס-שול איז זייערע אַ ברענענדע בעדערפֿניס; דאָס אַליין לעגט אַרויף אויף דעם בעוואוסטזיניגן פּראָלעטאַריער אַ פֿליכט פֿון לעבהאַפֿטער אַגיטאַציע פֿאַר די דאָזיגע פֿאָדערונג. אָבער אַחוץ דעם דאַרף מען שוין זעהן אויסניצן אַלץ, וואָס קען אונז דערנעהנטערן צום ציל.

די ס׳איז בעקאַנט, בעציהט זיך די אַדמיניסטראַציע אין פּוילען צו דער ייִדישער שפּראַך ניט אַזוי שטרענג, ווי אין ליטא און דרום-רוסלאַנד. פֿאַריגען הערבסט האָבן אַפֿילו די צייטונגען געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער וואַרשעווער ייִדישער גמינע האָט מען פֿאָרגעשלאָגן אײַנפֿיהרן אַלס אונטערריכטס-שפּראַך אין איהרע שולען רוסיש אָדער ייִדיש, אָבער ניט פּויליש. אין פּוילען (אויך אין קאָוונער גובערניע) — ווירקט ניט דאָס געזעץ, וועלכעס ערלויבט ניט צו בענוצן אַן אַנדער שפּראַך אַ חוץ רוסיש אויף פֿערזאַמלונגען. דאָרט איז גרינגער צו אָרגאַניזירן ייִדישע אָבענד-קורסען, פֿאָרלעזונגען א. אַז. וו. דאָס דאַרף מען אויסניצן. מ׳דאַרף אויסניצן די ווירקונג פֿון פּראָלעטאַריאַט, פֿון די ברייטע פֿאָלקס-מאַסען, און פֿאָדערן אין דער קהלה, בײַ די געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען, עס זאָל וואָס מעהר אונטערריכטעט ווערן ייִדיש אין די תּלמוד-תּורות, געזעלשאַפֿטליכע און ייִדישע פּריוואַטע שולען. דאָ דאַרף מען זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָבשטעלן, מ׳דאַרף יעדע קליינינקייט אויס-נוצן, מ׳דאַרף פֿאַר יעדע איבעריגע שעה אין וואָך פֿיהרן אַ מלחמה; און אין דער מלחמה וועט דאָס פּראָלעטאַריאַט האָבן די שטיצע אויך פֿון אַ טייל — אמת, ניט

קײן גרױסן — אױפֿגעקלערטע און בעװאוסטזיניגע יודישע לעהרער, װעלכע פֿיהלען שױן, אַז זײער טעטיגקײט אין דער פֿרעמד־שפּראַכיגער שול איז פֿערלאָרענע מיה...

די ערפֿאַהרונג האָט בעװיזען, אַז אַפֿילו אין דער ליטא איז אױך מעגליך װאָס צו טון אין דער זאַך. אין אײניגע שולען װערט יודיש אונטערריכט אָנשטאָט דאָס אָפֿיציעלע „שענשרײבען", אין אַנדערע — אָנשטאָט „זאַקאָן באָזשי"; אין ס׳עקזיסטירען אַפֿילו אָבענד־שולען, װאו דער גאַנצער אונטערריכט קומט אין יודיש. מ׳געפֿינט זיך שױן אַן עצה...

אָבער אַחוץ דעם װעגען פֿאַראַן נאָך אַנדערע פֿאָרמען פֿון טעטיגקײט אױף דעם געביעט. אין אײניגע שטעדט װעגען ענטשטאַנען געזעלשאַפֿטען פֿאַר קינדער־שוץ, װעלכע האָבען גאַנץ גרױסע רעכטען. בעװאוסטזיניגע אַרבײטער אינאײנעם מיט זײער אינטעליגענץ דאַרפֿען גרינדען אַזעלכע יודישע געזעלשאַפֿטען. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבען רעכט צו מאַכען כאַלעהנגען פֿאַר עלטערן און קינדער; זײ קענען גרינדען יודישע קינדער־גאָרטענס, קינדער־ביבליאָטעקען, אָבענד־קורסען פֿון יודישער שפּראַך און ליטעראַטור; זײ קענען אָרגאַניזירען שפּיעלען פֿאַר קינדער, פֿערהאַנדלונגען, עקסקורסיעס אונטער שטאָט, אױף פֿאַבריקען און װאַהרען; זײ קענען נעהמען אױף זיך די איניציאַטיװע אױך צו חוֹדשען אײנריכטונגען. עס זאָלען אײנגעפֿיהרט װערען יודישע געגענשטאַנדען אין די געזעלשאַפֿטליכע שולען. אױף די אָהענדען, אין די ביבליאָטעקען, קינדערשע קלובען א. אַ. װ. װעלען זיך די קינדער פֿון דער אינטעליגענץ בעגעגענען מיט די קינדער פֿון די אַרבײטער; דאָרט װעלען נאָר קענען רעדען קײן יודיש, און װעלען זיך לערנען ליעבען זײער נאַציאָנאַלע שפּראַך און קולטור. דאָ, דאַכטער, װעלען די אַרבײטער־עלטערן קענען װיפֿיעל נישט זיך שעמען, װען זײ װעלען אין בעקאַנט װערען מיט די פֿאָדערונגען פֿון פּעדאַגאָגיק.

װען כאָטש אַ קלײנעם טײל פֿון דעם, װאָס דאָ איז איבערגערעכענט, װאָלט דורכגעפֿיהרט װערען אין לעבען אין דער אָדער יענער שטאָט, װאָלט אַ גרױס שטיק אַרבײט, אַרבײט אױף׳ן באָדען פֿון די ברענענדע בעדערפֿניסען פֿון די קינד. פֿון דעם בעװאוסטזיניגען פּראָלעטאַריאַט װאָלט אַ חוץ אידר דירעקטען װערטה פֿערשטאַרקט די װירקונג פֿון דעם אַרבײטער־קלאַס.

אין אַנדערס װי נאַציאָנאַל װעט אונזער אַרבײט נישט קענען זײן.

שמעוני.

# אָטטאָ באַוער װעגען די יודען.

I

אין זײן גרױסען, אין פֿיעל הינזיכטען װיכ־טיגען בוך „די נאַציאָנאַלע פֿראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", גיט אָטטאָ באַוער אַ בעזונדער קאַפּיטעל די יודען און זײער צוקונפֿט. דאָס קאַפּי־טעל האָט נישט קײן שײכות צו דעם טעאָרעטישען טײל פֿון באַוער׳ס בוך — װעגען נאַציאָן בכלל; ער איז פֿערבינדען מיט יענעם טײל, װאו באַוער רעדט װעגען נאַציאָנאַלער פּראַקטיק, װעגען דער נאַ־ציאָנאַלער פּאָליטיק, װעלכע עס מוז פֿיהרען דאָס פּראָלעטאַריאַט. נאָך דעם װי באַוער דערװײזט מיט גרױס איבערצײגונגסקראַפֿט, אַז אין אַ נאַציאָנאַלי־טעטענשטאַאַט מוז דאָס פּראָלעטאַריאַט פֿאָדערן נאַציאָנאַלע אױטאָנאָמיע פֿאַר יעדערער פֿון די נאַציאָנען, װאָס בעװאױנען דאָס לאַנד, װיל ער בעװײזען, אַז זײן „טעאָריע" װעגען נאַציאָן און נאַציאָנאַלער אױטאָנאָמיע זאָל נישט דינען אַלס כלי־זין אין די הענד פֿון דער יודישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, װאָס פֿאָדערט אױך נאַציאָנאַלע אױ־טאָנאָמיע פֿאַר יודען.

אין די אױפֿגאַבע פֿון זײן דערמאָהנטען קאַ־פּיטעל איז צו דערװײזען, אַז דער קאַפּיטאַליזם, װעלכער איז אַ מין מחיה־מתים־קראַפֿט פֿאַר פֿיעלע היסטאָריש־פֿערװעלקטע נאַציאָנען, גראָבט אונטער דעם קיום פֿון די יודען אַלס בעזונדערע נאַ־ציאָן. דער קאַפּיטאַליזם צװינגט זײ אַסימילירען זיך מיט די אַרומיגע פֿעלקער, — ובכן װאָלט אַ נאַ־ציאָנאַלע אױטאָנאָמיע פֿאַר יודען — נור שטײנער געלעגט אױפֿ׳ן היסטאָרישען װעג פֿון דעם יו־דישען פּראָלעטאַריאַט.

זאָלען מיר דאָ בעטראַכטען, אױף װיפֿיעל עס האָט אַ ממשות דער אמת מות, װאָס באַוער װאַרפֿט אױף אונז; און אױף װיפֿיעל עס איז איהם געלונגען צו דערװײזען, אַז אַ יודישע נאַצי־אָנאַלע אױטאָנאָמיע איז איבריג און אױך שעדליך פֿאַר די אינטערעסען פֿון דער יודישען פּראָ־לעטאַריאַט.

II

אין מיטעלאַלטער, זאָגט באַוער, װעגען יודען אָהן אַ כֹהן אַ נאַציאָן געװען. די װירטשאַפֿט איז דאַמאָלסט איבעראַל געװען אַ נאַטורעלע, דער פּױער און דער גוטסבעזיצער, די צװײ טײלען פֿון דער דאַמאָלסדיגער געזעלשאַפֿט, האָבען קײנע שײכות נישט געהאַט צו קױפֿען און פֿערקױפֿען. דאָס אײנקומס פֿון פּריץ איז געװען — די קראַפֿט פֿון פּױער, און דאָס אײנקומס פֿון די פּױערן — די פֿער־שײדענע פּראָדוקטען צום אײגענעם פֿערבראױך. דער יוד אָבער איז דאַן נישט שײך נישט צום פּױערס פֿעלד און נישט צום פּריצים הױף, — און ער קומט נור אױף, װען עס טאַלט זיך דעם פּױער צו פֿערקױפֿען, טראָגט איהם אַרײן אין שטוב סחורה, אױב דער פּױער דאַרף קױפֿען, לײנט אױך פֿאַר פּאַר גרױסע פּראָצענטען אַ הלואה, בשעת דער פּױער פֿיהלט אין דעם אַ נױט. און פּונקט װי עס װעגען פֿערשײדען די צװײ װירטשאַפֿטליכע װעל־טען, די צװײ װירטשאַפֿטליכע טיפּען, פֿון װעל־כע די יודען און נישט־יודען װעגען פֿאָרשטעהער, אַזױ װעגען אױך פֿערשײדען די אידעאָלאָגען פֿון די יודען און נישט־יודען. די יודען האָבען אַנאַיי־גענע קולטור, די קולטור פֿון געלד־װירטשאַפֿט. „די פֿערשײדענהײט צװישען דער געלדװירטשאַפֿט־ליכער קולטור און צװישען דער קולטור פֿון נאַ־טורעלער װירטשאַפֿט איז געװען פֿיעל שטאַרקער אײדער די בעהערשונגס־פּונקטען, אין װעלכע עס װעגען געקומען די יודען מיט די פּױערן בײ זײער קױפֿען, פֿערקױפֿען און מאַכען הלואות" (זײטע 383)*). די יודען פֿיהרען לחלוטין אַ בעזונדער לעבען, „אױסגעשלאָסען פֿון דעם אַרומיגען עקאָ־נאָמישען, כאַצאַלען און פּאָליטישען לעבען". אױף אַזאַ אופֿן װעגען די יודען אַ נאַציאָן געבליבען, לע־בענדיג צװישען פֿרעמדע פֿעלקער. נאָר מיט דער ענטװיקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם בײט זיך אום די לאַ־גע פֿון די יודען אינגאַנצען. די געלד־װירטשאַפֿט פֿערכאַפּט די גאַנצע געזעלשאַפֿט. „די קריסטען אַלײן װעגען יודען געװאָרען" — און ס׳איז שױן נישטאָ קײן אָרט פֿאַר פֿערשײדענע אידעאָלאָגיען. „די

---

*) ציטירט אױסצוגס פֿון דער רוסישער אי־בערזעצונג.

